This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-520

סאָוועטיש

5 1984

היימלאנד



סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

5 מײַ

1984

אינהאַלט

50 יאָר ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט

לעוו שאַפּיראָ. אויפֿן פּרוכטבאַרן באָדן פֿון דער לעניניי־שער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק 4

באָום אײַזמאַן, אַלעקסאַנדער טשערניאַוו־סקי, לעאָניד שקאָלניק. די גליקלעכע ערד פֿון וואַלדהיים (דאָקומענטאַלע דערציילונג) 12

ליטעראַרישער פֿאָסט פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" אויפֿן ביראָ־בידזשאַנער זאַוואָד „דאַלסעלמאַש". אַבראַם מאָר־דוכאָוויטש. קאָמבײַנבויער 41

כאַיִם ביידער. ביראָבידזשאַן, אויגוסט—סענטיאַבער 1983. (פֿון אַ לירישן טאָגבוך) 48

דאָוויד בערגעלסאָן. צוויי וועלטן 56

פֿון דער ייִדישער דיכטונג אין אויסלאַנד, געווידמעט ביראָ־בידזשאַן.

זישע ווײַנפּער. ביראָבידזשאַן; מוישע נאַדיר. אונדזער ברויט און אונדזער בלום; סאָרע פעל־יעלין. מײַן יוגנט צעבליט; אַווראָם רייזען. איך זע מײַן היים; יאָסל גאָלדבערג. ווען ער וואָלט אַ ביראָבידזשאַנער געוואָרן; סאָרע באַר־קאָן. ערד; דאָרע טייטלבוים. אַ קינדערהיים אין ביראָבידזשאַן. ביראָבידזשאַנער וויגליד 88

אַזוי לעבן מיר: מיר גיבן דאָס וואָרט די ביראָבידזשאַנער דאָקומענטאַליסטן.

אַלעקסאַנדער גינזבורג. באַשאַף זיך אַליין . 92

באָכעם מיזרעך. אַ מישפּאָכע־כראָניק 101

ראָמאַן שויכעט. אַמוריזעטער וועטעראַנען . . . 107

פּאַיִנע פּאַסמאַניק. ביראָבידזשאַנער פֿרויען . . . 118

מענטשן און זייער גורל. צאַלע צירולניק. די קינדער פֿון אַ קאָוואַל 123

סאָרע וועכטער. עס לעבט אַ יונגע מישפּאָכע . . 124

סעמיאָן לעאָנידאָוו. לייב ווײַנשטיינס צושטײַער 125

מאָרדכע אַבראַמאָוו. האָרעפּאַשניקעס פֿון שטאָלענע מאַגיסטראַלן 126

מוישע באַראַנאָווסקי. אַ שאַפֿער פֿון ערשטן קלאַס 128

וולאַדימיר וואָסטאָקאָוו. בידזשאַנער ברויט . . 129

לאָמיר זינגען נײַע לידער. מײַן אָרדענטרעגערישע געגנט. ווערטער און מוזיק פֿון מאַקס עפּשטיין. דאָס לאַנד ביראָבידזשאַן. מוזיק פֿון וו. ביטקין, ווער־טער פֿון אַ. ווערגעליס 160, 130

פֿון דער ביראָבידזשאַנער שרײַבער־פּלעיאַדע.

כאַיִם מעלאַמוד. לויטערקײַט 132

לידער פֿון רוסישע פּאָעטן, וועלכע לעבן אין ביראָביד־זשאַן.

וויקטאָר סאָלאָמאַטאָוו. פּונקט ווי אַ מײַסע; געאָרגי פּאָראָזשענקאָ. איבערוף פֿון צײַטן; וויטאַלי דאָראָכאָוו. מײַן ליבער קאַנט; וולאַ־דימיר זשוראַוולױאָוו. מיר כאָלעמט זיך; לעאָ־ניד בראַגינסקי. ליבע; אַנאַטאָלי קאָרשו־נאָוו. שטוינונג 143

לידער פֿון ייִדישע פּאָעטן, ערשטע ביראָבידזשאַנער טוישווים.

עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש. 7 מײַ 1934; בוזי אָליעווסקי. וואַלד; איציק בראָנפֿמאַן. יוגנט 146

בלעטלעך פֿון דער געשיכטע: ערשטע וויסנשאַפֿטלעכע פּובליקאַציעס וועגן דער פֿלאָרע און פֿאַונע פֿון ביראָ־בידזשאַן. ג. גרינבערג. ווילדע באַלעכאַיִם אין דער טײַגע פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט . 148

אַ. וו. מיטשורין. אומויסשעפּלעכע אויצרעס . . . 158

כאַסאַן יעניקייעוו. די אויבס־געוויקסן פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט 159

מאַטעריאַלן פֿאַר אַ לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער סאָוועטי־שער ליטעראַטור 164

פֿאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 166

כראָניק 163, 162

רעזומע (ענגליש, רוסיש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפֿאַרטרעטער פֿון הויפּט־רעדאַקטאָר),

ש. גאָרדאָן, ט. גען,

נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,

ב. מילער, כ. מעלאַמוד,

י. שוסטער (פֿאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

50 יאָר ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט



1984 **1934**

וועגן פאַרוואַנדלען דעם בירָאבידזשאַנער ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט פונעם וויטשמיזרעכדיקן קאַנט

באַשטימונג פונעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פון פססר

באַטראַכט דעם פאָרשלאָג פונעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט וועגן פאַרוואַנדלען דעם בירָאבידזשאַנער ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, באַשטימט דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט פון פססר:

די הישטאַדלעס באַפרידיקן און פאַרוואַנדלען דעם בירָא-בידזשאַנער ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אינעם באַשטאַנד פון דעם וויטשמיזרעכדיקן קאַנט.

פאָרזיצער פונעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פון פססר

מ. קאַלינין

מאָסקווע, קרעמל, 7 מײַ 1934

לעוו שאפּיראָ,
ערשטער סעקרעטאר פונעם געגנטקאָם
פון דער פארטיי פון דער ייִדישער
אווטאָנאָמער געגנט

אפן פּרוכטבארן באָדן פון דער לענינישער נאַציאָנאלער פּאָליטיק

ארומגערינגלט מיט די בערג פונעם קליינעם כינגאַן, לענגויס דעם פולוואסערדיקן אמור, צווישן זײַנע בײַטײַכן בירע און בידזשאַן, שפּרייט זיך די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט, וועלכע מערקט איצט אָפּ איר האלבהונדערטיאָריקן יובילײ.

דער שטעטך, וואָס די געגנט פארנעמט — 35 טויזנט 700 קוואדראטע קילאָמעטער, — שטײַגט איבער די טעריטאָריע פון אזעלכע אייראָפּעיִשע לענדער, ווי האָלאנד און בעלגיע צוזאמען גענומען.

פון דער סטאנציע אָבלוטשיע, איר עקסטן פּונקט אַף מײַרעוו, ביזן עקסטן מיזרעכדיקן פּונקט, דער סטאנציע פּרימאָרסקאיא, גייט דורך איבער דער געגנט אַף א מעהאלעך פון עטלעכע הונדערט קילאָמעטער די גרויסע אײַזנבאן-מאגיסטראל, וואָס שנײַדט דורך דאָס לאנד פון מאָסקווע ביז צו די ברעגן פונעם שטילן אָקעאַן.

א פּערל פונעם ווײַטן מיזרעך — אזוי האָט אמאָל אָנגערופן אונדזער געגנט דער אקאדעמיקער קאָמאראָוו. און ווירקלעך, די ערד-טיפענישן אירע שטעלן פאָר מיט זיך א שאצקאמער פון אָנצאָליקע אויצרעס. די כינגאנער צין-לאגערונג און די סאָיוזנער לאגערונג פון גראפיט-ארץ זײַנען פון די גרעסטע אין לאנד. קאָלאָסאל זײַנען די רעזערוון פון קוילן און דאָלאָמיטן. וואָס שײַעך קאלכשטיין, איז אָט דעם מין ניט אויסצושעפּן, אַף דער דאָזיקער באזע זײַנען אויסגעבויט דער קאלך-זאוואָד און דער צעמענט-זאוואָד. רײַכע לאגערונגען פון ווײַסן און ראָזן מארמאָר געפינען זיך אין ראיאָן פון ביראקאן און קולדור. מיטן היגן ראָזן מארמאָר איז באצירט די סטאנציע „בעלאָרוסקאיא״ פון דער מאָסקווער מעטראָ.

אינעם דאָרעם-טייל פון דער געגנט זײַנען באוווּסט רײַכע לאגערונגען פון קעראמישע פּעגמאטיטן, נייטיקע פאר פּאָרצעלײַ-פּראָדוצירונג.

אָט די אלע רײַכטימער זײַנען יאָרהונדערטער געלעגן אָן שום נוץ. זיי האָבן געוואַרט אַף זייער צײַט, און זי איז געקומען דאַן, ווען איבער די ענדלאָזע ראכוועסן פון רוסלאנד האָט דורכגעהילכט דער דונער פונעם גרויסן אָקטיאבער. זײַן מעכטיק ווידערקאָל האָט זיך דערטראָגן צו די ווײַטמיזרעכדיקע ראנד-געביטן. נאָכדעם אָבער, ווי אין די צענטראלע געביטן פון רוסלאנד האָט דער בירגערקריג זיך אין גרונט פארענדיקט, האָט דאָ נאָך לאנגע צוויי יאָר געדויערט דער בלוטיקער געראנגל מיט די ווײַסגווארדייער און אינטערווענטן, ביז די העלדישע פאָלקס-ארמייער האָבן אין אָקטיאבער 1922 מיט א זיג איבער די סאָנים פון דער רעוואָליוציע פארענדיקט זייער רומפולן מארש.

די קאָמוניסטישע פארטיי און די סאָוועטישע רעגירונג האָבן זיך גלײַך גענומען פאַר דער לייזונג פון וויכטיקע עקאָנאָמישע פראָבלעמען אין שטאָט און אין דאָרף. גלײַכצײַטיק איז געשטעלט געוואָרן אין טאָגסיידער, אַלס איינע פון די וויכטיקסטע, די אופגאַבע צו געבן גלײַכע רעכט און מעגלעכקײַטן די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן, וועלכע זײַנען געווען אונטערדריקט בייסן צאַריזם.

צווישן די סאַמע אונטערדריקטע און באַאוולטע מיצאַד דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט זײַנען געווען די יִדישע פאָלקסמאַסן. פאַרשפאַרטע אין די ענגע דאַלעדאַמעס פונעם אַזויגערופענעם „טכום", האָבן זיי ניט געהאַט קיין רעכט צו וווינען אין די גרויסע שטעט, צו אַרבעטן אין דער אינדוסטריע, צו פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט. אין אָט די געצוווּנגענע באַדינגונגען איז אופגעקומען יענער פאַרקריפּלטער שטייגער פונעם יִדישן שטעטל, איבער וועלכן עס האָט געלאַכט דורך טרערן שאָלעם-אַלייכעם...

האַיאָר איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 125-טער געבורטסטאָג פונעם קלאַסיקער פון דער יִדישער ליטעראַטור. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָבן מיר אַפּסנײַ געלייענט און דערמאָנט פיל זײַנע קלענערע און גרעסערע ווערק. צי קאָן מען פאַרגעסן, אַשטייגער, די דערציילונג וועגן דעם בריוו-אויסטויש פון צוויי שנײַדער. איינער פון זיי איז אַוועקגעפאָרן זוכן גליקן אין אַמעריקע, דער אַנדערער איז געבליבן אינדערהיים, גלייבנדיק, ווי שאָלעם-אַלייכעם האָט נעוויִש געזאָגט, אַז „די צוקונפט פון אונדזער פאָלק איז דאַפקע דאָ, אינעם לאַנד, ווו מיר לעבן". און אָט שרײַבט דער שנײַדער פון רוסלאַנד צום שנײַדער קיין אַמעריקע: „פון דײַן בריוו זע איך אַרויס, אַז ווען מיר האָבן דאָ די קאָנסטיטוציע, וואָס מיר מיינען, באַדאַרפן מיר שוין קיין שום אַמעריקע נישט. דעמלט האָבן מיר דאָ אַ בעסערע אַמעריקע, ווי איר דאָרט... יאַנקל! זאָלסט נאָר קיין יעסורים ניט האָבן: אַזאַ שטיק גאָלד מיר און אַזאַ מאַקע קרושעוואַנען, וואָס פאַר אַ קאָנסטיטוציע מיר ווילן, אַ מירצעשעם, דאָ האָבן!"...

די קאָנסטיטוציע, וועגן וועלכער עס האָט אין יענע ווײַטע צײַטן געטרוימט שאָלעם-אַלייכעמס שנײַדער, פאַרמאָגן מיר איצט. דאָס איז דער גרונט-געזעץ פונעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן. אַדאַנק אים, דעם דאָזיקן גרונט-געזעץ, עקזיסטירט שוין אָט אין פאַרלויף פון פופציק יאָר אין דער ברידערלעכער מישפּאָכע פון די סאָוועטישע פעלקער אונדזער צוויי מאָל אָרדענטרעגערישע יִדישע אויטאָנאָמע געגנט.

נאָך דאַן, ווען עס האָט געהאַלטן אין געשאַפן ווערן די לענינישע פארטיי, ווען די באָלשעוויקעס האָבן געזאַמלט קויכעס אַף אַראָפּצושלײַדערן דעם צאַריזם און די בורזשואַזיע, האָבן זיי שוין געהאַט אַ דײַטלעכע, לויט די פרינציפן פון וויסנשאַפטלעכן קאָמוניזם, באַגרינדעטע פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אין 1905 האָט וו. אי. לענין אין אַן ערשטמײַיק פלוגבלעטל געשריבן: „אַ ייִד און אַ קריסט, אַן אַרמענער און אַ טאָטער, אַ פּאָליאַק און אַ רוס, אַ פינלענדער און אַ שוועד, אַ לעט און אַ דײַטש, אַלע, אַלע גייען צוזאַמען אונטער איין אַלגעמיינער פאָן פון סאָציאַליזם, אַלע אַרבעטער זײַנען ברידער. אין זייער פעסטן בונד איז די איינציקע גאַראַנטיע פונעם וווילזײַן און גליק פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער און אונטערדריקטער מענטשהײַט" (פולע זאַמלונג פון ווערק, ב. 10, ז. 81).

די לענינישע אידעאַלן פון אינטערנאַציאָנאַליזם, פרײַנטשאַפט און מיטאַרבעט פון פעלקער זײַנען פאַרווירקלעכט געוואָרן בײַ אונדז אין לאַנד. פאַר די יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט האָבן אין רעזולטאַט פון קאָנסעקווענטן דורכפירן די לענינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אַלע פאַרבאַנדישע רעפובליקן און אַנדערע נאַציאָנאַל-מעלוכישע אויסבילדונגען דערגרייכט אַן אומגעזעענעם אופבלי פון דער עקאָנאָמיק און קולטור. זיי האָבן אין אַ קורצן טערמין דורכגעמאַכט אין זייער אַנטוויקלונג אַזאַ וועג, וואָס פאַר אייניקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט זיך געפּאָדערט צוליב דעם אַ צײַט-אָפּשניט פון יאָרהונדערטער. מעקויעם געוואָרן איז אויך דער דוירעסלאַנגער טרוים פון די אַרבעטנדיקע ייִדן: צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע האָבן זיי דעראָבערט אַן עמעסע היים, דעראָבערט גלײַכבאַרעכטיקונג און גליק אין דער גרויסער און איינהײַטלעכער פעלקער-מישפּאָכע פון פססר.

אַצינד, ווען די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר, האָט אַ זין אינקורצן צו דערמאָנען באַזונדערע עטאַפּן פון איר אַנטשטייונג.

אין 1924 איז באַם פרעזידיום פון דעם נאַציאָנאַליטעטן-ראַט פונעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פון פססר געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון אײַנאָרדענען אַרבעטנדיקע ייִדן אַף ערד — קאָמזעט. אין דער שפּיץ פון אָט דעם קאָמיטעט איז געשטעלט געוואָרן דער אָנגעזעענער פאַרטייִשער און מעלוכע-טוער פּיאָטער גערמאָגענאָוויטש סמידאָוויטש, וואָס מיט זײַן נאָמען איז איצט אָנגערופן איינער פון די ראַיאָנען פון דער געגנט. אין 1927 איז

אינעם ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט, אין באַסיין פון די טײַכן בירע און בידזשאַן, געשיקט געוואָרן אַ וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציע אונטער דער אָנפירונג פונעם פּראָפעסאָר ב. ל. ברוק. דרײַ גרופּעס אירע — אַ באָדן-באָטאַנישע, אַ וואַסער-מעליִאָראַטיווע און סטאַטיסטיש-עקאָנאָמישע — האָבן געהאַט די אויפגאַבע אויסצופאָרשן דעם דאָזיקן ראַיאָן און באַשטימען, צי ער איז גינסטיק פאַר איבערוואַנדערונג. די אַלגעמיינע אָנפירונג מיט דער עקספּעדיציע האָט לויט דער ביטע פונעם קאָמזעט גענומען אויף זיך דער געלערנטער, אַקאַדעמיקער ז. ר. וויליאַמס.

די אויספירן פון דער עקספּעדיציע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ביז גאָר האָפענונגספולע. „ניט געקוקט אויף די שוועריקײַטן, מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן די באַהערשונג פונעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן, — איז געזאָגט געוואָרן אינעם באַריכט, — איז ער אַמערסטן גינסטיק צוליב פאַרווירקלעכן אַ פּלאַנמעסיקע איבערוואַנדערונג. די ברייטע פּערספּעקטיוון, וועלכע עס עפענט די געאָגראַפישע לאַגע פונעם ראַיאָן באַם באַסיין פונעם גרויסן אָקעאַן, די ריזיקע גרייס פון די אַרומיקע מערק, די פאַראַנטוואָרטלעכע לאַגע פון אַ ראַיאָן אויפן ראַנד-געביט, וועלכן עס שטייט ערשט פאָר אויסצוקעמפן אין זין פון דורכפירן דאָ די יעסוידעס פון דער סאָוועטישער בויונג, — דאָס אַלץ איז אין פולער האַרמאָנישער אַנטשפּרעכונג מיט די באַדינגונגען פון דער נאַטור-אומגעבונג".

דערלערנט די מאַטעריאַלן פון דער עקספּעדיציע, האָט דער קאָמזעט אָנגענומען אַ באַשלוס: בעטן דעם פּרעזידיום פון ציק פון פססר, מע זאָל פאַרפעסטיקן דעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן פאַרן קאָמזעט און אָנהייבן דאָרט אַן אַרבעט אויף אײַנאָרדענען האָרעפּאַשנע ייִדן אויף ערד. אַן אַנאַלאָגישן באַשלוס האָט אויך אָנגענומען דער פּרעזידיום פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע אָזעט. אויף צאָלרײַכע פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטנדיקע, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין פיל שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד, איז דער דאָזיקער אויסוואַל באַוויליקט געוואָרן, און דעם 28 מאַרט 1928 האָט דער פּרעזידיום פון ציק פון פססר אָנגענומען אַ באַשטימונג „וועגן פאַרפעסטיקן פאַרן קאָמזעט צוליב די נויטן פון אַ דורכויסיקן באַזעצן מיט אַרבעטנדיקע ייִדן, די פרײַע ערד-מאַסיוון אין דער בײַאַמורער זאָנע פונעם ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט". אין דעם דאָזיקן דאָקומענט ווערט פאָרויסגעזען, אַז „בײַ גינסטיקע רעזולטאַטן פון אַ דורכויסיקן באַזעצן דעם אָנגעוויזענעם ראַיאָן מיט אַרבעטנדיקע ייִדן, האָבן אין זינען אַ מעגלעכקײַט צו אָרגאַניזירן אויף דער טעריטאָריע פון דעם דאָזיקן ראַיאָן אַ נאַציאָנאַלע אַדמיניסטראַטיוו-טעריטאָריִעלע איינס".

און אָט זײַנען אויף דער ערד, וועלכע האָט אין די יאָרן פונעם בירגערקריג אײַנגעזאַפּט אין זיך דאָס בלוט פון די קעמפער פאַרן פאָלקס-גליק, אויף דער ערד פון דער לעגענדאַרער וואָלאָטשײַעווקע, פאַרלייגט געוואָרן די יעסוידעס פון דער ייִנגסטער אין אונדזער פילנאַציאָנאַלן היימלאַנד געגנט — פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער.

אין מײַ 1928 איז אין ביראָבידזשאַנער ראַיאָן געקומען די ערשטע גרופּע איבערוואַנדערער. מע איז געפאָרן פון אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד, פון די צענטראַלע געגנטן פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע. זיי זײַנען געפאָרן אַהער בויען שטעט, זאַוואָדן און פאַבריקן, שאַפן קאָלווירטן און סאָווירטן, געפאָרן אין אָט דעם רײַכן און שעפעדיקן קאַנט, קעדיי געפינען דעם אייגענעם גורל. און זיי האָבן אים געפונען!

די מעלוכע האָט באַזאָרגט די איבערוואַנדערער מיט אַלעם נייטיקן, און די באַהערשונג פונעם נײַעם ראַיאָן איז מיט דער הילף פון די אַרבעטנדיקע פונעם גאַנצן לאַנד געגאַנגען שנעל און דערפאָלגרײַך. דעם 20 אויגוסט 1930 האָט דער פּרעזידיום פון ציק פון פססר אָנגענומען אַ באַשטימונג וועגן אויסבילדן אין באַשטאַנד פונעם ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט דעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן, און נאָך אין פיר יאָר אַרום, דעם 7 מײַ 1934, האָט די סאָוועטישע רעגירונג אָנגענומען אַ באַשלוס צו פאַרוואַנדלען דעם ראַיאָן אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, געבנדיק איר אַלע רעכט, וואָס די סאָוועטישע געזעצגעבונג האָט אײַנגעשטעלט פאַר די אויטאָנאָמע געגנטן, וועלכע גייען אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע.

מיט גרעסטער באַפרידיקונג האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם דאָזיקן באַשלוס די ברייטע מאַסן ייִדישע אַרבעטנדיקע. אויפן אַדרעס פונעם קאָמזעט און אָזעט זײַנען געגאַנגען הונדערטער בריוו און באַגריסונג-טעלעגראַמעס, עס האָט זיך געברייטערט דער שטראָם מעלדונגען וועגן איבערוואַנדערן קיין ביראָבידזשאַן. אין מײַ 1934, אויף דער באַגעגעניש מיט אַ דעלעגאַציע אַרבעטער פון די מאָסקווער אונטערנעמונגען און מיט טוער פון דער ייִדישער פּרעסע, האָט מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין געזאָגט: „...דאָס פאַרוואַנדלען ביראָבידזשאַן

אין א געגנט איז א רעזולטאט פונעם פארלאנג פון די יידישע מאסן... די דאָזיקע פארוואנדלונג איז ניט קיין דעקלאראציע. און ביכלאל איז עס ניט צוליב א דעקלאראציע געטאָן געוואָרן, ניט צוליב שיינע רייד, נאָר מאכמעס פראקטישע מאָטיוון — פארשטארקן די סאָציאליסטישע בויונג פון דער געגנט".

בא דער קעסיידערדיקער זאָרג און אופמערקזאמקייט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי און פון דער סאָוועטישער רעגירונג, מיט דער הילף פון די פעלקער-ברידער פון אלע פארבאנדישע רעפובליקן, איז ביראָבידזשאן געוואָרן א געגנט פון גרויסער אינדוסטריע, מעכאניזירטער לאנדווירטשאפט און הויכער קולטור. דאָ איז געשאפן געוואָרן אן עלעקטראָטעכנישע אינדוסטריע, א הייַנטצייַטיקע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינבויונג, אן אינדוסטריע פון בוי-מאטעריאלן, ס'האָט זיך אנטוויקלט דער בארגארץ-ארויסבאקום, עס זייַנען אויסגעבויט אונטערנעמונגען פון פיל אנדערע צווייַגן פון דער פאָלקסווירטשאפט. די פראָדוקציע פון אונדזערע זאוואָדן, פאבריקן און קאָמבינאטן (טוווּע-, רייַז- און סילאָס-קאָמבייַנען, צין, קאלך, ציגל, פאפיר, געהילץ-מאטעריאלן, מעבל, ניי-ארטיקלען, שוכווארג) ווערט געליפערט אין פיל געגנטן, קאנטן און רעפובליקן פונעם לאנד, ווי אויך קיין אויסלאנד.

ווייַט אויסער דער געגנט איז באוווּסט דער זאוואָד „דאלסעלמאש" — די באזע פון לאנדווירטשאפטלעכער מאשינבויונג אפן ווייַטן מיזרעך. צווישן אנדערע פאָרגעשריטענע אונטערנעמונגען געפינען זיך דער טעפלאָאַזיאָרסקער צעמענט-זאוואָד, דער ביראָבידזשאנער זאוואָד פון קראפט-טראנספאָרמאטאָרס, די זאָקן-טריקאָטאזש-פאבריק. מיט יעדן יאָר שטייַגן די מעכטיקייַטן פון דער בוי-אינדוסטריע, דער פארנעם פון דער בויונג פון פראָדוציר-אָביעקטן, ווי אויך פון דער קולטור-שטייגערישער און וווינונגס-בויונג.

ראדיקאלע ענדערונגען זייַנען פאָרגעקומען אין דער לאנדווירטשאפט. דאָרט, ווו אמאָל האָט אף צענדליקער קילאָמעטער זיך געשפרייט די ווילדע טייַגע, ציִען זיך איצט פרוכטבארע פעלדער און לאָנקעס. אף די סאָווכאָזישע און קאָלווירטישע פעלדער ארבעטן טויזנטער טראקטאָרס, קאָמבייַנען, אווטאָמאָבילן און אנדערע מאשינען. די דאָרפישע האָרעפּאשניקעס פארגרעסערן אלץ מער די אויסארבעטונג פון פראָדוקציע אף די פעלדער, אין די פארמעס.

היפשע דערפאָלגן האָבן די ארבעטנדיקע פון דער געגנט דערגרייכט אויך אין דער קולטור-בויונג. גרויסע געלט-מיטלען טיילט אויס די מעלוכע צוליב דער אנטוויקלונג פון דער פאָלקסבילדונג, מעדיציניִשער באדינונג פון דער באפעלקערונג, שטייגערישער און האנדל-באדינונג. עס זייַנען טעטיק צענדליקער שולן פון אלגעמיינער בילדונג, ספעציעלע מיטעלע לערן-אנשטאלטן, פראָפעסיאָנעל-טעכנישע שולן, הונדערטער קולטור-הייַזער, קלובן, קינאָ-אייַנריכטונגען, ביבליאָטעקן.

אן אנטפלעקונג פון דער זאָרג פון דער פארטיי און רעגירונג וועגן דער אנטוויקלונג פון דער נאציאָנאלער קולטור איז געווען דאָס שאפן אין ביראָבידזשאן א פראָפעסיאָנעלן יידישן מוזיקאלן קאמער-טעאטער און א פילהארמאָניע. דאָ זייַנען אויך טעטיק א יידישער און א רוסישער דראמאטישע פאָלקס-טעאטערן, די שאָו-גרופע „פריילעכס". א ברייטע אנטוויקלונג האָט באקומען אין די ארבעטער-קאָלעקטיוון די קינסטלערישע זעלבסטעטיקייַט. אין ביראָבידזשאן גייען ארויס צוויי געגנטלעכע צייַטונגען — „ביראָבידזשאנער שטערן" אף יידיש און „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא" אף רוסיש. אףביידע שפראכן קומען פאָרטאָגטעגלעך די טראנסלירונגען פונעם געגנטלעכן טעלעוויזיע- און ראדיאָ-קאָמיטעט. אלע יישוווים פון דער געגנט זייַנען ראדיאָפיצירט. די אבסאָליוטע מערהייַט פון דער באפעלקערונג קוקט לויט דער סיסטעם „אָרביטא" די טעלעטראנסלירונגען פון מאָסקווע.

אף יידיש שרייַבן און לאָזן ארויס זייערע ווערק — ראָמאנען, דערציילונגען, לידער און פאָעמעס — יידישע שרייַבער אין פיל שטעט פונעם סאָוועטנפארבאנד, דערונטער דער ביראָבידזשאנער שריפטשטעלער, מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" בוזי מילער. די ביראָבידזשאנער ליטעראטן — דער פראָזאיקער ראָמאן שויכעט, דער דיכטער לעאָניד שקאָלניק און אנדערע דרוקן זיך אין די צייַטשריפטן „סאָוועטיש היימלאנד", „דאלני וואָסטאָק", אין דער געגנטלעכער און קאנטישער פרעסע, גיבן ארויס זייערע ווערק אין פארשיידענע פארלאגן. אין דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אף שאָלעם-אליייכעמס נאָמען און אין אנדערע ביבליאָטעקן פון דער געגנט איז פאראן א גרויסער פאָנד פון יידישער ליטעראטור. אינעם רעפערטואר פונעם ביראָבידזשאנער יידישן פאָלקס-טעאטער פארנעמען א צענטראל אָרט ווערק פון דער יידישער קלאסיק, פון דער סאָוועטישער דראמאטורגיע. יידישע טראנסלירונגען, דערונטער מוזיקאלע און ליטערארישע-

דראַמאַטישע, ווערן סיסטעמאַטיש טראַנסלירט דורך דער געגנטלעכער ראַדיאָ. די אַרטיקע קאָמפּאָזיטאָרן און פּאָעטן האָבן געשאַפֿן ניט ווייניק זינג-לידער וועגן ביראָבידזשאַן און זײַנע בויער.

די מעסירעסנעפעשדיקע מי פֿון די אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, אינטעליגענץ האָט באַקומען אַ הויכע אָפּשאַצונג פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און סאָוועטישער רעגירונג. פֿאַר די דערפֿאָלגן אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט און קולטור איז אין 1967 די פֿאָן פֿון אונדזער געגנט באַקרוינט געוואָרן מיט דער העכסטער באַלוינונג פֿון־געם היימלאַנד — מיט אַ לענין-אָרדען. אין 1972 האָט די געגנט באַקומען די צווייטע הויכע באַלוינונג — אַן אָרדען פֿון פֿעלקער-פֿרײַנטשאַפֿט.

אַ גלײַכע צווישן גלײַכע, האָט די געגנט געטיילט מיטן גאַנצן לאַנד סײַ די פֿריידן פֿון פֿרידלעכער מי, סײַ די מאַנגלען פֿון דער גרויזאַמער מילכאָמע-צײַט. און כאָטש די גרויסע פֿאָטערלענדישע מילכאָמע האָט געפֿלאַקערט פֿיל טויזנטער קילאָמעטער ווײַט פֿון די אַמורער ברעגן, האָט אויך אונדזער געגנט, פּונקט ווי דאָס גאַנצע סאָוועטישע פֿאָלק, זיך געשטעלט מיט לײַב און לעבן צו באַשיצן די דערגאָבערונגען פֿונעם אָקטיאַבער. די געגנטלעכע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע האָט העכער אַ העלפֿט פֿון איר באַשטאַנד געשיקט אין דער אָפּערירנדיקער אַרמיי. טויזנטער קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן זײַנען פֿרײַוויליק אַוועק אויפֿן פֿראָנט. אין די שלאַכטן בײַ מאָסקווע און לענינגראַד, בײַ סטאַלינגראַד און קורסק, אין די שלאַכטן קעגן די יאַפּאַנישע מיליטאַריסטן האָבן די אַרבעטנדיקע פֿונעם כאַבאַראָוו-סקער קאַנט, פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט פֿאַרמערט דעם רום, וועלכן ס'האָבן דערגאָבערט די ווײַטמיזרעכדיקע פּאַרטיזאַנער, די בײַאַמורער פּאַרטיזאַנער, די העלדן פֿון כאַלכין-גאָל. פֿאַר גבֿוראַטקײַט און העראָיִזם, וועלכע זײַנען אַרויסגעוויזן געוואָרן אין די יאָרן פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע, זײַנען העכער זיבן טויזנט אײַנוווי-נער פֿון דער געגנט באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאַלן פֿון פֿססר. פֿערצן לאַנדס-לײַט אונדזערע איז צוגעטיילט דער טיטל העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

דעם העלדנטאַט פֿון אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוון, וועלכער האָט מיטן אייגענעם קער-פּער פֿאַרדעקט די אַמבראַזור פֿון אַ פֿײַנטלעכן דאָט, האָט איבערגעכאַזערט דער אַרבעטער פֿונעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש" יוסף בומאַגין. אים איז נאָכן טויט צוגעטיילט געוואָרן דער טיטל העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד. זײַן נאָמען טראָגט אַן אַרבעטער-ייִשעוו אין געגנטלעכן צענטער.

די האָרעפּאַשניקעס פֿון דער געגנט האָבן געהאָלפֿן דעם היימלאַנד שמידן דעם זיג איבערן סוינע אויך אין הינטערלאַנד — אויף די זאַוואָדן און פֿאַבריקן, אויף די פֿעלדער און פֿערמעס. זיי האָבן אָפּגעשיקט אויפֿן פֿראָנט שלאַכט-מאַטעריאַלן, געגרייט אַמוניציע, געקליבן מאַטאָנעס און וואַרעמע קליידונג. אינעם לאַנדשוץ-פֿאָנד און אויף דער בויונג פֿון קריגס-טעכניק זײַנען פֿון די פּערזענלעכע אָפּשפּאָרונגען אַרײַנגעטראָגן געוואָרן מער פֿון 90 מיליאָן רובל. דאָס היימלאַנד האָט הויך אָפּגעשאַצט די מי פֿון די אַרבעטער, קאָלווירט-ניקעס, אָנגעשטעלטע, זייער הילף דעם פֿראָנט. העכער דרײַ טויזנט מענטשן זײַנען אין דער געגנט באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאַלן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

די פֿײַנטלעכע ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע פֿאַרפּלייצט די וועלט מיט בילבולים וועגן רעפּרעסיעס אויף ייִדן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. דער בײַשפּיל פֿון אונדזער געגנט מאַכט צונישט זייערע בייזוויליקע רעכילעסן. צוגלײַך מיט אַנדערע אויטאָנאָמע געגנטן האָט זי אירע פֿאָרשטייער אין די העכסטע מאַכט-אָרגאַנען, אין די אויבערסאָוועטן פֿון פֿססר און רספֿסר.

ווי איין פֿרײַנטלעכע מישפּאָכע לעבן און מיִען זיך אין דער געגנט פֿאָרשטייער פֿון פֿיל נאַציאָנאַליטעטן. באַנאַנד מיט רוסן, אוקראַינער, ווײַסרוסן און פֿאָרשטייער פֿון אַנדע-רע פֿעלקער אַרבעטן מיט דערפֿאָלג ייִדן אין אַלע צווײַגן פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט. פֿיל פֿון זיי האָבן מיט זייער הויכפּראָדוקטיווער מי, מיטן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפֿט-לעכן לעבן דערגאָבערט גרויסן אויטאָריטעט און אָנערקענונג. בײַ די ניט לאַנג פֿאַרגעקו-מענע וואַלן איז אַלס דעפּוטאַט פֿון דעם נאַציאָנאַליטעטן-ראַט פֿונעם אויבערסאָוועט פֿון פֿססר דאָס צווייטע מאָל אויסגעווײלט געוואָרן ראַכיל העלער — די אַרבעטערן פֿונעם ביראָבידזשאַנער זאַוואָד פֿון קראַפֿט-טראַנספֿאָרמאַטאָרס אויפֿן נאָמען פֿונעם 60-טן יאָרטאָג פֿון פֿססר. דעם הויכן טיטל העלד פֿון סאָציאַליסטישער מי האָט דער פּרעזידיום פֿונעם אויבערסאָוועט פֿון פֿססר צוגעטיילט דער נייטערן פֿון דער ניי-פֿאַבריק כײַע קאַראַסיק און דער נייטערן פֿון דער זאָקן-טריקאָטאַזש-פֿאַבריק יעלענאַ אַרנאַפּאָלינאַ. דער בריגאַדיר פֿון די בויער אינעם טרעסט „ביראָבידזשאַנבוי" סאָוועלי גרינבערג איז באַלוינט מיט אַ לענין-אָרדען. דאָס זעלבע — די פֿאַרדינסטפֿולע לערערן פֿון דער שול פֿון רספֿסר וועראַ גלייזער.

НЕТ—НЕЙТРОННОЙ БОМБЕ!
מירУ-МИР

FRIEDEN
PAIX
МИР

ווי אומעטום אין לאַנד, איז אויך בא אונדז אין דער געגנט דאָס אָרט פונעם מענטשן אין דער געזעלשאַפט אָפּהענגיק ניט פון זײַן נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקײַט, ניט פון זײַן ייִכעס אָדער רײַכקײַט. געטרײַע מי לעטוויוועס דעם היימלאַנד, אַקטיווער אָנטייל אין דער מעלוכע־פאַרוואַלטונג, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן — אָזאַ איז די איינציקע מאָס פון בירגערלעכע פאַרדינסטן. אין קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" איז ניט לאַנג צוריק אַוועק אַף פאַרדינטן אָפּרו דער וועטעראַן פון מי ריווע ווישטשיניקינאַ. ביז דעם האָט זי פיל יאָרן נאַכאַנאַנד אָנגעפירט מיט אַ בריגאַדע גרינסציכטלער. זי האָט מעלוכע־באַלוינונגען און איז געווען אויסגעווילט אַלס דעפּוטאַט פונעם אויבערסאָוועט פון פססר. די אוקראַיִנערן מאַריִאַ בראַכמאַנאָוואַ, וועלכע האָט אין ריווע ווישטשיניקינעס בריגאַדע אָנגעפירט מיט אַ רינג, איז באַערט מיטן טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי, און די גרינסציכטלערן פון דער זעלבער בריגאַדע פייגע פײַמאַן איז באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדען און מיט אַן אָרדען „ערן־צייכן".

דאָס איז זי, פייגע פײַמאַן, די טאָכטער פונעם באַוווּסטן קאָלווירטישן סאָדציכטלער לייב רעזניק, בייס די ציִעניסטן האָבן אַן אָרדנטלעך מאָל אופגעהויבן אַ טומל וועגן קלוימערשטע רעדיפעס אַף ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אַרויסגעטראָטן אינעם אַלפאַרבאַנדישן זשורנאַל „סאָוועטסקאַיאַ זשענשטשינאַ" („סאָוועטישע פרוי") מיט אַן אָפענעם בריוו צום דעמלטיקן ייִסראָעל־פּרעמיער גאָלדע מעיִר. אין יענעם בריוו האָט פײַמאַן געשריבן: „איר האַלט אין איין טומלען: „אַלע זײַנען מיר ייִדן, איין בלוט, איין שפּראַך..." ציִעניסטישע פּלאַפּלערײַ! גאָר קיין אַלגעמיינס איז בא אונדז ניטאָ. רײדנדיק אַף איין שפּראַך, פאַרשטייען מיר ניט איינס דאָס אַנדערע, ווײַל מיר געהערן צו פאַרשיידענע קלאַסן, שטייען אַף קעגנזעצלעכע זײַטן פון די באַריקאַדעס.

מיר דריקן אויס די אינטערעסן פון די מענטשן פון מי, די אידעאַלן פון שאָלעם, אינטערנאַציאָנאַליזם. און איר דריקט אויס די אינטערעסן פונעם צווישנפעלקערלעכן אימפּעריאַליזם, ציִעניזם, אַנטיקאָמוניזם. אַזוי אַז צונויפריידן זיך מיט אײַך קאָנען מיר ניט"...

א ווירדיקער ענטפער!

אין געגנטקאָם קפספּ, אין אויספירקאָם פונעם געגנטלעכן סאָוועט פון פאָלקס־דעפּוטאַטן אַרבעטן ייִדן אַף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. ייִדן פירן אָן מיט אונטערנעמונגען, בוי־אָרגאַניזאַציעס. דער דירעקטאָר פון דער ביראָבידזשאַנער שוך־פאַבריק איז יאַקאָוו שנײַדערמאַן, דער דירעקטאָר פון דער זאָקן־טריקאָטאַזש־פאַבריק איז זינאָווי דודקין, דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" איז פעליקס גילקשטיין. דאָס דאָזיקע צעטל קאָן מען פאָרזעצן.

גופע די רעאַלע ווירקלעכקײַט אונדזערע לאָזט ניט איבער קיין שטיין אַף קיין שטיין פון די פײַנטלעכע ציִעניסטישע רעכילעסן. אַליין די עקזיסטענץ פון אונדזער געגנט, די דערגרייכונגען פון אירע אַרבעטנדיקע סײַ אין דער ספער פון עקאָנאָמיק, אַזוי אויך אין גײַסטיקן לעבן, זײַנען אַ באַווײַז פון דעם פולן טריִומף פון דער לענינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

די סאָוועטישע מענטשן, די אַרבעטנדיקע פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט וואַרפן אָפּ מיט צאָרן און אופגעבראַכטקײַט די בייזוויליקע אויסטראַכטענישן פון די ציִעניסטן, פון דער בורזשואַזער פּרעסע. בא אונדז אין געגנט הערשט אַ גוטע מאָראַליש־פּאָליטישע אַטמאָספער. די אַרבעטנדיקע פון שטאָט און דאָרף האַלטן איינמוטיק אונטער די אינערלעכע און אויסערן־פּאָליטיק פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין פאַרלויף פון אַלע פופציק יאָר, זינט די געגנט עקזיסטירט, האָט קיין איין מענטש זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון די פאַלשע צוזאָגעכצן פון די ציִעניסטן, קיין איינער איז ניט אַרויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל. די געדאַנקען און געפילן פון די סאָוועטישע ייִדן זײַנען מיט אויסשעפּלעכער קלאָרקײַט אויסגעדריקט אינעם אָפענעם בריוו, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 26 פעוורואַל 1970 אין דער צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ ראָסיִאַ". אַ גרופּע בויער פון דער געגנט — אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ האָבן געשריבן: „דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז דאָס לאַנד, וווּ מיר זײַנען געבוירן געוואָרן און כאָוועז אונדזערע קינדער. דאָס איז אונדזער עמעסע און איינציקע היים, און קיין אַנדערע דאַרפן מיר ניט". אין אָט די ווערטער האָט געפונען אַן אויסדרוק דער פּאַטריִאָטיזם און טיפער סאָציאַלער אָפּטימיזם פון די סאָוועטישע ייִדן.

די אַרבעטנדיקע פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט קאָנצענטרירן אַצינד זייערע באַמיִונגען אַף אויספילן די באַשלוסן פונעם XXVI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און פון די נאָכפאָלגנדיקע פּלענומס, באַזונדערס פונעם דעקאַבער־פּלענום (1983) פון צק קפספּ וועגן

דערגרייכן א וויַיטערדיקן וווּקס פון דער עפעקטיוויקייַט פון דער עקאָנאָמיק, שטעלנדיק דעם הויפּט-טראָפּ אָף העכערן דעם ניוואָ פון דערווירטשאַפט-פירונג און פאַרשנעלערן דעם וויסנשאַפטלעך-טעכנישן פּראָגרעס.

גרייטנדיק זיך אָפּצומערקן דעם יובילעי פון דער געגנט, האָבן די אַרבעטנדיקע פאַנאַנדערגעוויקלט א סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג אונטערן דעוויז: „דעם 50-טן יאָרטאָג פון דער געגנט — 50 שלאָגלערישע וואָכן!”. די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האָבן פאַרן טערמין, דעם 13 דעקאַבער 1983, אויסגעפילט דעם פּלאַן פון דרייַ יאָר פונעם עלפטן פינפיאָר. ניט געקוקט אָף די קאָמפּליצירטע וועטער-באַדינגונגען פונעם פאַריקן יאָר, האָבן די דאָרפישע האָרעפּאַשניקעס אויסגעפילט די פּלענער צו פאַרקויפן דער מעלוכע טבואה, גרינוואַרג, מילך, פלייש און אייער. עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל האָרנפיי.

קעסיידערדיקע זאָרג ווערט אַרויסגעוויזן וועגן העכערן דעם וווילזייַן פון דער באַפעלקערונג, פאַרבעסערן די קאָמונאַלע, מעדיצינישע, שטייגער- און האַנדלס-באַדינונג. זינט דעם אָנהייב פונעם פינפיאָר, זייַנען צוגעקומען 240 טויזנט קוואַדראַטע מעטער וווינשטעך, נייַע שולן, פאַרשול-אַנשטאַלטן, קלובן. עס האָט זיך פאַרגרעסערט דער אַרבעטסלוין פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

די אַרבעטנדיקע פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט קומען צו איר פּופציקיאָריקן יובילעי מיט נייַע דערפאָלגן אין דער ווירטשאַפטלעכער און קולטור-בויונג. אין די אונטערנעמונגען, אָף די בוי-אָביעקטן, אין די סאָווירטן און קאָלווירטן האָט מיט א נייַער קראַפט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די פאַרמעסטונג אויסצופילן פאַרן טערמין די פּלאַן-פאַרגעבונגען און די גענומענע סאָציאַליסטישע פאַרפליכטונגען פונעם 1984 יאָר.

די ביראָבידזשאַנצעס דריקן אויס זייער טיפע דאַנקבאַרקייַט און האַרציקע אָנערקענונג דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער סאָוועטישער רעגירונג פאַר דער קעסיידערדיקער אופמערקזאַמקייַט און זאָרג וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט און זייַנען גרייט אויך אָף ווייַטער ניט שוינען קיין קויכעס און קיין מי, קעדיי, ווי עס האָט געזאָגט אָפן פּעווראַל-פּלענום (1984) פון צק קפּסס דער גענעראַל-סעקרעטאַר פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד ק. או. טשערנענקאָ, „זיכערן שטאַנדהאַפטיקע טעמפּן אינעם וווּקס פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוציִרונג, אין דער דערפאָלגרייַכער אויספירונג פון דער דערנערונגס-פּראָגראַם, אין אַנטוויקלען די אַרבעטס-אַקטיוויקייַט פון די מאַסן, קעדיי רעאַליזירן די מאָסמיטלען, וועלכע זייַנען געריכטעט צו אַן אויפשטייַג פונעם פאָלקס-וווילשטאַנד”.

נאום אײַזמאַן,
אלעקסאנדער טשערניאווסקי,
לעאָניד שקאָלניק

די גליקלעכע ערד פון וואלדהיים

(דאָקומענטאלע דערציילונג)

1

דאָס ערשטע, וואָס זיי האָבן דערזען, איז געווען — די זון. ווי נאָר דער עשעלאָן האָט זיך ארויסגעריסן פון דעם געדיכטן וואלד אף דער רײַנער, ליכטיקער פאָליאנע, האָט אופגעפלאַקערט די זון אפן האָריזאָנט, אירע דינע שטראַלן האָבן דורכגעשטאָכן די וואגאָן-פענצטער, זיך צעפלאַטערט אף די פענעמער פון די מענטשן, פארמאטערטע פונעם לאנגן וועג. און פון אָט דער ווייכער גאָלדענער שײַן, וועלכע האָט זיך אומגעריכט ארײַנגעריסן אין די פארדומפטע וואגאָנען, איז אף דער נעשאָמע געוואָרן ווארעמער, א שמייכל האָט זיך באוויזן אף די פענעמער.

— געקומען שוין, ווײַזט אויס, צו פאָרן, ייִדן! — לייב געפען איז געשטאנען בא דער אָפענער טיר פונעם וואגאָן און זיך אײַנגעקוקט אין דעם סטאנציע-בײַדל, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צום צוג, — אָט דאָס איז שוין טיכאָנקע!

דער שטילער פאָלוסטאנעק האָט אופגעלעבט, זיך אָנגעפילט מיט מענטשלעכע קוילעס, מיט געזאנג פון זעגן, מיט קלאנג פון העק, מיט אן אומופהערלעכן סקריפען פון וועגענער. אין די אָוונטן האָבן איבער די ארומיקע וועלדער זיך געטראָגן לידער, מוזיק פון הארמאָניקעס — דאָס האָט די יוגנט זיך פרייליך געמאכט נאָכן אָנגעשטרענגטן ארבעטס-טאָג. צוביסלעכווײַז האָבן זיך גענומען באווײַזן נײַע הײַזער, ס'איז אוועק א גע-וויינלעך לעבן. אָבער ניט געפען, ניט זײַנע כאוויירים האָבן זיך נישט געקאָנט מיט דעם באנוגענען — זיי זײַנען דאָך געפאָרן אהער אף צו באארבעטן די ערד.

איינמאָל, נאָך א שפעטער וועטשערע, האָט לייב געפען געזאָגט צו זײַנע כאוויירים:

— לאנג זײַנען מיר אהער געפאָרן, דאָס ווייסט איר, ס'דאכט זיך מיר אויס, אז א ביסעלע איז אונדזער צוג ניט דערפאָרן, ווּהין מע דארף...

— ווּהין רופסטו אונדז, לייב? שוין אזוי אויך אף עק וועלט זיך אָפּגעשטעלט...

— כ'בין הײַנט ארײַנגעגאנגען אין איבערוואנדערונגס-פונקט, זיך דערוווּסט מיקויעך ערד. פאראן דאָ גוטע ערדן, אָבער מע דארף צו זיי צולייגן א האנט. גאנצע באצירקן וואַרטן אף מענטשן, אף אונדז ווארטן זיי. איז עפשער וואָלטן מיר אהין געפאָרן? הא, ייִדן?

...מע האָט זיי דערציילט, וויִאזוי זיך צו דערקלײַבן צום אָרט, אויסגעטיילט פאר זיי וועגענער, פערד, שפײַז, און אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג — אָפּזוכן זייער ערד. קיין וועג איז ניט געווען. וואלד, פוסטע ערטער, פארוואקסענע מיט אָסאָקע, און זומפּן מיט קאָטשקעס — ארום און ארום. אפן אנדערן טאָג האָט זיך צעבושעוועט א געוויטער. ס'האָט געדוכט, אז דער הימל האָט זיך צעשפּאָלטן! א שטאר-

קער ווינט האָט אומבעראַכמאָנעסדיק א זעץ געטאָן איבער די קרוינען פון די ביימער,
ס'האָבן א פאַל געטאָן צו דער ערד דינע צווייַגן, עס האָבן זיך צעטראַסקעט די טרוקענע
היליאַקעס, און דערנאָך האָט א גאַס געטאָן אַף דער ערד א גאַנצער וואַסערפאַל. די מענטשן
האָבן געפּרוּווט זיך אויסבאַהאַלטן פון אים אונטער די ביימער — נאָר אומזיסט. פּיטש-נאַסע,
פאַרפרוירענע פון דער ווינטיקער קעלט, האָבן זיי זיך געלאָזט ווייַטער אין וועג. פון פאָרנט
איז געגאַנגען געפּען, פירנדיק פאַרן צייַמל א פערד. די פערד זייַנען פאַרמאַטערט גע-
יוירן, די וועגענער האָבן זיך געבראָכן, די מענטשן אָבער זייַנען געגאַנגען פאָרויס. אַפן
דריטן טאָג אינדערפרי האָט אופגעהערט דער רעגן, נאָר ווייַטער האָט מען גיין ניט גע-
קאָנט — דעם וועג האָט איבערגעצוימט א טייַכל, וואָס איז ארויס פון די ברעגן. דער
געוויטער האָט אָפּגעריסן דעם פּאַראָם און אים פאַריאָגט ערגעץ אין א טאָל. פינף קילאָ-
מעטער זייַנען נאָך געבליבן ביזן ציל, נאָר דערגרייכן אים איז געווען, דוכט זיך, אוממעגלעך.
לייב געפּען האָט זיך ניט אונטערגעגעבן — ער איז דער ערשטער ארייַן אינעם שטורעמ-
דיקן שטראָם.

אומזיסט זייַנען אָבער געווען זייערע מאַטערנישן. אַפן 60-טן קילאָמעטער האָבן די
איבערוואַנדערער ניט געפונען דאָס, וואָס זיי האָבן געזוכט. ארום און ארום — טיפע זומפּן
און זייער ווייניק ערד, וואָס איז גינסטיק אַף צו באַארבעטן. דאָס אָרט איז זיי ניט געפעלן
געוואָרן, און די איבערוואַנדערער האָבן באַשלאָסן זיך אומקערן צוריק.

אין טיכאָנקע, אויסגעהערט זייערע טייַנעס, האָט דער שעף פונעם איבערוואַנדע-
רונגס-פּונקט, כאָטש ניט זייער א צופרידענער, פאַרגעלייגט געפינען אַן אַנדער באַצירק.

— אינגאַנצן צוועלף קילאָמעטער פון טיכאָנקע, — האָט ער געזאָגט. — רוט זיך
אָפּ א טאָג-צוויי, טריקנט זיך אויס, און מיט מאַזל אין דעם נייַעם וועג.

— ניין, — האָט דערווידערט געפּען, — די מענטשן זייַנען אויסגעמאַטערט, עפּשער
וועלן מיר לעכאַטכילע אַף גרינג א שמעק טאָן דאָס אָרט און דערנאָך שוין זיך לאָזן מיטן
גאַנצן סקאַרב?

— זאָל זייַן אזוי, — האָט געגעבן די האַסקאָמע דער שעף.

אָפּגעקליבן א פעסטן וואָגן און א קרעפטיק פערד, האָט געפּען זיך ווידער געלאָזט
אין וועג צוזאַמען מיט דרייַ מענטשן פון זייַן גרופּע.

צו דער נאַכט זייַנען זיי געקומען אַפן אָרט. ס'איז געווען די זעלבע אומענדלעכע
טייַגע, וועלכע האָט זיך צונויפגעגאָסן ארום און ארום מיטן הימל. און נאָך האָבן געפּען
מיט זייַנע כאַווײרים דערזען א גרויסע ריאַלקע — א שטיקל טרוקן ערד, פאַרוואַקסן מיט
ליפּעס. און זיי האָבן פאַרשטאַנען — אָט דאָס איז אַן עמעס אָרט אוועקצושטעלן א לעבן.
אַפן פרייַען שעטעך וועט מען קאָנען אויסבויען א ייִשעוו, און דעם וואַלד וועט מען, פאַר-
שטייט זיך, דאַרפן אויסקאָרטשעווען.

— אליין דער ריבוינעשעלוילעם קומט אונדז צוהילף, ייִדן, — האָט געפּען גע-
שפּאַסט. — א גוטן ייִשעוו קאָן מען נאָר אין וואַלד אויסבויען, פריילעך און שפּאָרעוודיק:
א האַק דעם בוים — און שטעל אין וואַנט. אַלץ אַפן אָרט, און בעכינעם — עס קאָסט ניט
קיין געלט.

די כאַווײרים זייַנען האָבן, עמעס, ניט צעטיילט מיט אים די היספּייַלעס: מ'האָט גע-
צווייפלט, צי ס'וועט קלעקן קויכעס... נאָך לאַנגע אַמפּערנישן האָט מען פונדעסטוועגן
באַשלאָסן: זיך אָפּשטעלן אַף אָט דעם באַצירק.

דעם 27 מייַ 1928 זייַנען די ערשטע איבערוואַנדערער געקומען אַהער מיט א רע-
זערוו פון שפּייַז-פּראָדוקטן, מיט העק, מיט זעגן, מיט גראָבייַזנס...

2

די צוואַנציק מינוט, בייס דער אווטאָבוס שלינגט אייַן דעם מעהאַלעך צווישן בירא-
בידזשאַן און וואַלדהיים, גייען דורך אומבאַמערקט. קימאַט א האַלבן וועג פאָרט ער איבער
די שטאָטישע גאַסן — פאַר א האַלבן יאָרהונדערט איז דער געוועזענער ייִשעוו טיכאָנקע
אויסגעוואַקסן אין א הייַנטצייַטיקער שטאָט מיט אַלע אירע אַטריבוטן. ביראָבידזשאַן האָט
א שפּאַן געטאָן ווייַט פונעם ראַנד פון דעם געוועזענעם ייִשעוו און האָט זיך דערנעענטערט
צו די ארומיקע דערפער. דו באַווייַזסט ניט, אַשטייגער, באַמערקן, ווען ס'האָט זיך פאַרענ-
דיקט ביראָבידזשאַן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דאָרף פּטיטשניק — אָט די גרענעץ

איז קימאַט אַ באַדינגלעכע, אַ קלייניקער שטעטל איז געבליבן פּוסט, נאָר אויך ער וועט גאָר אינגיכן פאַרבויט ווערן מיט פילשטאָקיקע געבײַדעס.

אַ גלאַטע אַספאַלט-סטעזשקע צעשנײַדט דעם פליין, אויף וועלכן ס'האָבן זיך גרויסאַרטיק צעלייגט זאַרגפעלדיק באַאַרבעטע קאָלווירטישע פעלדער. אין די אויגן טוט אַ בלענד דער גרינער טעפּיך פון די פרילינגדיקע ברויטן. אין אָט דעם לירישן פּייזאַזש פלעכטן זיך דאָ און דאָרט אַרײַן רעאַלע סימאָנים פון דער צײַט: אַ בלויער טראַקטאָר וואַרפט אַרויס אין דער הייך קנוילן רויך; עס ציִען זיך דראָט-סטרונעס צווישן סטויפּעס פון עלעקטראָ-ליניעס; ס'פליט דורך אַ זילבערפליגלדיקער אַעראָפּלאַן אינעם בלויען הימל. בײַ די זײַטן פונעם וועג זעען זיך נאָך זומפּיקע ערטער מיט קאָטשקעס: ניט אַלץ האָט זיך דערווײַל אײַנגעגעבן אָפּקעמפן בײַ דער נאַטור. דער וועג פירט קיין וואַלדהיים. מיט פופציק יאָר צוריק איז אַפילע קיין סימען דאָ ניט געווען פון אַ וועג — מע האָט אים נאָך געדאַרפט דורכהאַקן צווישן דעם וואַלד, אין דער זומפּיקער טײַגע...

דער אויטאָבוס דערנעענטערט זיך צום דאָרף. ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע הײַזער. אָט דאָ, בײַם סאַמע אַרײַנפאָר, איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אַ טריומפאַל-אַרקע. זי האָט זיך ניט פאַרהיט, דאָס האַלץ האָט ניט אויסגעהאַלטן פון וואַסער און פון היץ... אָנשטאָט איר — דרײַ בוילעט אָנגעמאָלטע ווערטער אויף אַ שילד פון פּלאַסטיק: „קאָלווירט „איליטשס געבאָטן". עטוואָס ווײַטער, אויף דער צענטראַלער גאַס, לעבן דער געבײַדע פון דער קאָלווירט-פאַרוואַלטונג, שטעלט זיך דער אויטאָבוס אָפּ. לאָמיר אויך אַרויסגיין פונעם אויטאָבוס. זיך דורכגיין צופוס איבער וואַלדהיים. מירן אויף אַ שטיקל צײַט אָפּלאָזן לייב געפּענען מיט זײַנע כאַווײרים און איבערכאַזערן זייערע מאַרשרוטן אין פופציק יאָר אַרום, זיך באַקאַנען מיטן הײַנטיקן וואַלדהיים.

...עס פלאַטערט אויפן וואַרעמען מײַ-ווינט די רויטע פאָן איבערן דאָרפראַט. אויף אַ רוישיק אָרט שטייט אָט דאָס הויז — אויפן ראָג פון צוויי גאַסן. פון די פענצטער זעט מען און מע הערט, ווי עס יאָגן פאַרבײַ אויטאָמאָבילן און טראַקטאָרן — אין פעלד, פונעם פעלד, אויף די פאַרמעס, צו די סקלאַדן, צו די וואַרשטאַטן. פרילינג איז אַ הייסע צײַט אין דאָרף. דער פאָרזיצער פונעם דאָרפראַט יעפים קויסמאַן נעמט אונדז אויף אין זײַן גראַמען קאַבינעט.

— ווי זעט איצט אויס אונדזער וואַלדהיים — האָט איר שוין זיך עטוואָס איבערצײַגט אַליין, — זאָגט קויסמאַן. — אַכט גאַסן האָבן מיר שוין. די באַפעלקערונג — בײַ צוויי טויזנט נעפּאַשעס. איך וויל דאָ באַמערקן, אַז אויף דער טעריטאָריע פונעם דאָרפראַט לעבן מענטשן פון עלף נאַציאָנאַליטעטן. מיר האָבן אין וואַלדהיים צוויי שולן, צוויי מאַגאַזינען, אַ קולטור-הויז, אַ שפּיטאָל, אַ קאָמבינאַט פון שטייגער-באַדינונג, אַ פּאָטשט, אַן אַפּטייק... און וויפל גרינס אויף די גאַסן — האָט איר אויך שוין געזען. בלויז אין 1977 האָבן מיר פאַרפלאַנצט צען טויזנט ביימער און קוסטאַרניקעס, צוואַנציק טויזנט קווייטן. אויף וווּיל-אײַנאָרדענונג האָט דער דאָרפראַט אויסגעטיילט בײַ צען טויזנט רובל פונעם ביודזשעט. מיר לייגן דורך טראָטואַרן, רעמאָנטירן די וועגן. כ'וועל, אַפּאָנעם, אײַך ניט פאַרכידעשן, אויב איך וועל זאָגן, אַז אין אונדזער דאָרף האָבן מיר דרײַ צענדליק פּערזענלעכע לײַכט-אויטאָמאָבילן, אַ סאַך מאָטאָציקלען. מיר טוען ניט ווייניק, דאָס דאָרף זאָל אויסזען נאָך שענער. ס'איז בײַ אונדז געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפט פאַר אָפּהיטן די נאַטור — אַכט הונדערט מיט-גלידער ציילט זי אָן. אַלע יאָר פירן מיר דורך קאָנקורסן אויף דעם בעסטן הויף. די אַרויס-לאָזניקעס פון אונדזער מיטלשול פאַרבלײַבן מיט גרויס כיישעק אַרבעטן אינעם דאָרף. אונדזערע טוישווים זײַנען מיט לײַב און לעבן צוגעבונדן צו זייערע הײַזער, און זיי האָבן ליב די ערדאַרבעט, היטן אָפּ די נאַטור-אוצרעס.

די דערציילונג פונעם פאָרזיצער פון דעם דאָרפראַט זעצט פאָר דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" פעליקס גליקשטיין:

— וואַלדהיים האָט, פאַרשטייט זיך, ניט צופעליק פאַרייניקט אַרום זיך דרײַ אַנדערע דערפער, וועלכע עס שליסט אײַן אונדזער קאָלווירט: זשאַלטי יאַר, פראָנקינאָ, פּעטישניק. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער היסטאָרישער צענטער פון דערווירטשאַפט. פונדאַנען האָבן אַמאָל די איבערוואַנדערער אָנגעהויבן באַאַרבעטן די היגע ערדן, אָפּקעמפנדיק זיי בײַ דער טײַגע. און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די ווירטשאַפט פון אַלע אונדזערע קאָמפּלעקס-בריגאַדעס? לאָמיר אָנהייבן פון דער ערד, וואָס אין די דרײַסיקער יאָרן האָט זי דאָ באַ-טראָפן אינגאַנצן עטלעכע צענדליק העקטאַר. איצט האָבן מיר מער פון 23 טויזנט העק-טאַר, דערונטער 3700 העקטאַר אַקער-ערד. די סטרוקטור פון אונדזער ווירטשאַפט ווערט באַשטימט לויט אירע מעגלעכקײַטן: מיר פּראָדוצירן דעריקער מילך און אויבס. די סטאַ-

דע פון האָרנפי ציילט אָן 3600 שטיק. די מילך-פּערמע איז אריבערגעפירט געוואָרן אף אינדוסטריעלער טעכנאָלאָגיע — דרײַ אָפּטיילונגען אירע זײַנען אויסגעשטאַט מיט אינדוסטריעלע אײַנריכטונגען. מיר גיבן דער געגנט פּאָמידאָרן, אוגערקעס, קרויט, בורעקעס, רעטעך, ציבעלעס, קאַרטאָפל. די אָראַנזשערײַ האָט שוין 2500 ראַמען. א היפּשע טעכניק פאַרמאָגן מיר אין אונדזער רעשוס: 120 טראַקטאָרן, 70 אווטאָמאָביל, העכער 20 קאָמבײַנען פון פאַרשיידענע מאַרקעס. אַלע מאַשינען און דעם אינווענטאַר רעמאָנטירן מיר אַליין אין אונדזערע וואַרשטאַטן.

גליקשטיין זעצט פאָר:

— דער גרעסטער אויצער אונדזערער זײַנען אָבער די מענטשן — אויסגעצייכנטע האָרעפּאַשניקעס. מיר האָבן אנומלטן אונטערגערעכנט, וויפל באַלוינונגען עס האָבן אונדזערע קאָלווירטניקעס, און ס'האָט זיך באַקומען אן אײַנדרוקספולע אריפמעטיק! די קאָלווירטישע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע באַשטייט פון 130 קאָמוניסטן און קאַנדידאַטן אין מיטגלידער פון דער פּאַרטיי. העכער הונדערט קאָמיוגיסטן. מיר האָבן אויך בא פיר צענדליק דערפאַרענע ספּעציאַליסטן פון דער לאַנדווירטשאַפט.

די לעצטע צײַט זײַנען שענער געוואָרן אונדזערע דערפער. דער קאָלווירט בויט א סאַך — אַלע יאָר לייגן מיר אַרײַן אין קאַפּיטאַלער בויונג העכער א מיליאָן רובל. אין וואַלדהיים האָבן זיך באַוויזן צווייִדירעדיקע הײַזער פון ציגל, און באַנאַנד מיט אונדזער קאָנטאָר, — איר האָט, ווײַזט אויס, באַמערקט, — א פירשטאָקיק הויז אף 56 דירעס.

לויטן פּלאַן פון סאָציאַלער אנטוויקלונג פונעם קאָלווירט דאַרף אף ווײַטער זיך נאָך מער פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די קאָלווירטניקעס. מיר בויען מאַגאַזינען, קינדער-גערטנער, א קולטור-הויז, פאַראַן בא אונדז אן אייגענער סטאַדיאָן. די איבערוועגנדיקע מערהײַט דירעס — 750 — זײַנען גאַזיפיצירט. מיר זאָרגן וועגן דער ווײַטערדיקער בילדונג פון די קאָלווירטניקעס: בא הונדערט מענטשן לערנען זיך אין הויכשולן און טעכניקומען, און דער קאָלווירט צאָלט זיי סטיפּענדיעס. און ווער עס לערנט זיך אין דער אָוונט-שול, באַקומט בייס די עקזאַמענאַציעלע סעסיעס דעם דורכשניטלעכן כוידעש-געהאַלט. דער קאָלווירט זשאַלעוועט ניט קיין געלט אף קולטור-מאַסן-אַרבעט — פערציק טויזנט רובל גיט ער אויס א יאָר אף אָט די צוועקן. העכער הונדערט טויזנט רובל פירט דער קאָלווירט אריבער יערלעך אין צענטראַליזירטן פאָנד פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג...

3

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו דעם אָנהייב.

די גרופּע איבערוואַנדערער, בעראָש מיט לייב געפּענען, איז, הייסט עס, אָנגעקומען אפן אָרט. מ'האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, אוועקגעשטעלט די וועגענער אונטער די מעכטיקע ליפּעס, צונויפגעלייגט אף א טרוקן בערגל דאָס ביסל האָב-און-גוטס. געפּען האָט זיך צוגעזעצט אף אן אראָפּגענומענער ראָד פון א וואָגן, אויסגעטאָן דעם קאַשקעט מיטן ברייטן דאַשעק, זיך ארומגעקוקט:

— וווּהין מיר זײַנען געקומען, זעט איר אַליין. ס'איז ניט דאָס באַדײַטנסטע אָרט אף דער וועלט. מע וועט דאַרפן גוט א האָרעווע טאָן. ס'איז אפילע ניטאָ פון וואָס אָנצוהייבן — ארום און ארום פּוסט. די אַדערן וועט מען דאַרפן אָנציִען ביזן לעצטן. בא עמעצן, ווער עס איז שוואַכער, קאָנען זיי נאָך ניט אויסהאַלטן... אַזוי־ארום, אויב עמעצער פילט זיך ניט מיט אַלעמען, קאָן ער אונדז זאָגן א זײַ-געזונט. מירן זיך ניט באַליידיקן, ס'איז א זאַך אן ערנסטע.

די מאַנצבילן, אָפּטרײַבנדיק מיט צווײַגעלעך די אײַנגעגעסענע מאָשקאַרע, האָבן גערייכערט און געשוויגן. קנוילן רויך זײַנען געשוווּמען איבער זייערע קעפּ, צעגייענדיק זיך לאַנגזאַם אין דער ריינער פרילינגדיקער לופט. קיינער האָט זיך ניט אופגעהויבן פונעם אָרט, קיינער האָט ניט איבערגעשלאָגן לייב געפּענס רייד... און ארום האָט פאַרדומפּט געראוישט די טײַגע, די ריזיקע ביימער האָבן געשוויגן, בלויז זייערע הויכע קרוינען האָבן פון צײַט צו צײַט געציטערט, ווען א ווינט האָט איבער זיי זיך דורכגעטראָגן.

דעם שטילשווײַגן האָט ווידעראַמאָל איבערגעריסן געפּען. דאָס איז געווען זײַן קאָמאַנדע, מע זאָל זיך נעמען פאַר דער אַרבעט. קוידעמקאָל — אָפּרייניקן אן אָרט, וווּהין צו שטעלן די בײַדלעך. קאָרטשעווען פּניאָקעס זײַנען די מענטשן ניט געווען צוגעווינט, און

עס האָט זיי גלײַך אויסגעמאַטערט. ווי געפּען האָט זיי ניט אונטערגעמונטערט, האָט זיך די אַרבעט גערוקט זייער פּאַמעלעך, אָבער צום סאָף טאָג האָט מען אופגעשטעלט דאָס ערשטע בײַדל.

אפן אַנדערן טאָג איז מען אופגעשטאַנען שפּעט — צו אַכט אַזייגער. בא אַלעמען האָבן געבראָכן רוק-און-לענד, מ'האָט ניט געפילט קיין הענט און פיס. נאָכן פרישטיק האָט מען זיך אָבער גענומען צו דער אַרבעט. פון די מער קרעפטיקע האָט געפּען אָרגאַניזירט אַ בריגאַדע וואַלד-פאַרגרייטער, די איבעריקע האָבן גערייניקט דעם פּלאַץ פאַרן קומענדיקן דאָרף, געקאָרטשעוועט פּניאָקעס, אָפּגעראַמט די טרוקענע צווײַגן.

לייב האָט בייסן וואַרמעס צוגערופן צו זיך איינעם פון דער בריגאַדע, אים אָפּגעפירט אין אַ זײַט, צו אַ גרויסן בוים, די הייך אַוואַדע פון אַ מעטער צוואַנציק. ער האָט אַ פיר געטאָן מיט דער דלאָניע איבערן שטאַם, געפּרוּווט מיטן נאָגל די גראָבע צעטראַסקעטע קאָרע.

— דו ווייסט, וואָס פאַר אַ בוים דאָס איז? אַ גאַנצער אוצער! דאָס איז אַ ליפּע, בינען נעמען פון איר האָניק. פאַרפיר דאָ אַ פּאַסעקע — קאָנסטו בלויז פון אָט דעם בוים אַ פעסל האָניק האָבן. ווּ נאָר עס איז מעגלעך, האַקט ניט אויס אָט די ליפּעס, לאָזט זיי איבער וואָס מער — מע וועט אונדז דערנאָך אַ גרויסן דאַנק זאָגן. און נאָך האָב איך דאָ באַמערקט אַ קוסטאַרניק. דו זעסט, אָט איז ער. קוק זיך אײַן אופמערקזאַם — און טשעפּעט אים אויך ניט זייער. דאָס איז אַ ניסנבוים, אויב איך האָב ניט קיין טאָעס. כ'האָב אַזאַ ערגעץ געזען אין אונדזערע ערטער. און ער קאָן ברענגען נוץ ניט נאָר אונדז — די קינדסקינדער אונדזערע.

ס'זײַנען אַוועק טעג, פולע מיט אָנגעשטרענגטער מי.

לייב געפּענס גרופּע האָט שווער געהאָרעוועט. אָבער וואָס ווארעמער עס איז געוואָרן, וואָס מער עס האָט געבראָטן די זון אין מיטן יון, אַלץ שווערער איז עס געווען פאַר די מענטשן. די אָנגעגליטע לופט האָט זיך דורכגעזאַפּט מיט פײַכטקײַט. פון די אויסדאַמפונגען איז זי געוואָרן פײַכט. דאָס לײַב האָט באַדעקט אַ קלעפּיקער שווייס. דערצו נאָך האָט גֹעטאָן אין טויט אַרײַן דער גנוס.

אינגיכן האָבן זיך באַוויזן ניט צופרידענע. צוויי איבערוואַנדערער האָבן געוואָלט זיך אומקערן קיין טיכאָנקע. געפּען האָט געוווּסט, מיט וואָס פאַר אַ געפאַר דאָס שמעקט. ער האָט איבערגערעדט מיט יעדערן פון זיי באַזונדער — און זיי זײַנען געבליבן. לייב האָט געטאָן אַלץ, קעדיי צו פאַרייניקן די מענטשן, דערמוטיקן זיי, באַגײַסטערן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מע מוז וואָס גיכער אויסבויען הײַזער. ווען ס'וועלן זיך באַווײַזן די ערשטע פונדאַמענטאַלע וווינונגען, וועט עס צוגעבן די מענטשן זיכערקײַט.

איינמאָל באַנאַכט האָבן די מענטשן זיך אופגעכאַפּט פון עפּעס אַ מאָדנע רויש — ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָס הודעט די צעבייזערטע טײַגע. ס'האָט אַ גאָס געטאָן אַ רעגן. ער איז גֹעגאַנגען דרײַ טעג נאָכאַנאַנד. דאָס וואַסער האָט דורכגעזאַפּט אַלץ — דאָס גראָז, די ערד, די בײַדלעך. דער טײַך איז אַרויס פון די ברעגן, פּילצאָליקע ריטשקעס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין וואַסערדיקן ראַכוועס.

נאָר אָט האָבן די רעגנס אופגעהערט, אינעם בלויען הימל איז ווידער געהאַנגען אַ בלענדיקע זון. דער טײַך איז פּאַמעלעך אַרײַן אין די ברעגן, כאָטש דאָס וואַסער האָט זיך אין אים געטראָגן אין אַ האַסטיקן שטראָם און געבראַוזט אין אַ סאַך ערטער. פאַר איין טאָג האָט די זון אויסגעטריקנט די העכערע באַצירקן, דאָס גראָז האָט זיך אופגעהויבן, באַפרײַענדיק זיך פון די שווערע וואַסער-טראָפּנס.

די מענטשן האָבן זיך געפרייט מיט דער אופגעלעבטער ליכטיקײַט, די אָנגעכמורעטע פּנעמער זײַנען ווייכער געוואָרן, זיך צעשטראַלט מיט שמייכלען.

— שײַעך צו זאָגן, — האָט געקלערט אַף אַ קאָל לייב געפּען, וועלכער האָט ליב געהאַט צו פילאָסאָפירן. — וואַלד איז אַ גרויסער, קלוגער קויעך. ווי אַ פאַנצער-שילד איז ער פאַר דער ערד — פון אַלץ פאַרטיידיקט ער זי. אפילע אַ געוויטער שטילט ער אײַן. זעט, אונדזער טײַכל האָט אַ שטיף געטאָן, אַ טומל געטאָן — און איז שטיל געוואָרן. גלייבט מיר, ייִדן, אָט די ערטער זײַנען אַ גאַניידן...

ער האָט זיך פאַרצויגן מיטן ציגאַרעט, געלאָזט אין דער הייך עטלעכע קנוילן רויך, זיך אַרומגעקוקט, צי מע הערט זײַנע ווערטער, און, איבערצײַגנדיק זיך, אַז מע הערט אים טאַקע אופמערקזאַם, פאַרגעזעצט:

— כ'האָב געפונען דאָ אַנומלטן ניט ווײַט פונדאַנען אַ קוטשעראַוון קוסטאַרניק, אַ מעטער אָנדערהאַלבן די הייך, און יאַגעדעס אַף אים אָן אַ שיר — לענגלעכע, אויסגעצוי-

גענע, אייניקע פון זיי שוין פיאָלעטעווע. ער רופט זיך, אַט דער קוסטארניק, זשימאָלאָסט. אין טיכאָנקע, האָב איך געהערט, פרעגלט מען פון אַט דער יאַגעדע אײַנגעמאכטס. מירן אויך א פרווו טאָן, הא? אינגיכן וועלן זיי רײַף ווערן.

און כאָטש קיינער האָט אים ניט געענטפערט, האָט געפען געוווּסט, אז זיי זײַנען מאסקים. וואָס זשע, מע קאָן, פארשטייט זיך, פרווון.

די ברייטהארציקע זון האָט אויסגעטריקנט די ביימער, דאָס גראָז, און אף דער נעשאָמע איז געוואָרן פריילעכער. די איבערוואנדערער האָבן זיך ווידער גענומען פאר דער ארבעט. ס'האָבן זיך צעזונגען די זעגן, זיך צעקלונגען אין קרעפטיקע הענט די העק, און ווײַט אין דער טײַגע האָבן זיך צעטראָגן די מענטשלעכע קולעס.

— אווראָם, — האָט צוגערופן אפן אנדערן טאָג אינדערפרי צו זיך געפען איינעם פון זײַן גרופע, — מע דארף שטעלן די ערשטע שטוב. געפינען אזא אָרט, ווו פון אלע זײַטן זאָל אהין ארײַנקוקן די זון. און זאָל זי שטיין אף א הויכעניש, ווי א קאָמאנדיר פארן סטראָי. און שיין דארף זי זײַן, אַט די שטוב, א קראסאוויצע. דיר פארטרויען מיר אָפּ-קלײַבן דאָס אָרט פאר דער שטוב.

אווראָם דאך האָט א שמייכל געטאָן:

— וואָס זשע דארף מען עס זוכן? שוין פאראן. אַט דאָרט, ווו אונדזער בײַדל שטייט, דאָס ערשטע בײַדל. איך מיין, אז דאָס איז טאַקע דאָס בעסטע אָרט.

געפען האָט ניט דערווידערט.

אין יענעם רעגנדיקן זומער פון יאָר 1928, ווען אפן אָרט פונעם קומענדיקן דאָרף האָט א גרופע געוואגטע איבערוואנדערער ארויסגעריסן בא דער טײַגע די ערשטע שטיקלעך ערד, זײַנען אף מײַרעוו אוועק די ערשטע בריוו צו די ווײַבער, קרוווים, פרײַנט. אין וויטעבסק, סמאָלענסק, קאזאן האָט מען געלייענט אַט די בריוו, און וועלכע עס זײַנען באשריבן געוואָרן די שיינקײַט און גרויסארטיקײַט פון דער ווײַטמיזרעכדיקער נאטור, בריוו מיט העלע טרוימען וועגן א פרעכטיקער צוקונפט, וועלכע עס ווארט אף די איבערוואנדערער. אלע האָבן זיך אפריער צונויפגערעדט ניט שרײַבן וועגן די שוועריקײַטן, ניט שרעקן די אייגענע... אין די אלטע וווין-ערטער זײַנען די בריוו געגאנגען פון שטוב צו שטוב.

כיענע רובינטשיק איז געווען איינע פון די ערשטע, וועלכע האָבן געגעבן די האס-קאָמע, אז די מענער זאָלן פאָרן אין ווײַטן קאנט. איצט האָט כיענע געלייענט דעם מאנס בריוו און געקלײַבן נאכעס, וואָס זי איז געווען גערעכט, דערלויבנדיק אים אוועקפאָרן. ס'האָט זי א צי געטאָן אהין, צו יענעם נײַעם לעבן, וועגן וועלכן ס'האָט איר געשריבן דער מאָן.

— דאָרט, צען טויזנט קילאָמעטער פונדאנען, אין דער ווילדער טײַגע, הייבט זיך אָן אזוינס ווי אזעלכס, א נײַ לעבן הייבט זיך אָן, — האָט כיענע אײַנגערעדט אירע כאווערטעס. — דאָרט זײַנען אונדזערע מענער, און אונדזער אָרט דארף אויך דאָרט זײַן. אַט הערט, וואָס מײַן מאן שרײַבט מיר: „די נאטור איז דאָ, כיענקע, אָן אויסערגעוויינלעך שיינע, קאָנסט זיך אפילע ניט פאָרשטעלן... קלײַב זיך פאוואָלינקע צונויף, און צו אָסיען וועל איך דיך באגעגענען".

אין סענטיאבער האָבן זיך פינף פרויען מיט זייערע צוויי און צוואנציק קינדער געלאָזט אין ווײַטן וועג. דער צוג איז געגאנגען לאנג. בלויז אין א כוידעש ארום האָבן די מענער זיי באגעגנט אף דער סטאנציע אָבלוטשיע. און אין סאָף אָקטיאבער האָבן די איבערוואנדערער ארײַנגעפירט זייערע ווײַבער און קינדער אין די ערשטע שטיבער פונעם נײַעם יישעוו. לייב געפען האָט באגעגנט זײַן שוועסטער מירע און דעם יינגערן ברודער וולאדימיר. ער האָט זיי געבראכט אין א גרויס הילצערן הויז, אוועקגעזעצט אף בענק:

— נו, אַט איז איצט אונדזער שטוב. דאָ וועלן מיר לעבן. איר ווייסט, וויאזוי מיר האָבן אָנגערופן דעם יישעוו? וואלדהיים. איר פארשטייט, וואָס דאָס באטײַט? א היים אין וואלד!..

אין יענעם אָוונט האָט זיך באוויזן שײַן אין די פענצטער פון די נײַ-אויסגעבויטע הײַזער, פון די קוימענס האָט זיך גענומען ציִען א פריילעכער רויך, און פון אלע צימערן האָבן זיך געטראָגן קלינגוודיקע קינדערשע קעלעכלעך.

געפענס שטוב שטייט נאָך ביז איצט אין סאמע צענטער פון וואלדהיים. זי שטייט אין דער טיף פונעם הויף, ווי זי וואָלט זיך אומיסטן אָפּגערוקט פון דער גאס, און קוקט מיט אירע פענצטער אף דאָרעם. די אלטע שטוב פון שוין טונקל-געוואָרענע בערווענעס מיט אויסגעטריקנטע ברעטער אף אירע פראָנטאָנען, די שטוב, וועלכע ס'האָבן אזויפיל יאָרן געשמיסן דער רעגן און דער שניי, איז נאָך א גענוג קרעפטיקע. נאָענט לעבן איר איז דער פּארק, און אין אים — ווי א ווײַסע שיף — די שול. אין דער שטוב וווינט די 75-יאָרי-

א גרוס דיר, בירָאָבידזשאַן!

Судьба еврейской литературы всегда была интересна мне. Я высоко ценю и люблю творчество Шолом-Алейхема и Ошера Шварцмана, Давида Гофштейна и Давида Бергельсона, Переца Маркиша и Льва Квитко, Арона Кушнирова и Самуила Галкина, Ицика Фефера и Дер Нистера, Изи Харика и Арона Вергелиса, Эммануила Казакевича и многих других талантливых мастеров.

Развитие современной еврейской советской литературы, несомненно, во многом связано с Биробиджаном.

Трижды довелось мне быть в этом суровом и прекрасном, героическом и душевно теплом краю, и всегда я возвращался оттуда обогащенный увиденным и заряженный новой силой молодости.

От всего сердца поздравляю Еврейскую автономную область с ее зрелым юбилеем – 50-летием!

Нового расцвета ей!

Новых творческих взлетов еврейской советской литературе!



Сергей Баруздин

гл.редактор журнала "Дружба народов", секретарь Правления Союза писателей СССР, лауреат Государственной премии РСФСР им. Максима Горького

דער גורל פון דער יִדישער ליטעראַטור איז מיר שטענדיק געווען אינטערעסאַנט. איך שאַץ הויך און האָב ליב די שאַפונג פון שאָלעם-אַלייכעם און אָשער שוואַרצמאַן, פון דאָוויד האָפשטיין און דאָוויד בערגעלסאָן, פון פּערעץ מאַרקיש און לייב קוויטקאָ, פון אַרן קושניראָוו און שמועל האַלקין, פון איציק פעפער און דעם ניסטער, פון איזי כאַריק און אַרן ווערגעליס, פון עמאַנויל קאַזאַקעוויטש און פון א סאַך אַנדערע טאַלאַנטפולע מײַסטערס.

די אַנטוויקלונג פון דער הײַנטצײַטיקער יִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז בעלי-סאָפעק אין פיל הינזיכטן פאַרבונדן מיט בירָאָבידזשאַן.

דרײַ מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אין אָט דעם האַרבן און פּראַכטפולן, העלדישן און האַרציק וואַרעמען קאַנט, און שטענדיק פלעג איך זיך אומקערן פון דאָרט א באַרײַכערטער מיטן געזעענעם און א באַגײַסטערטער מיט נײַער יוגנטלעכער קראַפט.

פונעם גאַנצן האַרצן באַגריס איך די יִדישע אווטאָנאָמע געגנט מיט איר רײַפן יובילײ — מיטן פופציקיאָריקן!

נײַעם אופבלי ווינטש איך איר!

נײַע שעפערישע הייכן דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור!

סערגײ באַרוזדין,
הויפּט-רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו", סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער-פאַרבאַנד פון פססר, לאַורעאַט פון דער מעלוכע-פּרעמיע פון רספסר אָף מאַקסים גאָרקיס נאָמען

* * *

קע מירע געפען — לייב געפענס שוועסטער. די באַלעבאָסטע באַגעגנט אונדז אין דעם פאָדערשטן צימער, וואָס דינט אויך פאַר א קיך. די גרויסע פליטע באַ דער וואַנט איז גוט אָנגעהייצט. די אַנדערע צימערן זײַנען ברייטע, גראַמע, ליכטיקע, הויכע. גוטע באַלעבאַטים האָבן געבויט אָט דאָס הויז.

מירע דאַך באַזעצט אונדז באַ א טיש, וואָס איז פאַרשפּרייט מיט א ברייטן ווײַסן לײַוונטענעם טישטעך, און אליין זעצט זי זיך צו לעבן פענצטער — אַזוי, אַז זי זאָל זען, וואָס עס טוט זיך אָף דער גאַס, און אויך די געסט זאָלן ניט פאַרבלײַבן אָן אויפמערקזאַמקײַט.

— דאָס גאַנצע לעבן מײַנס איז דאָ דורכגעגאַנגען. געקומען אַהער צו פאָרן אין סאָף 1928. דעמלט זײַנען בלויז עטלעכע שטיבלעך געשטאַנען צווישן די ביימער. אָבער מענטשן

האָבן שוין געגלייבט אין זייער צוקונפט. די ברידער מייַנע — לייב, מיכל, וואָלאַדימיר, דער מאַן אווראָם דאַך און אַנדערע האָבן געשטעלט אָט די ערשטע שטיבער. דערנאָך זייַנען דאָ אויסגעוואַקסן אונדזערע קינדער. אָט די ערד איז געוואָרן אונדז נאָענט און טייַער. פופציק יאָר לעב איך אָף איר, איינע געבליבן פון אַלע געפּענס...

יאָ, די צייַט איז אומבאַראַכמאַנאַנעסדיק. עס זייַנען שוין ניטאָ לייב געפּען און זייַנע ברידער. אינעם מוזיי פון דער אַרטיקער שול האָט מען אונדז געוויזן זייַן פאָטאָגראַפיע — אַ פאַרגרעסערטע קאָפּיע פון אַ שלעכט פאַרהיטן אָריגינאַל, אַראָפּגענומען פון עפּעס אַ דאָקומענט. אַ יונג מוטיק פּנים, ברייט צעעפנטע, אופמערקזאַמע אויגן. אויפן אָבעליסק לעקאָוועד דעם אָנדענק פון די וואָלדהיימער טוישווים, וועלכע זייַנען אומגעקומען אָף די פראָנטן בייס דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, איז פאַרצייכנט דער נאָמען — גריגאָרי דאַך. דאָס איז אווראָם און מירע דאַכס זון. דאָ, אין וואָלדהיים, איז ער געבוירן געוואָרן, פונדאַנען איז ער אוועק אויפן פראָנט אין עלטער פון אַכצן יאָר. און זיך ניט אומגעקערט. געפאַלן מיט אַ העלדנטויט אין 1944.

מירע דאַך ווערט אַנשוויגן און קוקט לאַנג אין פענצטער. וויפל מאָל האָט זי אַרויסגעקוקט דורך אָט דעם פענצטער, איינהערנדיק זיך אין דער נאַכטיקער שטילקייַט, צי טוט ניט אַ סקריפּע די קאַליטקע, צי וועלן ניט אַ הילך טאָן פאַרזיכטיקע טריט אויפן שטעג, צי וועט זיך ניט דערהערן אַ קלאַפּ אין פענצטער: „מאַמע!"

ניין.

די מילכאָמע האָט קיינעם ניט געשוינט.

— איז עס דען דער פריערדיקער וואָלדהיים, וואָס איך זע אים אויף יענער זייַט פענצטער? — פרעגט מירע דאַך. — איך קוק און דערמאָן זיך מייַן לאַנג לעבן דאָ, די אַרבעט. ניין, גאָר אַן אַנדער דאָרף איז עס געוואָרן.

ס'האָט זיך דורכגעטראָגן פאַרבייַ די פענצטער אַ ריזיקער אוטאָבוס, אַ געלער, מיט אַ ברייטן רויטן פּאַס פון אונטן. אַלע 15—20 מינוט קומט ער אַהער פון בּיראָבידזשאַן.

— מיר, די געפּענס, — זאָגט מירע דאַך, — זייַנען אַלע געבליבן טרייַ וואָלדהיים. געבויט אים, די ערד באַאַרבעט, געבאַוועט פּי. איך, אשטייגער, האָב העכער צוואַנציק יאָר געאַרבעט אויף דער פערמע, אַ מעלקערן געווען. די ברידער מייַנע, דער מאַן האָבן אים אַלע קוייכעס אָפּגעגעבן. וואָלדהיים איז אונדזער היים.

זי באַווייַזט אונדז אַ פאָטאָגראַפיע — לייב געפּען מיט זייַן פרוי. מיר קוקן זיך אייַן אין די געזיכט-שטריכן פון אָט דעם מענטשן, וועלכער האָט דער ערשטער געשטעלט דעם ערשטן טראָט אויף אָט דער ערד. עפּשער טאַקע אים געהערט דער געדאַנק וועגן דעם, אַז מע זאָל אָנרופן דאָס דאָרף „וואָלדהיים". עפּשער האָט ער, לייב געפּען, דער ערשטער אַרויסגעבראַכט: וואַלדהיים. דאָס קלינגט ווי אַ ליד, ווי אַן אָנזאָג פאַר דער אייביקייַט...

4

אין אַ יאָר אַרום נאָך דעם, ווי אין וואָלדהיים האָבן זיך באַזעצט די ערשטע איבערוואַנדערער, — אין אָקטיאַבער 1929, — האָבן עטלעכע מישפּאָכעס באַשלאָסן זיך פאַרייניקן אין אַ קאָלווירט. מע האָט אים אָנגערופן אַזוי, ווי דאָס דאָרף — „וואָלדהיים".

שווערע זייַנען געווען די ערשטע טריט פון דער יונגער ווירטשאַפט אויף דער נייַער ערד. אויך ערד גופע איז געווען ווייניק — איינגאַנצן עטלעכע אויסגעקאָרטשעוועטע העקטאַרן. נאָר די וואָלדהיימער קאָלווירטניקעס האָבן אַלץ מער און מער — אַ באַראָזנע נאָך אַ באַראָזנע — זי אָפּגעקעמפט בא דער טייַגע. און ערד האָט מען געדאַרפט האָבן — אָן איר איז די באַלעבאַטישקייַט ניט קיין באַלעבאַטישקייַט. אין 1930 האָבן די איבערוואַנדערער מיט די אייגענע הענט אויסגעקאָרטשעוועט און אָפּגערייניקט 111 העקטאַר אַקערערד. איינצייַטיק האָט זיך גענומען אַנטוויקלען די פּיצוכט. אין 1932 האָט דער קאָלווירט געהאַט 136 העקטאַר ערד, מער פון דרייַ הונדערט בעהיימעס, 108 פערד און עטלעכע צענדליק כאַזיירים.

צוביסלעכווייַז האָט זיך צעוואַקסן אויך דאָס דאָרף. אין 1931 זייַנען אין וואָלדהיים געווען 307 אייַנוווינער. אין 1932 — העכער 500, און אין 1933 — שוין בא 600 נעפאַשעס.

ניט אַלץ איז, פֿאַרשטייט זיך, געגאַנגען גלאַט. באַזונדערס שווער איז געווען דאָס יאָר 1932. אינמיטן זומער האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקע רעגנס, די אַרומיקע טײַכלעך זײַנען אַרויס פֿון די ברעגן. דאָס געוויסער האָט פֿאַרטרונקען קימאַט אַלע פֿעלדער. דער פּאַרזיי איז אויסגעווייקט געוואָרן. די קאָלווירטישע פּאַסעקע איז אומגעקומען, דאָס פּי איז פֿאַרבליבן אָן פּיטער. דאָס איז געווען אַ גרויסער אומגליק פֿאַר דער יונגער ווירטשאַפֿט. דער קאָלווירט איז אָבער אויסגעשטאַנען.

און וואָס פֿאַר אַ פֿרייד איז געווען בײַ אַלעמען, ווען אינעם דאָרף האָט זיך באַוויזן דער ערשטער טראַקטאָר! אָט וואָס עס האָט דערציילט אַן איידעס פֿון יענער געשעעניש:

...באַגעגענען דעם טראַקטאָר איז אַרויס דאָס גאַנצע דאָרף — גרויס און קליין. מענטשן זײַנען ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן מיט אופֿגעהויבענע הענט פֿאַר אַ באַגריסונג. אַ מאָדנער געהילך האָט זיך צו זיי דערטראָגן פֿונדערווײַטנס, און ווען אָט דער געהילך האָט זיך דערנעענטערט, האָט עמעצער זיך אַ וויצל געטאָן:

— ייִדן, איר הערט? מאָשיִעך קומט. מע האָט אים אהער אַ פֿוטיאָווקע געגעבן, און ער וועט פֿונדאַנען ניט אַוועקגיין, ביזוואַנען ער וועט ניט אופֿהייבן די גאַנצע צעלינאַ.

דער געהילך האָט זיך שוין געהערט גאַנץ נאָענט, און אינגיכן האָבן אַלע דערזען צווישן די ביימער דעם שטאָלענעם ריז. מע האָט אים באַגריסט מיט פֿריידיקע אויסגעשרייען.

אין 1933 זײַנען שוין אינעם קאָלווירט געווען צוויי טראַקטאָרס — אַ „קלעטראַק" און אַן „אינטער". מיט אָט די אײַזערנע פֿערד האָבן די טראַקטאָריסטן ראָזענפֿוד און זינטײַך איבערגעשטיגן אין אָנדערהאַלבן-צוויי מאָל די נאָרמעס אַפֿן פּאַרזיי פֿון ברויט-קולטורן.

דאָס יאָר 1933 איז געווען אַן איבערבראָך-יאָר אינעם לעבן פֿון דעם קאָלווירט. אין וואַלדהיים האָט זיך אָרגאַניזירט די ערשטע פֿרויען-בריגאַדע פֿון גרינסציכטלערנס בעראָש מיט דער קאָלווירטניצע ריביצקאַיאַ. פֿאַר די פֿרויען זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אַלע באַדינגונגען, זיי זאָלן זיך קאָנען מיִען ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, זיך באַטייליקן אינעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. „אין וואַלדהיים האָט די פֿרוי זיך באַפֿרײַט פֿון דער קיך אין פֿולן זין פֿון וואָרט, — האָט געשריבן ב. קאַבלענץ, דער אווטאָר פֿון דער בראָשור „וואַלדהיים", וועלכע איז דערשינען אין 1934 אינעם פֿאַרלאַג „דער עמעס". — אינעם קאָלווירט איז פֿאַראַן אַ פֿײַן אויסגעשטאַטע גאָרקיך, וועלכע באַזאָרגט די קאָלווירטניקעס מיט שפּײַז דרײַ מאָל אין טאָג. די קאָלווירטניצע איז פֿרײַ פֿון נאָכקוקן נאָך איר קינד, פֿון וואַשן ווינדעלעך — ס'איז פֿאַראַן אַ גוט אײַנגעאָרדנטער קינדער-גאָרטן, וועלכער פֿאַרנעמט פֿינף צימערן. אויך קינדער-יאַסליעס זײַנען דאָ. פֿאַר קולטור-אופֿקלערערישער אַרבעט איז אין וואַלדהיים אויסגעבויט געוואָרן אַ געראַמער קלוב מיט אַ צושויער-זאַל פֿאַר 300 ערטער".

אין דער זעלבער בראָשור ווערט באַשריבן, וויִאַזוי וואַלדהיים האָט אויסגעזען אין יאָר 1933:

„דער נאָמען „וואַלדהיים" („אַ היים אין וואַלד"), וועלכער האָט אַנטשפּרעכט דעם ערשטן פּעריִאָד, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן בויען דער ייִשעוו, דעם פּעריִאָד פֿון בויען אַ היים אין וואַלד, ווען געדיכטע ביימער האָבן אין שאָטן פֿון זייערע בלעטער באַהאַלטן די ערשטע הײַזער פֿונעם דאָרף, — איז הײַנט שוין געוואָרן געשיכטע. פֿון יענעם וואַלד ביזן איצטיקן ייִשעוו איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג. פֿינף יאָר שלאָגלערישע אַרבעט האָבן פֿאַריאָגט די טײַגע, און בלויז פּניאָקעס אַף די ראַנד-געביטן דערמאָנען וועגן דער פֿאַרגאַנגענהײַט. נאָך אויך אָט די פּניאָקעס קאָרטשעוועט מען אויס, און אַף זייער אָרט וואַקסן אויס פֿעלדער און גערטנער.

פֿינף יאָר — און דער נאָמען „וואַלדהיים" איז געוואָרן געשיכטע. דער וועג פֿון טיכאָנקע ביז וואַלדהיים איז דער בעסטער וועג אין ביראָבידזשאַן. אַפֿן 12-טן קילאָמעטער וועט איר אָנטרעפֿן אַף אַן אַרקע, פֿון וועלכער עס קוקט אַראָפּ מיט שטאָלץ אַ פֿינפֿעקיקער שטערן אַף אַ פֿלאַטערנדיקער רויטער פֿאָן. די אַרקע — דאָס איז דער טויער פֿון וואַלדהיים. הינטער איר הייבט זיך אָן אַ שערענגע הײַזער, וועלכע בילדן אַ לאַנגע ברייטע גאַס. אין דער זײַט זעט מען נאָך איין גאַס, וועלכע פֿאַרענדיקט זיך אינדערווײַטן מיט נײַע, נאָך ניט פֿאַרענדיקטע דעכער פֿון שטיבער.

וואַלדהיים איז איינס פֿון די בעסטע איבערוואַנדערער-דערפֿער. דער קאָלווירט פֿאַרנעמט זיך מיט גערטנערײַ, פֿיצוכט, כאַזיירימצוכט, בינענצוכט. וואַלדהיים האָט אַ ציגלזאַוואָד, אַ שנײַדער-אַטעליע און אַ זאָקן-אַרטעל. די שטאַלן פֿאַר די כאַזיירים, בעהיימעס, פֿערד באַוווּנדערן מיט זייער ריינקײַט. אַלע געבײַדעס זײַנען קאַפּיטאַלע, וואַרעמע, ליכטיקע און געראַמע.

— ביז פיר פּוד האָניק קאָנען מיר באַקומען פון יעדן בינשטאָק, — האָט אונדז געזאָגט דער בריגאַדיר פון דער בינענצוכט-בריגאַדע שקאָלניק, — און אַזעלכע בינשטאָקן האָבן מיר 320...

אין סאָף 1933 איז אין ביראָבידזשאַן פאַרגעקומען א ראַיאָנישער צונויפֿלי פון קאָלווירטניקעס-שלאָגלער. מע האָט אף אים אײַנגעלאַדן אויך לייב געפּענען. אלעמען האָט זיך פאַרגעדענקט זײַן רעדע. זי איז געווען א קורצע, נאָר א קלאָרע און מיט הומאָר. דער קאָלווירטניק האָט דערציילט וועגן זײַן ארבעט, וועגן די שוועריקײַטן, וואָס מע האָט געדאַרפט בײַקומען בייסן פאַרזיי.

— די זייעלקע האָט זיך אָפּגעשטעלט, — האָט דערציילט געפּען, — די צײַט גייט, יעדע מינוט איז טײַער. האָב איך זיך מעיאַשעוו געווען, גענומען דאָס זעקל מיט זריע איבער די אַקסלען און אוועק זייען מיט די הענט. און נישקאָשע, כ׳האָב פאַרזייט מער, ווי צוויי יונגע באַכערים צוזאַמען גענומען.

אפן צונויפֿלי האָט געפּען ארויסגערופן אף א געוועט דעם בעסטן ערדארבעטער פונעם שכייִנישן קאָלווירט.

5

ס׳איז אוועק א גוטער שעם וועגן וואַלדהיים איבערן גאַנצן לאַנד. די איבערוואַנדערער האָבן געשריבן בריוו, אײַנגעלאַדן די אייגענע, באַקאַנטע, פרײַנט.

...דורך גאַנץ רוסלאַנד איז געגאַנגען דער צוג, אין וועלכן ס׳איז געפאָרן אפן ווײַטן מיזרעך לייב רעזניק מיט זײַן ווײַב כײַע, מיטן זון אווראָם און מיט דער קלייניקער טאָכטער פייגע. וואָס וואַרט אף אים דאָרט, אפן נײַעם אָרט? — האָט געקלערט דער שוואַרצבערדיקער יונגער איבערוואַנדערער, בײַקומענדיק די לעצטע קילאָמעטערס פון טיכאָנקע ביז וואַלדהיים. ניט געוווּסט האָט ער נאָך, לייב רעזניק, אז א גרויס לעבן וועט ער אָפּלעבן אף אָט דער ערד, און די קינדער זײַנע וועלן דאָ געפינען גליק און מענטשלעכן קאָוועד, און אז ער וועט אין וואַלדהיים פלאַנצן סעדער, וואָס אַזעלכע האָט מען דאָ קיינמאָל ניט געזען, אז רײַפן וועלן אין אָט די סעדער עפּל, און באַרן, און פלוימען, און זאַפּטיקע יאַגעדעס, און אז ניט צופעליק וועט זומער 1935 דער פרעזידיום פונעם געגנטלעכן אויספיר-קאָמיטעט אף זײַנער א זיצונג אויסהערן א באַריכט פון דעם קאָלווירטניק פון וואַלדהיים און וועט אָנעמען א ספּעציעלע באַשטימונג.

אין 1939 האָט לייב רעזניק באַקומען א צײַגעניש וועגן דעם, אז ער, דער סאָדציכטלער פונעם קאָלווירט „וואַלדהיים", וועלכער האָט פאַרלייגט און אויסגעכאָוועט דעם ערשטן אין דער געגנט סאָד אף א שעטעך פון 5,15 העקטאַר, איז באַשטעטיקט אלס אָנטיילנעמער אין דער אלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג, און זײַן נאָמען איז ארײַנגעטראָגן אין ערן-בוך.

ניט געוווּסט האָט דעמלט לייב רעזניק, אז דאָ, אין וואַלדהיים, וועט ער זײַן דער גרינדער פון א גאַנצער דינאַסטיע ערדארבעטער און אז די טאָכטער זײַנע, וועלכע ער האָט געבראַכט קיין וואַלדהיים נאָך גאָר א פּיצל קינד, וועט אויך דאָ געפינען איר גליק. פייגע פײַמאַן, די גרינסציכטלערן, דער קאַוואַליער פון א לענין-אָרדען און פונעם אָרדען פון דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע, דער מיטגליד פונעם קאָמיטעט פון די סאָוועטישע פרויען, איז גוט באַוווּסט ניט בלויז אינעם כאַבאַראָווסקער קאַנט.

...ס׳האָט ניט געוווּסט, וואָס פאַר א גורל עס וועט בא אים זײַן, אויך דער גרינדער פון נאָך איין וואַלדהיימער דינאַסטיע — דער יונגער איבערוואַנדערער יעכיעל ראַק. 35 יאָר פון זײַן לעבן האָט ער אָפּגעגעבן דעם קאָלווירט. דער וועג קיין וואַלדהיים האָט זיך בא אים אָנגעהויבן אין 1932, ווען קיין בערדיטשעוו איז אָנגעקומען א בריוו פון ביראָבידזשאַן. דער שוואָגער האָט געשריבן יעכיעלן וועגן דעם, אז ווי שווער ס׳איז די ערשטע צײַט ניט געווען אינעם אומבאַקאַנטן קאַנט, האָבן זיך אלע איצט שוין אײַנגעפונדעוועט און זיי קוקן מיט האָפענונג אף דער צוקונפט. „אַזוי־אַרום, טײַערער, טראַכט ניט לאַנג, פאַרקויף דאָס פערדל מיט אלע בעבעכעס און קום צו פאָרן בויען א נײַ לעבן... ווייסט וועלן אַקערן די ערד — איז ערד פאַראַן, ווייסט וועלן, ווי פריער, האָבן צו טאָן מיט פערד — זײַנען

אויך פערד דאָ פאַראַן. האקיצער, טײַערער יעכיִעל, דו ווייסט דאָך דײַן שוואָגער נאכמענבערגערן, קיין ווערטער אפן ווינט ווארפט ער ניט, באקלער אַלץ ווי ס׳געהער צו זײַן, און האָב א גליקלעכן וועג".

האָט געטראכט און געטראכט דער באַלעגאָלע יעכיִעל ראַק און געטאָן ווי זײַן שוואָגער האָט אים געייצעט — פאַרקויפט די גניאַדע קאָבילע אײַנעם מיטן וואָגן און מיט די רעשטן פון פּוראַזש, זיך געזעגנט מיט די קרוווים און באַקאַנטע און זיך געלאָזט אין וועג צוזאמען מיטן ווײַב און מיט די קליינע קינדערלעך.

קיין וואלדהיים זײַנען זיי געקומען אין א שיינעם טאָג, מע האָט זיי באַזעצט אין א גוטער היִלצערנער שטוב, וועלכע איז זיי אַלעמען געפעלן געוואָרן — א ליכטיקע, שמעקט נאָך מיט סמאָלע, און די פענצטער קוקן ארויס גלײַך אף דער זון.

אפן אנדערן טאָג איז יעכיִעל ראַק שוין ארויסגעגאנגען קאָרטשעווען די טײַגע — זיצן מיט פאַרלייגטע הענט איז ער ניט געווען צוגעווינט. געקאָרטשעוועט האָט מען דעריקער מיט די הענט. מ׳האָט געוואַלגערט די ביימער, דערנאָך אונטער דער ברענענדיקער זון געשלעפט די פּניאָקעס. באטאָג האָט געטאָן אין טויט ארײַן די מאָשקארא — זי איז געקראָכן אין די אויגן, אין דער נאָז, אין די אויערן, געביסן סאקאָנעס-נעפּאָשעס.

יעכיִעל האָט געהאקט מיט דער האַק ביימער, נאָר ס׳האָט אים אַלץ מער און מער געצויגן צום טראַקטאָר. ער האָט געזען, ווי דאָרט, וווּ צען מענטשן האָבן קוים זיך ספּראַוועט, האָט דער טראַקטאָר מיט איין מאָל ארויסגעריסן א מעכטיקן וואָרצל. איינמאָל האָט ער ניט אויסגעהאַלטן — זיך מוידע געווען דעם ווײַב, אז ער שלאָפט און זעט זיך אַלס טראַקטאָריסט. כײַע האָט אים ניט געפּרוווט אָפּריידן: אינדערהיים איז ער געווען צוגעווינט צום פערד, און דאָ וויל ער זיך איבערזעצן אפן טראַקטאָר — מאכעטייסע.

אינגיכן האָט מען יעכיִעלן באַשטימט פאַר א בריגאַדיר. און ווען אין ביראָבידזשאַן האָבן זיך געעפנט קורסן פאַר טראַקטאָריסטן, האָט מען אים אהין געשיקט. אין א האַלב יאָר ארום, פאַרענדיקט די לער, האָט ער זיך אומגעקערט אין קאָלווירט. מ׳האָט אים געגעבן א טראַקטאָר. און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך שוין ניט געזעגנט מיט זײַן שטאָלענעם פערד...

נײַן קינדער האָבן אויסגעכאָוועט כײַע און יעכיִעל ראַק, און א סאַך פון זיי האָבן פאַרביטן די עלטערן אפן קאָלווירטישן פעלד.

די דרײַסיקער-פערציקער יאָרן... דאָס קליינינקע פּינטעלע אף דער מאַפּע פונעם לאַנד — דאָס ווײַטמיזרעכדיקע דאָרף וואלדהיים — האָט געלעבט מיט א לעבן, פול מיט אַרבעטס-ענטוזיאַזם. דער קאָלווירט האָט זיך געבויט, אָנגענומען קויכעס, געוואַקסן. און בישכיינעס מיט וואלדהיים האָבן איבערוואנדערער פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד געגרינדעט דאָס דאָרף זשאַלטי יאַר און געשאַפן דאָרט דעם קאָלווירט אף אניקייעווס נאָמען. באנאנד מיט וואלדהיים האָט זיך אין 1937 אָרגאַניזירט דער קאָלווירט „20 יאָר אָקטיאַבער".

די טײַגע האָט אָפּגעטראָטן אונטערן דרוק פון דעם מענטשן. אפן אָרט פון פאַרזומפּיקטע ראַכוועסן האָבן זיך באַוויזן בליִענדיקע פעלדער, אָנשטאָט די קליינע שטעגן האָבן זיך גענומען ציִען ברייטע וועגן.

ס׳איז געווען ניט פּאַשעט אויסצובויען אף א פּוסט אָרט א דאָרף, שטעלן אף די פיס א קאָלעקטיוועווירטשאַפט — קימאַט אָן מאַשינען, אָן מעכאַניזמען, ווײַל דאָסראָוו אַרבעטס-פּראָצעסן זײַנען אויסגעפילט געוואָרן מיט די הוילע הענט. נאָר צוביסלעכווײַז האָט זיך די לאַגע פאַרבעסערט. יאָר נאָך יאָר האָט די יונגע ווירטשאַפט זיך אָנגענומען מיט מער קויעך, ס׳האָבן זיך פאַרברייטערט די פאַרזיי-שעטאָכים, ס׳איז געוואַקסן די צאָל פי, ווי אויך דער מאַשין-פּאַרק. די ווירטשאַפט איז געוואָרן אַלץ קרעפטיקער, די קאָלווירטניקעס האָבן אָנגעהויבן לעבן אַלץ פאַרמעגלעכער.

ברייטע פּערספּעקטיוון האָבן זיך צעעפנט פאַרן יונגן קאָלווירט, נאָר עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע...

6

אין יענעם זונטיקדיקן אינדערפרי האָט יעדער געהאַט זײַנע פּלענער, זײַנע זאָרגן. און דאָס איז לאַכלוטן ניט געווען פאַרבונדן מיט אָפּרו. ווײַל ווער קלערט פון אָפּרו אין אזא צײַט, ווען אף די לאַנקעס זײַנען צײַטיק געוואָרן די גראָזן און מע דאַרף גלײַך דורכפירן דעם היישניט, און נאָך די שלאַקסרעגנס האָבן זיך אף די קאַרטאָפל- און אויבס-פעלדער

אופגעהויבן די מיסטגראָז, און אויב דורכלאָזן דעם מאָמענט, וועט מען שוין די גערעטעניש ניט קאָנען אָפּראַטעווען.

יודל פעלדהענדלער, דער פאַרזיצער פונעם וואַלדהיימער קאָלווירט, האָט גאַנצפריי זיך געקליבן צופאָרן אַף א ווײַטער לאָנקע. אוועקגעזעצט האָט ער זיך ניט אַפן „פּערזענלעכן" גניאַדע זשערעבטשיקל, נאָר אין א וועגעלע אַף צוויי רעדער, קעדיי פאַרכאַפּן מיט זיך עפּעס-וואָס פון פּראָדוקטן פאַר די שניטער. אין פעלד-טאַבאָר זײַנען געקומען די טראַקטאָריסטן. אין ווײַסע טיכלעך אַף די קעפּ זײַנען געגאַנגען מיט סאַפּקעס אַף די אַקסלען די גרינסציכטלערנס. דער טאָג האָט געדאַרפט זײַן א הייסער, א זוניקער — אַזאַ מין טאָג האָבן די ערדאַרבעטער ליב. מענטשן האָבן זיך געפרייט מיטן בלויען הימל, אַף וועלכן מ'האָט ניט געזען קיין מינדסט וואָלקנדל, מיט דער פרישער גרינקײַט פון די גראָזן און פון די ביימער, מיטן שטילן ווינטל, וואָס האָט געבראַכט פונעם טײַך א מילדע קילבלעכקײַט...

נאָר ס'איז גענוג געווען, עס זאָל אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקײַט א הילך טאָן אן איין-און-איינציק וואָרט, אן איין-און-איינציקס, אָבער זייער א שרעקלעכס, ווי אַלע, פאַרגעסנדיק אַלץ מיטאַנאַנדער, האָבן געוואָרפן די איניאָנים, וואָס פריִער האָט מען זיי ניט געקאָנט אָפּלייגן אַף קיין איין מינוט. מ'איז געלאָפן אַהיים, אין דאָרף, פונקט ווי די באָמבעס, וועלכע די פאַשיסטן האָבן אַראָפּגעוואָרפן אין יענעם יון-זונטיק, וואָלטן זיך געריסן ניט טויזנטער קילאָמעטערס פונדאַנען, נאָר אָט דאָ, באַנאַנד, לעבן דעם אייגענעם הויז, און מע האָט געדאַרפט באַלד, ניט אָפּלייגנדיק אַף קיין איין מינוט, זײַן דערנעבן, פאַרשטעלן פונעם שרעקלעכן אומגליק די קינדער, די שטוב, די גאַס — אַלץ, מיט וואָס מ'האָט געלעבט און וואָס עס איז אַרײַן אין זייער לײַב און לעבן. מילכאָמע...

צו פעלדהענדלערן איז אָט די יעדיִע דערגאַנגען שוין קימאַט בא דער סאַמע הייִלאָנקע — ער האָט בוילעט געהערט, ווי עס טרישטשען די שנײַדמאַשינעס.

— פעטער, א מילכאָמע! די דײַטשן האָבן באָמבאַרדירט קיִעוו, אָדעס! — האָט א געשריי געטאָן א באָכערל, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן אַפן וועג, — מ'האָט אים, אַפּאָנעם, געשיקט מעלדן די שרעקלעכע נײַס אין שכיינעסדיקן דאָרף.

פעלדהענדלער האָט אַפגיך פאַרקערעוועט דאָס וועגעלע צוריק קיין וואַלדהיים.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען א פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג. די פּנעמער זײַנען בא אַלעמען געווען אָנגעשטרענגט-ערנסטע. גערעדט האָט מען קורץ און קאַטעגאָריש. אַף דער טאָגאָרדענונג איז געווען איין פראַגע: „די אופגאַבן פון די קאָמוניסטן אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָנפאַל פון דעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד אַף אונדזער היימלאַנד".

די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן: „די קאָמוניסטן — אַפן פראָנט. ווער עס וועט פאַרבלײַבן אין קאָלווירט, דאַרף אַרבעטן מיט דאָפּלטער אָנגעשטרענגטקײַט".

ווייניק מענטשן האָט מען אין יענעם זומער געזען אַף די וואַלדהיימער גאַסן. עס זײַנען אוועק אין מיליטער-קאָמיסאַריאַט טראַקטאָריסטן, די טעסלער, מוליער, פּיציכטלער. אַפן פּלאַץ לעבן דער געבײַדע פון דער קאָלווירט-פאַרוואַלטונג, וווּ ס'איז געווען דער זאַמלפּונקט פון די מאָביליזירטע, האָט טאָג נאָך טאָג געקלונגען איין און די זעלבע מעלאָדיע — די ליד וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

אין קאָלווירט זײַנען געבליבן בלויז נײַן קאָמוניסטן. אַף דער פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג האָט מען פאַנאַנדערגעטיילט צווישן זיך די פליכטן. דעם פאַרזיצער פונעם קאָלווירט פעלדהענדלערן האָט מען אויסגעוויילט אויך פאַרן סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע, יעכיִעל ראַק איז געשטעלט געוואָרן בעראָש פון דער טראַקטאָר-בריגאַדע, לייב רעזניק האָט גענומען אַף זיך די אויבס-פעלדער.

אַף אָט דער פאַרזאַמלונג האָט מען אָנגענומען אין דער פּאַרטיי שיפרע קאָטשינע. קיין וואַלדהיים איז זי געקומען אין 1936 שוין ניט קיין יונגע. זי איז געווען אן ענערגישע פרוי מיט א פעסטן ווילן, א זיכערע אין זיך. ווען מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז די נײַע איבערוואַנדערן איז באַקאַנט מיט גרינסציכטלערײַ און האָט אפילע זיך געלערנט אַף ספּעציִעלע קורסן, האָט מען איר פאַרגעלייגט אָנפירן מיט דער בריגאַדע גרינסציכטלער.

קיין מישפּאָכע האָט קאָטשינע ניט געהאַט. איר גאַנצער פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון אן אַלטמאָדישן קאַסטן, געקאָוועט מיט אײַזן. מ'האָט איר אויסגעטיילט א צימער אין א פילדירעדיקן הילצערנעם הויז, נאָר אין שטוב האָט מען זי געזען זייער זעלטן. גאַנצענע טעג — פון פרי ביז שפּעט, אינדערוואָכן און אין יאָמטויווים — איז זי געווען אין פעלד. די מילכאָמע האָט זי ווי ניט אָנגערירט. קיינעם האָט זי ניט באַגלייט אַפן שטויביקן פּלאַץ לעבן דער קאָלווירט-פאַרוואַלטונג, פון קיינעם ניט געוואַרט קיין בריוו פונעם פראָנט. נאָר

ПОМНИТЕ! ПОЖАЛУЙСТА, ПОМНИТЕ, КАКОЙ
ЦЕНОЙ ЗАВОЕВАНО СЧАСТЬЕ!
МЕШУРИС И.Е.
ГУРАЛЬНИК Я.М.
ДАК Г.А.
ЗАДОВ Ф.Н.
ЗАЙЧИК Р.А.
ЗИЛЬБЕРМАН Д.Ю.
КАЦ А.М.
ПЕЧЕРСКИЙ И.Г.
РАСКИН Д.И.
РЕЗНИК Ш.З.
ХАЗАН М.И.
ХАЛИФ Е.Ш.
1941
1945

1

2

3



4

5

1. דער דענקמאָל אין צענטער פון וואלדהיים לעקאָוועד די לאַנדסלײַט, וועלכע זײַנען אומגעקומען אפן פראָנט

2. וואלדהיים. די צענטראלע גאס

3. וואלדהיימער וועטעראנען (פון רעכטס אף לינקס): לייב געפען; לייב רעזניק; דאָס ערשטע קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אף דער וואלדהיימער ערד אין 1931 בא ג. און ר. גאָלדמאן; איינער פון די ערשטע טראקטאָריסטן — עליע אייגעל

4. די ערשטע וואלדהיימער קאָלווירטניקעס אפן פריילינג־פארזיי

5. וואלדהיימער בינענציכטלער שקלאָווער און מינז. פאָטאָ פון די דרײַסיקער יאָרן

6. א קאָלווירטישער רינג גייט צו דער ארבעט

6

דאַפקע אין אָט יענער צייַט האָט מען זי ווי פאַרביטן. געוויינלעך א שוויַיגערן, אפילע א צופיל שטרענגע, איז זי געוואָרן אופמערקזאמער צו מענטשן, אין איר האָט אופגעוואכט א ניט געוויינלעכער מיטלייַד-געפיל צו פרעמדע צאָרעס און צאר, און די „פאָכאַראַנקעס", וועלכע פלעגן אָנקומען אין דער בריגאדע, האָבן איר פארשאפט גרויסע יעסורים.

אין דער בריגאדע זייַנען איבערהויפט געווען פרויען-סאָלדאטקעס. פינף אזייגער אינדערפרי פלעג זיך אָנהייבן דער ארבעטס-טאָג. באטאָג — א קורצער איבערבייַס, און ווידער די סאפקעס אין האנט, ביז אפדערנאכט. מיט ציטער ווארט מען אפן פאָטשטאליאָן: וועמען וועט ער הייַנט ברענגען די טרויעריקע יעדיִע? בא יעדערן איז אפן פראָנט דער מאן, דער פאָטער אָדער א ברודער.

אָט פארטראכט זיך אף א רעגע גיטל ראשבערג, זי גלייַכט אויס די פלייצע, ווישט אָפ מיט א טיכל דעם שווייס פון פאָנעם:

— פונעם זון מייַנעם, פון הערשעלען, איז עפעס שוין לאַנג ניטאָ קיין יעדיִע...

— ער האָט, ווייַזט אויס, ניט קיין צייַט צו שרייַבן... אזא פייַער, — פרווט זי עמעצער באַרויִקן.

און אָט טוט זיך א וואָרף מיט א יאָמער א יונגע פרוי.

— אוי, גרישע, גרישע! — הערט מען בלויז איין וואָרט.

סאכאקל איין כוידעש האָבן זיי באוויזן אָפלעבן צוזאמען נאָך דער כאסענע... קאָטשינע דריקט צו צו זיך די יונגע אלמאָנע פונעם סאָלדאט. קאָן מען דען געפינען טרייסטווערטער? „מע דארף זאָגן דעם פאָרזיצער, מע זאָל איר מישפאָכע אָנקאָסיען היי אין דער ערשטער ריי, צורעכט מאכן די שטוב", טראכט דער בריגאדיר.

מיט א שווארץ טיכל איז איבערגעבונדן ציליע זאדאָווא. ארום מויל — פרישע קנייטשן. זי האָט שוין ניט אף וועמען צו ווארטן. איר פעדיע איז אומגעקומען. זי טראכט וועגן איר פריִערדיק לעבן, און ס'קומט אויס, אז יעדער טאָג, וואָס זי האָט אָפגעלעבט פאר דער מילכאָמע, איז געווען ווי א יאָמטעוו. מיט פעדיען איז זי געקומען קיין וואלדהיים פון קרים, און שוין אין ערשטן אָוונט — האָט זיך איר פארגעדענקט — זייַנען זיי אוועק קוקן א קינאָפילם אין קלוב. דאָרט איז געשטאנען אן אלטיטשקער ראָיאל, פעדיע האָט פארהייבן דאָס דעקל, האָט א פיר געטאָן מיט די פינגער איבער די קלאווישן, און אין זאָל האָט זיך צעגאָסן א פרייִלעכע מעלאָדיע. דערנאָך האָט ער געזונגען עפעס א פארשייַט אָדעסער לידל. דעם סעאנס האָט מען געמוזט פארהאלטן, ווייַל דער אוילעם האָט ניט געוואָלט אָפלאָזן דעם שווארצכיינעוודיקן באָכער מיטן שיינעם טשוב. באטאָג האָט פעדיע געארבעט אין דער פעלד-בריגאדע, און אין אָוונט פלעגט ציליע מיט אים גיין אף א רעפעטיציע פונעם דראמקרייַז אָדער אין קינאָ. אוי, ווי גליקלעך זייַנען זיי ביידע געווען!

— נאָר פארוואָס? פארוואָס אזא ביטערע אָנשיקעניש אף די מענטשן, שיפרע מארקאָוונע?

אלע — צו קאָטשינע. זי איז פאר זיי ווי א מוטער, צו איר גייט מען נאָך א טרייסט, נאָך אן אייצע.

קאָטשינעס בריגאדע האָט שטענדיק די ערשטע אין ביראָבידזשאנער ראיאָן פארענדיקט יעטן און ארויפנעמען די גערעטעניש פון קרויט, קארטאָפל, אוגערקעס. אף איינער פון די ראיאָנישע בעראטונגען האָט מען זי געבעטן זיך טיילן מיט דער דערפארונג.

— און עפשער וואָלט איר דאָס אלץ באשריבן אין א בוך? — האָט בייסן איבערייַס געפרעגט בא איר דער סעקרעטאר פונעם ראיקאָם. — דעמלט וואָלטן וואָס מער מענטשן זיך געקאָנט באקאנען מיט דער דערפארונג פון די וואלדהיימער גרינסציכטלער.

— מע דארף א פרווו טאָן, — האָט זי געענטפערט און איז גלייַך איבערגעגאנגען אין א שפאס: — וואָס פאר א שרייַבערן בין איך?

פונדעסטוועגן האָט זי פארן בוך זיך גענומען. געשריבן באנאכט בא דער שייַן פון א קעראָסין-לאָמפ. און דעם קסאוויאד אָפגעגעבן צום טערמין. דאָס ביכל איז געפעלן געוואָרן, מ'האָט עס אָפגעדרוקט. געהייסן האָט עס: „וויִאזוי מיר דערשלאָגן זיך הויכע גערעטענישן פון גרינוווארג", און ס'איז גלייַך געוואָרן א הילפבוך פאר די בייַאמורער קאָלווירטניקעס.

אינעם ערשטן נאָכמילכאָמע-יאָר האָבן די קאָלווירטניקעס אויסגעוויילט שיפרע קאָטשינע אלס דעפוטאט פונעם אויבערסאָוועט פון פססר. דאָס איז געווען בא איר די גליקלעכסטע צייַט אין לעבן. זי האָט ווייַטער פאָרגעזעצט ארבעטן מיט באגייַסטערונג אף די

אויבס-פעלדער, זיך אריַנגעטאָן אין די דעפּוטאַטישע איניאַנים. שיפרע האָט זיך באמיט ניט צו באמערקן, ווי די עלטער גאנוועט זיך אונטער, דאָס געזונט ווערט אונטערגעריסן...

און מענטשן האָבן הויך אָפּגעשאצט איר מעסירעסנעפּעשדיקע מי. איינע פון די וואלד-היימער גאסן טראָגט איצט דעם נאָמען — שיפרע קאָטשינע.

7

ביז יון פונעם איין-און-פערציקסטן האָט לייב רעזניק אָנגעפירט מיטן סאָד, וואָס ער אליין האָט אים אויסגעכאָוועט. נאָר אָף יענער ערשטער פּארטיי-פאַרזאמלונג, גליַיך ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט מען אים באשטימט, צוזאמען מיט שיפרע קאָטשינע, נעמען אָף זיך דעם אופזיכט פון די אויבס-פעלדער.

— און דער סאָד? — האָט ער געפרעגט באם פאַרזיצער.

— וואָס דער סאָד? — האָט יענער איבערגעפרעגט.

— מיטן סאָד וואָס וועט זיַין?

פעלדהענדלער האָט שווער א זיפץ געטאָן:

— לייב, טיַיערער מיינער! זע, וואָס עס טוט זיך... די דיַיטשן טאָפּטשען די ערד פון אוקראַינע און וויַיסרוסלאַנד, ריַיסן זיך קיין מאָסקווע. ברויט דארף מען האָבן, קאַרטאָפל, פליייש! און דער סאָד... וואָס זאָל איך דיר זאָגן?

ערשט איצטער האָט רעזניק פארשטאנען, אין וואָס עס גייט. מע צעשיידט אים מיטן סאָד. דעם פאַרזיצער קאָן מען, געוויינלעך, פארשטיין. די פלענער פון ליפערן פּראָדוק-ציע דער מעלוכע האָבן זיך פארגרעסערט. און מענטשן איז געוואָרן אין צוויי מאָל ווייני-קער. פון עפּעס האָט מען זיך גענדארפט אָפּזאָגן — איז דער גורל אויסגעפאלן אָף לייב רעזניקס סאָד. אָבער וויַאזוי נעמט מען און מע ווארפט אוועק אָט דאָס, וואָס עס איז מיט אזויפיל מי געשאפן געוואָרן? דערצו נאָך האָט זיך אין יענעם ערשטן מילכאָמע-זומער אויסגעגעבן א זעלטענע גערעטעניש פון יאגעדעס. רעזניק האָט אופגעהויבן קינד-און-קייט — אלע שילער, זקיינים, אינוואלידן פונעם דאָרף, ער איז געגאנגען פון שטוב צו שטוב, איַינגערעדט, צוגעזאָגט גאָלדענע בערג. לויט זיַין באקאָשע האָט די בירָאָבידזשאנער ניי-פאבריק צוגעשיקט אירע מיידלעך. און מ'האָט געראטעוועט די גערעטעניש. לייב האָט ניט געלאָזט, עס זאָל פארפאלן ווערן זיַין טרוים, זיַין האָרעוואניע. און צו זיַין איצטיקן אָפיציַעלן פּאָסטן פון א גרינסציכטלער האָבן מענטשן אומבאדינגט צוגעגעבן אויך זיַין פריַערדיקן נאָמען, מיט וועלכן מע האָט אים געקרוינט — סאָדציכטלער: לייב דער סאָד-ציכטלער.

...— לייב, א בריוו פונעם פראָנט!

ס'האָט אים א שטאָך געטאָן אין הארצן. שוין לאנג איז ניט געווען קיין בריוו פונעם זון. ער ווייסט, אז זיַין אוורעמעלע שלאָגט זיך הינטער לענינגראד. מיט ציטערדיקע הענט עפנט ער דעם סאָלדאטישן דריַיעק. א באקאנטער האנטשריפט אָף א בלעטל פון א העפט, צעווירעט מיט קעסטעלעך. דעם זונס קסאוו. און אן אויסשניט פון א ציַיטונג: „דער קאָמיו-גיסט פונעם דאָרף וואלדהיים, כאבאראָווסקער קאנט, אבראם רעזניק האָט זיך דער ערשטער אריַינגעריסן אין דער פיַינטלעכער טראנשיי, פארניכטעט דריַי פאשיסטן און דעם פערטן גענומען אין געפאנגענשאפט". מאָלאָדיעץ, אוורעמל! לייב טוט א זוך מיט די אויגן פייגעז. די טאָכטער האָט געארבעט אין זיַין בריגאדע.

— טאָכטערקע, א בריוו פון אווראָמען! זוך אָפּ די מאמע. ער לעבט, אבראשענקע. לייען איבער מיט דער מאמען, וואָס פאר א העלד ער איז בא אונדז!

וואָגיק איז געווען דער ביַיטראָג פון וואלדהיים אינעם זיג פון דעם סאָוועטישן פאָלק איבערן סוינע. בלויז גרינוואָרג האָט אָפּגעשיקט אפן פראָנט דער קאָלווירט 128 וואגאָנען. און וויפל ברויט, קארטאָפל, פליייש!

...אלט און שוואך איז דאָוויד נאכמענבערג. אָבער ער קאָן ניט, ער האָט ניט קיין רעכט צו זיצן מיט פארלייגטע הענט. ער איז געקומען צו פעלדהענדלערן:

— גיב מיר עפּעס אן ארבעט, יודל.

פעלדהענדלער האָט זיך פארטראכט. אוואדע איז א מאנגל אין מענטשן. אלץ טראָגן אויס אָף זייערע פּלייצעס די פרויען און קינדער. נאָר דער אלטער איז דאָך אזוי שוואך.

— מיט אַ פֿערד וועט איר זיך ספּראַווען?

— אוואַדע, יודל! אַ גרויסן דאַנק!

פֿירט נאַכמענבערג פֿונעם פֿעלד קאַרטאָפֿל און קרויט, און אין פֿרילינג ברענגט ער אַף זײַן פֿורל זריִע צו די זייעלקעס. אַף אַ קאָלווירט-פֿאַרזאַמלונג פֿרעמירט מען דעם אַלטן נאַכמענבערג, און אַף דער באַריכט-פֿאַרזאַמלונג לויבט מען זײַנע קינדער דאָרע, בראָניע, פֿאָלינע, דעם קאָניוך שמועל-לייב.

...וואַסילי וועסעלאָוו און איוואַן טאָראָפּאָוו האָבן ביז דער מילכאָמע געדינט אין אַרמיי אין אָט די ערטער. דער ווײַטמיזרעכדיקער קאַנט איז זיי געווען צום האַרצן — די טײַגישע ראַכוועסן און די צעאַקערטע פֿעלדער צווישן זיי, דער האַסטיקער באַרג-טײַך, אָן אַ שיר וואַרעמקײַט און פֿײַכטקײַט. און זיי האָבן באַשלאָסן זיך באַזעצן דאָ אַף שטענדיק. אַרויסגערופֿן די ווײַבער, אָנגעגעבן מעלדונגען, מע זאָל זיי אַרײַננעמען אין וואַלדהיימער קאָלווירט. איינער איז געוואָרן אַ טראַקטאָריסט, דער צווייטער — אַ בינענציכטלער. ביז הײַנט רופֿט מען אין וואַלדהיים דאָס לאָנקעלע באַם ווײַטן וועלדל, וווּ מע פֿלעגט אין האַרבסט קאָסיען גראָז פֿאַר די ספּעקטן-מאַטעס, „וועסעלאָווער פּאַסעקע“.

אין איין-און-פֿערציקסטן האָבן די געוועזענע שלאַכטלײַט ווידעראַמאָל אָנגעטאָן סאָלדאַטישע שינעלן. און אין וואַלדהיים זײַנען געבליבן זייערע פֿרויען — מאַריִע און טאַיִסיע, יעדע מיט אַ קליין קינד אַף די הענט. געלעבט האָט זיך שווער, ברויט צו זאַט ניט געגעסן. אָבער דאָס האָבן זיי — וועסעלאָווא און טאָראָפּאָווא — פֿאַרגעלייגט דעמלט העכערן אַף פֿופֿציק פּראָצענט די טאָג-נאָרמעס אין דער גרינסצוכט. „דינט געטרײַ, שלאָגט די פֿאַרשאָלטענע פֿאַשיסטן, — האָבן זיי געשריבן צו די מענער, — און מיר דאָ וועלן אַרבעטן פֿראָנטיש“.

מעסירעסנעפֿעשדיק האָבן געאַרבעט אין קאָלווירט אין די שווערע מילכאָמע-יאָרן די מישפּאָכעס פֿון מיכל געפֿען, זאַלמען וואָלפֿסאָן, פּיאָטער וואָוטשאָק, רוווען טעמצין, עליע רובין און פֿיל אַנדערע קאָלווירטניקעס. די גאַנצע צײַט איז פֿיאָדאָר ציב געווען יעכיִעל ראַקס שטעלפֿאַרטרעטער אין דער טראַקטאָר-בריגאַדע. צוזאַמען מיט אים האָבן אין דער בריגאַדע געאַרבעט זײַנע צוויי מינדעריעריקע זין און די טאָכטער וועראַ, וועלכע האָט די ערשטע צווישן די וואַלדהיימער מיידלעך זיך געזעצט אַפֿן טראַקטאָר.

די קאָלווירטניקעס האָבן זיך געסטאַרעט מיט אַלע קויכעס העלפֿן דעם פֿראָנט. וועגן דעם זאָגן איידעס זייערע ראַפּאָרטן. אָט איז איינער פֿון זיי: „דאָס וואָרט, וואָס מיר האָבן געגעבן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער סאָוועטישער רעגירונג, האָבן מיר אויסגעפֿילט מיט ערע. מיר האָבן אָפּגעשיקט דער מעלוכע 40 טויזנט פּוד טווּע, 2000 צענטנער קאַרטאָפֿל, 18 טויזנט ליטער מילך, 60 צענטנער פֿלייש. איצט, ווען די העלדישע רויטע אַרמיי שלאָגט די היטלערישע באַנדעס, דערנעענטערנדיק די פֿריידיקע שאָ פֿון אונדזער פֿולשטענדיקן ניצאָכן, שטרעבן די קאָלווירטניקעס נאָך מער צו העלפֿן אונדזער היימלאַנד און דער לײַבלעכער רויטער אַרמיי“.

ס'האָט אָפּגעגליקט די קאָלווירטניקעס אין יענע יאָרן מיטן פֿאָרזיצער. יודל פֿעלדהענדלער איז געווען אַ זאָרגזאַמער באַלעבאָס, אַ קלוגער מענטש, און געפֿירט האָט ער די ווירטשאַפֿט מיט אַ ברייטן פּאַרנעם און פּערספּעקטיוו. ער האָט געהערט צו דער פֿלעיאַדע הייסע יאַטן פֿון די צוואַנציקער יאָרן, וועלכע האָבן פֿולשטענדיק זיך אָפּגעגעבן דער געזעלשאַפֿטלעך-פּאָליטישער טעטיקײַט. אַן אַקטיווער קאָמיוגיסט, דערנאָך אַ קאָמוניסט, איז ער אַ געוויסע צײַט געווען דער סעקרעטאַר פֿון דעם פּאַרטיי-קעמערל. נאָכן פֿאַרענדיקן די אָדעסער סאָוופּאַרטשול האָט מען אים געשיקט אין כאַבאַראָווסקער קאַנטישן פּאַרטיי-קאָמיטעט און פֿון דאָרטן — קיין וואַלדהיים. מע האָט אים דאָ צוערשט אויסגעוויילט אַלס פֿאָרזיצער פֿונעם דאָרפֿסאָוועט, און פֿונעם 1936 שטעלט מען אים בעראָש פֿונעם קאָלווירט.

אין די ערשטע טעג פֿון דער מילכאָמע האָט פֿעלדהענדלער, ווי אַ סאַך זײַנע לאַנדסלײַט, אָנגעגעבן אַ מעלדונג אין מיליטער-קאָמיסאַריאַט, נאָר מע האָט אים איבערצײַגט, ער זאָל די מעלדונג נעמען צוריק. דערנאָך האָט ער ניט איין מאָל זיך ווידער געבעטן אַפֿן פֿראָנט, נאָר מע האָט אים אָפּגעזאָגט.

— מע דאַרף דיך האָבן דאָ, אין קאָלווירט, — האָט מען אים שטרענג דערווידערט אינעם ראַיאָנישן פּאַרטיי-קאָמיטעט.

און ער האָט זיך אונטערגעגעבן: ס'איז טאַקע אַזוי, עמעצער דאַרף דאָך אויך דאָ בלײַבן. און אויב אַזוי — איז ניט וויסן קיין רו, אַרבעטן טאָג און נאַכט. ווײַל דאָ איז אויך אַ פֿראָנט.

8

אינגיכן נאָך דער מילכאָמע האָט דער וואַלדהיימער קאָלווירט זיך פאַרייניקט מיטן קאָלווירט „20 יאָר אָקטיאַבער" פונעם דאָרף פּטיטשניק. אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָט מען דער פאַרייניקטער ווירטשאַפט געגעבן אַ נײַעם נאָמען — קאָלווירט אויפן נאָמען פון דעם 33-טן יאָרטאָג פון אָקטיאַבער. אין צען יאָר אַרום, אין מאַרט 1960, האָט זיך אַהער אַרײַנגעגאָסן נאָך איין ווירטשאַפט — דער קאָלווירט אויף אַניקייעווס נאָמען, און מע האָט אים אָנגערופן „איליטשס געבאָטן". פאָרן פאָרזיצער איז אויסגעוויילט געוואָרן ל. וו. פעלדמאַן, וועלכער האָט ביז דעמלט אָנגעפירט מיט דער בירָאָבידזשאַנער מאַשין-טראַקטאָר-סטאַנציע.

ניט גלײַך, ניט מיטאַמאָל האָט זיך געשטעלט אויף פעסטע רעדלעך דער קאָלווירט. ס'האָט זיך געפילט דער מאַנגל אין מאַנצבלשע הענט. די טראַקטאָריסטן און קאָמבײַנערן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע, האָבן געאַרבעט אויף אָפּגעניצטע מאַשינעס. דאָס פערד איז געווען, ווי פריִער, די איקערדיקע שלעפּקראַפט. אויף די פאַרמעס, אין פעלד האָט מען זיך דעריקער פאַרלאָזט אויף האַנט-אַרבעט. ס'האָבן אויסגעפעלט באַגיסקונג און כימיקאַטן. דאָס פּי האָט מען געהאָדעוועט מיט אַבי-וואָס, ווײַל פוראַזש איז געווען אויפן שפּיץ-מעסער. מ'האָט געדאַרפט האָבן צײַט, כדי בײַקומען אָט די אַלע שוועריקייטן.

ס'זײַנען געגאַנגען יאָרן. דאָס לאַנד האָט פאַרהיילט די וווּנדן, וועלכע די מילכאָמע האָט פאַרשאַפט. פון יאָר צו יאָר האָט זיך פאַרשטאַרקט די עקאָנאָמיק פונעם קאָלווירט. מערקבאַר האָט זיך געהעכערט די גערעטעניש פון אַלע קולטורן, וועלכע די ווירטשאַפט האָט געזייט. אויך די פּיצוכט האָט זיך גענומען אינטענסיווער אַנטוויקלען.

דער קאָלווירט גייט אַרויס אַלס זיגער אין דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג צווישן די ווירטשאַפטן פונעם ראַיאָן, פון דער געגנט און פונעם גאַנצן כאַבאַראָווסקער קאַנט. מע באַלוינט אים מיט איבערגייענדיקע פאָנען, מיט ערן-גראַמאָטעס און דיפּלאָמען.

אין 1967, אין צוזאַמענהאַנג מיטן פופציקיאָריקן יובילײַ פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע, איז דער קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" באַלוינט געוואָרן מיט דער אָנדענק-פאָן פון צק קפּסס, פּרעזידיום פונעם אויבערסאָוועט פון פססר, מיניסטאָרן-ראַט פון פססר און אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן ראַט פון די פּראָפאַריינען. די ווירטשאַפט איז באַשטעטיקט געוואָרן אַלס אָנטיילנעמער אין דער אויסשטעלונג פון די דערגרייכונגען אין דער פאָלקסווירטשאַפט פון פססר.

1968. פאָרן טערמין זײַנען אויסגעפילט די סאָציאַליסטישע פאַרפליכטונגען פון פאַרקויפן דער מעלוכע ברויט, סאָיע, קאַרטאָפל, מילך און פלייש. דער קאָלווירט איז באַערט מיט דער איבערגייענדיקער רויטער פאָן פונעם מיניסטאָרן-ראַט פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע און פונעם אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן ראַט פון די פּראָפאַריינען.

1971. לויטן אוקאַז פונעם פּרעזידיום פון דעם אויבערסאָוועט פון פססר פונעם 26 יאַנוואַר איז דער קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס-פאָן...

די קאָלווירטישע פעלדער גייען צו נאָענט צו די ראַנד-געביטן פונעם געגנטלעכן צענטער. די געאָגראַפישע לאַגע האָט באַשטימט אויך די ספּעציאַליזאַציע פון דער ווירטשאַפט: באַזאָרגן דעם אינדוסטריִעלן בירָאָבידזשאַן, וועלכער אַנטוויקלט זיך אומופהערלעך, מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, אין דער ערשטער ריי מיט אויבס און מילך.

אַ צײַטונגס-נאָטיץ מיט 35 יאָר צוריק: „די קאָלווירטניקעס פון וואַלדהיים האָבן אויסגעפילט די סאָציאַליסטישע פאַרפליכטונגען פון ליפערן דער מעלוכע אויבס. ס'איז פאַרקויפט געוואָרן 209 טאָן גרינוואַרג".

און אין 1977 איז אָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער שטאָטישער אויבס-באַזע העכער זעקס מיט אַ האַלבן טויזנט טאָן גרינוואַרג — אין דרײַסיק מאָל מער!

גרינסצוכט איז איינער פון די זײַלן, אויף וועלכע עס האַלט זיך די עקאָנאָמיק פונעם קאָלווירט. און די מענטשן, וועלכע זײַנען פאַרנומען אין אָט דעם געביט, זײַנען די בעקאָוועדיקסטע פאָרשטייער פונעם קאָלעקטיוו. עכטע יאָרשים פון שיפרע קאָטשינע, לייב רעזניק און זייערע כאַוויירים.

קאָרעוו דרײַסיק יאָר כאָוועט גאָרטנוואַרג אין וואלדהיים מאַריִע בראַכמאַנאָווא. זי האָט שוין אָפּגעמערקט איר פּופּציקיאָריקן יובילײ, נאָך די וועטעראַנען געדענקען נאָך יענץ פֿלינק אומרויִק מײדל, וואָס איז געקומען אהער מיט א גרופּע איבערוואַנדערער. ניט ווייניק איז אויסגעקומען איבערצולעבן אָט דעם שוואַרצכיינעוודיקן מײדל, ביז זי איז אָנגעקומען אויפן ווײַטן מיזרעך. מאַריִע איז באַלוינט מיט צוויי לענין-אָרדענס, מיט א גאָלדענער מעדאַל „סערפּ און האַמער", מיט אַן אָרדען פון דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע.

א גוטן שעם האָט אין קאָלווירט ריווע ווישטשיניקינא. כאָכמע, פלײַסיקײַט, א ריזיקע אַרבעטזאַמקײַט פּאָרן זיך בא איר צונויף מיט זעלטענע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקײַטן. אָט די וווּנדערלעכע מײַלעס אירע האָט מען נאָך אָפּגעמערקט אינעם קרימער קאָלווירט „פרילינג", ווו זי האָט געלעבט אין איר יוגנט.

געקומען איז זי קיין וואלדהיים אין 1947. צוערשט האָט זי געאַרבעט אינעם קינדער-גאָרטן, דערנאָך זיך אַליין געבעטן אין דער בריגאַדע גרינסציכטלער. דעמלט איז פאָרגעקומען איר ערשטע באַגעגעניש מיט שיפרע קאָטשינע, וועלכע איז געוואָרן איר לערערן און פרײַנט.

ריווע האָט פאַרגעדענקט דעם ערשטן טאָג אויפן גרינס-פעלד. אַלץ איז פאַר איר דאָ געווען נײַ, טשיקאַווע. מ'איז געקומען צופוס אויפן באַצירק, וואָס מ'האָט ערשט נאָרוואָס אויפגעאַקערט. איינער א קאָלווירטניק האָט מיט א פערד-און-וועגעלע געבראַכט קעסטלעך מיט ראַסאַדע. אין דער ווײַכער באָראָזנע האָט אַן אַקער, וואָס מ'האָט דאָ גערופן מאַרקער, דורכגעפירט א פּאַס פאַר אויסזעצן די פלאַנצונגען. דאָס פערדל האָט אַקוראַט געשפּאַנט איבערן אַקער-פעלד, און דער מענטש מיטן מאַרקער האָט אָט אויפגעהויבן, אָט אַראָפּגעלאָזט דאָס הענטל פונעם מעכאַניזם. אויף דער דורכגעפירטער באָראָזנע האָבן די פרויען מיט סאַפּקעס געמאַכט לעכעלעך און אין יעדן לעכל געלייגט פלאַנצונגען פון קרויט. אַנדערע פרויען האָבן פאַרשאָטן די פלאַנצונגען מיט ערד און זיי באַגאָסן מיט וואַסער. אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט די הוילע הענט.

הײַנט איז אין רעשוס פון ווישטשיניקינעס בריגאַדע קנאַפּע הונדערט העקטאַר, און מענטשן א סאַך ווייניקער, ווי ס'איז דעמלט אין דער בריגאַדע געווען. די הויפּט-פּראָצעסן זײַנען מעכאַניזירט. צו דער בריגאַדע גרינסציכטלער זײַנען צוגעפּעסטיקט באַשטענדיקע טעלעכע מעכאַניזאַטאָרס. א גרויסער באָקי אין אָט דעם איניען איז געוואָרן ניקאָלײַ מאַציִשין. ער האָט זיך אויסגעלערנט דורכפירן די קולטיוואַטאָרס צווישן די רייען אַזוי, אַז קיין איין קוסטל זאָל ניט צעשעדיקט ווערן.

קאָטשינע האָט פאַרלאָזט די בריגאַדע אין 1956. אַלט געוואָרן, קראַנק, און ווישטשיניקינע האָט זי פאַרביטן. זי האָט איבערגעכאַזערט דער לערערנס וועג אויך אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט: זי איז געווען דעפּוטאַט פונעם דאָרפישן און ראַיאָנישן סאָוועט, און אין 1962 האָט מען זי, ווי אַמאָל שיפרע קאָטשינע, אויסגעוויילט אין נאַציאָנאַליטעטן-ראַט פונעם אויבערסאָוועט פון פססר לויטן בירָאָבידזשאַנער וואַלקרײַז.

אינעם קאָלווירטישן מוזיי איז פאַראַן א פאָטאָגראַפיע פון יענער צײַט: ווישטשיניקינע צווישן די דעפּוטאַטן — ווײַטמיזרעכניקעס. אויף א צווייטער פאָטאָגראַפיע איז זי באַוויזן אין קרעמל, אינעם הויז פון די פאַרייניען, צוזאַמען מיט יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרינען, גערמאַן סטעפּאַנאָוויטש טיטאָוון און אַנדערע אָנגעזעענע מענטשן פונעם לאַנד. אין 1979 האָט מען זי אויף דער קאַנטישער פאַרטיי-קאָנפערענץ אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פונעם קאַנטישן קאָמיטעט פון קפסס.

דאָס היימלאַנד האָט הויך אָפּגעשאַצט די מעסירעסנעפּעשדיקע מי פון ריווע ווישטשיניקינע — זי איז באַלוינט מיטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס-פאָן.

9

אין מעשעך פון א האַלבן יאָרהונדערט, זינט דער וואלדהיימער קאָלווירט איז אַנטשטאַנען, האָט ער געהאַט עלף פאָרזיצערס. דאָס זײַנען געווען פאַרשיידענע לויטן עלטער, לויטן טעמפּעראַמענט און באַהאַוונטקײַט מענטשן, סײַ היגע אײַנוווינער — אַזעלכע, ווי יעכיִעל ראַק און מיכל קול, סײַ צוגעשיקטע פונעם געגנטלעכן צענטער — ב. האַלפּערין, ל. פעלדמאַן און יו. פעלדהענדלער, וועלכער איז אהער געקומען לויט א פאַרטייִשער פּוטיאָווקע פון גאָר ווײַטע קאַנטן. קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט קיין הויכבילדונג. דאָס

זײַנען געווען ערדארבעטער-פּראַקטיקער, מענטשן פון הויכער פּאַרטייִשער פליכט. אין די הײַנטיקע דערגרייכונגען פונעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" איז פאַראַן ניט קיין קליינער חלק פון יעדערן פון אָט די קאָמוניסטן. עלף פּאַרזיצערס געדענקט דער וואַלדהיימער קאָלווירט. און די סאַמע העלע פּערזענלעכקײַט צווישן זיי איז בעליסאָפּעק וואָלאָדימיר פעלער.

עס רעכנט זיך, אַז פעלער איז געקומען קיין וואַלדהיים אין 1962. אָבער דאָס איז שוין געווען דאָס צווייטע מאָל. צום ערשטן מאָל איז ער געקומען אַהער צו פאָרן אין 1952. אָפּגעאַרבעט האָט ער דעמאָלט ניט לאַנג. אין יענער צײַט האָבן זיך עטלעכע ווירטשאַפטן פונעם בירָאָבידזשאַנער ראַיאָן צונויפגעגאָסן אין איין גרויסן סאָווירט. מ'האָט געדאַרפט האָבן אַ קרעפטיקן דירעקטאָר, וועלכער קען גוט די זאַך, — האָט מען אַהין געשיקט פעלערן.

אין 1962 האָט ער זיך אומגעקערט קיין וואַלדהיים, און שוין אויף לאַנג — אויף גאַנצע 12 יאָר. ער איז געוואָרן פּאַרזיצער, ווען די קאָלווירטניקעס האָבן נאָך קיין האָניק ניט געלעקט, און אין די הײַזער האָט גאָר אַ סך געפעלט צו אַ פולן וווילטיק. אויף דער פאַרזאַמלונג, ווען מע האָט אים רעקאָמענדירט פאַר אַ פּאַרזיצער, האָבן די קאָלווירטניקעס זיך דערפרייט:

— נו, אָט, אַז כאָווער פעלער איז צו אונדז געקומען, וועט שוין זײַן רעכט.

פעלער האָט געהערט-געהערט די רייד, דערנאָך זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— איר ווילט פון מיר הערן, אַז כ'וועל אײַך געבן דאָס סאַמע בעסטע לעבן? אַזוי פאַרשטיי איך?

— אַזוי.

— איז אָט, צוזאָגן אַזוינס קאָן איך אײַך ניט. — און נאָך אַ פּויזע: — קיין איין פּאַרזיצער האָט נאָך ניט געבראַכט קיין זאַק מיט געלט אָדער יענץ קישעף-טעפּעלע פונעם קינדער-מײַסעלע, וואָס קאָן מיטאַמאָל אָנהאָדעווען אַלעמען מיט געשמאַקער זיסער קאַשע. איז אָט וואָס איך וויל אײַך זאָגן, טײַערע כאַווײרים. אַ זיס לעבן דאַרפט איר זיך אַליין מאַכן. קוידעמקאָל איר אַליין. אַלע זאָלן אַרבעטן מיט לײַב און לעבן. יעדער איינער, איך כאָזער איבער, יעדער איינער דאַרף זיך דערפילן אַלס עכטער באַלעבאָס אינעם קאָלווירט. דעמאָלט וועט אונדז, די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, דעם פּאַרזיצער, גרינגער זײַן צו אַרבעטן. דעמאָלט וועלן מיר מיט אײַך צוזאַמען מאַכן אַ גוט לעבן פאַר יעדער מישפּאָכע.

ענערגיש האָט זיך גענומען פאַר דער זאַך דער נײַער פּאַרזיצער. און דאָס האָט גלײַך זיך געלאָזט פילן. אין 1967 האָט פעלער געשריבן אינעם בוך „אין אַן איינהײַטלעכער, פרײַנטלעכער מישפּאָכע", וועלכער איז געווען געווידמעט די דערגרייכונגען פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט: „איצט איז אונדזער קאָלווירט — אַ גרויסע פילצווײַגטע ווירטשאַפט. דער קאָלווירט פאַרמאָגט 15 טויזנט העקטאַר ערד. אויף זיי אַרבעטן 60 טראַקטאָרס פון פאַרשיידענע מאַרקעס, באַ צוויי צענדליק קאָמבײַנען, דרײַסיק לאַסט-אויטאָמאָבילן. אויף אונדזערע פערמעס האָבן מיר 1909 שטיק גרויס האָרנפי. דער קאָלווירט פּראָדוצירט 1600 צענטנער פלייש און 20 טויזנט צענטנער מילך אַ יאָר. דער יאָר-רעווען האָט איבערגעשטיגן אָנדערהאַלבן מיליאָן רובל. דער ריינער רעווען האָט דערגרייכט ביז 430 טויזנט רובל".

נאָר אין פעלערס טעווע איז געווען — ניט באַפרידיקן זיך מיטן דערגרייכטן. זען די פּערספּעקטיוו, רופן די מענטשן פאָרויס, זיך דערשלאָגן וואָס מער. דער קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" פאַרמאָגט איצט באַ הונדערט טראַקטאָרס פון פאַרשיידענע מאַרקעס, צענדליקער קאָמבײַנען, לאַסט-אויטאָמאָבילן, אַ פולן קאָמפּלעקט פון אַלע היישניט-מאַשינעס און פון די מעכאַניזמען אויף צו באַאַרבעטן די באָדנס. און אָנגעהויבן האָט מען דאָ, ווי איר געדענקט, פון גאָלע גאָרנישט.

דער באַלעבאָס איבער דער גאַנצער קאָלווירטישער טעכניק איז געווען יעכיעל ראַק. ווען ראַק איז אַוועק פונעם לעבן, ס'איז געווען אין 1966, האָט בעראָש פון דער טראַקטאָרבריגאַדע זיך געשטעלט זײַן זון באָריס. ער איז געווען, ווי זײַן טאַטע, זייער אַן אַרבעטזאַמער, געהאַט אַ באַלעבאַטיש אויג און אַ שאַרפן קאָפּ, פעיִקײַטן פון אַ גוטן אָרגאַניזאַטאָר. באָריס האָט באַקומען ספּעציעלע בילדונג. דער טאַטע זײַנער איז געווען קימאַט אַן אַנאַלפאַבעט, קיין פאָר ווערטער ניט געקענט אָנשרײַבן אויף רוסיש, און מיט אַזאַ „בילדונג" דעראָבערן אַ שעם פון אַ „טאַלקאָוון אָנפירער-פּראַקטיקער" איז געווען גאַנץ שווער. און

דעריבער האָט יעכיעל ראַק פאַרזאָגט די קינדער: „לערנט זיך. איר מוזט קלוג, סייכלדיק, גראַמאָטנע באַלעבאַטעווען אַף אײַער ערד, און צוליב דעם דאַרף מען האָבן קענטענישן".

באָריס איז געווען דאָס דריטע קינד אין דער מישפּאָכע. ווען דער טאַטע איז געשטאָרבן, איז ער, טראָץ די אײַנגעשטעלטע מינהאָגים, געוואָרן אַנערקענט אַלס דער ראָש פון דער דינאַסטיע. ווײַזט אויס, דערפאַר, ווײַל אין אים האָבן זיך צונויפגעפּאָרט מער, ווי בא די אַנדערע קינדער, אַזעלכע זעלטענע אייגנשאַפטן, ווי באַדאַכטקײַט, זאַכלעכקײַט און גוטהאַרציקײַט.

א טראַקטאָריסט איז באָריס ראַק געוואָרן אין 1952, ווען ער איז אַלט געווען איינגאַנצן זעכצן יאָר. דער פאָטער האָט אים געבראַכט אין זײַן בריגאַדע, אָנגעוויזן אַף די טראַקטאָרס, וועלכע זײַנען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין א ריי. דאָ זײַנען געווען שנעלע, לויט זייער צײַט, „אוניווערסאַלן", שווערע, אַף ברייטע רויפן, „דט-54", „סטז" און „ס-80".

— נו, וועלכער פון זיי איז דיר צום האַרצן? עפּשער פאַר אַן אָנהייב — אַפן „אוניווערסאַל" זיך זעצן? וועסט באַהערשן אים, און דערנאָך וועלן מיר שוין זען.

— כ'בין מאַסקים.

מיט זײַן רעדער־טראַקטאָר האָט באָריס געפלאַנצט און באַאַרבעט קאַרטאָפל, קוקורוזע, געפירט היי אַף די לאַנקעס. און נעענטער צו האַרבסט האָט ער זיך איבערגעזעצט אַף א רויפן־טראַקטאָר. פון אַלע פעלד־אַרבעטן האָט ער מער פון אַלץ ליב געהאַט צו אַקערן. ווען מע פלעגט אויפהייבן פריר־אַקער, פלעגט ער מעסלעסנווײַז ניט פאַרלאָזן דאָס פעלד. א דרעמל געטאָן א פּאָר שאָ אין דער קאַבינע — און ווידער צו דער אַרבעט. אַקערן איז ניט קיין פּאָשעטע זאַך, און זיך ספּראַווען מיט איר קאָנען בלויז מענטשן באַדאַכטע, ערנסטע, דענקענדיקע. איינער אַליין זיצסטו זיך אין דײַן קאַבינע א גאַנצן טאָג און דו קאָנסט זיך פאַרטיפן אין דײַנע געדאַנקען, קלערן וועגן עפּעס וויכטיקס...

העכער צען יאָר האָט באָריס ראַק געאַרבעט אַלס טראַקטאָריסט. און די גאַנצע צײַט איז ער געווען צווישן די פּאָרגעשריטנסטע. אָבער דעם טאַטנס אָנזאָג האָט ער אויך ניט פאַרגעסן: זיך לערנען. ער איז געוואָרן א סטודענט פונעם כאַבאַראָווסקער לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום, דערנאָך — אַף דער הינטער־אויגיקער אָפּטיילונג פונעם בלאַגאָוועשטשענסקער לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט. מע האָט אים באַשטימט אַלס מעכאַניקער אינעם קאָלווירט, דערנאָך — אַלס הויפּט־אינזשעניער. אין 1974 איז פּאָרזיצער פונעם קאָלווירט געוואָרן פעליקס גליקשטיין, האָט מען זײַן שטעלע — שטעלפאַרטרעטער פונעם פּאָרזיצער — איבערגעגעבן באָריס ראַקן.

דעם פּאָטערס פּראָפעסיע האָט איבערגענומען אויך יעכיעל ראַקס עלטערער זון — אַראָן. „טראַקטאָריסט, בריגאַדיר פון דער טראַקטאָר־בריגאַדע, הויפּט־עקאָנאָמיסט פונעם קאָלווירט" — אַזוי איז פאַרשריבן אין זײַן אַרבעטס־ביכל. אַראָן האָט אויך פאַרענדיקט דעם בלאַגאָוועשטשענסקער לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט.

די קאָלווירטניקעס האָבן ריכטיק באַשטימט: די קינדער פון איינעם פון די ערשטע וואַלדהיימער בויער יעכיעל ראַק דאַרפן זיך לערנען און באַקומען בילדונג אַפן כעזשבן פונעם קאָלווירט. מע האָט זיי פאַררעכנט אַלס קאָלווירטישע סטיפּענדיאַטן.

יעפים ראַק איז אַלט געווען בא אַכצן יאָר, ווען דער טאַטע איז געשטאָרבן. ער איז דעמאָלט געווען אין צענטן קלאַס. דער קאָלווירט האָט אים געשיקט אַף לערן אין בלאַגאָוועשטשענסק, אַפן וועטערינאַרישן פאַקולטעט פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געבראָכן די מישפּאָכע־טראַדיציע. נאָר א וועטערינאַר איז אויך זייער נייטיק פאַר דער לאַנדווירטשאַפט.

אין דעקאַבער 1970 האָבן די מאָסקווער זשורנאַליסטן וו. בעליאַיעוו און ס. פּאַסטוכאָוו דערציילט אינעם זשורנאַל „אָגאָניאָק" וועגן דעם, וויאַזוי דער סטודענט יעפים ראַק איז געקומען אַף א באַזוך אין וואַלדהיים:

„דער קאָנדוקטאָר האָט געמאָלדן: „וואַלדהיים". דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט. יעפים האָט א שפּרונג געטאָן אַף דער ערד און זיך געלאָזט צו דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג. פעלער האָט אויפגעהויבן די אויגן פון די פּאַפּירן.

— דער סטודענט פון בלאַגאָוועשטשענסקער לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט איז געקומען צו אײַך אַף פּראַקטיק. אַף דרײַ כאָדאָשים. דערנאָך וועלן זײַן מעלוכע־עקזאַמענס. אויב איך וועל זיי אויסהאַלטן, וועל איך באַקומען א דיפּלאָם.

— פאַרוואָס עפּעס „איבּ"? דו דאַרפסט אויסהאַלטן. דו מוזסט. וואָס זשע, אומזיסט גיבּן מיר דיר א קאַלווירטישע סטיפּענדיע? דו וועסט זײַן א וועטערינאַר? כ'וועל דיך שיקן צו כאַדאָסן.

ס'איז אַרײַנגעקומען סעמיאָן כאַדאָס, דער הויפּט-זאָאָטעכניקער.

— אָ, פימע! צוגאַסט געקומען?

— וואָס הייסט צוגאַסט? מ'האָט א מענטשן אַף פּראַקטיק צוגעשיקט. א קינפטיקער וועטערינאַר-דאָקטער. וווהין וועסטו אים אײַנאָרדענען?

— פאַראַן אַן אָרט. אין דער צווייטער בריגאַדע.

— וועסט גיין, פימע?

— אוואדע.

— וואָס זשע, פימע, — האָט א שמייכל געטאָן פעלער, — נעענטער צו בלאַגאָווע-שטשענסק איז קיין אַנדער אָרט פאַר פּראַקטיק ניט געווען?

— געווען. נאָר איך האָב זיך געבּעטן אַהער. אַף דער לײַבלעכער ערד...

אַף דער לײַבלעכער ערד...

אַף דער לײַבלעכער ערד... א קאַלווירטישער סטיפּענדיאַט איז געווען אויך בעטיע ראַק. באַקומען הויכבּילדונג, אַרבעט זי איצט אַלס בּוכהאַלטער אינעם קאַלווירט פון איר פאָטער.

און ראָזע ראַק האָט ליב באַקומען די אַרבעט אין קלוב. איז זי טאַקע אָנגעקומען אין כאַבּאַראָווסקער אינסטיטוט פון קולטור. איצטער איז ראָזע (איר פאַמיליע איז שוין קאַראַ-סיאָווא) דירעקטאָר פונעם וואַלדהיימער קולטור-הויז.

דאַוויד ראַק — געבּוירן געוואָרן איז ער אינעם זיגרײַכן פינף-און-פערציקסטן — איז א דיפּלאָמירטער דאַרפישער בּויער.

יאָ, א ריכטיקן וועג אין לעבּן האָבּן געפונען אַלע קינדער פון דער מישפּאָכע ראַק.

10

ס'איז פאַראַן א פאָלקסווערטל: „א מוטער איז גוט פאַר אירע קינדער, און די ערד — פאַר אַלע מענטשן". יאָ, די ערד איז דער יעסאָד פון די יעסוידעס פון אַלע דערגרייכונ-גען, וועלכע ס'האָט זיך דערשלאָגן דער בײַאַמורער קאָלווירט. מע געדענקט אָבּער דאָ אויך אַזא גלײַכווערטל: „די ערד איז א שפּײַזערן, נאָר זי פאָדערט עסן אויך".

די וואַלדהיימער אַקער-ערד איז ניט פון די סאַמע פּרוכטבּאַרע. ריכטיקער געזאָגט — זי איז פריִער אַזא ניט געווען. נאָר די פּיליאַריקע מי, וואָס מע האָט אין איר אַרײַנגעלייגט, האָט זי געענדערט. אינעם קאָלווירט איז אײַנגעפירט א וויסנשאַפטלעך-באַגרינדעטער פּאַרזיי-פאַרקער. פון יאָר צו יאָר קאַלכט מען די באָדנס, מע טראָגט אַרײַן אָרגאַנישע און מינעראַלע באַגיטיקונגען. העכערן די פּרוכטבּאַרקײַט פון די באָדנס האָט מען אינעם קאָלווירט נאָך אָנגעהויבּן אין די ערשטע נאָכמילכאָמע-יאָרן. ניט ווייניק מי און קויכעס האָט אין דעם אַרײַנגעלייגט דער פאַרדינסטפולער אַגראָנאָם פון רעספּער ראָכל פריידקינע, וועלכע מע האָט אַמאָל אויסגעווילט פאַר א דעפּוטאַט פונעם אויבּערסאָוועט פון פססר. די דאָזיקע גוטע טראַדיציע — זאָרגן וועגן דער ערד — ווערט אָפּגעהיט אויך איצט, ווען דער הויפּט-אַגראָנאָם פונעם קאָלווירט איז מיכאיל טאַראַסאָוו.

אַף די באַצירקן, ווו מע כאָוועט אויס קרויט, פּאָמידאָרן, אוגערקעס, קוקורוזע, טראָגט מען אַרײַן טויזנטער טאָן טאָרף-קאָמפּאָסטן, וועלכע פאַרבּעסערן באַדײַטנדיק די סטרוקטור פונעם באָדן. מיט דער פאַרגרייטונג פון טאָרף און מיט צוגרייטן די קאָמפּאָסטן פאַרנעמט זיך דער מעכאַניזירטער אָטריאַד פון פּרוכטבּאַרקײַט פון דער בּיראָבּידזשאַנער אָפּטיילונג פון „סעלכאָזטעכניקאַ". א סאַך יאָרן האָט מיט אים אָנגעפירט פעלערס אַן אַלטער כאָווער איסאַק גורשמאַן.

אַמאָל, ווען איסאַק איז נאָך געווען א יונגער מענטש און האָט געדינט אין דער אינפאַנ-טעריע, האָט ער ליב באַקומען דעם כוואַט וואָלאָדימיר פעלער. און ווײַל זיי זײַנען ניט געווען אין איין ראָטע און אַפילע ניט אין איין ווזוואָד, האָט זיי גאָרנישט ניט געשטערט זיך צו באַ-פרײַנדן, בּיפּראַט נאָך ביידע זײַנען געווען לאַנדסלײַט — פון אוקראַינע.

זייער אינפאַנטעריע-טייל איז געשטאַנען אין אַ ניט גרויסער שטאָט באַם יאַם, און שוין ערעוו דער דעמאָביליזאַציע האָבן ביידע איבערגעלייענט אין אַ צײַטונג וועגן דעם איבערוואַנדערישן קאַלווירט „רויטער אָקטיאַבער". ס'איז דאָרט געווען אָנגעוויזן, אַז אין אָט דעם קאָלווירט אָפּן אַמור האָט זיך צונויפגעקליבן דעריקער אַ יונגער אוילעם — הייסע כעווּרע און אַז פאַרשטייער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן לעבן דאָרט זייער פרײַנטלעך, ווי איין מישפּאָכע.

— עפּשער וועלן מיר אויך זיך לאָזן אַהין? — האָט פאַרגעלייגט פּעלער.

— איך בין מאַסקים.

און אינגיכן זײַנען ביידע פרײַנט, אין אַרמייִשן אָנצוג, שוין געשטאַנען פאַרן פאַרזיצער פונעם אַמורזעטער קאָלווירט „רויטער אָקטיאַבער".

— מיט וואָס וואָלט איר, כעווּרע, זיך געוואָלט פאַרנעמען? — האָט זיי געפרעגט דער פאַרזיצער.

— איך, לעמאָשל, וואָלט געוואָלט זיך לערנען אָף אַ טראַקטאָריסט, — האָט געענטפערט פּעלער.

— איך וויל אויך זײַן אַ טראַקטאָריסט. אײנײנעם — איז אײנײנעם.

— גוט. מירן אײַך שיקן אָף קורסן אין מטס.

זיי זײַנען געווען יונג. אין אַמורזעט האָט מען אינגיכן אָפּגעשפּילט צוויי כאַסענעס. זיי זײַנען געווען גליקלעך, ווי עס קאָנען זײַן גליקלעך יונגע און זייער געזונטע מענטשן. ערשט אָנגעהויבן לעבן, און פאַר זיי האָט זיך געעפנט אַ ברייטע פּערספּעקטיוו. ס'האָט זיך זיי געדוכט, אַז אַזוי וועט זײַן שטענדיק: אַ העלע זון אין דער הייך, דער פּרעכטיקער טײַך אַמור, פּעלדער מיט רײַף וואַרנדיקע זאַנגען... נאָר אָט איז געקומען דער 22-טער יוני פון 1941...

איסאַק גורשמאַן און וולאַדימיר פּעלער זײַנען געווען אָף פאַרשיידענע פראָנטן. זיי האָבן אָף לאַנג פאַרלוירן איינער דעם אַנדערן. אָבער נאָך דער מילכאָמע האָבן זיי זיך ווידער געטראָפן אָף די פּעלדער פון אַמורזעט.

פּעלער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פעיִקן אָרגאַניזאַטאָר, און מע האָט אים אינגיכן אויסגעוויילט אַלס פאַרזיצער פונעם קאָלווירט. גורשמאַן איז געוואָרן בריגאַדיר פון דער טראַקטאָר-בריגאַדע. זיי האָבן געהאַט אַ סאַך געמיינזאַמס — דער זעלבער האַרבער כאַראַקטער, די זעלבע אויסערגעוויינלעכע אַרבעטספעיִקייט, און ביידע זײַנען געווען הייסבלוטיקע.

— שטיי! — האָט פּעלער זיך אַרופגעוואָרפן אָפן טראַקטאָריסט, וועלכער האָט געזייט ווייץ אָפן נאָענטן צום דאָרף מאַסיוו. — ווער האָט עס דיר דערלויבט איבערקרייצן דאָס פעלד נאָך ביז דעם, ווי מע האָט עס פאַרזייט אין איין ריכטונג?

— דאָס האָב איך דערלויבט, — האָט זיך אָנגערופן דער בריגאַדיר גורשמאַן, — ווײַל קיין שום אונטערשייד איז ניטאָ.

— וואָס זשע, דו ווילסט מיר פּאַטערן דאָס ווייץ?

— הייץ זיך ניט, — האָט זיך אָנגעצונדן גורשמאַן. — מע זאָגט דאָך דיר — קיין שום אונטערשייד איז ניטאָ. לאָמיר פרעגן באַם אַגראָנאָם.

מ'האָט געשיקט אין דער מאַשין-טראַקטאָר-סטאַנציע נאָכן אַגראָנאָם. דער אַגראָנאָם ליאָווע מאַזלין האָט באַשטעטיקט, אַז דער איבערקרייץ-פאַרזיי פון ווייץ איז אַ גוטער מעטאָד — מע קאָן אים פירן אײנצײַטיק מיט צוויי אַגרעגאַטן, אין דער לענג און אין דער ברייט.

זיי האָבן נאָך ניט געהאַט קיין סאַך קענטענישן און קיין סאַך דערפאַרונג. דער אוניווערסיטעט איז בא זיי געווען די פּראַקטיק, דאָס פעלד, די ערד גופע.

עס זײַנען פאַריבער יאָרן. פון אַמורזעט איז וולאַדימיר פּעלער אַריבערגעפאָרן אין ביראָבידזשאַנער ראַיאָן. דאָרטן איז ער געווען דירעקטאָר פון אַ סאָווירט, פאַרזיצער פון אַ קאָלווירט.

און גורשמאַן האָט ענדגילטיק באַשלאָסן, אַז זײַן באַרוף איז טעכניק, מאַשינעס. פאַר אים איז געווען ווי מוזיק דער דיזעל, וועלכער האָט געטעמט הייס מיט סאָליאַרקע, אים האָט באַגײַסטערט דער אַקער, וועלכער שנײַדט זיך אײַן אין דער פײַכטער ערד, ער האָט ניט געזען קיין שענער בילד, ווי ווען איבערן צײַטיקן ווייץ באַוועגט זיך גאַדלעסדיק דער קאָמבײַן... און ס'איז, דאַכט זיך, ניט געווען אַזאַ כיטרער מעכאַניזם, וועלכן ער האָט ניט אײַנגעביסן און ניט געצווונגען זיך אונטערגעבן אים.

די בריגאַדע פונעם קאָמוניסט גורשמאַן איז שטענדיק געווען א פאַרגעשריטענע: זי פלעגט די ערשטע פאַרענדיקן אַקערן, זייען, אראָפּנעמען די גערעטעניש. אינמיטן פון די פופציקער יאָרן האָט זיך אין לאַנד אָנגעהויבן די באַהערשונג פון דער צעלינא. אַף אַלטײַ, קיין קאַזאַכסטאַן זײַנען געגאַנגען עשעלאָנען מיט טראַקטאָרס. אויך גורשמאַנען האָט פאַרכאַפּט אָט די ראָמאַנטיק. דאָ, אין אַמורזעט, האָט שוין אַלץ אויסגעזען ווי באַלעבאַטיש, געוויינלעך, און ס'האָט אים מיטאַמאָל א ציִ געטאָן צו דער ראָמאַנטיק, ווי פריִער, פון ניטבאַטראָטענע וועגן.

אינעם ראַיאָנישן פאַרטיי-קאָמיטעט האָט מען ניט באַוויליקט גורשמאַנס פאַרלאַנג.

— אין אַזאַ ווײַט קלײַבסטו זיך, איסאַק באָריסאָוויטש. און צעלינא — אָט איז זי דאָך, בא דיר אונטער דער נאָז, קאָן מען זאָגן.

דער סעקרעטאַר פונעם ראַיקאָם האָט צעלייגט אַפן טיש די מאַפּע פונעם ראַיאָן, און צוויי קעפּ — גורשמאַנס פעך-שוואַרצער און דעם סעקרעטאַרס בלאָנדער — האָבן זיך אָנגעבויגן איבער איר.

— אָט דאָ, הינטערן דאָרף פּוזינאָ, ליגן ניט באַרירטע מאַסיוון, — דער בלײַער האָט זיך א גליטש געטאָן איבער דער גלאַטער קאַלקע און זיך אָפּגעשטעלט בא א וועלדל. — בא טויזנט העקטאַר פרעכטיקע ערד, וועלכע וואַרט, מע זאָל זיך נעמען פאַר איר. קלײַב אונטער זיכערע יאַטן — און זײַ מאַצליִעך!

טויזנט העקטאַר האָט אויפגעאַקערט אין יענעם זומער גורשמאַן מיט זײַנע מעכאַניזאַטאָרס. דערנאָך — נאָך אַכט הונדערט. אַף די נײַע ערדן האָט זיך באַוויזן דאָס דאָרף אַזיאַרנאָיע.

דערווײַל זײַנען אונטערגעוואַקסן גורשמאַנס זין, און ביידע זײַנען אַוועק אינעם פאָטערס וועג. דער ערשטער האָט זיך געזעצט אַפן טראַקטאָר גריגאָרי, און אין עטלעכע יאָר אַרום — מאַריק.

וווּנדערלעכע באַגעגענישן קומען פאָר ניט זעלטן אין לעבן. מאַריק האָט געדינט אין דער אַרמיי אין כאַבאַראָווסק און האָט זיך דאָרט באַקאַנט מיט א פײַן מיידל, א סטודענטקע.

— מאַריק גורשמאַן, — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט.

— אַניע פעלער, — האָט זי אויך אָנגערופן איר נאָמען און די פאַמיליע.

אָט אַזוי זײַנען געוואָרן מעכוטאָנים צוויי אַלטע פרײַנט — גורשמאַן און פעלער.

די מאַסיוון אין פּוזינאָ זײַנען צעאַקערט. די צעלינא-בריגאַדע האָט מען פאַנאַנדערגעלאָזט. אָבער דער שטענדיק אומרויִקער איסאַק גורשמאַן געפינט א נײַע צעלינא. ער שטעלט זיך בעראָש פון א מעכאַניזירטן אָטריאַד פון דער פאַרייניקונג „סעלכאָזטעכניקא". אין זײַן רעשוס האָט ער 70 מעכטיקע טראַקטאָרס. זײַנע יאַטן קאָרטשעווען וואַלד, אַקערן צעלינא אין פּאַשקאָוואָ, ראַדע, אין איזוועסטקאָוואָיע, אין באָבריכינער און פּעטראָווקער סאָווירטן. זיי פאַרגרייטן טאָרף פאַרן קאָלווירט „איליטשס געבאָטן", באַגיטיקן די פעלדער, קאַלכן די באָדנס. און אָט אַרבעטן זיי צוזאַמען — וולאַדימיר פעלער און איסאַק גורשמאַן.

קימאַט אין איין צײַט ווערן פעלער און גורשמאַן באַלוינט מיטן אָרדען פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. באַם יאָמטעוודיקן טיש קומט צווישן זיי פאָר אַזאַ שמועס:

— הער נאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגן, איסאַק, — פעלער האָט א שמייכל געטאָן צו זײַן מעכוטן, וועלכער איז געזעסן פּונקט אַנטקעגן אים פון דער אַנדערער זײַט טיש. — דו אַרבעטסט שוין דאָ דרײַסיק יאָר און קיינמאָל קיין אורלויב ניט גענומען. ביסט כאָטש אַמאָל געווען אין דײַן היימשטעטל אַף אוקראַיִנע? דו האָסט דאָך דאָרטן קרויווים.

— יאָ, פון זינט איך בין פון דאָרט אַוועקגעפאָרן, בין איך אין מײַן היימשטעטל קיינמאָל ניט געווען.

— איז אָט, נעם אורלויב און פאָר זיך דורך אַף א פאָר כאָדאָשים.

פעלער האָט אים אײַנגערעדט. די בוכהאַלטעריע האָט אונטערגעכעזשבנט אַלץ, וואָס מע דאַרף אין אַזעלכע פאַלן טאָן, און גורשמאַן האָט באַשלאָסן פאַרן אַוועקפאָרן א קוק טאָן, וואָס עס הערט זיך בא זײַנע כעווירע, וועלכע האָבן געגראָבן טאָרף צופּוסנס פון דער סאָפּקע אולדורי. ער איז געקומען צו פאָרן — דער מעכאַניקער איז ניטאָ, ס'איז ניטאָ ווער די טעכניק צו פאַריכטן. לאָזן, די מאַשינעס זאָלן שטיין? ניין, אַזוינס האָט זיך גורשמאַנען אין קאָפּ ניט געלייגט. ער האָט אָפּגעזוכט א ספּעצאָווקע אַפן סטאַן און זיך גענומען רעמאָנטירן דעם טראַקטאָר. פאַריכט דעם טראַקטאָר, נעמט ער זיך פאַר אַן אַנדער אַרבעט... האַקלאַל, ציליִע, די פרוי זײַנע, האָט געמוזט פאַנאַנדערבינדן די טשעמאָדאַנעס, ווײַל דער מאַן איז אַף א גאַנצן כוידעש פאַרפאַלן געוואָרן אַפן ווײַטן באַצירק. און ער האָט זיך געפילט גליקלעך,

א גרוס דיר, ביראָבידזשאַן!

Дражь товарэшь ши фраць!

Аич, ын молдова Советикэ, ной не сокотим пэрташ ла букурия фрацилор ноштри дин Режиуня Аутономэ Еврояскэ, ла Жубилеул а 50 де ань де ла ынтемеерля Биробиджанулуй. Е ынкэ ун праг де мункэ, де луптэ ши де креацие, ын история фамилией ноастре советиче .

Ну не индоим кэ ачеста есте ун попас де марь ши валороасе тотализэрь пентру тоць оамений мунчий дин режиуне. Е о ынэлциме историкэ де пе каре се веде департе ын дестинеле попорулуй, се поате жудека ын луминэ ноуэ друмул ынфэптуирилор ши ал нэдеждилор де виитор. Ной штим кум ынтымпинэ оамений советичь сэрбэтоаря лор националэ, луминаць де конштиинца ши де демнитатя лор четэценяскэ. Сынтем конвиншь кэ ла Жубилеул Семичентенарулуй сэу Биробиджанул советик адуче роаде марь ши слэвите, креате прин остеняла, прин хэрничия ши прин таленутл ынсуфлецит ал фечорилор сэй.

Еу мэ гындеск ку деосебитэ кэлдурэ фрэцяскэ ла богэцииле спиритуале ши културале але попорулуй фрате евреу. Аич, ын Молдова ка ын орьче колц ал марей ноастре патрий, ной чинстим ши прецуим ачесте богэций ка ун бун историк ал ностру ал тутурор.

Сэ ле пуртэм тоате ачесте богэций, комоара ноастрэ комунэ а челор о сутэ де граюрь ынфрэците, ла афирмаре солидарэ ши ла ынфлорире ноуэ, суб стягул ленинист ал мунчий, ал пэчий ши ал фрэцией.

Андрей Лупан

Народный писатель Молдавской ССР,
Герой социалистического труда.

דאָ, אין דער סאָוועטישער מאָלדאַוויע, האַלטן מיר זיך פאַר אָנטיילנעמער אינעם יאָמטעוו פון אונדזערע ברידער פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט — אינעם 50-יאָריקן יובילײ פון ביראָבידזשאַן. דאָס איז נאָך איין שטאַפּל אינעם קאַמף און אין דער שאַפונג, אין דער געשיכטע פון אונדזער סאָוועטישער מישפּאָכע.

מיר סאָפעקן ניט, אַז דאָס איז אַ מין סאַכאַקל פאַר אַלע אַרבעטנדיקע פון דער געגנט, אַ היסטאָרישע הייך, פון וועלכער מע קאָן זען די ווײַט אינעם גורל פונעם פאָלק און פון וועלכער מע קאָן פונדאַסנײַ אורטיילן וועגן די האָפענונגען אין דער צוקונפט. מיר ווייסן, ווי אַזוי די סאָוועטישע מענטשן, באַשײַנטע מיט באַוווּסטזײַן און ווירדע, באַגעגענען אַ נאַציאָנאַלן יאָמטעוו. מיר זײַנען זיכער, אַז דער פופציקיאָריקער יובילײ פונעם סאָוועטישן ביראָבידזשאַן וועט ברענגען גרויסע און רומפולע פּרוכט, דערגרייכטע דורך מי, דורך פלײַס און באַגײַסטערטן טאַלאַנט פון זײַנע זין.

איך טראַכט מיט אַ באַזונדער ברידערלעכער וואַרעמקײַט וועגן די גײַסטיקע און קולטור-ווערטן פונעם ברידערלעכן ייִדישן פאָלק. דאָ, אין מאָלדאַוויע, ווי אין אַ באַליביקן ווינקל פון אונדזער גרויסן היימלאַנד, אַכטן מיר און שעצן די דאָזיקע ווערטן אַלס אונדזער געמיינזאַמען היסטאָרישן אוצר.

לאָמיר זשע טראָגן די דאָזיקע אַלע רײַכטימער, דעם אַלגעמיינעם אוצר פון די הונדערטער פאַרברידערטע פעלקער צו דעם געמיינזאַמען ציל, צו אַ נײַעם אויפבלי, אונטער דער לעניניסטער פאָן פון מי, שאָלעם און ברודערשאַפט.

אַנדריי לופּאַן,
אַקאַדעמיקער, פאָלקס-פּאָעט פון דער מאָלדאַווישער ססר,
לאַורעאַט פון די מעלוכע-פּרעמיעס פון פססר, העלד פון סאָציאַליסטישער מי

וואָס ער טוט זײַן זאַך און וואָס ער האָט אויסגעמיטן דעם יעיצערהאָרע, וועלכע האָט אים שיר ניט געוואָלט מיט דער באַליבטער ארבעט צעשיידן.

פעלער פלעגט דערציילן אָט די געשיכטע מיט פאַרגעניגן, האַנאָע האָבנדיק פאַר זײַן פרײַנט און מעכוטן. און מע האָט אים געקאָנט פאַרשטיין, ווײַל אין אַן ענלעכער לאַגע וואָלט ער אויך אַזוי געטאָן.

איסאַק גורשמאַן וואָלט, לויט דער עלטער, שוין געקאָנט זײַן אַף פּענסיע, נאָר ער אַרבעט נאָך, ווי פריִער. עמעס, אינעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן האָבן שוין אַ גרעסערן שעם זײַנע זין, קוידעמקאָל — מאַרק. דער יִינגערער גורשמאַן איז געווען אַ טראַקטאָריסט, דערנאָך האָט מען אים געשטעלט בעראָש פון אַ טראַקטאָר-בריגאַדע, נאָכדעם — פאַרוואַלטן מיט אַן אָפּטיילונג אין אַ סאָוכאָז. ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, און דער ראַיקאָם פון פּאַרטיי האָט אים געשיקט פאַר אַ בריגאַדיר אין דער וואַלדהיימער קאָמפּלעקס-בריגאַדע.

דאָס איז געווען פאַר אים אַ גרויסער קאָוועד, נאָר ער האָט אַ ביסל געצווייפלט:

— ס'איז עפּשער ניט באַקוועם? פעלער איז דאָך מײַן שווער. וואָס וועלן מענטשן זאָגן?

— נו, דאָס איז איבעריק, — האָט מען אים געענטפערט. — פאַר פעלערן איז אַף דער אַרבעט איינס מיטן דריטן ניט קיין מעכוטן, קיינעם מאַכט ער ניט קיין סקידקע. נאָר אָט, זיך אויסלערנען בא אים, וויִאַזוי צו אָרגאַניזירן די זאַך, וויִאַזוי זיך באַגיין מיט מענטשן — דאָס איז זייער ווערטפול.

גורשמאַן דער יִינגערער האָט זיך אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט מיט לײַב און לעבן. אין זעלטענע מינוטן בייסן אָפּרו האָט ער ליב געהאַט זיך צוהערן, ווען וואָס עס שמועסן צווישן זיך די „זקיינים" — אַזוי האָבן ער און אַניע גערופן די עלטערן. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז גאָרנישט האָט ניט איבער זיי קיין מאַכט! ניט די יאָרן, ניט דאָס אונטערגעריסענע געזונט — די זעלבע פאַרכאַפּטקײַט, די זעלבע איבערגעגעבנקײַט דער ערד.

איינמאָל — ס'איז געווען אין אָסיען — האָט מאַרק זיי געטראָפן בייס אַ געמיטלעכן שמועס. ער האָט געדאַרפט אומבאַדינגט זיך אויסייצענען מיטן טאַטן און מיטן שווער.

— מע האָט מיט מיר געפירט אַ שמועס — מע לייגט מיר פאָר ווערן דירעקטאָר פון דעם באָבריכינער סאָווירט.

ס'איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל.

— און דו האָסט שוין געגעבן די האַסקאָמע? — האָט אַ קוק געטאָן אַפן זון גורשמאַן.

— ניין, מאָרגן וואַרט מען אַף מײַן ענדגילטיקן ענטפער. האָב איך געוואָלט מיט אײַך זיך אַן אייצע האַלטן.

— נו, אויב מע שיקט, דאַרף מען גיין. אַרבעטן און באַרעכטיקן דעם צוטרוי. — אַזוי האָט געזאָגט גורשמאַן דער עלטערער.

פעלער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט געקוקט אַף זײַן פרײַנט און אַ קלער געטאָן: זע נאָר, ווי ער האָט אַלץ אַזוי גיך באַשלאָסן. קלאָר, יענער איז קיינמאָל ניט געווען קיין דירעקטאָר און ווייסט ניט, מיט וואָס אַזוינס עס שמעקט. „דער אייביקער בריגאַדיר" — אַזוי האָט ער אין אַ שפּאַס גערופן גורשמאַנען. פעלער האָט געוווּסט אַזוינס, וואָס עס האָט ניט געוווּסט גורשמאַן. ער האָט געוווּסט, ווי ניט לײַכט עס איז צו זײַן אַן אָנפירער. און מאַרק איז יונג, נאָך ניט באַהאַוונט, שוואַכלעך אין אַזעלכע איניאָנים, ווי עקאָנאָמיק, פינאַנסן. און אַן דעם קאָן מען איצט פּאַשעט ניט אָנפירן קוואַליפיצירט מיט אַ ווירטשאַפט. דערצו נאָך מיט באָבריכינער סאָווירט אַ שווערע ווירטשאַפט. וויפל אָנפירער, עלטערע לויט די יאָרן און מער דערפאַרענע, האָבן זיך קאַליע געמאַכט דאָרט די קאַריערע. ניין, מ'האָט זיך צוגעאײַלט מיט אָט דעם פאָרשלאָג פאַר מאַרקן. איין זאַך איז זײַן אַ בריגאַדיר פון אַ קאָמפּלעקס-בריגאַדע, און גאָר אַן אַנדערע — דירעקטאָר פונעם גרעסטן אין ראַיאָן סאָווירט.

דאָס ערשטע מאָל האָט זיך ניט צוגעהערט דער יִינגערער גורשמאַן צו פעלערס רייד. ער האָט אײַנגעטאַן מיט אַניען און מיט די קינדערלעך זיך איבערגעקליבן קיין ביראָפעלד. און אָנגעהויבן האָט ער ניט שלעכט, דער נײַער דירעקטאָר פונעם סאָווירט. טאַקע זייער ניט שלעכט, גאַנץ נישקאָשע. דעם פאַרזיי האָט דער באָבריכינער סאָווירט פאַרענדיקט דער ערשטער אינעם ראַיאָן — געוויינלעך פלעגט ער שטענדיק זײַן קימאַט דער לעצטער. קיין וואַלדהיים קומען אָן פון באָבריכינאָ גוטע יעדיִעס. פעלער פלעגט זיך זעצן ניט זעלטן פאַרן רודער פון זײַן אייגענער „וואָלגע" און פאָרן קיין ביראָפעלד — זיך זען מיט די אייניקלעך.

„כ'בין, אַפּאָנעם, ניט געווען גערעכט, — האָט געטראַכט פעלער. — מאַריק איז אַ נישקאָשעדיקער באַלעבאָס. און גוט, וואָס איך בין דעמלט ניט געווען גערעכט! די זין זײַנען ניט ווייניקער פון אונדז צו דער ערד צוגעבונדן".

און אין דעם איז פֿאַראַן אַ טיפֿער זין — די קינדער און קינדס־קינדער זאָלן יאַרשענען די ליבע צו דער ערד, און מיר זאָלן זיך אָן אַ שיר מאָל איבערכאַזערן אין די קינפּטיקע דווירעס!

11

אין 1974 איז פּעלער דאָס לעצטע מאָל אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַריכט וועגן דער אַרבעט פֿון דער פּאַרוואַלטונג. נאָך מיט אַ יאָר צוריק האָט ער באַשלאָסן אַוועקגיין אויף פּענסיע, ווײַל דאָס געזונט האָט זיך פֿאַרערגערט, און אַרבעטן אַבי־ווי איז ניט געווען אין זײַן טבֿע.

אויף דער טריבונע ליגט פֿאַר זײַנע אויגן דער אָפּגעדרוקטער אויף אַ שרײַב־מאַשינקע באַריכט. אָבער ער קוקט אין אים אַרײַן נאָר לויט דער געוווינשאַפֿט. ער בלעטערט איבער דאָס אָפּגעדרוקטע, נאָר לייענען לייענט ער פֿון אים גאָרנישט ניט אַרויס. ער שמועסט מיט די מענטשן, וועלכע זיצן אין זאַל. ער רופֿט אָן ציפֿערן. צענדליקער ציפֿערן. פֿאַרגלײַכט זיי. דערציילט וועגן די סאָציאַלע ענדערונגען, וועלכע זײַנען פֿאָרגעקומען אינעם קאָלווירט. די פּאַרוואַלטונג גיט אָפּ אַ כעזשבן פֿאַרן פֿאַרגאַנגענעם יאָר. נאָר פּאַר פּעלערס אויגן שטייט דאָס יאָר 1962, ווען ער איז געוואָרן פֿאַרזיצער. דער קאָסט פֿונעם וואָל־פּראָדוקט אין דער פּיצוכט איז פֿון דעמלט אָן אויסגעוואַקסן אין צוויי מיט אַ האַלבן מאָל. אויף הונדערט טויזנט רובל האָט ער זיך פֿאַרגרעסערט אין דער געוויקסנצוכט. דעם 1 יאַנוואַר 1967 איז דער קאָלווירט אַריבערגעגאַנגען אויף גאַראַנטירטן אַרבעטסלוין לויט די טאַריפֿן, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין די סאָווירטן. און שוין אינעם ערשטן כוידעש האָט דער דורכשניטלעכער אַרבעטסלוין פֿון די קאָלווירטניקעס דערגרייכט 140 רובל אַ כוידעש. און איצט איז ער אויף אַ סאַך העכער...

דער פֿאַרזיצער האָט גערעדט איבערצײַגעוודיק, דײַטלעך פֿאָרמולירט זײַנע געדאַנקען. און די מענטשן, הערנדיק זײַן באַריכט, האָבן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: „יאָ, ריכטיק, אַלץ איז ריכטיק, וואָס עס רעדט אונדזער פֿאַרזיצער".

פֿאַרזיצער פֿונעם קאָלווירט „אילישעס געבאָטן" איז אין 1974 געוואָרן פּעליקס גליקשטיין, וועלכער האָט ביז דעמלט געאַרבעט אַלס פּעלערס שטעלפֿאַרטרעטער.

גליקשטיין איז פּונקט אין צוויי מאָל ייִנגער פֿון פּעלערן. דאָס איז דער צוועלפֿטער לויטן סיידער פֿאַרזיצער פֿונעם וואַלדהיימער קאָלווירט. און דער ערשטער פֿאַרזיצער מיט ספּעציעלער הויכבילדונג, מיט אַ דיפּלאָם פֿון אַ זאָאָטעכניקער. זײַן שטיף־פֿאָטער, שוין איצט אַ פֿאַרשטאָרבענער, נאָטע בראַנדמאַן, איז געווען פּעלערס אַ כאַווער. זיי האָבן ביידע געאַרבעט: פּעלער — אַלס פֿאַרזיצער פֿונעם קאָלווירט „רויטער אָקטיאַבער", בראַנדמאַן — אַלס פֿאַרטאָרג. פּעלער פֿלעגט ניט איין מאָל זײַן בא זיי אינדערהיים, האָט זיך געשפּילט מיטן שוואַרצכיינעוודיקן ייִנגעלע און אַפּילע ניט געקלערט, אַז ער וועט אין יאָרן אַרום איבערגעבן אים דעם שטורוואַל פֿונעם קאָלווירט, וועלכער געפֿינט זיך זייער ווײַט פֿון אַמורזעט.

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם בלאַגאָוועשטשענסקער לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אינסטיטוט איז גליקשטיין אָנגעקומען אַרבעטן אין לענינסקער ראַיאָן. ער איז דאָרט געווען זאָאָטעכניקער אין דער ראַיאָנישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוציר־פּאַרוואַלטונג, דערנאָך דירעקטאָר פֿונעם קאַלינינסקער סאָווירט, און פֿון 1973 לעבט ער דאָ, אין „אילישעס געבאָטן".

דער נײַער פֿאַרזיצער אײַלט זיך ניט באַם אַרויסזאָגן עפּעס אַ וויכטיקן געדאַנק, בא אים איז אַ רויִקער כאַראַקטער, אַפּילע, לויטן ערשטן קוק, אַ ווייכער. אָבער ווען מע דאַרף, איז ער אײַנגעשפּאַרט, און ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ ריכטיקן איניען, אין וועלכן ער איז איבערצײַגט, וועט ער זיך דערשלאָגן זײַנס.

די פֿליכטן פֿון אַ קאָלווירט־פֿאַרזיצער זײַנען אויסערגעוויינלעך גרויס. די ווירטשאַפֿט פֿאַרמאָגט אַן אַנטוויקלטע פּיצוכט, ווי אויך אַ גאַנץ היפּשע פֿעלדצוכט. אין די קאָמפּלעקס־בריגאַדעס זײַנען טעטיק ניַין הונדערט מענטשן, און יעדער איינער דאַרף האָבן אַן אַרבעט לויט דער ספּעציאַליטעט. דער קאָלווירט האָט אין זײַן רעשוס אַ ריזיקן וווינונגס־פֿאָנד, עס־לעכע שולן, קלובן, קינדער־גאָרטנער, לאַגערן פֿון אַרבעט און אָפּרו. דאָס אַלץ איז אויך אונטער דעם פֿאַרזיצערס האַזשגאָכע.

דער פֿאַרזיצער דאַרף זײַן אַ גוטער באַלעבאָס. ער דאַרף אָפּשאַצן, צי עס לוינט דעם קאָלווירט אָדער ניט דאָס אָדער יענץ מאָסמיטל. און צו טאָן האָט ער מיט היפּשע פֿינאַנסן.

אַ קלײניקײַט — די האַכנאָסע פֿון דער ווירטשאַפֿט האָט אין 1977 באַטראָפֿן 3,6 מיליאָן רובל, דערונטער 75 טויזנט רובל — ריינער רעווע.

דער וואַלדהײמער קאָלווירט פֿאַרמאָגט ניט אַזאַ רעזערוו פֿון פֿרײַער ערד, ווי די מערהײַט בײַאַמורער ווירטשאַפֿטן. אויף מײַרעוו שפּאַרן זיך אָן זײַנע פֿעלדער אינעם ראַנד פֿון דעם געגנטלעכן צענטער, אויף דאָרעם — אין דער בירע, זיי גרענעצן זיך אויף מיזרעך מיט די גיטער פֿונעם פּעטראָווקער סאָווירט. און מע דאַרף דאָך האָבן צוגאָבלעך גראָזן, פּאַשע-פּעלדער, היי-לאָנקעס. אויך דאָס אַקער-פֿעלד דאַרף מען פֿאַרברײטערן.

די פֿאַרוואַלטונג פֿונעם קאָלווירט האָט שוין פֿון לאַנג געוואָרפֿן אַן אויג אויף דער טעריטאָריע, וואָס ליגט צאָפֿן-זײַט פֿון וואַלדהײם. עמעס, דאָס זײַנען זומפּן, טײַגע און וואַלד. אין די פֿריערדיקע צײַטן וואָלט מען וועגן אײַנשליסן אָט די מאַסיוון אין זיי-פּאַרקער אַפֿילע טראַכטן ניט געוואָגט: וואָס פֿאַר אַ טעכניק, וויפֿל געלט וועט עס דאַרפֿן קאָסטן! איצט אָבער זײַנען פֿאַראַן גאָר אַנדערע מעגלעכקײַטן. און דער קאָלווירט האָט געשלאָסן אָן אָפּמאַך מיט די מעליאָראַטאָרס. יענע האָבן דורכגעפֿירט די נײטיקע אויספֿאָרשונגען, אונטערגעכעזשבנט אַלץ און צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. דעם מאַסיוו, וועלכן מע האָט גענומען צו באַהערשן, האָט מען אָנגערופֿן — די איקוראַער אויסטריקענונגס-סיסטעם: אויב נאָך ווײַטער זיך דורכשלאָגן אויף צאָפֿן פֿון וואַלדהײם, וועט מען אומבאַדינגט זיך אָנשטויסן אויף דער טראַנס-סיבירער מאַגיסטראַל, און פֿון דאָרטן איז ניט ווײַט די סטאַנציע איקוראַ. די אַלגעמײנע ליניע פֿון די מאַגיסטראַלע קאַנאַלן וועט באַטרעפֿן פֿערציק קילאָמעטער. פֿונעם דאָרף האָט מען דורכגעלײגט אַ גרײדער-שליאַך אויף אַ מעהאַלעך פֿון 18 קילאָמעטער. ערגעץ אין יענע ערטער, דערציילט מען, האָט זיך געפֿונען אין די פֿערציקער יאָרן די פּאַסעקע פֿון אײנעם פֿון די ערשטע וואַלדהײמער בויער ווולפּסאָן. אויף פֿערד איז אַהין זיך דערקלײַבן געווען אומעגלעך. מ'איז געגאַנגען צופֿוס — אַ מעסלעס אַהין און אַ מעסלעס צוריק איבער די קאָטשקעס, שפּרינגענדיק פֿון איין בערגל אויפֿן אַנדערן. איצט מאַכט דורך אָט דעם וועג דער קאָלווירטישער „גאַזיק" פֿאַר צוואַנציק מינוט.

אינגיכן וועלן די מעליאָראַטאָרס איבערגעבן דעם קאָלווירט די ערשטע דרײַ הונדערט העקטאַר נײַע ערד, און אינגאַנצן רעכנט מען אויס צו באַקומען אויף דער איקוראַער סיסטעם 3500 העקטאַר. דאָס איז אַ היפּשער צוגאָב צו די קאָלווירטישע גיטער. ס'וועלן אַרײַן אין פֿאַרקער טויזנט העקטאַר אַקער-ערד, און אויפֿן איבעריקן שטעך וועלן זײַן היי-לאָנקעס און פּאַשע-פּעלדער. די איקוראַער סיסטעם עפֿנט, אַזוי אַרום, ברײטע מעגלעכקײַטן פֿאַרן קאָלווירט סײַ אין דער פֿיצוכט, סײַ אין דער פֿעלדצוכט.

12

און איצטער לאָמיר נאָכאַמאָל אַרײַנגיין אינעם קאָלווירטישן מוזיי פֿון אַרבעטס-רום. זיך אײַנקוקן אין די שוין פֿאַרגעלטע בלעטלעך פֿון דאָקומענטן, וועלכע געהערן צו די ווײַטע דרײַסיקער יאָרן, אין די יונגע פּענעמער פֿון די ערשטע בויער פֿון וואַלדהײם. דאָ, אינעם מוזיי, איז די צײַט ווי צונויפֿגעפּרעסט, צונויפֿגעגאָסן צוזאַמען — פֿונעם אָנהייב, ווען מע האָט אוועקגעשטעלט „אַ היים אין וואַלד", ביז הײַנטיקן טאָג, ווען וואַלדהײם איז געוואָרן דער בעסטער קאָלווירט אין קאַנט און איז אַרופֿגעטראָגן אויפֿן ערן-טאָוול פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער אויסשטעלונג פֿון די דערגרײכונגען אין דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט פֿון פֿססר. פֿון דעם ווײַטן „נעכטן" ביז דעם פּרעכטיקן „הײַנט" ליגט אַ ניט לײַכטער, נאָר אַ גליקלעכער וועג פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

אינעם בוך פֿון דעם רוסישן שרײַבער וויקטאָר פֿינק „ייִדן אין דער טײַגע" זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע ווערטער: „קיין וואַלדהײם גייט אַ ברייטער וועג, אָן אָנגעשאָטענער מיט גראָווי. דעם זומפּ שפּרינגט ער איבער דורך אַ דאַמבע, און אין דער טײַגע גייט ער מיט אַ גלײַכער אַלייע. די פֿאַראַיאָריקע וואַלדהײמער שטיבעלעך זײַנען געוואָרן ענלעך אויף שאַכטעלעך שוועבעלעך, ווײַל באַנאַנד מיט זיי זײַנען אויסגעוואַקסן נײַע הײַזער-קאָטעדזשן אויף זעקס דירעס, מיט ברייטע וועראַנדעס, מיט געראַמע צימערן".

שענער ווערן פֿון יאָר צו יאָר די קאָלווירטישע דערפֿער! עס באַווײַזן זיך נײַע גאַסן מיט וווין-הײַזער, געבײַדעס פֿאַר קולטור-שטייגערישער באַדינונג, קינדער-גערטנער און יאַסליעס, האַנדל-צענטערס. הײַנט וועסטו שוין קײנעם ניט באַוווּנדערן מיט אַ פּערזענלעכן אויטאָמאָביל צי מיט אַ טעלעוויזאָר. עס זײַנען אַוועק אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט די יאָרן, ווען

צום אײנציקן אַף גאַנץ וואַלדהײם טעלעוויזאָר פלעגט מען זיך צונױפֿזאַמלען, ווי אַף אַ יאָמטעוו.

דער פֿאָרזיצער פֿונעם אויספֿירקאָם פֿון וואַלדהײמער דאָרפֿסאָוועט יעפֿים קויסמאַן נעמט, ווי אַ בוכהאַלטער, אונטערכעזשבענען:

— הײסט עס, אַזוי. דער דאָרפֿישער שטײגער־קאָמבינאַט לײגט פֿאָר די קאָלווירטניקעס עלף מינים באַדינונגען, אײַנגעשלאָסן דעם וואַשערײַ־קאָמבינאַט אינעם דאָרף פּטיטשניק. און אין די לעצטע יאָרן איז אויפֿגעשטאַנען נאָך אײן פּראָבלעם: אונדזערע קאָלווירטניקעס פֿאַרמאָגן פֿיל צענדליקער לײַכטע אויטאָמאָבילן און פֿאַרביקע טעלעוויזאָרס — דאַרף מען, הײסט עס, האָבן אינעם קאָלווירט אַ ספּעציעלע רעמאָנט־דינסט, אַ מין סטאַנציע פֿון טעכנישער באַדינונג.

די טעריטאָריע פֿונעם סאָוועט שליסט אײַן צוויי דערפֿער — וואַלדהײם און פּטיטשניק. דאָרט געפֿינט זיך אַ גאַנצער קאָמפּלעקס האַנדל־ און מעדיצין־אַנשטאַלטן, דערונטער אַ שפּיטאָל, צוויי אַמבולאַטאָריעס, אַ סטאָמאַטאָלאָגישער און רענטגען־קאַבינעטן, אַ גאָרקיך אַף פֿינף הונדערט ערטער, אַ זומער־פּאַווילִיאָן, אַ ראַיאָנישע סטאַנציע פֿון „גיכער הילף". עס זײַנען אויסגעבויט געוואָרן נאָך אײן שפּיטאָל און אַ קאָלווירטישער ספּאָרט־זאַל.

קויסמאַן איז קײן וואַלדהײם געקומען אין 1944, גלײַך פֿון אַ פֿעלד־שפּיטאָל, נאָך אַ שווערער פֿאַרווונדונג, וועלכע ער האָט באַקומען בײַ די שלאַכטן אַף רזשעווער ריכטונג. דער לײטענאַנט־פּעכאָטינער מיט אַן אָרדען פֿון דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע אַף דער גימנאַסטיאָרקע איז, ווי מע זאָגט, מיט דער גאַנצער נעשאָמע אַרײַן אינעם לעבן פֿון דעם קאָלווירט. ער איז געווען דירעקטאָר פֿונעם קינדער־הויז, דערנאָך בריגאַדיר, און פֿונעם 1973 איז ער פֿאָרזיצער פֿון דעם דאָרפֿסאָוועט, וועלכער איז, לויט די סאַכאַקלען פֿאַרן 1977, דער זיגער אין דער אַלפֿאַרבאַנדישער סאָציאַליסטישער פֿאַרמעסטונג פֿון די דאָרפֿישע און ייִשוּווים־סאָוועטן און איז באַלוינט געוואָרן מיט דער איבערגײענדיקער רויטער פֿאָן פֿון דעם מיניסטאָרן־ראַט פֿון רספֿסר און פֿונעם אַלפֿאַרבאַנדישן צענטראַלן ראַט פֿון די פּראָפֿאַרײנען.

אַלץ ווערט דאָ געלײזט מיט דער הילף פֿונעם אַקטיוו, פֿון די מיטגלידער פֿון די באַשטענדיקע קאָמיסיעס. וווּיל־אײַנאָרדענונג, באַגרינונג, יאָמטויווים, קאָנקורסן אויף בעסטן קאָלווירטישן הויף — אַלע אינטערעסאַנטע און וויכטיקע איניאָנים פֿונעם דאָרפֿסאָוועט ווערסטו דען איבערעכענען? אײנס איז קלאָר: צווישן די פֿאָלקס־דעפּוטאַטן זײַנען קײן גלײַכגילטיקע מענטשן ניטאָ, אַלע זאָרגן, אַז זײער לײַבלעך דאָרף זאָל פֿון טאָג צו טאָג ווערן וווּיל־אײַנגעאָרדנטער און שענער.

יאָ, עכטע באַלעבאַטים לעבן און מיִען זיך אין וואַלדהײם!

ליטעראַרישער פּאָסט פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

אויפן ביראָבידזשאַנער זאַוואָד „דאַלסעלמאַש"

אַלס אויסדרוק פון דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור מיטן לעבן איז אויפגעקומען די אידיי פון אײַנשטעלן א שטענדיקן ליטעראַריש-קאָרעספּאָנדענטישן פּאָסט אף דער גרעסטער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט „דאַלסעלמאַש".

אין הײַנטיקן נומער פּובליקירן מיר די ערשטע קאָרעספּאָנדענץ.

קאָמבײַנבויער

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן

ברייט זײַנען צעעפנט די טויערן פונעם זאַוואָדישן מאָנטאַזש-צעך. טאָג-אײַן, טאָג-אויס גייען אַוועק פונדאַנען שפּאָגל-נײַע, אין העלע קאָלירן אָפּגעפאַרבטע מאַשינען. דונערנדיק מיט די מאָטאָרן, קלאַפּנדיק הילכיק מיט די רויפן, טראָגן זיי אַוועק דעם שטאָלצן נאָמען „סיביריאַק". ס'איז אף זיי אָנגעצייכנט די מאַרקע — „סקד-6ר", דער זאַוואָד — „דאַלסעלמאַש", די שטאָט — ביראָבידזשאַן.

אַוועק שוין קימאַט א פערטל יאָרהונדערט, זינט דער זאַוואָד האָט אין 1960 אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אָט די מעכטיקע סטעפּשיפן. אַצינד איז ער ניט נאָר אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, נאָר אינעם גאַנצן ווײַטמיזרעכדיקן רעגיאָן באַרימט אַלס פלאַגמאַן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער מאַשינבויונג. די קאָמבײַנען, וועלכע ער לאָזט אַרויס צוליב דעם אַראָפּנעם פון טוווּע, סילאָס, רײַז, קאָן מען זען ניט בלויז אף די פעלדער פון די ווײַטמיזרעכדיקע קאָלווירטן און סאָווירטן, נאָר אויך אין קאַזאַכסטאַן, טורקמעניע, טאַדזשיקיסטאַן, גרוזיע, אוזבעקיסטאַן, בײַבאַלטיק.

דאַנק-בריוו פאַר די קאָמבײַנען קומען אָן פון וויעטנאַם און פון אונגאַרן, פון איראַק און בולגאַריע, פון קובע און אינדיע... אָט וווּהין עס דערגרייכט די פּראָדוקציע פון די ביראָבידזשאַנער קאָמבײַנבויער!

פאַר אַוועלכע 12-10 מינוט קאָן מען מיטן אווטאָבוס זיך דערקלײַבן פונעם צענטער שטאָט צו די זאַוואָדישע טויערן. ניט שטענדיק איז אָבער געווען אַזוי. עפּשער איז טאַקע קעדײַ אויפמישן א בלעטל געשיכטע...

1935. ס'איז ניט דורך נאָך קיין יאָר, זינט עס איז אויסגעבילדעט געוואָרן די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט. די סאָוועטישע רעגירונג נעמט שוין אָן קאָנקרעטע באַשטימונגען מיטן ציל צו אַנטוויקלען איר עקאָנאָמיק. איינס פון אָט די מאָסמיטלען איז — אויסבויען אין ביראָבידזשאַן א וועגנערזאַוואָד.

די בויונג האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אפן צאָפן-מײַרעוודיקן ראַנד-געביט פון דער שטאָט. דערקלײַבן זיך צום בוי-פּלאַץ אף פערד-און-וואָגן (קיין אַנדער טראַנספּאָרט איז ניט געווען), איבער א וועג, וואָס איז פול מיט קאָטשקעס און ווו נאָך א רעגן האָבן די רעדער געזונקען ביז דער אַקס, האָט געדויערט א פּאָר שאָ.

די טײַגע ניט ווײַט פון דער בירע האָט מען אויסגעקאָרטשעוועט אף א היפּשן פּלאַץ.

באטאָג און ביז שפּעט אין אָוונט, שוין בא דער שײַן פֿון שײַטערס, האָבן געקלונגען העק און זעגן. הונדערטער רידלען, קירקעס און לאָמען האָבן זיך אײַנגעביסן אינעם ניט נאָכגיביקן, מיט וואָרצל־געפּלעכט דורכגענומענעם גרונט. עס האָבן זיך אופגעהויבן די ווענט פֿון די ערשטע צעכן, מע האָט אוועקגעשטעלט א הויז פֿאַר דער קאָנטאָר פֿון דער זאַוואָד־פֿאַרוואַלטונג, באַראַקן פֿאַר צוזאַמענוווינונגען, א גאָרקיך. די בויער — הויפּטזאַכלעך יוגנט, וואָס איז לויטן רוף פֿון דער פּאַרטיי און קאָמיוג געקומען בויען די נײַע געגנט. געווען זײַנען צווישן זיי די טאַטעס און זיידעס פֿון די הײַנטיקע אַרבעטער פֿונעם „דאַלסעלמאַש".

אין דער ערשטער פּראָדוקציע פֿונעם זאַוואָד האָט א היפּשן כיילעק געהאַט אויך דער ווערקשטעל־אַרבעטער יויסעף בומאַגין. אין זאַוואָדישן מוזיי פֿון שלאַכטישן און אַרבעטס־רום קאָנט איר איצט זען א מאַקעט פֿונעם ערשטן וואָגן. אָנווײַזנדיק אף אים, וועט דער עקסקורסיע־פֿירער, אויך איינער פֿון די וועטעראַנען פֿון דער אונטערנעמונג, פֿיליפּ גענקין, זאָגן:

— ווער האָט דעמלט זיך געקאָנט ריכטן, אז עס וועט אויסברעכן אזא מילכאָמע און אונדזערע פֿרידלעכע וועגענער וועלן צוניץ קומען אף אריבערפֿירן געווער, אַמוניציע, פֿאַרוווּנדעטע?..

פֿונעם דאַן נאָך ניט גרויסן זאַוואָד זײַנען אוועק אפֿן פֿראָנט 170 אַרבעטער. זיבן און פֿופֿציק זײַנען געפֿאַלן אין שלאַכט. צווישן זיי — דער העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד יויסעף בומאַגין. באַם באַפֿרײַען די פּוילישע שטאָט

דער אומבײַט־מײַסטער, קאַוואַלער פֿון א לענין־אָרדען אַלעקסאַנדער פֿאַלער.

גרייטע קאָמבײַנען

װראָצלאַװ האָט ער איבערגעכאַזערט אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָװס העלדנטאַט. נאָר אויך הײַנט איז בומאַגין אין האַרעפּאַשנעם סטראָי. װי אַ לעבעדיקער שטײט ער אין צעטל פֿון דער בריגאַדע פֿון קאָמוניסטישער מי אין זיבעטן צעך. די בריגאַדע פֿילט אויס די נאָרמע פֿאַרן העלד און רעכנט אָפּ זײַן פֿאַרדינסט אין פֿאָנד פֿון שאָלעם.

אין סקװער, ניט װײַט פֿונעם אַרײַנגאַנג אױפֿן זאַװאָד, שטײט אַ מעמאָריאַל צום אָנדענק פֿון די אומגעקומענע אַרבעטער. דאָ גיט די יוגנט אַ פֿײַערלעכע שװוּע — טרײַ זײַן דער פּראָפֿעסיע פֿון קאָמבײַנבויער. דאָס באַטײַט, אַז דאָ הײבן זײ אָן זײער װעג אין לעבן.

— דאַן, אין די יאָרן פֿון דער גרױסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע, — דערמאָנט זיך דער װעטעראַן פֿונעם זאַװאָד ראַפֿאַיל כערסאָנסקי, — האָבן אױפֿן אָרט פֿון די אװעקגעגאַנגענע אױפֿן פֿראָנט זיך געמאָלדן זײערע פֿרויען, די קױם אונטערגעװאַקסענע זין און טעכטער. זײ האָבן געמאַכט קאָרפּוסן פֿאַר מינעס און אַװיאַ-באָמבעס.

אײנער פֿון די ערשטע האָט דעמלט פֿאַרדינט דעם קאָװעד זיך רופֿן מיטן נאָמען פֿראָנט-בריגאַדע דער קאָלעקטיװ, מיט װעלכן עס האָט אָנגעפֿירט איװאַן קיריליאָװ. געאַרבעט האָבן אין דער בריגאַדע אַדעלינאַ גײַליס, יעפֿים װאָלװאָװסקי, ליובאַ אָסטאַפּענקאָ און אַנדערע. די יונגע אַרבעטער, הײַנט שױן װעטעראַנען, האָבן אין צװײ און אין צװײ מיט אַ האַלבן מאָל איבערגעשטיגן די פֿאַרגעבונגען. דאָס הײמלאַנד האָט זײ באַלױנט מיט אָרדענס און מעדאַלן פֿאַר זײער מעסירעסנעפֿעשדיקער מי.

און אָט איז געקומען דער טאָג פֿון ניצאָכן!

די אונטערגעװאַקסענע פֿאַר די מילכאָמע-יאָרן ייִנגלעך און מײדלעך, זײערע טאַטעס און עלטערע ברידער, װעלכע האָבן זיך אומגעקערט פֿונעם פֿראָנט, האָבן גענומען צוזאַמען אָפּסנײַ איבערבויען די אונטערנעמונג. דאָס לאַנד, װוּ עס איז איצט געגאַנגען דער גרױסער װידערופֿבוי נאָכן מילכאָמע-כורבן, האָט זיך גענײטיקט אין פּריצעפּן צו אױטאָמאָבילן און טראַקטאָרס. פֿאַר אַ קורצן טערמין איז באַהערשט געװאָרן דער אַרױסלאָז פֿון דעם נײַעם מין פּראָדוקציע, און ביזן 1960 האָט מען אױסגעאַרבעט עטלעכע צענדליק טױזנט פּריצעפּן.

פֿון דעם האָט זיך עס אָנגעהױבן — פֿון װעגענער פֿאַר פֿערד-געשפּאַן, דערנאָך — פֿון אױטאָ-פּריצעפּן. אין 1960 האָט דער זאַװאָד אָנגעהױבן אױסאַרבעטן קאָמבײַנען.

די עסטאַפֿעטע פֿון דעם אומרויִקן מענטשלעכן גײַסט

אַזאַ טראַדיציע האָט זיך אײַנגעשטעלט אױפֿן זאַװאָד: אין אַפּרעל כױדעש איבערגעבן אין די הענט פֿון די בעסטע ערדאַרבעטער פֿון דער געגנט די קאָמבײַנען, װעלכע זײַנען אַראָפּ פֿונעם קאָנװײער אינעם טאָג, װען עס איז דורכגעפֿירט געװאָרן דער לענינישער שאַבעסניק.

אױף אײנער אַזאַ פֿײַערלעכער צערעמאָניע בין איך בײַגעװען.

דער דעמלטיקער דירעקטאָר פֿונעם זאַװאָד, קאַנדידאַט פֿון טעכנישע װיסנשאַפֿטן עדואַרד ליפּאָװעצקי (אַצינד פֿירט ער אָן מיט אַ װיסנשאַפֿטלעך-פֿאָרשערישן אינסטיטוט אין כאַבאַראָװסק), האָט איבערגעגעבן די מעכאַניזאַטאָרס אַלע נײטיקע דאָקומענטן אױף די נײַע קאָמבײַנען. באַם מעמאָריאַל צום אָנדענק פֿון די געפֿאַלענע זאַװאָד-אַרבעטער איז פֿאָרגעקומען אַ מיטינג. דער װעטעראַן סאָלאָמאָן גורעװיטש האָט פֿאָרגעלײענט אַ בריװ פֿון די האַרעפּאַשניקעס פֿונעם זאַװאָד צו זײערע אײניקלעך און אוראײניקלעך אין קינפֿטיקן יאָרהונדערט. דער בריװ פֿאַרענדיקט זיך מיט די װערטער: „זאָל אײביק דױערן די עסטאַפֿעטע פֿונעם לעבן, די עסטאַפֿעטע פֿון דעם אומרויִקן מענטשלעכן גײַסט! דורך יאָרצענדליקער, װעלכע טײלן אונדז אָפּ פֿון אײַך, שטרעקן מיר אױס די האַנט פֿון פֿרײַנטשאַפֿט און כאַװערשאַפֿט". אַ צװײטער װעטעראַן, דער אָרדענטרעגער סאַמויִל זשעלטקאָװ, האָט אין דער װאַנט פֿונעם מעמאָריאַל אײַנגעמױערט דעם בריװ צום װײַטערדיקן דאָר. די מעכאַניזאַטאָרס, העלדן פֿון סאָציאַליסטישער מי — די מעלקערן פֿונעם קאָלװירט „איליטשס געבאָטן" מאַריִע פּאַקאַטילאָ און די גרינסציכטלערן פֿון דעם זעלבן קאָלװירט מאַריִע ראַכמאַנאָװאַ האָבן אױפֿן פּאָסטאַמענט פֿונעם מעמאָריאַל אַװעקגעשטעלט ברױט-און-זאַלץ אױף אַן אױסגענײטן האַנטעך.

װער זשע זײַנען זײ, די הײַנטיקע ביראָבידזשאַנער קאָמבײַנבויער, װעלכע מיִען זיך אין גראַמע ליכטיקע צעכן, בײַ מאָדערנע אױטאָמאַטישע װערקשטעלן? װער זײַנען זײ, די הײַנטיקע אַרבעטער, טעכניקער, אינזשענירן פֿונעם זאַװאָד, װעלכער איז שױן צװײ מאָל באַלױנט מיט ערן-גראַמאָטעס פֿון דעם פּרעזידיום פֿונעם אױבערסאָװעט פֿון רספֿסר, װי אױך מיט מעדאַלן פֿון די פּראָדוציר-

א גרוס דיר, ביראָבידזשאַן!

О Биробиджанском крае написаны поэмы, романы, рассказы, песни. Романтические места – сопки Малого Хингана, приамурская равнина, таежные дебри между Бирой и Биджаном воспеты писателями, пишущими не только на идиш, но и на русском, украинском, белорусском и других языках. Как читатель я уже, таким образом, побывал в Еврейской автономной области.

Разве можно забыть "искателей счастья" из одноименного фильма о Биробиджане? Разве можно не знать, что "по долинам и по взгорьям" шли дальневосточные партизаны, чтобы освободить Волочаевку, жемчужину Биробиджанского края?

Да, я знаю тебя, Биробиджан, в той мере, в какой советский человек знает и любит всю нашу великую родину. Надеюсь, что доведется побывать в твоих прекрасных городах и селеньях.

Еврейской автономной области – 50 лет, но земля, на которой она расположена, – вековая, древняя. Поздравляю молодой, крепкий, как кедр, Биробиджан!



Владимир Карпов
Герой Советского Союза,
секретарь Правления Союза
писателей СССР,
Главный редактор журнала
"Новый мир"

וועגן דעם ביראָבידזשאַנער קאַנט זײַנען אָנגעשריבן פּאָעמעס, ראָמאַנען, דערציילונגען, לידער. די ראָמאַנטישע ערטער — די סאָפּקעס פֿון קליין־כינגאַן, די בײַאַמורער פּליינען, די טײַגע־געדיכטענישן צווישן בירע און בידזשאַן האָבן באַזונגען שרײַבער, וועלכע שאַפֿן ניט בלויז אַף ייִדיש, נאָר אויך אַף רוסיש, אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש און אַף אַנדערע שפּראַכן. ווי אַ לייענער, בין איך, אַזוי אַרום, שוין געווען אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

צי קאָן מען דען פֿאַרגעסן די „גליקזוכער" פֿונעם באַוווּסטן פֿילם וועגן ביראָבידזשאַן? ווי קאָן מען ניט דערמאָנען, אַז „פּאָ דאָלינאַם אי פּאָ וווזגאָריאַם" זײַנען געגאַנגען די ווײַטמיזרעכדיקע פּאַרטיזאַנער, קעדיי צו באַפֿרײַען וואָלאָטשײַעווקע, דאָס פּערל פֿונעם ביראָבידזשאַנער קאַנט?

יאָ, איך קען דיך, ביראָבידזשאַן, אין יענער מאָס, אין וועלכער אַ סאָוועטישער מענטש קען און האָט ליב אונדזער גרויס היימלאַנד. איך האָף, אַז ס'וועט מיר זײַן באַשערט צו באַזוכן דײַנע פּרעכטיקע שטעט און ייִשוּווים.

די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט איז אַלט געוואָרן 50 יאָר, נאָר די ערד, אַף וועלכער זי געפֿינט זיך, איז אַ דורעסדיקע, אַן אוראַלטע. איך באַגריס דעם יונגן, דעם קרעפּטיקן, ווי אַ צעדער, ביראָבידזשאַן!

וולאַדימיר קאַרפּאָוו,
העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, סעקרעטאַר פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר, הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „נאָווי מיר"

אויסשטעלונגען בא אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד?

וועגן אייניקע פֿון זיי וועלן מיר דערציילן.

אַלעקסאַנדער פֿאַלער איז געקומען אַפֿן וועגענער־זאַוואָד אין אַ סאָלדאַטישער גימנאַסטיאָרקע. מיט דער צײַט איז ער געוואָרן אַ קוואַליפֿיצירטער אַרבעטער. פֿיל יוגנטלעכע, וועלכע ער האָט געלערנט דעם פֿאַך, זײַנען איצט אַליין געוואָרן מײַסטערס און אַרבעטן צוזאַמען מיט זייער דערציִער. דרײַ קאָמפּלעקס־בריגאַדעס אַרבעטן אינעם אומבײַט, מיט וועלכן עס פֿירט אָן אַלעקסאַנדער פֿאַלער. פֿאַר זײַן מישפּאָכע איז דער זאַוואָד פֿון לאַנג שוין געוואָרן אַ צווייטע היים. אַלעקסאַנדערס פֿרוי ראַיִסע אַרבעט אינעם אָפּטייל פֿון טעכנישן קאָנטראָל. דאָ האָבן אָנגעהויבן זייער אַרבעטס־וועג ביידע זין, וואַדים און וולאַדימיר, און די טאָכטער ריטע.

ווען עס זאָלן לעבן אַלעקסאַנדערס פֿאָטער יעפֿרעם פֿאַלער, דער רויטפֿלאָטלער, וועלכער איז אומגעקומען בא סעוואַסטאָפּאָל, און זײַן שווער, דער בודיאָנאָוועץ אַרן סקליאַר, וואָלטן זיי געקליבן נאַכעס פֿונעם זון און איידעם. דאָ ניט לאַנג צוריק איז ער פֿאַר זײַן אַרבעט באַלוינט געוואָרן מיט אַן אָרדען פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

וואַלערי בעלאַו. ווען ער האָט פֿאַרענדיקט די מיטלשול, איז פֿאַר אים ניט געשטאַנען די פֿראַגע, וואָס צו טאָן ווײַטער. זינט ער געדענקט זיך, איז דאָס גאַנצע געזינד געווען און פֿאַרבליבן אַפֿן זאַוואָד. אין די מיל-

כאַמע-יאָרן האָט דער זיידע דאָ געאַרבעט אַלס שמיד. דער טאַטע איז געווען אין צעך א שלאָסער. א שלאָסער איז אויך דער עלטערער ברודער. בא א ווערקשטעל אַרבעט די מאַמע. די שוועסטער איז א טוערן אין דער זאַוואָד-פאַרוואַלטונג. אויב צוגעבן נאָך אַנדערע קרויווים, וועט זיך באַקומען א גאַנצע קאָמפּלעקס-בריגאַדע פון דער דינאַסטיע בעלאָו.

אין אָנהייב איז וואַלערי געווען א שילער בא א טאָקער. איצט אַרבעט ער זעלבשטענדיק, און אַרבעט אויסגעצייכנט. ניט אומזיסט איז זיין נאָמען פאַרשריבן אפן געגנטלעכן ערן-טאָוול. ניט לאַנג צוריק האָבן די קאָמוניסטן פונעם צעך אים אָנגענומען אַלס קאַנדידאַט אין מיטגלידער פון קפּסס.

פון וואַלערין שטייט ניט אָפּ זיין געוועזענער שול-כאַווער אַרקאַדי אומאַנסקי, וועמענס טאַטע, אַן אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, איז שטעלפאַרטרעטער פונעם הויפּט-אינזשעניער אפן זאַוואָד. עס פאַרשעמט ניט זיינע פריינט דער יונגער טאָקער באָריס כייקין. פונקט ווי אַנדערע, לערנט ער זיך אין דער אָוונטיקער אָפּטיילונג פונעם מעכאַנישן טעכניקום (אפן זאַוואָד לערנט זיך יעדער פינפטער אַרבעטער).

אַזוי זעט אויס א היינטיקער דאַלסעלמאַשעוועץ. אין אים האָבן זיך פאַראייניקט די שטריכן פון א באַוווּסטזיניקן האָרעפּאַשניק און פון אַן אַקטיוון קעמפער פאַר נייע מאָראַלישע און גייסטיקע ווערטן. זייענדיק פאַרנומען אין דער פּראָדוקציע, באַטייליקט ער זיך גלייכצייטיק אין דער אָנפירונג מיט דער אונטערנעמונג, לייזט פראַגן פון מעלוכישער באַדייטונג.

— ניטאָ בא היינטיקן טאָג בא אונדז אין לאַנד קיין מער בעקאָוועדיקער טיטל, איידער דער טיטל — אַרבעטער, — אַזוי זאָגט דער בריגאַדיר, דעפּוטאַט פונעם געגנטלעכן סאָוועט פון פאָלקס-דעפּוטאַטן מיכאַיל מינדלין. דערביי גיט ער צו: — איר קאָנט א טראַכט טאָן: זע, ווי ער נעמט זיך עס איבער! יאָ, איך נעם זיך טאַקע איבער, נאָר ניט מיט זיך. מיט מיין היימלאַנד נעם איך זיך איבער, מיטן לאַנד, וואָס האָט אונדז אַלעמען אויסגעכאָוועט, מיט דער פּאַרטיי אונדזערער נעם איך זיך איבער. דאָס האָט זי אונדז געגעבן א הויכן ציל אין לעבן.

אָפּ א נייעם אופן, לויט אַן איינהייטלעכן נאַריאַד אַרבעטן איצט די בריגאַדעס. סקעפּטיקער האָבן געהאַלטן, אַז ס'וועט זיך גאָרניט באַקומען. מע קאָן ניט פאַרגלייכן, — האָבן זיי געזאָגט, — א קוואַליפיצירטן טאָקער אָדער פרעזעראָווושטשיק מיט א נייינקן, וועלכער איז אָקאָרשט אָנגעקומען אין צעך. כוץ דעם, האָבן זיך נאָך ניט איבערגעפירט פּויליאַקעס, פּראָגולשטשיקעס. דאָס לעבן האָט אָבער באַוויזן די נויטווענדיקייט און די נוץ פונעם נייעם מעטאָד. בא היינטיקן טאָג מיען זיך שוין אַזוי אפן זאַוואָד העכער הונדערט בריגאַדעס, אָדער 90 פּראָצענט קאָמביינבויער.

איינער פון די בעסטע בריגאַדירן איז דער קאָמוניסט מיכאַיל ריסענקאָ. נאָכן פאַרענדיקן אין 1966 די מיטלשול האָט ער באַקומען אפן זאַוואָד די ספּעציאַליטעט פון א טאָקער. אָפּגעדינט אין דער אַרמיי, האָט ער זיך אומגעקערט צו זיך אין צעך.

— אַלע פראַגן, וועלכע קומען אוף אין פּראָצעס פון דער אַרבעט, — דערציילט מיכאַיל זעלמאַנאָוויטש, — לייזט דער ראַט פון דער בריגאַדע. אין אים גייען אריין אַזעלכע אווטאָריטעטע כאַווירים, ווי דער דעפּוטאַט פונעם געגנטלעכן סאָוועט פון פאָלקס-דעפּוטאַטן וואַלערי קרוטשענעצקי, קלאַווּדיע גובניצקאַיאַ. עס האָט זיך באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט די אַרבעטס-דיסציפּלין. און וואָס איז דען אַזוינס סאָציאַליסטישע אַרבעטס-דיסציפּלין? איך פאַרשטיי עס אַזוי: לייג אַרויס אַלץ, וואָס דו קענסט און אָפּ וואָס דו ביסט פעיִק. און וואָס איז שייעך סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג, באַשטייט זי ניט בלויז אין דעם, דו זאָלסט אַריבעריאָגן דיינע כאַווירים לויט דער מי, נאָר אויך אין דעם, זאָלסט, ווען עס איז נייטיק, זיי העלפן. אונדזערע בריגאַדעמיטגלידער, צום ביישפּיל, ווייסן בעסער די אויסשטאַטונג איידער מיכאַיל מינדלינס בריגאַדע, מיט וועלכער מיר פאַרמעסטן זיך. טרעפט בא זיי א שוועריקייט, העלפן מיר זיי באַלד אַרויס. דערפון געווינען אי זיי, אי מיר, אי די אונטערנעמונג.

אַזוי דענקען באַלעבאַטים פונעם זאַוואָד, באַלעבאַטים פונעם לאַנד, מענטשן מיט א מעלוכישן צוגאַנג צו אַלץ, וואָס זיי טוען.

ניטאָ קיין גרעסער גליק

שעליכים פונעם גאַנצן לאַנד האָבן געבויט דעם זאַוואָד. און פּונקט ווי אין די ווייטע דרייסיקער יאָרן, פאַרמאָגט אויך איצט די אונטערנעמונג ברייטע פאַרבינדונגען. פון אוקראַינע קומען אַהער אָן מאָטאָרן, פּאָדשיפּניקעס, פּאָמפּעס, פון אוראַל — מעטאַלוואַלץ, פון אַזערביידזשאַן — טרויבן, פון קאַזאַכסטאַן — שקיוון.

אפן זאַוואָד אַרבעטן פאָרשטייער פון צוואַנציק נאַציאָנאַליטעטן. אָט ווי דאָס זעט אויס, לאָמיר זאָגן, אפן ביישפּיל פון איין

בריגאַדע, מיט וועלכער עס פירט אָן דער רוס מיכאיל בעליאַיעוו. עס אַרבעטן דאָ דער ייִד ראַפאיל כערסאָנסקי (אַ טאָקער-אוניווערסאַל, קאַוואַלער פון דעם לענין-אָרדען, געוועזענער דעפּוטאַט פונעם אויבערסאָוועט פון פסרר), דער אוקראַינער מיכאיל בילי, דער לעט גונאַר קאַראָלס, דער דייַטש דאַוויד דיק, דער נאַנייַער גענאַדי אָקטאַנקאָ.

וועגן דעם סאָציאַלן פּאָרטרעט פונעם זאַוואָד-קאָלעקטיוו רעדט דער פּאָרזיצער פונעם פּראָפּאַריין-קאָמיטעט פון דער אונטערנעמונג מיכאיל קאָגאַן:

— די נייַע סאָציאַליסטישע פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן גילטן ניט נאָר אויף דער אַרבעט, נאָר אויך אין היימישן שטייגער. בייַשפּילן? וויפל איר ווילט! — ער רעכנט איבער: — דער מייַסטער פונעם ערשטן צעך ג. מ. קאָגאַן איז אַ ייִד, די פרוי זייַנע — אַ רוסישע. מ. יע. בילי איז אַן אוקראַינער, די פרוי — אַ ייִדישקע. אַ ייִדישע פרוי האָט דער לעט קאַראָלס. אין דער דינאַסטיע בעלאַו, וואָס זייער אַלגעמיינער אַרבעט-סטאַזש באַטרעפט 150 יאָר, האָבן פאַינע מיכייַלאָוונעס צוויי זין כאַסענע געהאַט מיט טאָטערנס. איז אָט, — גיט צו דער פּאָרזיצער פונעם פּראָפּאַריין-קאָמיטעט, — ווען מיר זאָגן, אַז אונדזער זאַוואָד-קאָלעקטיוו לעבט ווי אַן איינהייַטלעכע ברידערלעכע מישפּאָכע, זייַנען עס ניט בלויז ווערטער, נאָר אַ רעאַלער פאַקט.

צום שלוס — אַן אינטערוויו מיטן שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר פון דעם זאַוואָד לויט עקאָנאָמישער טעטיקייַט מיכאיל גאַמאָן.

— אונדזער קאָלעקטיוו, — דערציילט ער, — צוזאַמען מיט דער ספּעציאַליזירטער הויפּט-קאָנסטרוקטאָרישער ביוראָ, טראָגט אַרייַן זייַן צושטייַער אין רעאַליזירן די דערנערונגס-פּראָגראַם אינעם לאַנד. צווישן די ערשטע האָבן די קאָמבייַנבויער זיך געשטעלט אויף דער אַרבעטס-וואַכטע אונטערן דעוויז: „דעם 50-טן יאָרטאָג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט — 50 שלאָגלערישע וואָכן!". די היסכייַוועסן ווערן אויסגעפילט. ביזן סאָף פונעם פינפיאָר וועלן מיר דערפירן די צאָל אַרויסגעלאָזטע קאָמבייַנען פון דער נייַער גענעראַציע ביז פיר טויזנט יערלעך. פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן מיר באַהערשט די פּראָדוצירונג פון זיבעצן פאַרשיידנערליי לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. אין 1984 שטייט פאַר ווייַטער פאַרפולקומען די קאָמבייַנען, קעדיי העכערן זייער פּראָ-

די בריגאַדע מאָנטירער פון טוווּ-קאָמבייַנען (פון רעכטס אויף לינקס): ב. פליידער, וו. אָמעלטשענקאָ (בריגאַדיר), ג. סקאָראָכאָד

די קאָמפּלעקס-בריגאַדע פונעם צעך נומ. 3 (פון רעכטס אויף לינקס): יו. שאַפּיראָ, וו. גאָלאָדניצקי, וו. שעסטאָפּאַלאָוו, מ. זייגערמאַכער (בריגאַדיר)

די קאָמפּלעקס-בריגאַדע — זיגער אין דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג (פון רעכטס אויף לינקס): ראָמאַן גרינבערג (בריגאַדיר), לעאָניד אַגאַפּאָוו, גענאַדי כאָנדראַש

דוקטיווקייט נאָך אַף 20 פּראָצענט און פאַר־בעסערן די ארבעטס־באַדינגונגען בא די מע־כאַניזאַטאָרס.

אונדז אינטערעסירן די פּערספּעקטיוון פון דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אונטערנעמונג, און מיכאַיל כאַימאָוויטש דער־ציילט:

— עס ווערן געבויט נײַע פּראָדוצירי־שע, אינזשעניערישע און שטייגער־קאָרפּוסן. אין אָנהייב פונעם לויפנדיקן יאָר איז אָפּ־געגעבן געוואָרן אין עקספּלואַטאַציע אַ טער־מישער צעך מיט אַ שעטעך פון 2850 קוואַ־דראַטע מעטער. אַף דער ריי איז בא די בויער אַ נײַער מעכאַנישער מאָנטאַזש־צעך פון 5,5 טויזנט קוואַדראַטע מעטער. עס וועלן אויך צוקומען אַ פירשטאָקיקער אַדמיניסטראַטיווער און שטייגער־קאָרפּוס, אַ וואַסער־באַזאָרגונגס־קנופּ און אַנדערע אָביעקטן. אַ נײַעם שוווּנג פון דער אַרבעטס־אַקטיווקײַט, — זעצט פאָר גאָמאָן, — האָבן אַרויסגערופן אינעם זאַוואָד־קאָלעקטיוו די באַשלוסן פונעם דעקאַבער־פּלענום (1983) פון צק קפּסס. מיטן ציל אויסצופילן די אָנווײַזונגען פונעם פּלענום, איז באַשלאָסן געוואָרן צו העכערן אין 1984 דעם פאַרפּלאַנירטן וווּקס פון דער אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט אַף 1 פּראָצענט און אַראָפּ־זעצן דעם קערנקאָסט פון דער פּראָדוקציע אַף 0,5 פּראָצענט. דאָס באַטײַט, אַז העכער פונעם פּלאַן וועלן אַרויסגעלאָזט ווערן הונדערטער לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און אַף צענדליקער טויזנטער רובל רעזערוו־טיילן.

די אונטערנעמונג באַקומט אַלץ מער רע־ווער, און דאָס גיט אַ מעגלעכקײַט צו אַנט־וויקלען די פּראָדוצירונג, פאַרגרעסערן די אָפּרעכענונגען אַף קולטור־מאָסמיטלען, אַנט־וויקלען די קאָמונאַלע און וווינונגס־ווירט־שאַפט, העכערן די מאַטעריעלע סטימולירונג, לייזן אַנדערע וויכטיקע אויפגאַבן. מיט יעדן יאָר וואַקסט דער רעאַלער אַרבעטסלוין. באַם זאַוואָד איז פאַראַן אַן אייגענער ספּאָרטיווער קאָמפּלעקס. נײַע פילשטאָקיקע מויערן מיט מאַגאַזינען, אונטערנעמונגען פון שטייגער־באַדינונג קומען צו אינעם זאַוואָדישן מיקראָ־ראַיאָן אַף בומאַגינס נאָמען. אַ גוטע מאַטאָ־נע האָבן באַקומען אין פאָריקן יאָר די קינ־דער פון די זאַוואָד־אַרבעטער — אַ שול אַף 1200 ערטער מיט אַ ספּאָרט־זאַל, מיט אַ באַסיין און אָראַנזשערייע.

...פון די זאַוואָדישע צופֿאָר־וועגן גייען אָפּ איינער נאָך דער אַנדערער פּלאַטפאָרמעס מיט נײַע סטעפּ־שיפן. אַף זיי וואַרטן די האָרעפּאַשניקעס פון דער לאַנדווירטשאַפט בא אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד. פאַר די ביראָבידזשאַנער קאָמבײַנבויער, ווי פאַר אַלע סאָוועטישע מענטשן, איז ניטאָ קיין גרעסע־רער גליק, ווי וויסן, אַז זייער מי דינט דעם היימלאַנד, די אינטערעסן פון פּראָגרעס און שאָלעם אַף דער וועלט.

אַבראַם מאָרדוכאָוויטש,
געזעלשאַפטלעכער קאָרעספּאָנדענט
פון „סאָוועטיש היימלאַנד״
אַפן זאַוואָד „דאַלסעלמאַש״

ביראָבידזשאַן בײַט זיך.
געמעל פֿון ל. שווּעץ.

ביראָבידזשאַן, אויגוסט — סעפּטעמבער 1983

פון א לירישן טאָגבוך

ס'האָט דיר געפעלט דער מענטש —
בין איך צו דיר געקומען...

א. ווערגעליס

פּראָלאָג

1

ס'וועט גוט זײַן אָנהייבן, ווײַזט אויס, אזוי:
דער הימל-בויגן לויטער איז און בלוי,
און ניט קיין שטילקײַט ליגט אױף בארג און טאָל,
און מענטשן אָן א צאָל
צו מי און שווּנג
אין שטעט און דערפער שטייען אויף קאַיאָר,
און כאָטש עס איז שוין אפן קאַלענדאר דאָס אכציק דריטע יאָר
און זינט אָט יענע טעג איז שוין א האַלבער דורך יאָרהונדערט,
איז אַלץ ארום נאָך פריש, און נײַ, און יונג,
און פול מיט כיין און ציט דיך צו און וווּנדערט,
און ווו דו שטעלסט א טראָט,
און ווו דײַן פוס נאָר קומט,
עס בליִען פעלדער בונט,
און ס'וואקסט א שטאָט,
און אָפּגעטראָטן האָבן וואלד און בארג ארום —
פונדאנען ביזן שטילן אָקעאַן —
פאר מענטשנס קויעך און פאר מענטשנס רום.
און הייסן הייסט דאָס לאַנד —
ביראָבידזשאַן!

2

ביראָבידזשאַן, ביראָבידזשאַן!
אזויפיל מײַסעס וועגן דיר פאראַן,
אזויפיל שוואַכים האָט מען דיר געזונגען,
אזויפיל לויבן האָבן דורכגעקלונגען
לעקאָוועד דיר, דײַן העלדנטאט און גורל,
פון זינט דו ביסט געבוירן...
און קלאָלעס אויך ניט ווייניק האָסט געהערט

פון די, וואָס זיי איז פרעמד געווען דײַן ערד,
פון יענע, וועלכע האָבן גיפט געקליבן
און האָבן זיך פון שאָדנפרייד די הענט געריבן,
ווען ס'איז צומאָל געווען דיר שווער...

נאָר קומט אצינדער, פרײַנט מײַנע, אהער,
די אויגן טוט א פיר —
און פארן גליק וועט טאָן א שעמעריר —
פון באלטיק ביז צום שטילן אָקעאַן:
דורך טײַכן, יאמען, סטעפּעס, וועלדער, שטעט
א בליץ טאָן בלענדיק וועט
דער סוידעספּולער קאנט ביראָבידזשאַן.

שוין דורכגעגאנגען זײַנען וויפל יאָר,
געביטן האָט די צײַט
א דאָר, און נאָך א דאָר,
נאָך אים — א דריטער, און א פערטער, און א פינפטער —
פון סאמע ערשטן ביזן עלפטן פינפיאָר.
שוין אורזיידעס און אורבאָבעס געוואָרן
עס זײַנען יענע — פון די ערשטע יאָרן,
זינט אָט די טעג,
ווען אין דער ווילדקײַט מ'האָט געטאפּט א שטעג
און דורכגעהאקט פאר זיך מע האָט
א וועג
ביז אונדזער צײַט, ווען אָט —
שוין בא דער בירע רוישט א נײַע שטאָט
מיט שטאָלענעם געקלאנג,
און אָף די פעלדער גיסט אלץ מער זיך אָן מיט זאפט דער זאנג,
און ס'רײַסט די שײַן זיך צווישן פענצטער פון בעטאָן, —
ווער אויסמעסטן דאָס קאָן,
און ווער פארשטיין וועט אלץ, וואָס ס'איז געשען —
וואָס איז געווען, און עפשער ניט געווען...

מײַן היים ביראָבידזשאַן!
ווי מעכטיק האָסטו אין דער וועלט געטאָן א שפּאַן,
געטאָן א שאַל,
מײַן זויבערער,
מײַן לויטער-קלאָרער קוואַל!

ביראָבידזשאַניש

דער „איל" איז שוין געקומען אפן אָרט.
מע שטעלט אוועק דעם טראַפּ.
ס'איז אנדערש און ניט אנדערש.
די מאָסקווער ערד.
נאָר איך בין אלץ נאָך דאָרט —
איך בין דורכויס, דורכויס ביראָבידזשאַניש.

אף מײַנע שיך —
ביראָבידזשאַנער שטויב.
ניט אָפּווישן איך וועל אים — זאָל ער ליגן.
כ'בין אינדערהיים.

פארוואָס זשע קלאפּט אין שויב
א טײַגע-ווינט
און נעמט דעם צימער וויגן?

אין מײַנע הענט —
א בלאט פון יענעם קליאָן,
וואָס פלעגט מיך אלע אינדערפרי באגריסן,
ביראָבידזשאַניש הייבט מײַן טאָג זיך אָן,
ווי גלײַך קיין אנדער קאנט
איך וואָלט ניט וויסן.

וואָס פליסקעט זיך?
אָט שטיל, און אָט מיט רויש...

נו יאַ, געווים: דאָס פליעסקעט זיך די בירע.
א הילך.
א גרילץ...
פון הייבקראַן איך דערזע
דעם קויש,
ער הוידעט איבער מיר זיך:
— מײַנאַ!
— ווירא!

א פײַף...
אַ-האַ, פון באַם — די ערשטע באַן!
און ס'טוט א טראָג מיך.
כ'ווער פארקישעפט מאמעש....
דאָס גייט מיר נאָך
אויך דאָ
ביראָבידזשאַן —
איך בין דורכויס, דורכויס ביראָבידזשאַניש.

אזויפיל נײַס!

— וואָס הערט זיך, — פרעגט איר, —
אין ביראָבידזשאַן?
אוואדע אלע טאָג איז נײַס פאראַן.
אזויפיל נײַס,
אזויפיל נײַס,
אז אָפשאצן איז שווערלעך זייער פרײַז,
ארומכאפן מע קאָן ניט זייער ברייט,
ווי פון כינגאנער באַרגרוקן די קייט.

אזויפיל נײַס —
באנעמען ווי עס דארף צו זײַן באַווײַז,
אבי נאָר זײַן זאָל גוטווייליק דער מיין,
אבי נאָר די נעשאָמע זײַן זאָל ריין,
און ניט נאָר מיט די אויגן —

מיטן הארץ
דו קוק זיך אײַן,
און אין דער בלענדיק-רופנדיקער שײַן
דערוואַרטס דו וועסט דערזען און
אומדערוואַרטס!

איז אָנהייבן פונוואַנען?
ווי דו ווילסט —
א פּראַקטיקס אומעטום ווערט זײַן דאָס בילד
און נעמען א טאַקסי איז ניט קיין מוז —
קאָנסט פון וואָקזאַל זיך לאָזן גיין צופוס,
און דיר אנטקעגן קומען וועט די שטאָט,
וואָס דיר פון דעמלט אָן געצויגן האָט,
ווען אלץ איז נאָך געווען דאָ שטיל און
שטום...
איז קום!

א פּאַראַד פון וויגעלעך

אינדערפרי, ווען די גאסן ליגן נאָך
מיט פארשלעפערטע אויגן מאַט,
פירן מאַמעס ארויס די וויגעלעך
מיט די קינדער, ווי אָף א פּאַראַד.

קלאפן קנאפל,
און ס'דוכט זיך — גלעקעלעך
קלינגען אָפּ אין אספאלט מיט געהילך.
און עס ליכטן מיט ראָזעווע בעקעלעך
קליינע אייפעלעך — בלוט און מילך.

אין געקווייטלטע לײַכטע קאָסינקעלעך
שמייכלען מאַמעס פון ביראָבידזשאַן:
ווען מאַלאָכימלעך ליגן אין וויגעלעך,
איז דען גליקלעכער ווער פאראַן?

גייען מאַמעס,
און וויגעלעך הוידען זיך,
און פונווײַטן די סאָפּקעס אליין
מיט די ביימער-אלייען סוידען זיך:
— ביראָבידזשאַנקעס... מאָלע-כיין...

בעניעכידימלעך, באסיעכידעלעך
הערן אײַן זיך דורך זיסן שלאָף,
ווי עס מורמלען די מאַמעס לידעלעך
אָן אַן אָנהייב און אָן א סאָף.

פון די בויער די ערשטע — אייניקלעך,
אין מישפּאָכעס, וואָס האָבן א שעם...
נו איז וואָס, אז זיי זײַנען ווייניקלעך?
מאָרגן זײַן וועלן מער, מירצעשעם!

אומדערשראָקענע, אומדערמידלעכע,
מ'האָט געפונען, וואָס מ'האָט געזוכט.
גיט נאָר צײַט, גיט נאָר יאָרן פרידלעכע —
און דער פרוכטבוים וועט ברענגען פרוכט.

ניט קיין מײַסע פון ווײַסינקע ציגעלעך,
און פון הימל זיך שיט ניט קיין מאַן —
א פּאַראַד, א טריִומף-צוג פון וויגעלעך
אָף די גאסן פון ביראָבידזשאַן.

ס'זײַנען מאַמעס אליין מעקאַנע זיך —
נײַע וואָרצלען פון מעכטיקן שטאַם,
ס'וואַקסן יונגינקע ביראָבידזשאַנעלעך,
קיין אײַנהאָרע ניט, מאָלע-טאַם!

און גיי, און גאַף!

איז גיי און גאַף
אין לאַנד, וואָס בויט און שאַפט, —
ביראָבידזשאַן דיר עפענען איז גרייט
זײַן לענג און ברייט,
צעפּראַלן אַלץ פאַר דיר,
זאָלסט קוקן אַף דעם וווּנדער אָן א שיר.
אַף רעכטס און לינקס,
אין פּראָפיל און אַנפאַס —
א גאַס, און נאָך א גאַס...
אָט טראָגט אַן אױטאָ-צוג זיך דורך מיט ראַש.
וווּהין?
מיט וואָס?
מיט קלעצער, און מיט ציגל, און מיט גלאָז —
מיסטאָם, צום בויפּלאַץ פונעם „דאַלסעלמאַש”,
א נײַעם צעך מ׳עט לאָזן דאָרט אין גאַנג...
און וועמענס איז דער פריילעכער געזאַנג?
דאָס גייט אַן אומבײַט פון דער ניי-פאַבריק.

און וואָס איז דאָס פאַר אַן עמבלעם
לעבן דער בריק?
דאָס האָט מען אופגעשטעלט אַן אַרקע ערשט
ניט לאַנג,
ווו אַפן שפּיץ די ציפער „50” בלאַנקט,
אַז אַלעמען דערמאָנען זאָלן זיי —
עס גרייט די געגנט זיך צום יובילײ...
און אָט דער פּאַלעץ, וואָס אינמיטן שטאָט?
די פילהאַרמאָניע די נײַע —
זעסט:
שוין רישטעוואַניעס אַראָפּגענומען מ׳האָט
הײַנט אינדערפרי...
און וווּנדערן זיך וועלן געסט,
ווי גיך מע בויט הײַנט אין ביראָבידזשאַן,
און ווו עס גרייכט דאָס אויג —
א קראַן לעבן א קראַן,
און ווו צו בויען, קיין אײַנהאָרע, איז פאַראַן!..

די צווייהונדערטסטע גאַס

— הײַנט־צו־טאָג זײַנען אין ביראָבידזשאַן שוין פאַראַן העכער 200 גאַסן.
(פון א שמועס מיטן ביראָבידזשאַנער אַרכיטעקטאָר)

פון גאַנצפרי ביז באַנאַכט האָט היסלײַוועסדיק אַן עקסקאַוואַטאָר
מיטן שנאָבל געכראָמטשעט, געשקראַבעט די ליימיקע ערד,
און דערנעבן א קראַן האָט גערוישט און זײַן קויש האָט געפּלאַטערט
אינדערהייך, ווי געגאַנגען ער וואָלט מיטן ווינט אין געפּעכט.

ס׳האָט מיט נײַגער די סאָפּקע געקוקט, ווי עס ציִען זיך שטאָקן,
פּונקט ווי איבערצוויאָגן זיי וואָלטן אין ווּקס זי געוואָלט...
ווען פון דאָרעם זיך אומגעקערט האָבן די פייגל, — דערשראָקן
זיי זײַנען געבליבן: אַרום האָט אַן אַנדער פּייזאַזש זיך געמאָלט.

די צווייהונדערטסטע גאַס, וואָס קיין נאָמען נאָך האָט ניט באַקומען,
האָט א שפּרונג געטאָן הויך, כאָטש אָט ערשט אַף די פיס זיך געשטעלט.
ס׳האָט א יונגע אַלייע צו זיך אַף דער שויס זי גענומען,
ווי א מאַמע איר ערשטלינג — באַווײַזן איר נאָכעס דער וועלט.

א נײַנשטאָקיקער ביניען האָט פריילעך געבלאַנקט מיט די פענצטער
און מיט גאַדלעס געהויבן אַרויף צו דעם הימל זײַן קאָפּ:
אים זיך אויסגעדאַכט האָט, אַז אַף וויפל ער איז דאָ דער שענסטער,
מעג ער קוקן אַף שכיינים אַף אַלע פון אויבן אַראָפּ.

ס׳האָט געכאָלעמט זיך אים, אַז מע האָט אַף דער וועלט אים געבוירן,
ער זאָל ווערן דער אָנהייב, ווײַזט אויס, פון א גאַס צי א שטאָט...
און פון יענער זײַט טײַך צווישן גאַסן-געוועב זיך פאַרלוירן
האָט אַן אַלטינקע גאַס, וועמענס יאָרן שוין ציילן פאַרגעסן מע האָט.

א צווייהונדערטסטע גאַס אַף דער ערד פון בידזשאַן און פון בירע...
ניט די ערשטע, געוויינלעך, און אויך ניט די לעצטע געוויס.
ס׳איז געקומען די צײַט, ווען די שטאָט ציילט ניט הײַזער שוין אירע,
נאָר אויך גאַסן — א סימען: אַלץ שטײַפער זי שטייט אַף די פיס!

און נאַכאמאָל גיי!

גיי ווייטער!
גיי און קוק —
זע, ווי די שטאָט פאר דיר האָט זיך צערוקט.
אָט ערשט א נייעם וועג באדעקט מ׳האָט מיט
בעטאָן,

און נעענטער געוואָרן איז צום באָס,
פאַרײנוועגס אויך צום שטילן אָקעאַן,
און וויפל נאָך געבליבן איז צו טאָן,
און וויפל איז נאָך אָפּצוטאָן באשערט —
אף אָט דער ערד —
אזוינס, וואָס ביז אהער מ׳האָט ניט געהערט
און ניט געוווּסט,
אָן וואָס עס וואָלט געווען דאָס לעבן פּוסט, —

ניט נאָר בא זיי,
בא יענע,
וואָס געלאָזט האָבן דעם ערשטן דאָ פארזיי, —
בא דיר,
בא מיר,
אין אלע טעג און נעכט,
ווייל ס׳איז דיין ערד,
ס׳איז דיין געפונען גליק,
וואָס דיר געכאָלעמט האָט זיך נאָך פון סאמע
וויג,
און גרויסן זיך דו דאַרפסט, וואָס ס׳איז פאראַן
אזא מין קאַנט,
וואָס הייסט בירֹאָבידזשאַן!

דער בירע כאָלעמען זיך שיפן...

וועץ אף דער בירע וועט אויסגעבויט ווערן א נעץ
הידראָעלעקטראָסטאנציעס, וועט זי ווערן אויך שיפּבאַר.

(פון א בראָשור)

אמור איז גרויס.
א טייך — א פאָטער,
און קיינער איז צו אים ניט גלייך,
און בייטייכן ניט ווייניק האָט ער,
אָט דער מעיוכעסדיקער טייך.

דריי הונדערט צוואנציק קילאָמעטער
צו אים איר וועג די בירע האלט —
אָט צווישן בערג זי טוט א קלעטער,
אָט שניידט זי איין זיך אין א וואלד.

פון אוראלט
דעם אמור צו נערן
זי איז געוווינט אין פולן גאנג,

מיט וואסערן זי טיילט זיך גערן,
און קיינמאָל טוט איר דאָס ניט באנק.

אזוי שוין פירט זיך פון לאנגאָנען —
זי איז געטריי אים אָן א שיר,
בלויז איינס ניט מויכל זיין זי קאָן אים —
ער לאָזט קיין שיפן ניט צו איר.

און ס׳קאָכט,
און ס׳ברויזט אין אירע טיפן,
און כוואליעס ברומען אף א קאָל...
דער בירע כאָלעמען זיך שיפן,
וואָס טראָגן זיך דורך בארג און טאָל.

מיסטער דולמאן איז אין סאָפעק...

— אין בירֹאָבידזשאַן זיינען פאראַן כאָטש ייִדן?
(א פראגע פון אן אמעריקאנער טוריסט)

ווי פאר אן אומפּריינט אונדזערן עס פאסט,
כ׳זאָל זאָגן „ניין”, ער וואָלט געווען צופרידן.
געקומען ערשט אין ראטנלאנד צוגאסט,
ער לעכצט נאָך א סענסיישן וועגן ייִדן.

אין אָנגריף, ווי אן אָקס ער גייט אף אייך,
מיט כויזעק שטעכן דורך אייך זיינע אויגן:
— בירֹאָבידזשאַן? זיך אויסגעלאָזט א טייך?
א מייסע ניט געשטויגן, ניט געפלויגן?..

אף יענער זייט, ער איז זיך מוידע, אָקעאַן
ער האָט קיין איין בירֹאָבידזשאַנער ניט
באגעגנט:

— איז וואָס? כאָטש א פּאָר ייִדן יאָ פאראַן?
ס׳איז טאקע נאָך א ייִדישע דאָרט געגנט?

און קיין שום רייע אָט אהער ניט טויג —
דער שלעכטער ווילן סייוויסיי וועט זידן,
נאָר ניט געשאט עס וואָלט אים אויג אף אויג
זיך דורכשמו׳סן מיט בירֹאָבידזשאַנער ייִדן.

און אויך, פארשטייט זיך, ווען ער וואָלט אליין
געזען, וואָס דאָרטן אופטאָן מ׳האָט באַוויזן, —
האגאם, צוריקגערעדט, צוליב פארשטיין,
א ריינעם דאַרף מען האָבן דאָך געוויסן...

בירָאבידזשאנער פלאַנצןביימער

אף די אויסגעהאקטע וואלד־באצירקן זײַנען פארן לעצטן יאָר פארזעצט געוואָרן אין דער געגנט יונגע ביימער אף א שעטעך פון 3954 העקטאר.

(„בירָאבידזשאנער שטערן“)

די ערד — ווי שטאָל.
בעטאָן און שטיינער.
אנו, די לאָמען גיט אהער!..
בירָאבידזשאנער פלאַנצן ביימער:
אינמיטן שטאָט — א נײַעם סקווער.

בירָאבידזשאנער פלאַנצן ביימער,
געבראכט די שטענגעלעך פון ווײַט,
און עס דערמאָנט אצינד ניט קיינער
די לאנג פארשוווּנדענע שוין צײַט:

אין יישעוו — וואלד.
אין טײַגע שטייסטו,
און אַנגעשטאָלט עס איז די האנט,
דו דארפסט א צעדער — מאכעטייסע!
דו ווילסט א דעמב — ער איז באנאנד.

און ביז דער זון־שטראַל וועט א בלאסער
דורך וואלד־געדיכטעניש ארויס:
א האק דעם בוים, א פליוך אין וואסער —
און האָסט א באלקן פאר דײַן הויז.

געווען איז דאן די ערשטע דײַגע
(ס'איז ווילד, ס'איז פינצטער, קאלט און נאס),
אז דאָרט, ווּ ס'רוישט אצינד די טײַגע,
זאָל גיכער אויסוואקסן א גאס.

אָ, וויפל מי אין יענע יאָרן
געקאָסט האָט קאָרטשעווען א דעמב...
און אָט: די ברייט איז פרײַ געוואָרן —
כאָטש ביזן האָריזאָנט זי נעמט!

...האקט דעם בעטאָן, אספאלט און שטיינער!
א סקווער זאָל אויסוואקסן אַט באלד!..
בירָאבידזשאנער פלאַנצן ביימער
און דעקן זייער כויוו דעם וואלד.

דער פּיאָנער אף דער פּיאָנערן־גאס

ביימער קוטשעראווע נאָך,
נאָר שוין געל באפארבט.
כאָטש די פייגל האָוועון נאָך —
איז שוין שפעטער הארבסט.

גראָזן — ברוין פאראָסטענע,
און די ווײַט — צעפראלט...
שווערע טריט געמאָסטענע
קארבן דעם אספאלט.

פול די פּיאָנערן־גאס
איז מיט קינד און קייט,
פאר אזא מין ערן־גאסט
אָרעמס מע צעשפּרייט:

— איציק סאָלאָמאָנאָוויטש,
זײַן זאָלט איר געזונט!
— איציק סאָלאָמאָנאָוויטש,
זעצט זיך לעבן אונדז!

ניין, ס'איז ניט קיין ערן־גאסט,
זעט נאָר א מין שפּאן!
אף דער פּיאָנערן־גאס
גייט דער וועטעראן.

וויפל וועגן־ראכוועסן
האָט זײַן טראָט געוווּסט,
וועלדער זיך צעכראסטעווען
פלעגן פאר זײַן פוס.

ווער דעם ערשטן ווינקלשטיין
האָט אין הויז פארלייגט?
ווער די ווענט געטינקעוועט —
קאלך מיט שוויס פארווייקט?

— איציק סאָלאָמאָנאָוויטש,
זײַט אזויפיל גוט!..
— איציק סאָלאָמאָנאָוויטש,
כאָטש אף איין מינוט!..

צווישן הויכע מויערן,
אף א באנק אין סקווער
שטעל אָן מויל און אויערן —
הער דעם פּיאָנער!

ס'קלינגט מיט אים אצינדער נאָך
גאנץ בירָאבידזשאן.
מאכט א ווארע, קינדערלעך,
ס'גייט דער וועטעראן!

באַ דער אַלטער בריק

דעם 21 מאַרט 1932 האָט מען אַריַינגעקלאַפּט דעם ערשטן סלופּ אין דער בריק איבער דער בירע.

(פון דער ביראָבידזשאַנער כראָניק)

ס׳איז שפּעט אין אָוונט,
און מע זעט ניט קיינעם
אין אָט דעם ווינקל אין אַזאַ מין שאָ.
מיט טוישווים אַלטע זוכן מיר איינעם
די אַלטע בריק, וואָס איז שוין מער ניטאָ.

דער וועג דערנעבן ציט זיך, ווי אַ ווירע,
און פירט אין וויַיט, וואָס ס׳כאַפּט שוין ניט
דער בליק,
און ערגעץ נאָענט פּליעסקעט זיך די בירע
און טראָגט איר שטראָם אונטער דער נייַער
בריק.

דער אַלטער וועג...
נאָר צווישן פּראָטים נייַע

אַפילע זיך דערמאָנען איז שוין שווער:
אַריַינגעקלאַפּט ס׳האָט ווער די ערשטע סווייַע?
דעם ערשטן ביק האָט אויפגעהויבן ווער?

די שפּורן האָבן ערגעץ זיך באַהאַלטן,
ס׳זאָגט איינער איינס,
אַ צווייטער זאָגט אַ צווייטס.
עס זוכן מייַנע פריַינט די בריק די אַלטע,
פּונקט ווי מע זוכט אַ לעבן אַ צעזייטס.

און אַרום אונדז עס רוישט און רוישט די
בירע,
און ס׳הילכט מיט אַ געקלאַנג די נייַע בריק.
די צייַט איז שטרענג, ווי די געזעצן אירע:
זי גייט פאָרויס,
און קיינמאָל ניט — צוריק...

אין טייַגע נאָך ניס!

אין די בערג פונעם קליינעם כינגאַן האָט מען אָנגעהויבן אַראָפּנעמען די גערעטעניש פון צעדער־ניס.

(אַ ספּעציעלע מיטיילונג אין דער ביראָבידזשאַנער ראַדיאָ)

אַ גאָלדענער האַרבסט איבער טאָלן און בערג,
אין פעלד און אין וואַלד.
אַ בלענד און אַ פלאַקער. אַזאַ פייערווערק —
די אויגן באַהאַלט!
אַ ביסעלע וויַיטלעך עס איז פון דער שטאָט,
נאָר קרעפּטיק — די פיס.
און זאָגט ניט, אַז פיל נאָך איניאָנים איר האָט, —
אין טייַגע נאָך ניס!
אין טייַגע, אין טייַגע נאָך ניס!

פאַרשטייט זיך, אַמאָל מ׳האָט ניט פאָרן געדאַרפט —
ניט פאָרן, ניט גיין:
אינמיטן דער טייַגע דו שטייסט און דו גאַפסט —
דער בוים איז ווי שיין!
די האַק דייַנע — פעסט, און אַ שאַרפע די זעג:
אַ קלאַפּ און אַ ריס!
נאָך דורכהאַקן דאַרפסטו פאַר זיך ערשט אַ וועג...
אין טייַגע נאָך ניס!
אין טייַגע, אין טייַגע נאָך ניס!

דער צעדער פארהויבן אין הייך האָט זײַן קאָפּ,
די קרוין — ווי געמאָלט.
און שישקעס זיך שיטן פון אויבן אראָפּ —
א רעגן פון גאָלד!
און אָט די מאטאָנע, און אָט דער געשאנק
איז ליב דיר און זיס.
א בראָכע דעם צעדער, א לויב און א דאנק, —
אין טײַגע נאָך ניס!
אין טײַגע, אין טײַגע נאָך ניס!

אַנשטאַט אַן עפּילאָג

שטיי ניט, צײַט!
און אויך ניט צופיל אײַל —
זײַ אזא און טו אזוי, ווי שטענדיק.
אָפּגעשטעלט איך האָב זיך ניט דערווײַל,
כ׳האָב פארענדיקט
און נאָך ניט פארענדיקט.

אויסזינגען ס׳איז נאָך א סאך פאראן,
אויסגעשעפּט עס האָט זיך ניט די טעמע,
אין עס ווארט,
עס ווארט בירָאָבידזשאַן
עפשער נאָך אף ניט קיין איין פּאָעמע!..

דאַוויד בערגעלסאָן

צוויי וועלטן

1

דער פּראָפעסאָר און זײַן פירער, דער יעגער, האָבן געריטן באַרג-אַראָפּ, באַרג-אַרויף צווישן אַ גרויסן יאַמטעוו פון וועלקונג.

אָוועק איז שוין אַזוי אַ וואָך מיט ליכטיקע מיזרעכדיקע טעג — אַ זוניק-שטראַלנדיקע וואָך.

אין ראַשיק-שרײַענדיקע קאָלירן פון פײַערדיקער הייסער וועלקונג זײַנען געווען אָנגעטאָן די וועלדער אויף די באַרג-שיפּועים — ניט צו וויסן נאָר, וווּהין טראָגן זיי דאָס אַלץ העכער און העכער אָט דעם באַפּוצטן יאָמטעוו זייערן. לעפּיש און שווער אָנגעוואַלגערט איז דער פּראָפעסאָר געזעסן אויף זײַן פערדל. פון הויכן דאָ-און-דאָרט האָט מען אויף אַ גוואַלדיקן מערכעק אַרויסגעזען באַוואַקסענע פּלאַכן און פאַרוואַקסערטע טאָלן, און דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַהין אײַנגעקוקט און אײַנגעקוקט, און אַלץ, וואָס ער האָט אַרום זיך געזען, איז ערגעץ טיף אין אים שוין געווען געבונדן מיט יענער, וואָס איז אים פון יוגנט אָן אַזוי אײַנגעבאַקן אין האַרצן און וווינט דאָ ערגעץ אינאיינעם מיט איר אונטערוואַקסנדיקן יינגל בײַ איר עלטערן זון דעם אַגראָנאָם.

— כאַוועלע וואָרטמאַן... זי איז נאָך איצט אויך כאַוועלע... — אַזוי האָט אים וועגן איר געזאָגט אין מאָסקווע זײַנער אַ בען-איר, — שוין אַן אַנדער שיינקייט, אָבער נאָך... — דער פּראָפעסאָר קאָן ניט פאַרגעסן, ווי יענער האָט זיך באַראַטן מיט זײַנע בײדע הענט, מיט וואָס צו פאַרענדיקן אָט דעם „נאָך”, און האָט אויסגעלאָזט מיט אַ פולן מויל: — מאַמעש אַ פרוי! זי איז אַ ביאָלאָג...

פון דעם איז באַם פּראָפעסאָר געבליבן דער אײַנדרוק, אַז זי האָט געמוזט ווערן, ווי פלעגט מען עס אַמאָל זאָגן, אַ ביסעלע „פּאָלנע”, שוין ניט אַזאַ רוכניעס, ווי זי איז געווען. מיט אירע שוואַרצע ליכטנדיקע אויגן און מיטן קוים-קוים שפּעליאָווע צינגעלע, וואָס האָט איר אַזוי שטאַרק געפּאַסט, אַז געדאַכט האָט זיך: דאַפקע אין דעם ליגט סײַ איר כיין, סײַ איר באַזונדער קלוגע נעשאָמעדיקייט. און נעשאָמעדיקייט — דאָס האָט דער פּראָפעסאָר געהאַט אַ סימען אין זיך — נעשאָמעדיקייט ווערט מיט די יאָרן ניט אויסגעוועפּט, ניין... און דאָס אַלץ האָט אים אָנגעפילט מיט גוטמוטיקער רויִקייט און געוועקט אַן אויפהער זײַן פאַרלאַנג צו זוכן דאָ מיטן אויג אַן אָרט, ווו ער וואָלט, אַלס פאַכמאַן, געקענט עפּעס אויפטאָן.

הויכע גרעזער, דורכגעמישט מיט ווילדע בלומען און בלימלעך, זײַנען, ווי אַ שעפע פון פאַרלאָזטע איבערגעשטאַנענע טווּעס, געוואַקסן אין בײדע זײַטן פון שמאָלע און ברייטע טײַכן. לענגויס די ברעגן פון איינעם אַ טײַך האָבן שורעס טאָפּאָלן זיך געצויגן מיט אַלציינע אינטערוואַלן, אַקוראַט ווי פאַרצײַטנס וואָלט זיי מיט כעזשבן האָבן געפּלאַנצט

דאָ עמעצנס א גאַנץ געניטע האַנט. אָפּגעשטעלט דאָס פערדל, האָט דער פּראָפעסאָר שיִר ניט מיט א שמייכל אפן פּאָנעם געמוזט פארשרײַבן אין זײַן קליינעם טאָגביכעלע א פּאָר שורעס וועגן אָט דער „כאָכמע פון דער נאַטור". ווי קליינע זונעלעך אף דער ערד, האָבן וואַסערן און וואַסערלעך געשטראַלט פונווײַטנס, נאָר אָן אן עק און אָן א סאָף, און דער קעסיידערדיקער געמורמל זייערער איניינעם מיטן געדאַנק, אז ווי פּאַמעלעך ער רײַט ניט, דערנעענטערט ער זיך דאָך צום ווײַטן ראַטווירט, ווו כאַוועלע וואָרטמאַן געפינט זיך, — דאָס אַלץ האָט גאַנצע טעג זיך אָפּגערופן אינעם פּראָפעסאָרס האַרץ ווי א געזאַנג וועגן נאָכאַמאָל א לעבן אָט איצט, נאָך זײַנע פינף צענדליק אָפּגעיאַרידעוועטע יאָרן. און דאָס אַלץ האָט ארויסגערופן בא אים עפּעס זייער דינע באַרויִקנדיקע געדאַנקען — געדאַנקען וועגן זיך, וועגן „איר" און וועגן די מענטשן, וואָס קומען אהער מיט יונגן געדולדיקן באַגער צו באַלעבן אָט די שטרעקעס, און ווי שטייט דאָרט בא אָט די מענטשן אין אַלטן סייפער זייערן:

„אחרי בלתי היתה לי עדנה"[1].

פון רעכטס און לינקס האָט אַלעמאָל, ווי אן אינדזל, ארויסגעקוקט צו אים א נײַע גאַניידנדיקע היימלעכקײַט, און געדאַכט האָט זיך אים, אז אין שפּיל פון זון און שאָטן צווישן דער פּרעכטיקײַט פון צעצווײַגטעביימער און ביימלעך וועט דאָרט דאָס אויג אָט-אָט דערזען קאָנטורן פון קליינע און גרויסע ווײַסווענטיקע געבײַדעס — א גאַנצן יִשעוו מיט א גאַנץ אייגנאַרטיק לעבן און מיט א גאַנץ אייגנאַרטיקן סטיל, צוגעפּאַסט צו דער שעפע פון די דערבײַיִקע סובטראָפּישע געוויקסן, צו דער ארומיקער שטראַלנדיקער ליכטיקײַט און צו דעם איבערגעבלאָזטן יאָמטעוו פון די נאָענטע פיל מאָל געדרייטע און געשלענגלטע טײַך-וואַסערן.

אזעלכע יִשוווים זײַנען, פארשטייט זיך, געוועזן ניט מער, ווי דעם פּראָפעסאָרס א פאַנטאַסטישער קוק אין די ווײַטע יאָרן ארײַן. נעכטיקן אין וועג איז אים מערסטנטייל אויסגעקומען איניינעם מיט יעגערס אין זייערע וואַלד-בײַדלעך, אָדער אין קליינע טײַגע-דערפלעך.

צווישן געהילץ-פארגרייטער אין א וואַלד, ווו אים איז איינמאָל אויסגעקומען זיך אָפּשטעלן אף באַנאַכט, האָט ער געטראָפן אויך יִדן — דעריקער אזעלכע, וואָס האָבן פריִער, ווי אים האָט אויסגעזען, נאָך קיינמאָל אזא ארבעט ניט געטאָן. די מער געניטע צווישן זיי זײַנען געוועזן דרײַ באָכערימלעך פון א גאַנץ ווײַטלעכן קאָלווירט, און דער יִנגסטער פון זיי — א כעווערעמאַן פון א יאָר זיבעצן-אכצן מיט גלאַט-צוגעקעמטע האָר, וואָס גלאַנצן אזש פון שוואַרצקײַט, — איז ביז שפּעט פארנאַכט געוועזן פארנומען מיט פאַנאַנדערשטעלן אף מאָרגן די בריגאַדעס און איז נאָך אַלץ פון נאָך דער ארבעט ארומגעגאַנגען נאַקעט ביזן גאַרטל, כאָטש דער צופאַלנדיקער אָוונט האָט זיך אויסגעגעבן א גאַנץ קאַלטלעכער. דאָס קומענדיקע באַנאַכטיקע פראָסטל האָט זיך געפילט אין דער שאַרפער הימל-רויטקײַט, וואָס פילט אָן צווישן די ביימער די לופט און פאַלט אפן באָכערלס שטרענג געטאָקטן, קימאַט נאָך קינדערשן פּאָנעם און באַפאַרבט אין רויטלעכן מעש די בוילעטע מוסקולן אף זײַן יונגן קרעפטיקן קערפּער. עפּעס אן אינווייניקסטער געפיל, וואָס האָט גאָר קיין באַשיידונג ניט, האָט געצוווּנגען דעם פּראָפעסאָר נאָכצוקוקן אָט דעם ווילן יאַטל, ווי ער ענטפערט יעדן איינעם זייער מעיושעוודיק, ניט געײַלט און גלעט אַלץ מיט איינער א האַנט די גלאַנציק-שוואַרצע האָר אפן קאָפּ, ווי געטראַכט וואָלט ער דערבײַ וועגן עפּעס אַנדערש. ער רעדט ניט אויס קיין איבעריק וואָרט, און גיי טרעף, ווען און פונוואַנען האָט אזא-אָ יִדיש יִנגל זיך גענומען אהער אין דער טײַגע, און ווער זײַנען געוועזן זײַנע פריִערדיקע דוירעס, און פונוואַנען קומט צו אים אָט די רויִקע מעיושעוודיקײַט. א געפיל שיִר ניט פון ראַכמאָנעס האָבן ארויסגערופן צו זיך די יִדן, וואָס האָבן שוין געוויס אזעלכע קינדער, ווי ער, און רופן אים צו זיך, ער זאָל אָפּשאַצן, וויפל יעדערער פון זיי האָט פאַרן טאָג פאַרדינט:

— שימל, אנו, גיב נאָר א קוק.

— קום שוין אמאָל צו מיר, שימל.

בא זײַנע צוויי כאַווײרים לעבן דעם צעלייגטן פײַער האָט דער פּראָפעסאָר זיך דערוווּסט, אז זיי — אַלע דרײַ יונגע באָכערימלעך — זײַנען פון ווײַטלעכן יִשעוו — אזש פון דער סטאַנציע וואָלאָטשײַעווקע, — אז געוועזן זײַנען זיי דאָרט פריִער א קאָמיוגישע קאָמונע, דאָס הייסט: דורכויס יִנגלעך און מיידלעך. נאָר איצט האָבן דאָרט די עלטערע

[1] אכאַריי בלויסי האָיסאָ לי עדנאָ — נאָך מײַן עלטער איז געקומען אף מיר יוגנט.

ייִנגלעך און מיידלעך שוין כאַסענע געהאַט, ווער מיט וועמען, און זיי זײַנען שוין אַ קאַלווירט, און מע לעבט. — ווי אין אַנדערע קאַלווירטן. ווי קומען זיי אַזש אַהער? — פּאַשעט, געווען אין קאַלווירט אַ פּאַרזאַמלונג: „ווער וועט גיין אױף האָלץ פּאַרגרייטן?״ איז גיין האָבן דאָך אייניקע באַדאַרפט, און פּאַרדינען פּאַרדינט מען דערבײַ ניט שלעכט. צי איז ניט פּאַראַן קיין וואַלד נעענטער צו זייער קאַלווירט? — אַ-אַ!.. באַלד אױפֿן אַקעגנדיקן באַרגיקן ברעג פֿון דער טונגוסקע, נאָר זייער גוטער וואַלד, טשעפּעט מען אים ניט דערווײַל. מע דאַרף פֿריִער אויסבויען דאָרט אַ פֿאַבריק, וועט זי געבן דאָס בעסטע מעבל פֿאַרן גאַנצן מיזרעך, אַזוי רעכנט מען.

— אַזוי רעכנט מען?

באַם פּראָפֿעסאָר האָט אָנגעהויבן ווערן מער מאַמאָשעסדיק זײַן געדאַנק, אַז עפּשער וועט ער דאָ קענען עפּעס אופּטאָן.

פֿון זײַן גראָבן מעשונע-פֿאַרביקן זשילעט, וואָס האָט מיט זײַנע פֿיל טאַשעלעך אויסגעזען, ווי אָנגעגאָסן מיט אומפֿאַרשטענדלעכער אַמעריקאַנער כאָכמע, האָט ער אַרויסבאַקומען אַ פֿאַרגרעסער-גלאָז, פֿאַמעלעך פֿאַנאַנדערגעלייגט די מאַפּע פֿון דער געגנט, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט, און אינאיינעם מיט די צוויי באָכערימלעך גענומען אַרײַנקוקן איר און אויפֿזוכן דעם קאַלווירט, וואָס לעבן דער טונגוסקע.

— אָט איז ער, — האָט איינער פֿון די צוויי באָכערימלעך געפּאַקט אױף דער מאַפּע דאָס אָרט, וווּ זײַן קאַלווירט געפֿינט זיך. — נו יאָ, פֿריִער איז טאַקע דאָרט געווען אַ מעטעאָראָלאָגישע סטאַנציע: איין הויז מיט אַ סאַרײַ, און שוין.

נאָר דער פּראָפֿעסאָר האָט גאָר געקוקט ניט אַהין, וווּהין מע ווײַזט אים אָן מיט אַ פֿינגער, נאָר צו אַ פּינטעלע, וואָס איז דאָרט דערבײַ געווען אַרומגעצייכנט מיט אַ רויטן בלײַער — דאָרט האָט זיך געפֿונען דער ראַטווירט, וווּ בײַ איר זון דעם אַגראָנאָם האָט געלעבט כאַוועלע וואָרטמאַן.

— און ווי ווײַט איז פֿון אײַך אַהער-אָ? — האָט זיך נאָכגעפֿרעגט דער פּראָפֿעסאָר.

— איר דאַרפֿט אין ראַטווירט?

די צוויי באָכערימלעך האָבן זיך דורכגעקוקט און גענומען זוכן עמעצן צווישן די מענטשן, וואָס וואַרעמען זיך אָדער קאָכן עפּעס באַם גרויסן צעלייגטן פֿײַער. נאָך אַלץ נאַקעט ביזן גאַרטל איז דאָרט מיטן רוקן אַהער און מיטן פּאָנעם צום פֿײַער געשטאַנען דאָס שוואַרצכיינעוודיקע יאַטל און האָט מיט אַ היפּש טאַשן-מעסערל אויסגעשניצט עפּעס פֿון אַ קליין שטיקל האָלץ.

— שימל! — האָט אים אַ רוף געגעבן איינער פֿון די באָכערימלעך, — קום נאָר אַהער.

שאָען זײַנען געלאָפֿן טיף אין דער נאַכט אַרײַן. אַרום צעלייגטן פֿײַער אין וואַלד זײַנען אַלע שוין לאַנג געשלאָפֿן, נאָר דער פּראָפֿעסאָר איז דאָרט נאָך אַלץ געזעסן און געזעסן, ווי איינער, וואָס האָט שוין גאָר אינגאַנצן אויפֿגעהערט באַמערקן, צי די צײַט רוקט זיך צי ניין. דער פֿולער שאָלעם, וואָס האָט זיך דאָ אײַנגעשטעלט צווישן זײַן האַרץ און זײַן פֿאַרשטאַנד, איז איצט, ווי נאָך קיינמאָל ניט, אַרײַנגעדרונגען טיף אין זײַן געמיט, און ער האָט זיך געפֿילט אַזוי, ווי גלײַך די צײַט האָט שוין מער אױף אים קיין שליטע ניט.

וואַרעמענדיק זיך דאָ באַם באַנאַכטיקן שײַטער, האָט ער, פֿאַרגעסנדיק, אַז ער וואַרעמט זיך, געזען אין געדאַנק אַ פֿאַבריק, וואָס גיט מעבל פֿאַרן גאַנצן ווײַטן מיזרעך. די פֿאַבריק וועט אויסוואַקסן אױפֿן באַרגיק-הויבן ברעג פֿון דער טונגוסקע, פּונקט קעגן דעם קאַלווירט פֿון דער געוועזענער קאַמיוגישער קאָמונע. און דאָרט לעבן דער פֿאַבריק וועט עפּשער וווינען ער און כאַוועלע וואָרטמאַן. אינאיינעם מיט אים האָט ווי געטראַכט וועגן דעם דער פֿלאַם פֿונעם צעלייגטן פֿײַער און פֿון אונטער זײַנע פֿלייצעס אַרײַנגעקוקט צו די שורעס, וואָס ער שרײַבט אַרײַן צו זיך אין טאָגביכעלע:

„די מעבל-פֿאַבריק אױפֿן באַרגיקן ברעג טײַך און דער קאַלווירט אױפֿן נידעריקן ברעג וועלן זײַן איין באַלעבאַטישקײַט. דאָס איז אין גײַסט פֿון די מענטשן דאָ אין לאַנד, וווּ מע שטרעבט אָפּצווישן די גרענעצן צווישן דאָרף און שטאָט״.

ווי אַ העלן פֿלעק אױף דער גרויער וואָך פֿון זײַן לעבן — געגליכן צום שײַטער, וואָס האָט באַלויכטן די וואַלד-פֿינצטערניש — אַזוי האָט דער פּראָפֿעסאָר געזען פֿאַר זיך יענע נאַכט אין פֿאַרלויף פֿון אַלע פֿינף וואָכן, וואָס ער האָט דאָ געפּאַטערט אױף אויסצוזײַן קימאַט אין אַלע נײַע און אַלטע יישוווים און אױף צו באַזוכן אויך דעם ראַיקאָם. אַזוי איז יענע נאַכט געבליבן אין זײַן זיקאָרן נאָך אויך אױף דער זעקסטער וואָך, ווען, אַ ביסל מיד און אַ ביסל

פֿאַרקילט און פֿאַרקאַטערט, האָט ער זיך ענדלעך דערקליבן צום קאַלווירט אויפֿן ברעג פֿון דער טונגוסקע.

עס איז שוין געווען א גאַנץ קילער פֿאַרנאַכט אין מיטן אָקטיאַבער, ווען דער פּראָפֿעסאָר האָט אײנײנעם מיטן באַגלײטער דעם יעגער זיך אַראָפּגעלאָזט אַהין פֿון די בערג. דאָס קלײנע אָפּגעפֿאַלענע פֿערדל האָט אויסגעזען טרויעריקלעך און פֿאַרמאַטערט פֿון נאָך אַוועקלײגן אַזויפֿיל קױכעס אַף צו דערטראָגן אים אַהער.

אויך איצט, באַם אַראָפּלאָזן זיך פֿונעם לעצטן שטאַרק שיפּועדיקן באַרג, האָט דער פּראָפֿעסאָר געריטן שווער אָנגעוואַלגערט און לעפּיש, ווי ער וואָלט באַשטײן בלויז פֿון קלײדער, אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי. צו אָנגעפּעלצט, פֿאַרבונדן און פֿאַרוויקלט מיט אַלע זײַנע מיטגעבראַכטע שאַרפֿן און שאַרפֿעלעך, האָט ער, קנײטשנדיק די אויגן, געזען, ווי די גרויס געוואָרענע זון ווײַט אַקעגן הייבט אָן זיך גרייטן צו איר פֿאַרגײן און פֿאַרגיסט מיט פּעטע אַראַנזשעווע שײַנען דעם גאַנצן פֿלאַך, וואָס אין דער נידער, און רויט, ווי בלוט, ווערט דאָרט, ווו א געמויזעכץ-ריטשקעלע, אַלע וואַסערלעך, וואָס זײַנען פֿאַנאַנדערגעפּליושקעט אין קלײנע קאַליוזשקעלעך אַרום דעם קאַלווירט און דערגרייכן ביז צו די ווײַטע וועלדער אין האָריזאָנט. וועגן דעם, אַז דאָ איז צוריק מיט א פּאָר כאַדאָשים געווען א פֿאַרפּלײצונג, האָט דער פּראָפֿעסאָר זיך דערוווּסט נאָך אין וועג.

אין דער נידער, באַם ברעג פֿון דער טונגוסקע, האָבן אין עטלעכע לאַנגע שורעס זיך געצויגן פֿאַרענדיקטע און נאָך ניט אינגאַנצן פֿאַרענדיקטע הילצערנע הײַזער, זיך געלופֿטערט ווי נויעכס טײוועס נאָכן מאַבל און מיט דער אָפּגעשפּיגלטער רויטקײַט, וואָס אין זייערע נײַע פֿענצטער, דאַך אַרויסגערופֿן צו זיך א געפֿיל ווי צו עפּעס זייער פֿרישס און יאָמטעוודיקס.

ער האָט נאָך גאָר אַפֿילע קײן פֿעסטן נאָמען ניט געהאַט — אָט דער נײַער ייִשעוו, וואָס האָט אויפֿן נידעריקן ברעג טײַך דערווײַל נאָך געליטן פֿון פֿאַרפּלײצונגען און פֿון צופֿיל פֿײַכטקײַט. דערציילט האָבן, ווו א שויב, ווו א שוועל, ווו א פֿענצטער, ווו א שטאַל און ווו א צוגעשלאָגן לײַסטל:

— מיר זײַנען אַלט דרײַ יאָר.

2

דינע רויכלעך פֿון דרײַ-פֿיר שטוב-קוימענס האָבן טכילעס אָוונט זיך געשנירלט צום הימל-צו, ווי זיי וואָלטן דאָרט פֿאַרשריבן דעם ייִשעווס אָן אָפּגעאַרבעטן טאָג. זיי האָבן אַרײַנגעפֿירט דעם פּראָפֿעסאָר אין טאָעס — דער טאָג איז דאָ געווען געענדיקט, די אַרבעט — ניט.

אין לינקן עק ייִשעוו לעבן די פּי-שטאַלן האָט מען אַלץ געפּאָמפּעט דאָס וואַסער פֿון די סילאָס-גריבער, וואָס זײַנען פֿאַרטרונקען געוואָרן מיט דער פֿאַרפּלײצונג. די וואַכטעס האָבן זיך דאָרט געביטן באַ דער שײַן פֿון א לעוואָנע, וואָס איז אַרויס פֿון צווישן די אַקעגנדיקע בערג אַזוי העל און ליכטיק, ווי גלײַך אָט-אָט קריגט זי דאָ אַלע מײַלעס פֿון א זון און וועט נעמען וואַרעמען די ערד און ניט דערלאָזן, עס זאָל אַף באַנאַכט נעמען א פֿרעסטל.

— צו די פּאָמפּעס האָט זיך אָקאָרשט געשטעלט א פֿרישע בריגאַדע פֿון נײַן מיידלעך און זעקס ייִנגלעך, און מײַנע צוויי מיידלעך אויך אינמיטן, — אַזוי האָט, אַראָפּנעמענדיק פֿון זיך די שאַל און אָנצינדנדיק א לאָמפּ, דערציילט דעם פּראָפֿעסאָר די באַלעבאָסטע פֿון דער נײַער שטוב, ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, א פֿרוי פֿון א יאָר פֿופֿציק.

— א ברײרע האָט מען? — האָט זי געזאָגט, אַוועקגייענדיק אין קיך נאָך א שוועבעלע. — די פֿאַרפּלײצונג האָט באַ אונדז צורעכט געמאַכט העכער א האַלב גערעטעניש און צוויי דריטל פֿונעם אָנגעקאָסעטן היי, אויב מע וועט הײַנט-מאָרגן ניט פֿאַרגרייטן קײן סילאָס, איז כאָטש נעם לייג אויס ווו א רינד אין קאַלווירט און קוילע עס אַוועק.

דאָס האָט זי זיך נאָרוואָס אומגעקערט פֿונעם לינקן עק ייִשעוו, וווּהין זי איז געהאַט אַוועקגעלאָפֿן אָנזאָגן די מיידלעך אירע און דעם פֿאַרזיצער פֿונעם קאַלווירט, אַז באַ איר האָט זיך אָפּגעשטעלט עפּעס אײנער א גאַסט און אַז זי ווייסט ניט, וואָס זאָל זי מיט אים טאָן.

אַז זי האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז מאַמעש אַ טונקעלע און אַז אויב פון איר אָטעמט שטאַרק מיט עפּעס בלאָנדס, קומט עס נאָר דערפון, וואָס אירע העלע אויגן באַשטייען קימאַט פון הוילע קוים פאַרגרינטע ווײַסלעכער און זעען נאָך דערצו אויס, ווי זיי שמייכלען נאָך דעם, ווי זיי האָבן פריִער זיך גוט־גוט אויסגעוויינט. עפּעס ביז גאָר העלס איז געווען אויך אין איר קאָל — אַזאַ ברוסטיק באַרויִקנדיק קאָל קען מען הערן נאָר פון בלאָנדע.

— זאָגט שוין איר אַליין! — האָט זי, דערוויסנדיק זיך, אַז דער גאַסט איז פון אַמעריקע, מאַמעש ווי געגאַפט.

זי האָט, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, געהייסן הינדל, און איר געשוועסטערקינד האָט אויך געהײסן הינדל. ביידן האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך איין באָבען, וואָס ליגט שוין לאַנג אין יאַרמאָלינעץ אַפן בעסוילעם. הײַנט איז דען ניט אַ טשיקאַווע זאַך, וואָס די אָרעמע באָבע הינדל, נעבעך, שפּאַרט אָן מיט איין אייניקל דאָ הינטער כאַבאַראָווסק און מיטן צווייטן אייניקל — אַזש ערגעץ אין מילוואָקי, וואָס לעבן דעטראָיט? נאָר אַף אַרויסצוזאָגן די געפילן, וואָס אָט די „טשיקאַווע זאַך" רופט אין איר אַרויס, האָט זי ניט געהאַט קיין שום אַנדערע ווערטער, אַכוץ „זאָגט שוין איר אַליין", און צום פּראָפעסאָר איז דאָס קנאַפּ דערגאַנגען. ער האָט ריישיס־קאָל געפונען פאַר נייטיק איר צו דערציילן, אַז ווען זי איז ניט געווען אין שטוב, איז אַהער זייער ראַשיק אַרײַנגעלאָפן איינער אַ יונגערמאַן, אַ כאַפּ געגעבן אַ ביקס דאָ־אָ אין צווייטן צימער, אַרויסגעלאָפן שוואַליאָם אין דרויסן און באַלד האָט זיך דערהערט פון דאָרט אַ שאָס.

— אַך, ס'איז גאָרניט, — האָט דערוף אַ מאַך געטאָן די באַלעבאָסטע, — ס'איז אַבראַשע זלאַטקין. טאַקע דאָ אין צימער וווינט ער. דאָס האָט ער שוין, מיסטאַמ, געשאָסן אַ פאַזאַן. זיי לויפן דאָ אַרום אַלע פאַרנאַכט, ווי די הינער, און ער, אַז ער דערזעט אַ פאַזאַן, איז ער ניט באַ זיך אין די הענט...

און זי האָט דערציילט דעם גאַסט, אַז „סאַכאַקל איז ער גאָר אַ כודאָזשניק" — אָט דער אַבראַשע זלאַטקין, און „דאַפקע אַן איזוועסטני", אַז „שרײַבן, אַזוי זאָגט מען, שרײַבט מען וועגן אים עפּעס זייער געהויבן", אַז „אַראָפּגעקומען איז ער אַהער אונדז באַמאָלן", נאָר אַז דאָ איז געווען די פאַרפלייצונג, האָט ער פאַרוואָרפן זײַן מאָלערײַ און „ווערט פאַרפאַלן אינאיינעם מיט די קינדער גאַנצענע טעג באַ דער אַרבעט".

— אַ רוער! — האָט זי וועגן אים געזאָגט, — געזונט — אַן אײַזן... אָט הענגט דאָ זײַן מאַשינעריע... דאָס מאַכט ער דאָ אַלע טאָג זײַנע גומעלאַסטיקעס... נאָר איצט וועט ער עטלעכע טעג ניט זײַן — מע האָט אים געשיקט נאָך עפּעס קיין כאַבאַראָווסק.

נאָך האָט זי געזאָגט, ניט קוקנדיק צום גאַסט, נאָר צום פרישן טישטעך, וואָס זי פאַרשפּרייט פון זײַן קאָוועד־וועגן אַפן טיש:

אַ רײַזע אין דער יוגנט

נאָך דער גרעסערער דערציילונג „בירא͏ָבידזשאַנער" (1934) האָט דאָוויד בערגעלסאָן פאַרטראַכט אַ ריי נײַע ווערק וועגן דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. אין 1941 פּובליקירט ער דרײַ דערציילונגען אונטערן אַלגעמיינעם טיטל „בירא͏ָבידזשאַנער פראַגמענטן", דאַטירטע מיטן 1936 יאָר. אין די אָפּגעדרוקטע פראַגמענטן דאָמינירן צוויי פּערסאָנאַזשן — וועלוול גריוווער, וועמען מע האָט אָנגערופן „פריילעך־כאַפּעניש", און שאָלעם בובעס. בירא͏ָבידזשאַן איז דאָ געשילדערט ניט אין סאַמע אָנהייב, ס'איז ניט דער פּאָלוסטאַנעק טיכאָנקע, האָגאַם עס שטייט נאָך די אַלטע וואָקזאַל־כאַלופּע, אַף איר איז שוין אָבער פאַראַן דער נײַער נאָמען — בירא͏ָבידזשאַן. שוין פיר יאָר, אַז ייִדן באַזעצן זיך דאָרט, אָבער אַלץ איז נאָך בעריישיסדיק.

די ערשטע דערציילונג — „פריילעך־כאַפּעניש" שילדערט דעם איניציִאַטאָר פון בויען אַ געבײַדע צום אָקטיאַבער־יאָמטעוו. אַדאַנק דער ענערגיע און קענטשאַפט פון וועלוול גריווערן, האָט מען די געבײַדע אויפגעשטעלט פאַר צוויי וואָכן. מערקווירדיק איז אויך דער כאַראַקטער פון שאָלעם בובעסן, אַ פלײַסיקן פריילעכן יונגערמאַן. דער געוועזענער שמײַסער באַ אַ בינדיוזשניק איז אַהער געקומען מיטן ערשטן עשעלאָן. ער האָט שוין „צוגעלייגט אַ האַנט צו וועג־אַרבעט, צו פאַרגרייטן און פירן האָלץ, צו פיש כאַפּן, צו מעליִאָראַציע, צו אויפהייבן ערד אין קאָלווירטן". לויט דער אַלטער טעווע, האָט ער ליב געהאַט אַרומשלעפּן זיך לעבן וואָקזאַל — העלפן די אָנגעקומענע טראָגן זייערע פּעק; ער איז אַ מענטש אַ שטעכיקער, קען זײַן שטעטל באַשטיין. די אויטאָביאָגראַפיע זײַנע איז אינטערעסאַנט צונויפגעשטעלט — אַ געמיש פון ערנסטן און שפּאַסיקן: „איך לייג דאָ צו מײַנע פּאַפּירן: 1) אַ דאָקומענט, אַז איך, שאָלעם בובעס, האָב

— רופט מיך ניט באַלעבאָסטע, ווײַל די עמעסע באַלעבאָסטעס פון אָט דער שטוב זײַנען גאָר מײַנע צוויי מיידלעך. זיי האָבן מיך ערשט הײַנטיקן זומער ארויסגענומען צו זיך אהער פון יאַרמאָלינעץ. אזוי טוען זיי דאָ: עס ווערט פארטיק פאר זיי א שטוב, נעמען זיי ארויס צו זיך די עלטערן. זיי זײַנען דאָ אַלע נאָך יונגע און האָבן כאסענע צווישן זיך, נאָר מײַנע צוויי מיידלעך... מעסוקענע אָבשטשעסטווענִיצעס! איידער זיי וועלן דאָ אַלעמען ניט כאסענע מאכן, וועלן זיי וועגן זיך אפילע קיין טראכט ניט טאָן. אזוי זעט מיר אויס. און גיי טײַנע מיט זיי.

נאָר דאָס האָט שוין ניט געהאט קיין שום שײַכעס צו יענע זאכן, וואָס דער פּראָפעסאָר פארשרײַבט בא זיך אין נאָטיץ-ביכעלע. ער האָט געוואָלט וויסן מער קלאָר, ווער זײַנען געווען די היגע באַווינער, איידער זיי זײַנען אהער געקומען:

— עס הייסט: לויט די פּראָפעסיעס...

— אך, דאָס מיינט איר?..

מיט אירע קוים פארגרינטע אויגן-ווײַסלעכער האָט די פרוי געקוקט צו איינעם פון די פענצטער, ווי אף צו דערמאָנען זיך, ווער עס וווינט דאָרט אין די נאָענטע און ווײַטערע הײַזער.

— פאראן דאָ, — האָט זי געזאָגט, — אזוינע, וואָס האָבן געארבעט בא סטאָליארעס, בא קאָוואַליעס צי בא בעקערס, און אזוינער, וואָס זײַן טאטע איז געווען א גלעזער. פּאָ ראזנאָמו, — האָט זי צוגעגעבן, דערלאַנגענדיק דעם גאסט טיי און צובײַסן, — צי, אשטייגער, דער פאָרזיצער פון אונדזער קאָלווירט. ער הייסט גראַד אויך זלאטקין. געווען איז ער, דאכט מיר, גאָר א בינדיוזשניק צי א טרעגער אין ניקאָלײַעוו באם פּאָרט, נו, און איצט איז ער שוין דאפקע א פּארטיינע... נאָר קיין באזונדער שטוב האָט ער דאָ נאָך ניט, און זײַן פאָטער איז נאָך דערווײַל א סטרויש אין אן ארטעל, וואָס מאכט סקיפּידאר לעבן דער סטאנציע אַבלוטשיע.

א ביסל שפּעטער האָט פון דער פינצטערער קיך, וואָס איז געווען שוואך באלויכטן מיט דער שײַן פונעם פײַער אין דער אונטערגעהייצטער פּליטע, זיך דערטראָגן א קלאפּ.

— אָט איז ער אף אן עמעס דאָ, — האָט, אײַנקוקנדיק זיך אהין, געזאָגט די פרוי, — אפּאָנעם, טאקע צו אײַך גייט ער.

און זי איז אוועק באגעגענען דעם ארײַנגעקומענעם.

אין הויכע שטיוול און אין א דין פּידזשאקל אפן אוקראַיִנישן העמדל איז פון דער פינצטערער קיך ארײַנגעקומען דער יונגער קאָלווירט-פּאָרזיצער. שווארצהאָריק, ניט געגאָלט און א ביסל פארזאָרגט, האָט ער ארײַנגעשפּאנט אין באלויכטענעם צימער זייער פאמעלעך, ווי מיט יעדן טראָט וואָלט ער א פּרוּוו געגעבן, ווי פעסט איז אונטער זיי דער באָדן. אונטער זײַן קורץ פארוואקסענעם שטערן האָבן די קלײנע טיף זיצנדיקע אויגן זיך

פון זעכצן יאָר געארבעט באם ניקאָלײַעווער בינדיוזשניק מייער מאיאָרקע, וואָס האָט מיר אָנגעקערט א שטיף־פעטער; 2) א דאָקומענט, אז איך האָב געדינט אין דער רויטער ארמיי; 3) א דאָקומענט, אז מײַן אמעראצעס האָב איך ליקווידירט אין ניקאָלײַעוו, אין קאָמיוג, ווהין מע האָט מיך אָנהייב נעפּ ארײַנגענומען, אאוו.״.

נאָך דער מילכאָמע ארבעט דאָוויד בערגעלסאָן איבער אן אנדער ווערק וועגן ביראָבידזשאן — דער גרעסערער דערציילונג „צוויי וועלטן״. ווי עס זאָגט דער טיטל, דארפן אין דער דערציילונג קעגנגעשטעלט ווערן די קאַפּיטאליסטישע און די סאָוועטישע וועלטן. אין די פארעפנטלעכטע קאפּיטלען[1] איז דער קאָנטראסט קוים אָנגעמערקט. די סיפּער־האמײַסע איז א גאנץ אינטערעסאנטע, מיר דערוויסן זיך

אין די ערשטע שורעס: „דעם גאנצן פּלאָנטער האָט אָנגעארבעט דער טשיקאגער פּראָפעסאָר פון אגראָ־קולטור קאלמענס — א קורצפּיסיקער, א באָכעריש־עלנטער, א צופרידענער, א גוטהארציקער און פונקט אזא פּראָסטלעכער מיט מענטשן, ווי פּראָסטלעך ער האָט אויסגעזען מיט זײַן היפּשן פּאָנעם און מיט דער קורצער גראָווּלעכער באָרד״. און ווײַטער דערוויסן מיר זיך פון דעם פּלאָנטער.

קאלמענס שטאמט פון רוסלאנד, פון א קלײנינק שטעטל אף דער רוסיש־פּרײַסישער גרענעץ. לעבנדיק אין פּשא, האָט ער פארטראכט צו מאכן א דויערנדיקע רײַזע קיין סאָוועטנפארבאנד צוליב וויסנשאפטלעכע צילן — שטודירן די לאנדווירטשאפטלעכע עקאָנאָמיק אין די באדינגונגען פון קאָלעקטיוויזאציע — און אף צוריקוועגס באזוכן ביראָבידזשאן, א קוק געבן אפן קאנט, וועלכער איז אויסגעטיילט פאר ייִדן. אין דער גאָר פריִער יוגנט האָט ער זיך אײַנגעליבט אין א היגער גימנאזיסטקע — כאוועלע וואָרטמאן. מיט די עלטערן איז ער אריבערגע־

[1] זיי זײַנען אָפּגעדרוקט אינעם אלמאנאך „היימלאנד״ נומ. 1, 2, 3 פארן 1947 און אין א באזונדער אויסגאבע — ניו־יאָרק, איקוף־פארלאג, 1953.

געלויכטן ווי צוויי שווארצע אָנגעצונדענע קוילן, דעמלט ווען אין דער בלאָסקייט פון זיינע שמאָלע, פאראקשנט צוגעשלאָסענע ליפּן האָט מאמעש זיך געפילט א קעלט. פונעם ראַיקאָם, ווי שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, האָט ער געהאט געקריגן א בריוו, אז דעם אמעריקאנער פּראָפעסאָר, וואָס וועט אראָפּקומען צו אים אין קאָלווירט, זאָל ער אופנעמען און אים איינאָרדענען. טאקע דערפאר איז ער געווען אזוי פארזאָרגט — אים, זלאטקינען, האָט קיינער קיינמאָל ניט אופגענומען און ניט איינגעאָרדנט, און ער האָט דעריבער ניט געוווּסט קלאָר, וואָס דארף ער דאָ טאָן. דערצו נאָך איז ער פון דער נאטור געווען זייער ניט באריידעוודיק. ארויסקריגן פון אים א וואָרט איז אָפּטמאָל געווען ניט גרינגער ווי ארויסצוקריגן א טיף־זיצנדיקן קאָרעק פון א פלאש. אָפּגעזעסן דאָ א ווײַלע מיט פּײַערדיקהייסע אויגן און מיט איינז־קאַלטע, געשלאָסענע ליפּן און אויסגעהערט, אז דער גאסט האָט ביישעק באטראכטן דאָ אין קאָלווירט די באלעבאטישקייט, האָט ער סאָפּקאָלסאָף געגעבן א שטארקן קוועטש צו זיין דלאָניע צום טיש, ווי איינער זאָגט:

— געמאכט!

א טראכט געטאָן, האָט ער פונדעסטוועגן צוגעגעבן:

— כאָטש פון דער אנדערער זייט...

שולדיקלעך און זייער פאמעלעך האָט ער אויסגעזאָגט דעם פּראָפעסאָר, אז א סאך צו זען איז ניטאָ וואָס:

— מיר האָבן קנאפּע הונדערט בעהיימעס. דאָס מילכיקס שטעלן מיר צו אף א מאָטאָר־שיפל קיין כאבאראָווסק. מיר האָבן עטלעכע צענדליק פערד. מיר האָבן בא א פּאָר הונדערט כאזיירים. מיר זיינען נאָך זייער א יונגער קאָלווירט, און דאָ אין דער טייגע איז אלץ שווער צו קריגן. האלעווײַ וואָלטן מיר געהאט, וואָס אונדז פעלט, וואָלטן מיר געווען מיט לייטן גלייך.

דער פּראָפעסאָר האָט פאמעלעך אופגעמאכט זיין טאָגביכעלע.

— צום ביישפּיל, וואָס פעלט אייך?

— וואָס אונדז פעלט?

דער יונגער פּאָרזיצער האָט זיך פארטראכט און זיך אופגעהויבן אף אוועקצוגיין.

— נו, — האָט ער געזאָגט, — איר וועט דאָך שוין אליין זען.

באנייס א טראכט געטאָן, האָט ער אָנגעבלאָזן די ניט־געגאָלטע באקן און, אפן אָרט פון געזעגענען זיך, צוגעגעבן:

— מאָרגן אינדערפרי.

און די טריט זיינע בא זיין אוועקגיין זיינען געווען נאָך מער פאמעלעך, ווי בא זיין אריינקומען אהער. אים איז נאָכגעגאנגען די באלעבאָסטע.

— נאָטל! — איז זי צוגעשטאנען צו אים זייער היימיש, ווי ער וואָלט זיין איר איידעם.

פאָרן קיין אמעריקע. אָבער דאָס מיידל איז געבליבן בא אים אין הארצן. זייענדיק שוין אין מאָסקווע, האָט ער פון א בען־איר זיך דערוווּסט, אז זיין אמאָליקע ליבע איז מיט פינף יאָר צוריק געוואָרן אן אלמאָנע און מיטן זון זיך אריבערגעקליבן קיין ביראָבידזשאן. איבער דעם האָט ער איבערגעביטן זיינע פריערדיקע פּלענער — פון מאָסקווע גלייך אוועקגעפאָרן קיין ביראָבידזשאן, דורכגעמאכט א נעסיע צו זיין יוגנט.

די רייזע פונעם אמעריקאנער פּראָפעסאָר קיין ביראָבידזשאן האָט דאָוויד בערגעלסאָן אויסגענוצט, קעדיי צו באווייזן די נאָרוואָס געשאפענע יידישע אווטאָנאָמע געגנט. אין דער דערציילונג זיינען לייכט צו דערקענען אווטאָביאָגראפישע שפּורן. די האנדלונג קומט פאָר אין סאָף 1932, ערעוו און אין דער צייט פון דער פייערונג פונעם פופצנטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, ווען דער שרייבער איז געקומען קיין ביראָבידזשאן. אין איין קאפּיטל האָט ער זיך אליין איינגעשלאָסן אין סוזשעט.

ס׳איז קיין סאָפעק ניט, אז זיינע פּערזענלעכע איינדרוקן האָט ער איבערגעגעבן קאלמענסן.

ניט אומזיסט איז קאלמענס געשילדערט מיט גרויסער אווטאָרישער סימפּאטיע. א גוטהארציקער, א ביסל א נאַיווער, א פויעריש־קרעפטיקער, זייער א נייגעריקער, ער האָט אופמערקזאם זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס האָט אים ארומגערינגלט. ער איז ניט נאָר באגייסטערט פונעם געזעענעם, נאָר עס ציט אים עפּעס אָפּטאָן צוליב דער געגנט. אף וויפל אין פּשא האָט אויסגעבראָכן א גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס, האָט ער באשלאָסן קויפן דאָרט א מעבלפאבריק (ס׳וועט קאָסטן ביליק — אונטערנעמונגען פארשליסן זיך דאָרט) און אריבערפירן זי אהער איניינעם מיט די ארבעטער. דער פּראָפעסאָר קאָן ניט פארשטיין, פארוואָס קיינער האלט ניט אונטער זיין פּראָיעקט. פאָרן אוועקפאָרן פון ביראָבידזשאן האָט ער נאָך נאַיוו געהאָפט, אז מאָסקווע וועט זיך פונדעסטוועגן ארויסזאָגן לעטויוועס אזא נוצלעכן פּלאן. געוואָרן אנטוישט איז ער אויך אין דער האָפענונג

זי האָט געכאַפּט אַף זיך די שאַל און זיך געלאָזט נאָך אים אין דרויסן.

פון ערגעץ האָט מען אַהער אַרײַנגעבראַכט א שטאָלן בעטל מיט א מאַטראַץ און עס אַרײַנגעשטעלט צום מאָלער זלאַטקינען אין פינצטערן צימער. אַהין האָט מען אויך איבערגעטראָגן דעם גאַסטס פּעקלער. אין שטוב האָט זיך שטאַרק געפילט די פרישע אָוונט-קילקייַט, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן פון דרויסן, ווען מע האָט צוליבן געבראַכטן בעטל ברייט צעעפנט אַלע טירן — א האַרבע קילקייַט, וואָס פאַרגייט אַזש אין דער נאָז. פון דער צוריקגעקומענער באַלעבאָסטע, פון איר אויסגעקילטער שאַל און אַפילע, ווי עס האָט זיך געדאַכט, פונעם הילכיקן „האַ!”, מיט וועלכן זי האָט זיך א קוויק געטאָן בײַ איר אַרײַנקומען, האָט שטאַרק א שמעק געטאָן מיט א ריַיעך פון עפּל.

זי איז געווען, אַפּאָנעם, שטאַרק איבערגעפּולט מיט מוטערלעכע געפילן, און בײַ איר האָבן געגלאַנצט די אויגן, ווען זי האָט דערציילט דעם גאַסט, אַז צווישן דעם קאָלווירט-פאַרזיצער און צווישן איר עלטער מיידל, באַסיען, איז שוין דאַפקע וועגן אַלץ אָפּגערעדט, נאָר גיי וויס בײַ זיי, ווען וועט זײַן די כאַסענע:

— מע רעדט דען הײַנט מיט א מאַמען וועגן אַזעלכע זאַכן? ער שווײַגט און ענטפערט ניט, און זי, אַז איך פרעג „ווען?”, באַקומט זי אַן אומגליקלעך פּנים און בעט זיך ראַכמים: „מאַמע, מיש זיך ניט...”.

אַף יענער זײַט ניט פאַרהאַנגענע פענצטער האָט אַן אַרומשווימענדיקע לעוואָנע גע-זוכט מיט איר העלער שײַן פאַרלעך, צווישן וועלכע עס ווערן אין אַזאַ נאַכט געשלאָסן שידוכים, און האָט אין לינקן ייִשעוו געפונען נײַן מיידלעך און זעקס ייִנגלעך, וואָס פּאָמפּען וואַסער פון פאַרטרונקענע סילאָס-גריבער. דער פּראָפעסאָר — ער איז דאַ זיצנדיקערהייט שוין געהאַט אַף א פּאָר רעגעס אַרײַנגעפאַלן אין דרעמל — האָט, שמעלערנדיק די אויגן, צום ערשטן מאָל זיך פאַרטראַכט, ווי ווײַט עס איז פון אומעטום צו אָט דעם ייִשעוו, צו אָט דער שטוב מיטן טיש און מיטן קעראָסין-לאָמפּ, לעבן וועלכן ער זיצט איצט: — צי וועלן יענע, וואָס דאַרפן לויט זײַן פּלאַן אַהער קומען, זיך ניט דערשרעקן פאַר אָט דער ווײַטקייַט? ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ דאָ נאָענט אין ראַטווירט געפינט זיך כאַזוועלע וואָרטמאַן — פון נאָך דער נאַכט אין וואַלד, לעבן די געהילץ-פאַרגרייטער, איז זי אין זײַן פאַרשטעלונג פאַרבליבן שטאַרק ענלעך צום שוואַרצכיינעוודיקן ייִנגל, וואָס האָט דאָרט בײַם צעלייגטן פײַער אַזוי קינדעריש-ליב א מאַך געטאָן: „אײַ, לאָז צורו”. און ווי נאָר זי איז אים אַרופגעקומען אַפן זינען, אַזוי באַלד האָט אויסגעוועפּט אין אים דאָס געפיל, אַז אַהער איז ווײַט. ער איז געווען טויט-מיד. נאָך אַזויפיל נעכט ניט אויסטאָן זיך האָט אים שטאַרק געצויגן צום צוגעגרייטן בעט אין נאָענטן פינצטערן צימער, און, אַרײַנגעקומען אַהין, האָט ער מיט דער שײַן פון זײַן עלעקטרישן לאַמטערנדל גלײַך א זוך געגעבן, אַף וואָס אָפּצולייגן פון זיך דאָס אָנטאָן. גאַנץ ווייניק זײַנען אים דאָרט אָנגע-

---

אומצוקערן זײַן יוגנטלעכע ליבע. ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז כאַוועה האָט אַפילע אין שטעטל ניט געהאַט צו אים קיין שום געפיל, און איצט קאָן שוין אַוואַדע וועגן דעם קיין רייד ניט זײַן.

די רײַזע אין דער יוגנט באַקומט אין דער דערציילונג אויך אַן אַנדערן, א ברייטערן באַטײַט. ס'איז א רײַזע צו דער געזעלשאַפט, וועלכע איז יונג, וועלכע בויט זיך. ד. בערגעלסאָן וויקלט פונאַנדער א פּאַנאָראַמע פון דער בויונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. ס'זײַנען שוין דורכגעגאַן די ערשטע, סאַמע שווערע יאָרן פון באַהערשן דעם טײַגע-קאַנט. אַלע מאַנגלען האָט מען נאָך ניט בײַגעקומען, ס'זײַנען אָבער שוין אויסגעבויט אין דער טײַגע גאַנצע ייִשוּווים, עס פילט זיך, אַז מענטשן באַזעצן זיך דאָ אַף לאַנג. עמעס, ניט אַלע. ס'זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך דערשראָקן, געמאַכט די פּלייטע. וועגן דעם איז געזאָגט: „ווי אַן אַגראָנאָם און עקאָנאָמיסט האָט קאַלמענס גוט געוווּסט, אַז בײַם איבערפלאַנצן ביימער פון איין באָדן אינעם צווייטן מוז מען אין זינען האָבן דעם קלאַל: ניט אַלע וועלן אַפן נײַעם אָרט זיך אָנעמען. ער האָט אָבער גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן א טראַכט צו געבן, אַז דאָס אייגענע איז מיט מענטשן”.

אַפן פאָדערשטן פּלאַן פון דער דערציילונג טרעט אַרויס דער ענטוזיאַסט פון די ערשט-בויער. ד. בערגעלסאָנען איז געלונגען אויפשטעלן די דערהויבענע אַטמאָספער, וועלכע האָט געהערשט אינעם סאָוועטנלאַנד אין דער צײַט פון די ערשטע פינפיאָר-פּלענער.

דאָס ווערק איז געבליבן ניט פאַרענדיקט. ס'איז קיין ספק ניט, אַז דער גרויסער שרײַבער האָט געהאַט בעדייע צו געבן א פונדאַמענטאַלע שילדערונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אין די פאַרמילכאָמע-יאָרן, באַווײַזן די קאָמפּליצירטע פּראָצעסן אינעם סאָציאַליסטישן איבערבוי פונעם מאַצעוו פון דעם ייִדישן פאָלק אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ביראָבידזשאַן איז פאַרן שרײַבער געווען א מוסטער פון אַזאַ איבערבוי.

זאַלמען ליבינזאָן

גאַנגען דעם מאָלער זלאַטקינס בילדער, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון אַלע ווענט — ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קליינעם מיווין אין אַזעלכע זאַכן. מיטן פּראָזשעקטאָר פון זײַן עלעקטריש לאַמטערנדל האָט ער געזוכט כאָטש אַ פּאָר פּרײַע טשוועקעס אויף די ווענט. און פּלוצעם איז ער אויף אַ רעגע געבליבן פאַרגאַפט און זיך דערפילט אַזוי מאָדנע, ווי גלײַך אין זײַנע אויערן וואָלטן דאָ מאַמעש אַ קלונג געטאָן די ווערטער:

„אײַ, לאָז צורו".

פּונעם בילד מיט די רויטלעך-לײַדנשאַפטלעכע אייל-פאַרבן, וואָס ער האָט באַלויכטן מיטן פּראָזשעקטאָר פונעם לאַמטערנדל, האָט אויף אים אַראָפּגעקוקט דער שוואַרצכיינעוו-דיקער שימל פּונקט אַזאַ, ווי ער האָט אים געזען אין וואַלד — נאַקעט ביזן גאַרטל, נאָר דאָס מאָל מיט פאַרייכלטער שיינקײַט און מיט אַזאַ דורכדרינגענדיקן בליק, ווי ער וואָלט וויסן דעם פּראָפעסאָרס סאַמע אויסבאַהאַלטענע געדאַנקען וועגן כאַוועלע וואָרטמאַן און וואָלט אים דערבײַ שוין אַפילו אַ ביסל אויסגעמוסערט:

„אַך, דו, אַלטיטשקער!.."

אָפּגעשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע מיטן לאַמטערנדל אין האַנט אַקעגן אָט דעם בילד און דערהערט, אַז די באַלעבאָסטע אין שכײנישן באַלויכטענעם צימער שלאָפט נאָך ניט, איז ער אַהין אַרויסגעקומען און האָט באַנײַס פאַרפירט אַ שמועס.

ניין, שימלס מאַמע, ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, איז גאָר בײַס דעם בירגערקריג געשטאָרבן פון פלעק-טיפוס, און זײַן פאָטער איז דעמלט אומגעקומען, ווי אַ פּאַרטיזאַן, און אַליין האָט ער זיך אויפגעצויגן אין אַ קינדער-הויז און איז דאָ, אַזוי צו זאָגן, דעם גאַנצן קאָלווירטס, ס'הייסט — בײַ אַלעמען איז ער מאַמעש די נעשאָמע.

— און טאַקע — זייער אַ וווּיל יינגל, — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע, — פּערוויי בריגאַדיר! ט'האָט ער אָקאָרשט יענע וואָך זיך אומגעקערט פון געהילץ פאַרגרייטן און איז גלײַך אַוועק מיט צוויי בריגאַדעס ערגעץ ווײַט אַראָפּ וואַסער ראַטעווען דאָס אָפּגע-שניטענע היי. דאָס וואַסער איז דאָרט אָפּגעפאַלן, טריקענען זיי דאָס היי אויף דער זון און פירן עס אַריבער אויף שיפלעך.

נאָר אַזוי צי אַנדערש, האָט שימל שוין אויך דאָ אויפן בילד ניט אויפגעהערט צו דער-מאָנען דעם פּראָפעסאָר אָן כאַוועלע וואָרטמאַנס אַמאָליקער דרעמלדיקער שיינקײַט, און אײַנשלאָפן געוואָרן איז ער מיט אַזאַ געפיל, ווי איינער, וועמען עס שטייט אָט-אָט פאַר צו ווערן מיט מאַזל אַ כאָסן.

אין איינעם אַ טאָג האָט גאַנצפרי זיך אומגעקערט פון כאַבאַראָווסק דער מאָלער זלאַט-קין. ניט אויסרעדנדיק קיין איינציק וואָרט צום גאַסט, וועלכן ער האָט געטראָפן בײַ זיך אין צימער, האָט ער אַוועקגעשלעפּט זײַן מאַטראַץ וואָס ווײַטער פונעם אַרײַנגעשטעלטן בעטל און דאָ באַלד זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן אינעם אָנטאָן. אויסגעטאָן האָט ער זיך אָקאָרשט אין אַ פּאָר שאָ אַרום, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. דער פּראָפעסאָר האָט אים נאָכגעקוקט, ווי ער דרייט זיך אַרום בלויז אין די באָד-הייזעלעך, האַקט אָן האָלץ דער באַלעבאָסטע, וואַשט זיך אַרום, קעמט אַרונטער ביז גאָר גלאַט די נאַס געמאַכטע זייער געדיכטע האָר — טונקעלע האָר, וואָס שלאָגן אָפּ קוים-קוים מיט רויטקײַט — נעמט זיך אַרומגאָלן און ווערט אַ גאַנץ שיינער באָכער, — ניט אַזאַ ווּקסיקער, ווי זייער אַ פעסטער אין דער ברייטער ברוסט און אין די מוסקולן. דער פּראָפעסאָר האָט ענדלעך אַ פרעג געגעבן בײַ אים, צי וואָלט ער ניט פאַרקויפט איינס פון זײַנע בילדער, האָט ער צוערשט גאָר אײַנגאַנצן זיך ניט אומגעקוקט און ניט אויפגעהערט זיך צו גאָלן אַקעגן זײַן קליין שפּיגעלע. דערנאָך, דערהערט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן שימלס בילד, האָט ער מיטאַמאָל, ניט אויפהערנדיק זיך צו גאָלן, אַ קער געגעבן די אויגן צו אָט דעם בילד און איז אַזוי אויף אַ ווײַלע פאַרגליווערט געוואָרן מיטן אָנגעשטעלטן גאָלמעסער אין האַנט און מיט אַ פאַרלייגטער צונג אונטער איינער פון זײַנע ניט דערגאָלטע באַקן.

— פאַרוואָס עפּעס, — האָט געפרעגט דער פּראָפעסאָר, — האָט איר אים געמאָלט האַלב-נאַקעט?

— וועמען?.. שימלען?..

מיטן בליק האָט ער ווי אַ זאָג געגעבן צום פּראָפעסאָר: „איר זײַט אַ לעמעך!" און ווידער גענומען גיך-גיך זיך גאָלן אַקעגן שפּיגעלע.

— סײַוויסײַ, — האָט ער, קרימענדיק זײַן פּאָנעם, אַ מורמל געגעבן, — קיין שענער קלייד, ווי דאָס-אָ לײַב זײַנס, וועט איר אים ניט אָנטאָן.

און דער פּראָפעסאָר איז ווי פאַרטומלט געוואָרן סײַ פון אָט די ווערטער, וואָס זײַנען צו אים קנאַפּ דערגאַנגען, סײַ פון אָט דעם מאָלער גופא. אזעלכע מאָלערס, וואָס די אַרבעט אין קאָלווירט שטייט בא זיי פּונקט אזוי הויך, ווי די אַרבעט איבער זייערע בילדער, האָט ער אין אמעריקע ניט געזען, פּונקט ווי ער האָט דאָרט ניט געזען אזא יוגנט, ווי דאָ אין קאָלווירט.

3

אין די אָוונטן, אז מע קוקט צו די רויכלעך, וואָס שנירלען זיך דאָ פון שטוב-קוימענס צום רויט-געבליבענעם הימל, קאָן מען מיינען:

דאָס קליינע לעבן באם ברעג פון דער טונגוסקע איז שוין אַלט ווער ווייסט וויפל יאָר. אין די רויכלעך איז מאמעש צו פילן, אז אַלע פאַראָרדענונגען אף מאָרגן זײַנען צו נאכט-צו שוין אָפּגעגעבן און אז יעדע בריגאַדע ווייסט שוין, וואָס זי וועט גאנצפרי נעמען טאָן און אז ביכלאַל... מירצעשעם!

און גיי טרעף, פונוואַנען נעמט זיך אזא רויִקע זיכערקײַט בא אָט דעם קליינעם יִישעוו, וואָס ליגט זיך אַלע נאכט שלאָפן איין-אַליין אינמיטן דער אומענדלעכער ניטבאַוווינטער טײַגע.

מיט רויִקער זיכערקײַט באמאָלט דאָ דער מאָלער אבראַשע זלאַטקין די ווענט אין דער נײַער שטוב, וואָס אין לינקן עק יִישעוו — א גרויסע שטוב, ווווּהין עס האָט סאָף זומער זיך ארײַנגעקליבן די קאָלווירט-פאַרוואַלטונג און ווו דאָס גרעסטע צימער — א צימער א פעלד — איז אויסגעטיילט פאַר א קלוב. גאנצע טעג אַרבעט דאָרט אבראַשע מיט אזא אינווייניקסטער אקשאָנעס און מיט אזא אומגעהייערן געדולד, ווי גלײַך גראָד דאָ האָט ער ענדלעך געפונען דאָס אָרט, ווו ער קען אף דאָר-דוירעס פאַרייביקן זײַן קונסט, ווו עפּעס שיינס, וואָס ער האָט אף זײַן לעבנס-טאָג פאַרטראַכט, וויל ער ארײַנקנאַקן דאַפקע דאָ אין די ווענט — דאָ וויל ער, ווי זאָגט מען עס, אויסגעבן דעם מיזיניק. כסידים, וואָס האַלטן פון אים אַן אוילעם-אומלויע, האָט ער אין יִישעוו ניט צו פאַרזינדיקן. איינער פון זיי איז דער פאַרטאָרג קליאַמקיס. נאָר ניט אויסצומאָלן, ווי אײַנגעבאַקן אין האַרצן אָט דער מאָלער איז אים געוואָרן. עמעס, דאָ זײַנען פאַראַן נאָך אַנדערע סיבעס.

אבראַשע, כוץ דעם, וואָס ער ווייקט ביז איבערן קאָפּ אין זײַן מאָלערײַ, איז ער נאָך בעטעווע איינער פון יענע מענטשן, וואָס אז זיי נעמען זיך צו עפּעס, בארויִקן זיי זיך ניט, ביז זיי דערשלאָגן זיך ניט זייערס, און גראָד מיט דעם קומט ער אָפּט צוניץ אין קאָלווירט.

ט'האָט מען אים אנומלטן געשיקט מיט א בריוו קיין כאַבאַראָווסק, ער זאָל דאָרט אָנטאַפּן, צי קען מען ניט קריגן כאָטש א קליינעם עלעקטראָ-דינאַמאָ: די נעכט ווערן וואָס אַמאָל לענגער, עס גייט צו אָקטיאַבער-יאָמטעוו, און אין יִישעוו האָט שוין אַלעמען דערעסן צו זיצן אין די אָוונטן בא קליינע קעראָסין-לעמפּלעך.

— נו גוט, — האָט געזאָגט אבראַשע, — ווײַזט אהער דעם בריוו.

קיינער האָט ניט געגלייבט, אז דערפון וועט עפּעס ארויס. אבראַשע אָבער האָט ניט אומזיסט בא א וואָך צײַט זיך אָפּגעוואַלגערט אין כאַבאַראָווסק. ער האָט אזוי האַרציק געטײַנעט אין אַלע כאַבאַראָווסקער אנשטאַלטן, אז מע האָט אים סאָפּקאָלסאָף ארויסגעפּראָוועט אהיים איינעם מיט א גאַנץ היפּשער עלעקטראָ-דינאַמאָ — אזא, וואָס קען פאַרייניוועגס שוין געבן קראַפט אויף פאַר א קליינער מיל. דעמלט האָט אבראַשע דאָ אין יִישעוו באנײַס זיך גוט אויסגעשלאָפן און באנײַס זיך אוועקגעשטעלט באמאָלן די ווענט אין קלוב מיט אזא פאַרטיפטקײַט, ווי גלײַך ניט אים האָט מען גאָר געשיקט קיין כאַבאַראָווסק און וועגן קיין שום דינאַמאָ הייבט ער ניט אָן צו וויסן.

— נו? — האָט דער פאַרטאָרג גאַנץ וואַרעם געזאָגט וועגן אים צום קאָלווירט-פאָרזיצער, — ניט א גאָלדענער יאַט?

ער איז ביכלאַל זייער א וואַרעמער באָכער, אָט דער פאַרטאָרג קליאַמקיס — א ברענענדיק-הייסער טוער. מער ניט, וואָס זאָגן א וואָרט איז בא אים, ווי אונטערשרײַבן א דאָקומענט. אייניקע, בייס זיי זעען אים צום ערשטן מאָל, האָבן דעריבער אין אים א טאָעס און מיינען, אז דאָס נעמט זיך פון האַרטנעקיקײַט און פאַמעלעכקײַט. אַלץ גייט אים דאָ אָן — אפילע די פראַגע, וויִאזוי און מיט וואָס וועלן זײַן באמאָלט די ווענט אין קלוב,

און אַלע פֿאַרנאַכט פֿאַרגעסט ער ניט אַ קוק געבן, צי אבראַשע באַמאָלט דאָ ניט די וואַנט מיט פּוסטע מאָלערישע דריידלעך גלאַט אין דער וועלט אַרײַן.

הײַנט איז אויך אַזאַ פֿאַרנאַכט. די מענטשן, וואָס האָבן סאָף טאָג זיך געשטופּט אין דער פֿאַרוואַלטונג, געררייכערט און פֿאַרפֿינצטערט די לופֿט, זײַנען אַלע זיך שוין פֿאַנאַנדערגעאַנגען. געבליבן זײַנען בלויז דער קאָלווירט-פֿאָרזיצער נאָטל זלאַטקין, דער פּאַרטאָרג קליאַמקיס און דער מאָלער אבראַשע, וואָס האָט צו אָוונט-צו איבערגעריסן זײַן אַרבעט אין נאָענטן גרויסן צימער — ער איז אַרײַנגעקומען אין דער פֿאַרוואַלטונג זיך איבערטאָן.

— הער אויס, — האָט דער פּאַרטאָרג צו אים אַ טײַנע, אַלעמײַ האָט ער איינע אַ מאַנצבלשע פֿיגור אָנגעמאָלט אָף דער וואַנט עפּעס „ניט אַהער און ניט אַהין“, ווי זי וואָלט זיצן אָף גאָרניט אין דער לופֿט, — ס'איז ניט נאַטירלעך. אָט נעם וויַיז דו אַ קונץ און בלײַב זיצן אין דער לופֿט אָן אַ בענקל...

— אַ בענקל? — דער מאָלער קוקט זיך אײַן מיט צוזאַמענגעצויגענע אויגן אין קליאַמקיסן און וואָלט זייער אַ באַלן געווען אים דאָ עפּעס גוט אַרײַנזאָגן. אויך אים, אבראַשען אַליין, איז די פֿיגור ניט גאָר צום האַרצן מיט איר הענגען אין דער לופֿט; און טאַקע דאָס צערייצט אים. — איז וואָס וועט העלפֿן אַ בענקל? — טוט ער קאַלטלעך אַ מורמל, — ס'איז דאָך אָף דער וואַנט... אַנו, נאַ דיר אַ בענקל און פּרוּוו זעץ זיך אָף דער וואַנט.

און, ניט אומגעקוקט זיך דאָ מער צו קיינעם, גייט ער אַוועק. דער קאָלווירט-פֿאָרזיצער נאָטל זלאַטקין בלאָזט צוביסעלעך אַלעמאָל באַנײַס די באַקן — דאָס האַלט ער זיך אײַן, ער זאָל זיך ניט צעלאַכן פֿון דער גאַנצער מײַסע וועגן זיצן אָף דער וואַנט אָף אַ בענקל אָדער אָן אַ בענקל. ער איז שוין אָנגעטאָן אין זײַן לעדערנעם לײַבל, אויך דער פּאַרטאָרג איז שוין פֿאַרקנעפּלט אין זײַן מאַנטל, וואָס מיט די קורץ-געוואָרענע אַרבל. יעדערער פֿון זיי האָט דאָ אין יישעוו זײַן מיידל, מיט וועלכן ער וועט פֿריִער אָדער שפּעטער כאַסענע האָבן און וואָלט איצט געווען באַ איר אַן אָנגעלייגטער גאַסט, נאָר ביידע האָבן זייער ליב אָט די אָוונט-שאָ, ווען זיי בלײַבן נאָך דער טאָג-אַרבעט אויג אָף אויג אין דער פֿאַרוואַלטונג. זיי צינדן אָן דאָס קליינע לעמפּל אָפֿן קליינעם טיש און אײַלן זיך ניט אַוועקצוגיין. פֿונעם גרויסן צימער שמעקט, ווי פֿון אַן אַש-בעכער, נאָך דעם, ווי מע האָט פֿון אים אויסגעקעשיט די פֿאַרלאָשענע שטיקלעך ציגאַרן. זיי מאַכן אוף דאָס פֿאָרטל — אין דרויסן איז שוין צו קאַלט, מע זאָל קאָנען צעעפֿענען אַ גאַנץ פֿענצטער — און באַנאַנד מיט דעם, ווי אין אויסגעלופֿטערטן צימער ווערט לויכטיקער אין די אויגן, ווערט זיי עפּעס, ווי לויכטיקער אָפֿן האַרצן און אין קאָפּ. איצט שטערט זיי דאָ קיינער ניט אַ רעד צו טאָן גאַנץ אָפֿן וועגן אַלץ, וואָס יעדערן פֿון זיי קוועטשט.

ביידע קענען זיי איינער דעם אַנדערן נאָך פֿון דער פּאַרטיי-שול, וועלכע זיי האָבן איניינעם געענדיקט, ביידע זײַנען זיי פֿון דער יוגנט-קאָמונע, וואָס האָט אַוועקגעלייגט ניט ווייניק קויכעס באַ פֿאַרשיידענע אַרבעטן דאָ אין געגנט.

אין שליכעס פֿון זייער קאָמונע, ווען זי האָט באַשלאָסן זיך באַזעצן דאָ אָף אַן אָרט, האָבן זיי אינצווייען צוריק מיט דרײַ יאָר סאָף ווינטער אויסגעשפּאַנט צופֿוס קימאַט די גאַנצע געגנט — געזוכט אַן אָרט, ווו מע וואָלט אין פֿרילינג געקענט צוטרעטן צום פֿאַרזייִ אָן שום מעליאָראַציעס. אין סאָף מאַרט, אין אַ שוואַך-פֿראָסטיקן זוניקן טאָג זײַנען זיי דעמלט צוגעקומען אַהער, צו די „ריאַלקעס“, וואָס אָפֿן ברעג פֿון דער טונגוסקע. און געווען איז שוין פֿאַרנאַכטלעך, ווען זיי האָבן צוגעשפּאַנט אַהער צופֿוס פֿון דער סטאַנציע וואָלאָטשײַעווקע, פֿונוואַנען זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען נאָך איידער די זון איז אויפֿגעגאַנגען. דאָס קליינע פֿרעסטל האָט צו אָוונט-צו גענומען שוין גאָר אײַנגאַנצן נאָכלאָזן, און די בלאָטע האָט זיך געקלעפּט און געקלעפּט צו די שטיוול. און מיד זײַנען זיי געווען גאָר ניט אויסצומאָלן — שוין קוים געפּלאָנטערט מיט די פֿיס. זיי האָבן דאָ דערזען אַ פֿאַרלאָזטע פּוסטע שטוב מיט אַ שטאַל — איבערבלײַבענישן פֿון אַן אַמאָליקער מעטעאָראָלאָגישער סטאַנציע. די שטוב — פֿאַרקלאַפּט און פֿאַרשלאָגן, ניט אַרײַנצוקומען אין איר. אין שטאַל — אַ ביסל ברודיקע שטרוי, וואָס פֿוילט שוין ווער ווייסט וויפֿל יאָר. אָף אָט דער שטרוי זײַנען זיי איבערגעשלאָפֿן די נאַכט, און גאַנצפֿרי זײַנען זיי אַרויסגעקומען פֿון דאָרט און געבליבן שטיין געפּלעפֿט — צי פֿון דער אַקעגנדיקער באַרגיק-פֿאַרוואַקסענער שיינקײַט, צי ווײַל זיי האָבן ניט געוווּסט, וואָס איז עס פֿאַר אַ גרויסע געלבלעך-רויטלעכע שטראַלנדיקע ראָד, וואָס הייבט אָן אַרויסצוקריכן פֿון הינטער אָט די הויכע וועלדער. זי גאָלדעט זיך און ברענט מיט אַ געמיש פֿון אימבער-געלע, אָראַנזש-רויטע און העל-בלוטיקע שײַנען און מינעט זיך און פֿינקלט, ווי צעשמאָלצן ווערנדיק פֿון פֿרייד. אויב דאָס גייט פֿון דאָרט אוף די זון,

א גרוס דיר, ביראָבידזשאַן!

На початку тридцятих років у Харкові, тодішній столиці України, вийшла книжка нарисів українського письменника Івана Багмута "Преріями та джунглями Біробіджану", в якій розповідалося про перші кроки української комуни "Тихоокеанський жовтень", розташованої на березі ріки Тунгуски. А поруч з цією комуною були інші колективні господарства, які заснували єврейські хлопці та дівчата - переселенці з України, Білорусії та інших місць нашої країни. Українські та єврейські комунари жили й трудилися як одна дружня сім"я.

Півсторіччя минуло з того часу, але до сьогодні трудяться, як і раніше, на полях Біробіджану представники багатьох національностей в ім"я великої радянської Батьківщини, в ім"я розквіту свого рідного краю.

І мені дуже приємно вітати сьогодні Єврейську автономну область з її 50-річчям і зичити їй нових успіхів.

Павло Загребельний,

перший секретар Правління письменників УРСР, лауреат Державної премії СРСР, республіканської премії ім. Т.Г.Шевченка, депутат Верховної Ради Союзу РСР

אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן איז אין כאַרקאָוו, אין דער דעמלטיקער הויפּטשטאָט פֿון אוקראַיִנע, דערשינען א בוך פֿאַרצייכענונגען פֿונעם אוקראַיִנישן שרײַבער איוואַן באַגמוט „דורך די פּרעריִעס און דזשונגליעס פֿון ביראָבידזשאַן", אין וועלכן ס'האָט זיך דערציילט וועגן די ערשטע טריט פֿון דער אוקראַיִנישער קאָמונע „שטילאָקעאַנישער אָקטיאַבער", וואָס האָט זיך געפֿונען אויפֿן ברעג פֿון דעם טײַך טונגוסקע. בײַשכייניס מיט אָט דער קאָמונע האָבן זיך געפֿונען אַנדערע קאָלעקטיווע ווירטשאַפֿטן, וועלכע ס'האָבן געגרינדעט יִדישע יאַטן און מיידלעך — איבערוואַנדערער פֿון אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד און פֿון אַנדערע ערטער פֿון אונדזער לאַנד. די אוקראַיִנישע און יִדישע קאָמונאַרן האָבן געלעבט און געאַרבעט ווי איין גרויסע פֿרײַנטלעכע מישפּאָכע.

א האַלבער יאָרהונדערט איז דורכגעגאַנגען זינט יענער צײַט, נאָר ביז הײַנט מיִען זיך, ווי פֿריִער, אויף די פֿעלדער פֿון ביראָבידזשאַן פֿאָרשטייער פֿון א סאַך נאַציִאָנאַליטעטן לטובֿת דעם גרויסן סאָוועטישן היימלאַנד, לעקאָוועד דעם אויפֿבלי פֿון זייער לײַבלעך־אייגענעם קאַנט.

און מיר איז זייער אָנגענעם צו באַגריסן הײַנט די יִדישע אווטאָנאָמע געגנט מיט איר 50־יאָריקן יוביליי און ווינטשן איר נײַע דערפֿאָלגן.

פּ א ו ו ל אָ ז א ג ר ע ב ע ל נ י, ערשטער סעקרעטאַר פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון אוססר, לאַורעאַט פֿון דער מעלוכע־פּרעמיע פֿון פססר און פֿון דער רעפּובליקאַנישער שעווטשענקאָ־פּרעמיע, דעפּוטאַט פֿונעם אויבערסאָוועט פֿון פססר

וועט עס זײַן עפּשער צען מאָל אזא גרויסע זון, ווי יענע, וואָס זיי האָבן ווען-ניט-איז אף זייער לעבנס-טאָג געזען. אָפּגעשטאנען אזוי א היפּשע ווײַלע געפּלעפּט און אויסגעקוקט פארשלאָפענערהייט דעם האָריזאָנט און דעם ברייטן פלאַך, ווי ער ווערט דורכגעשניטן מיט דער געשלענגלטער טונגוסקע און שפּארט זיך אָן ארום און אין וועלדער און בערג, האָבן זיי ענדלעך אָנגעהויבן דעם שמועס מיקויעך דעם, צי דאָ וועט זיך באַזעצן די יוגנט-קאָמונע — דאָס איז געווען א גאנץ קורצער שמועס:

— נו? — האָט בא נאָטלען געפרעגט קליאמקיס.

— איך מיין... — האָט ניט געכאַפּט געענטפערט נאָטל.

פון דעמלט אָן איז שוין אוועק מער ווי דרײַ מיט א האלבן יאָר. און אָט זיצן זיי איצטביידע דאָ אין צימער פון דער קאָלווירט-פארוואלטונג אין דער נײַער גרויסער שטוב, וואָס אין לינקן עק יִשעוו. דאָס נאָענטע באלויכטענע פענצטער, וואָס מיטן אָפּענעם פאָרטל, קוקט דאָ צו דער טונגוסקע, ווי דאָס איינציקע וואכע אויג פונעם גאנצן אנשלאָפן-געוואָרענעם יִשעוו.

— טראַך! טאראראך!

דאָס האָט אין דרויסן דער פלוצעם אָנגעפלויגענער ווינט געגעבן א קלאַפּ-צו פריִער דאָס פאָרטל, דערנאָך א האלבן לאָדן.

— אָ-אָ! — טוט נאָטל איינצײַטיק אי א שמייכל, אי א הייב דעם קאָפּ.

ער בלײַבט שטיין אין אזא פאָזע, ווי גלײַך מע רופט אים פון ערגעץ און דאָס הערט ער זיך אײַן, פון וואָס פאר א זײַט קומט אָט דער רוף. נאָר דער ווינט האָט שוין באוויזן זיך אָנלייגן אף דער שטוב מיט א צווייטער נאָך מער שטארקער כוואליע און טראסקעט שוין הין און צוריק מיט אלע פענצטער-לאָדנס, וואָס אין אירע דרײַ זײַטן — אָט-אָט וועט ער זיי ארויסרײַסן איינעם מיט די קרוקעס און וועט נעמען טאָן נאָך עפּעס ערגערס.

— דאָס איז עס, — זאָגט דער פארטאָרג.

— אפאָנעם אזוי, — איז מאסקים נאָטל, — פארלעש גיכער דאָס לעמפּל און קום.

אין פינצטערן דרויסן אקעגן דעם ווינט, וואָס האלט קעסיידער אין שטארקער ווערן, לאָזן זיי זיך ארויס א ביסל אָנגעבויגן מיט די קעפּ פאָרויס, ווי מע לאָזט זיך אין א געשלעג, און מאכן אפגיך צו ארום דער שטוב איין לאָדן נאָכן צווייטן. אין געגנט זײַנען זיי שוין ניט דאָס ערשטע יאָר און ווייסן שוין, אז פונקט אזוי-אָ הייבט זיך דאָ אָן דער ווינטער, פונקט אזוי הייבט זיך דאָ אָן ארויסצורײַסן דער ערשטער שניי — פון דער העלער הויט און מיטאמאָל, אָן שום אָנזאָגעכץ. אָפּגעפארטיקט זיך מיט די לאָדנס, לויפן זיי א קוק געבן, צי האָט מען אין די שטאלן פארשטעקט צו דער ריכטיקער צײַט אלע לעכער און פארהאקט אלע בוידעם-טירלעך. דער ווינט לויפט אָט פאר זיי, אָט הינטער זיי, ווי א קאץ ארום האלב-דערשטיקטע מײַזלעך; ער באשיט זיי מיט שטויב, מיט אָפּגעפאלענע בלעטער, מיט שפּענדלעך, מיט צוגעטריקנטן פערדן-קויט. ער לאָזט זיי נישט ניט קוקן, ניט דורכרעדן זיך, ניט עטעמען, און עס דאכט זיך זיי, אז לויפן לויפן זיי אזוי שוין ווער ווייסט וויפל צײַט. דעמלט דערזעען זיי מיטאמאָל, ווי פון אקעגנדיקער פינצטערניש בלאָסן זיך ארויס די ווײַס-געקאלכטע ווענט פון דער ערשטער לאנגער שטאל. קיינמאָל האָבן זיי נאָך אזוי שטארק ניט געפילט די פרייד פון דעם, וואָס זיי האָבן אויסגעבויט אָט די שטאל, ווי זיי פילן זי איצט.

אז אלע טויערן זײַנען בא דער שטאל פארהאקט פון אינווייניק — דאָס באמערקן זיי נאָך פונוויײַטנס. דורך די שפּאלטן, וואָס אין לינקן גרויסן טויער, שלאָגן זיך דורך דינע שײַן-פעדעמלעך. סארא זעלטן געטרײַע און היימיש-ליבע שײַן-פעדעמלעך דאָ, אינמיטן דער פינצטערער אומענדלעכער און באנאכטיק-צעשטורעמטער פוסטער טײַגע. זיי זאָגן אָן נאָך פונוויײַטנס, אָט די שײַן-פעדעמלעך:

„באַרויִקט זיך... מע האָט דאָ אָן אײַך שוין אלץ אָפּגעטאָן... ניטאָ שוין וואָס צו לויפן”...

ווירקלעך, מע האָט שוין דאָרט באוויזן אלץ אָפּצוטאָן. די בוידעם-טירלעך זײַנען פארמאכט, די לעכער — פארשטעקט, די טויערן — פארריגלט פון אינווייניק. ס'איז די שטאל, ווו דער באלעבאָס איז דעם קאָלווירט-פאָרזיצערס פאָטער, איסער זלאטקין, יענער זעלבער איסער זלאטקין מיט דער ציגײַנעריש-שווארצער באָרד, וועלכער איז ביז ניט לאנג געווען א סטרוזש אינעם וואלד-ארטעל לעבן אָבלוטשיע און וועלכן נאָטל האָט איצט ארויסגערופן צו זיך. דאָס האָט ער, דער פאָטער זלאטקין, אָנגעצונדן דאָ באנײַס אלע הענגענדיקע ווּאנט-לאמטערנס, קעדיי מע זאָל ארויסזען אלע זעכציק בעהיימעס, וואָס שטייען דאָ אין צוויי רייען מיט די פונהינטנס צום דורכגאנג.

— וואָרעם מע קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, — זאָגט ער, — וואָס דאָ האָט זיך אָפגעטאָן מיט די בעהיימעס, ווי נאָר אין דרויסן האָט זיך אָנגעהויבן אָט די כאַסענע מיט אָט דעם אומקומעניש. די בעהיימעס האָבן קימאַט אַלע שוין געהאַט זיך אוועקגעלייגט אַף באַנאַכט, און מיטאַמאָל — אַ מין רעווען, אַ מין אופשפּרינגען, אַ מין רײַסן זיך פון די שטריק — ערגער, ווי זיי וואָלטן אָנגעשמעקט בלוט... אָט די־אָ האָט זיך שיר ניט געהאַט דערוואָרגן!

אין איין האַנט האַלט ער אַ קליינעם לאַמטערן, און מיט דער צווייטער הערט ער ניט אוף צו גלעטן דעם האַלדז און דעם שטערן באַ אַ העל־סיווער קו. די בעהיימע — אַ יונגע, אָן הערנער — קוקט אַף אים מיט אירע גרויסע שוואַרצע און פײַכטלעכע אויגן און פאָכט הין און צוריק מיט די גרויסע אויערן — זייער רירעוודיקע און צאַרטע אויערן, ווי באַ אַ יונגן קאַלב.

— זי איז עס דאָ באַ זיי די כאַזנטע, — דערציילט דער אַלטער זלאַטקין און טרײַבט אַראָפּ אַ פליג פון אירן אָן אויער, — זי האָט עס די ערשטע גענומען רעווען און שפּרינגען, און זיי אַלע — נאָך איר.

פון דרויסן הערט זיך, ווי דער ווינט פרוווט אַלעמאָל באַנײַס זיך אָנלייגן אַפן דאַך, אַף די פון אינווייניק פאַריגלטע טויערן, טאַפּט אַרום די ווענט, זוכט שפּאַרונעס און לעכער אַף אַרײַנצורײַסן זיך אינווייניק. איינציקע בעהיימעס דאָ און דאָרט אין די לאַנגע צוויי רייען הערן זיך נאָך אַלץ אײַן, קוקן זיך אַלעמאָל אום צו דער קנאַפּער שײַן, וואָס פאַלט אַף זיי פון די באַנײַס־אָנגעצונדענע וואַנט־לאַמטערנס. און עס איז צו זען, אַז זיי באַרויִקט דאָס, וואָס איצט, בייס אָט דעם באַנאַכטיקן שטורעם, דרייען זיך אַרום זיי מענטשן. און פון דעם אַלעם ווערט דאָ אויך די דרײַ מענטשן פון רעגע צו רעגע מער געמיטלעך אין דער לאַנגער שטאַל, און עס ווילט זיך זיי וואָס לענגער דאָ פאַרבלײַבן, פילן די וואַרעמקײַט, דעם רייעך פון קיִען־צויס און פון מילך, וואָס פילט אָן די לופט, און איינעם מיט די בעהיימעס זיך אײַנהערן אין יעדן סקריפּ, אין יעדן פאַרשטאַרקטן בלאָז פונעם ווינט, וואָס דערגייט פון דרויסן, און איינעם מיט זיי זיך דאָ פילן געשיצט.

אוואַדע פאַלט דאָ קיינעם פון די דרײַ מענטשן גאָר ניט אײַן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם אַלטן כעזשבן, וואָס פירט זיך צווישן דעם מענטשן און דער נאַטור, — וויפל קאַמפּן און ליבעס צווישן זיי איז פון אייביק אָן פאָרגעקומען און האָבן דעם מענטשן געמאַכט אַזוי טײַער דאָס אָרט, וווּ ער לעבט.

זיי שטייען דאָ — דרײַ מענטשן פון שטעטל צי פון שטאָט, זיי הערן זיך אײַן, ווי עס פילדערן און רוישן די בייזע קרעפטן פון דער נאַטור, צו וועלכער זיי שטייט פאָר זיך צוצובינדן: זיי אַליין האָבן אויסגעבויט אָט די שטאַל, אין וועלכער זיי פילן זיך געשיצט פונעם אומקומעניש אין דרויסן, און דער צושטאַנד איז איצט דעריבער באַ זיי אַזאַ, ווי באַ קינדער, ווען זיי מעסטן אַף זיך אָן די ערשטע פאָר שטיוול, וואָס זיי אַליין האָבן זיך געקויפט פאַר די ערשטע אייגענע פאַרדינסטן.

נאָר עפּשער פילט זיך דאָ אין אַזאַ צושטאַנד בלויז דער קאָלווירט־פּאָרזיצער און בלויז דערפאַר, וואָס דאָ דערבײַ געפינט זיך דער פאָטער זײַנער, לעבן וועמען ער פילט זיך געשיצט פון קינדווײַז אָן און נאָך אויך איצט, כאָטש ער, נאָטל, איז שוין אַלט באַ די נײַן און צוואַנציק יאָר? דער דערעכערעך פון זון צום פאָטער און פאָטער צום זון באַשטייט צווישן זיי די לעצטע צײַט אין דעם, וואָס בייס זיי זאָגן עפּעס איינער דעם צווייטן, קוקן זיי ניט דערבײַ איינער דעם אַנדערן אין פּאָנעם. אַזוי פירן זיי זיך אויך איצט דאָ אין שטאַל, לעבן די בעהיימעס.

— דיך האָט פאַרנאַכט דאָ געזוכט דער־אָ... ווי רופט מען אים. נו, מיט איין וואָרט: דער פּראָפעסאָר, — זאָגט, ניט קוקנדיק צום זון, דער אַלטער זלאַטקין, — ער וויל, דו זאָלסט אים געבן פערד... ערגעץ וווּהין אין אַ ראַטווירט קלײַבט ער זיך.

— איצט־אָ? — פרעגט איבער דער קאָלווירט־פּאָרזיצער און קוקט דערבײַ ניט צום פאָטער, נאָר צום פאָרטאָרג קליאַמקיסן, — אין אַזאַ אומקומעניש?

און דער שמועס וועגן דעם איז אויך דאָס מאָל צווישן אים מיטן פאָרטאָרג אַ גאַנץ קורצער.

— איך וועל ניט גיין, — זאָגט ער, — אײַנשטעלן באַ אַזאַ אינדרויסן קיין צוויי פערד. זיי קאָנען פאַלן אין וועג, ווי מיינסטו?

— אײַ, — טוט אַ מאַך דער פאָרטאָרג, — ער מעג צווואַרטן, ביז עס וועט זיך אײַנשטעלן דער ערשטער שניי. קום, נאָטל.

איצט לאָזן זיי זיך אוועק אין יישעוו א קוק טאָן, צי לייַכט זיך נאָך בא זייערע מיידלעך אין די פענצטער. אויך דאָרט, לעבן די מיידלעך, קען מען אין אזא־אָ שטורעמדיקן אפדערנאכט זיך פּילן געשיצט.

4

טיף־פארטעמפּט און פארכושעמט, ווי נאָך א שטארקער פאַרציע שלאָף־געטראנק, האָט אינמיטן דער נאכט זיך אופגעכאפּט דער פּראָפעסאָר. אים האָט זיך געדאכט, אז ער געפינט זיך אין א שיף־קאבינע און וויגט זיך אף זייַן בעטל איינעם מיט דער גאנצער שיף, איינעם מיטן גאנצן יאם און מיט דער גאנצער וועלט. דערנאָך האָט דער צעשפּילטער שטורעם אין דרויסן געטומען צו אים דערגיין אף אזא אויפן, ווי גלייַך מע קלאַפּט צו אים שוין א גוזמע ציַט סיַ אין פענצטער, סיַ אין טיר — מע צעטראָגט שיר ניט די שטוב, און טאקע דאָס וווּנדערט אים: צו וואָס קאָן מען אים דאָ אזוי שטארק דארפן?

אָפּגעגאנגען צוביסלעך פונעם שטארקן שלאָף און אָפּגעלעגן פארוווּנדערטערהייט א פּאָר רעגעס אין דער פינצטער אפן שמאָל בעטל, האָט דער פּראָפעסאָר מיט פארגעניגן זיך דערמאָנט, אז דורך דעם אלטן זלאטקינען, דעם קאָלווירט־פּאָרזיצערס פּאָטער, האָט ער נעכטן געבעטן, מע זאָל אים געבן פערד אף אוועקצופאָרן אין ראַטווירט. ער האָט בא אָט דעם געדאנק זיך דערפילט אינגאנצן וואך, און אים האָט באהערשט א צופרידענער געפיל סיַ פון דעם, וואָס ער וועט גאָר אינגיכן זען כאוועלע וואַרטמאַן, סיַ פון דעם, וואָס מאָרגן אינדערפרי פאָרט ער אוועק פון אָט דעם קליינעם פארוואָרפענעם יישעוו, פון אָט דעם צעווילדעוועטן שטורעם דאָ באם ברעג פון דער טונגוסקע, פון אָט דעם צימער, וואָס מיטן מאָלער אבראשעס בילדער אף די ווענט, און פון אָט דעם צימער, וואָס מיטן מאָלער אבראשעס בילדער אף די ווענט, און פון אָט דעם שמאָל בעטל, אף וועלכן ער קוועטשט זיך אָפּ די זייַטן. ער איז דאָ אָפּגעווען מער ווי צוויי וואכן — גענוג!

אים דאכט זיך שוין אפילע, אז ער האָט דאָ א קאפּעלע דערעסן, און אז די מענטשן טראכטן וועגן אים: „צי וועט ער אמאָל עפּעס יאָ אָפּטאָן פארן יישעוו, צי ניין — דערווייַל גיי האָב צו טאָן, טראָג אים אלצדינג אונטער, האָב אים מיט אלץ אין זינען"...

ווי אלע נעכט, האָט אויך איצט דאָ דערבייַ געפּוסטעוועט אף דער פּאָדלאָגע דעם מאָלער זלאטקינס געלעגער — דאכט זיך, ניט מער ווי א מאטראץ — א טויטע זאך — און דאָך האָט ער קעסיידער אין זלאטקינס נאָמען באַרויגעזלעך געגעבן אָנצוהערן דעם פּראָפעסאָר:

„איר זייַט מיר ניט צום הארצן, און איך וויל ניט שלאָפן מיט אייַך אין איין צימער — ס'א פאקט!"

און כאָטש אָנגענעם דערפון איז דעם פּראָפעסאָר ניט געווען, האָט ער דאָך זיך געפילט אין לעבן צו וואָגיק, ער זאָל צו אזעלכע קלייניקייַטן זיך אראָפּלאָזן מיטן געדאנק מער ווי אף איין רעגע.

איז אָבער די מייַסע, וואָס, ווי דער פּראָפעסאָר האָט די לעצטע טעג אָנגעהויבן באמערקן, האנדלט זיך עס שוין ניט בלויז וועגן דעם מאָלער, גענוג, אז מע זאָל אים דאָ אין שטוב דערזען ארייַנקומען, ווי מע האקט גלייַך איבער דעם שמועס, וואָס מע פירט צווישן זיך. וויניק, וואָס באם פּראָפעסאָר באקומט זיך דער אייַנדרוק, אז טאקע וועגן אים האָט מען גערעדט, — ער באמערקט נאָך דערצו, ווי דער באלעבאָסטעס קלענער מיידל — זי האָט בוילעטע אָפּשפּעטנדיקע אויגן — בלאָנדזשעט מיט איר שמייכלענדיקן בליק איבער אלע ארומיקע פּענעמער, דעמלט ווען דאָס עלטערע מיידל — זי האָט פונקט אזעלכע פארגרינטע ווייַסלעכער, ווי די מוטער, — באוויַזט איר מיט א פארביסענער ליפּ, זי זאָל שווייַגן. עס פעלט נאָך בלויז, אז די באלעבאָסטע זאָל דערבייַ אף אלע אָנשרייַען:

— שאַ!.. מע וועט ניט אופהערן?

און אָט ליגט דער אופגעוואכטער פּראָפעסאָר אינמיטן דער נאכט אפן שמאָל בעטל אינעם מאָלערס פינצטערן צימער. ער איז ביכלאָל, זייַט ער געדענקט זיך, א שטארקער פּעפער און ווייסט ניט, פארוואָס קאָן ער עפּעס דאָס מאָל צוריק ניט אנשלאָפן ווערן — דערפאר, וואָס נעכטן האָט ער זיך געלייגט צו פרי, צי ווייַל דער שטורעם־ווינט אין דרויסן הערט ניט אוף צו פייַפן, דרייען און אָנפאלן מיט אלץ שטארקערע כוואליעס אף דער

סקריפּענדיקער שטוב. און ווי יעדערער, וועמען עס שלאָפט זיך ניט באַנאַכט, דרייען זיך אים גדאַנקען אין קאָפּ. ער וואָלט וועלן פינקטלעך זיך דערמאָנען, פון ווען אָן האָט מען אין ייִשעוו געביטן די באַציִונגען צו אים — געווען, דאַכט זיך, פון אָנהייב זייער א בעקאָוועדיקע באַציִונג...

און פּלוצעם שווימט בא אים אויף אין זיכּאָרן איינער א פאַרנאַכט פון צוריק מיט עטלעכע טעג, ווען ער האָט אָפּגערופן אף א סאָד די באַלעבאָסטע און האָט זיך בא איר נאָכגעפרעגט, צי ווייסט זי ניט דאָ אין קאַלווירט וועגן עמעצן, וואָס וואָלט וועלן פאַרקויפן א וועלכע-ניט-איז טײַער שטיקל צירונג.

— וואָס מיינט איר מיט דעם? — האָט צוערשט גאָר אינגאַנצן ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די באַלעבאָסטע.

— נו, — האָט ער געזאָגט גאַנץ רויִק, — א פינגערל מיט א בריליאַנט, א בראָש, באַשיט מיט דימענטן, צי עפּשער פּערל.

דער באַלעבאָסטעס אויגן, וואָס באַשטייען קימאַט פון לויטער פאַרגרינטע ווײַסלעכער, האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן און פּאַמעלעך זיך פאַרגלאָצט צום שטערן, ווי אף אָפּצוהאַלטן אַן איינע מיט זיך אַליין, מיט וועמען האָט זי דאָ צו טאָן.

— גייט שוין, גייט, — האָט זי נאָך א ווײַלע שווײַגן א מאַך געטאָן אַזוי באַליידיקט, ווי זי וואָלט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס קומט איר גאָר אַזאַ פּאַטש אין פּאָנעם.

און זי האָט אים גלײַך איבערגעלאָזט אַליין אין צימער.

דער פּראָפעסאָר האָט פון אָנהייב ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר, זיך ענדלעך געכאַפּט, אין וואָס מע איז אים כוישעד, און זיך דערפילט אינעם צושטאַנד פון א מענטשן, וואָס מיט איין פוס איז ער אַרײַן אין א בלאָטע, דעמלט ווען דער צווייטער פוס איז בא אים געבליבן אופגעהויבן אין דער לופט. איז ער אַרויסגעקומען צו דער באַלעבאָסטע אין קיך און האָט דאָרט פאַר איר אויסגעלייגט די גאַנצע מײַסע, ווי דער עמעס איז: ער פאָרט פונדאַנען אין דעם און דעם ראַטווירט, ווו עס געפינט זיך זײַנע א נאָענטע באַקאַנטע נאָך פון די יונגע יאָרן, און אים וואָלט זיך פּאַשעט וועלן ברענגען איר עפּעס א פײַנע מאַטאָנע, נו און ביז אַהער איז אים די גאַנצע זאַך עפּעס גאָר אַרויס פונעם קאָפּ:

— דאָס אינגאַנצן...

און אַקאָרשט דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז וועגן כאַוועלע וואָרטמאַן, ווי וועגן זײַנער א באַקאַנטער, האָט ער שוין א פּאָר מאָל גערעדט מיט דער באַלעבאָסטע, און ווי נאָר ער האָט זיך וועגן דעם דערמאָנט, אַזוי באַלד האָט ער דערפילט, אַז אין דער בלאָטע שטעקט ער שוין מיט ביידע פיס. עס באַקומט זיך, אַז זײַנע באַציִונגען מיט כאַוועלע וואָרטמאַן זײַנען פון יענע, וואָס פּאָדערן, ער זאָל זי ניט אַנדערש ווי באַשענקען מיט בריליאַנטענע פינגערלעך און מיט שנירלעך פּערל, דעמלט ווען ער איז, ווי דער עמעס איז, גאָר אפילע ניט זיכער, צי האָט זי פאַר דער גאַנצער צײַט כאָטש איין מאָל וועגן אים א טראַכט געטאָן. הײַנט פאַרוואָס קומט איר, ער זאָל איר פאַרשווארצן דאָס פּאָנעם דאָ אין ייִשעוו, ווו וועגן איר, דעם בײַאַלאַג אינעם ראַטווירט, האָט מען פיל געהערט?

ערשט איצט, ליגנדיק אינמיטן דער נאַכט אין פינצטערן צימער און אָנשטרענגענדיק דעם זיכּאָרן, כאַפּט זיך דער פּראָפעסאָר, אַז פון יענעם פאַרנאַכט אָן האָט דאָ אין קאַלווירט זיך גענומען בײַטן די באַציִונג צו אים. די באַלעבאָסטע, אַפּאָנעם, האָט זיך דעמלט דערפילט אַזוי באַליידיקט, אַז זי האָט נישט געקענט ניט דערציילן וועגן דעם אירע מיידלעך, און די מיידלעך... ערשטנס, גיי גיב זיי צו פאַרשטיין, אַז דאָרט, אין אַמעריקע, אין טשיקאַגאָ, פונוואַנען ער, דער פּראָפעסאָר, קומט אַהער, איז עס א גאַנץ געוויינלעכע זאַך — סימפּאַטיע אָדער ליבע צו א פרוי ווײַזט מען אַרויס מיט לאָזן זיך קאָסטן געלט. און צווייטנס, זיי זײַנען דאָ שוין צוגעווינט צו קלערן, אַז יעדערער, צוליב וואָס פאַר א צוועק ער זאָל אין דער שטיל ניט אופקויפן בריליאַנטענע פינגערלעך, איז ער א מיִעסער ספּעקוליאַנט, און שוין... זיי זײַנען דאָ טאַקע, אַפּאָנעם, פאָרט עפּעס גאַנץ נײַע מענטשן.

אויב דער פּראָפעסאָר קאָן נאָך אַלץ לאַנג-לאַנג ניט אַנשלאָפן ווערן, נעמט זיך עס שוין, דעריקער, פון אויסגעפינען, אַז עס איז זייער ניט גוט, וואָס אין ייִשעוו וועט בלײַבן אַזאַ-אַ באַציִונג צו אים: עס איז זייער און זייער ניט גוט — ער פאָרט דאָך שוין מאָרגן אינדערפרי אַוועק...

דאָך, אַוועקצופאָרן פונדאַנען איז אים אף מאָרגן אינדערפרי ניט געווען באַשערט. עס איז, צוריקגערעדט, עפּעס גאָר ווי קיין אינדערפרי ניט געווען.

אפן נידעריקן ברעג פון דער טונגוסקע האָט געפּײַפט, געבלאָזן און געדרייט נאָך שטארקער ווי באנאכט. און די שווערע און בארויגעזע פארכמארעטקײַט נאָך אזויפיל קלאָרע העל-זוניקע טעג — האָט זיך געבלאָסט, ווי א העמשעך פון דער נאכט.

בא שאריִען אף טאָג האָט דער פּראָפעסאָר דערהערט בא זיך אין צימער, ווי צו דער באלעבאָסטע אין קיך איז געקומען צו לויפן דער מאָלער אבראשע זלאטקין און ווי די שטוב איז מיטאמאָל געוואָרן פול מיט באהאלטענער אומרויִקײַט. הויך און בייזלעך האָט דער מאָלער, כאפנדיק אף זיך הענדעם-פענדעם זײַנס א ווארעם בעגעדל, א זאָג געטאָן אין קיך עפּעס אזוינס, וואָס האָט גלײַך א הייב געגעבן ביידע מיידלעך פון די בעטן.

דער מאָלער איז געשווינד אוועק, און דעמלט האָט מען גענומען זייער אָפּט קלאפּן מיט דער דרויסן-טיר, זיך פון דאָרט איבערשרײַען מיט שכיינים, און באם פּראָפעסאָר, צו וועמען אָט דאָס קלאפּן און די געשרייען זײַנען דערגאנגען איניינעם מיט דער פּײַפערײַ פונעם שטארקן ווינט, האָט זיך באקומען אזא אײַנדרוק, ווי גלײַך עס האָבן זיך צעעפנט די טויערן פון אלע פארהוילענע ווינט-אויצרעס און עס יאָגט פון זיי אפן יִשעוו ניט בלויז מיט קעלט, נאָר אויך מיט אומגליק.

פונעם גאנצן יִשעוו איז מען געלאָפן צום ברעג פון דער טונגוסקע, און ווען דער פּראָפעסאָר איז אהין צוגעקומען, האָט ער זיך דערוווסט, אז דאָס האָט מען גרויסע יעסורים פאר שימלען מיט זײַן בריגאדע — זיי האָבן זיך נאָך אלץ ניט אומגעקערט מיט זייער שיפל פון דאָרט, ווו זיי האָבן געראטעוועט דאָס אָנגעשניטענע היי פון נאָך דער פארפלייצונג. דאָס קוקן אלע אראָפּ אין וואסער. מע האָט בא טאָג-ווערן ארויסגעשיקט זיי צוהילף דאָס מאָטאָר-שיפל.

ווי מאָדנע-גרויסע ארומקריכנדיקע עגדעשן, האָבן אף דער טונגוסקע זיך געפּלעקט איינציקע ברודיקע שטיקער אײַז. זיי זײַנען אָנגעשוווּמען אהער פון יענער זײַט, ווו עס געפינט זיך כאבאראָווסק — בייזע, אומראכמאָנעסדיקע שטיקער אײַז.

די יעסורים פונעם יִשעוו האָבן אָנגעהויבן דערגיין צום פּראָפעסאָר, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אז פאראיאָרן, פּונקט אין אזא-אָ טאָג, ווען אף דער טונגוסקע האָט זיך געלאָזט דאָס אײַז, איז דאָ בא שלעפּן קלעצער פונעם טײַך דערטרונקען געוואָרן איינער א יאט מיטן נאָמען אײַזיק, אויך א בריגאדיר, — ער איז געווען א פּארטיזאן-יִנגל בייס דעם בירגערקריג — און די יונגע יִשעוו-אײַנוווינער האָבן נאָך אדהײַעם ניט פארגעסן, וויִאזוי זיי זײַנען אלע ביז איינעם טאקע דאָ באם ברעג פון דער טונגוסקע געשטאנען ארום זײַן דערטרונקענעם קערפּער, געשטאנען שווײַגנדיק און ניט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס דארפן זיי ווײַטער טאָן. זיי איז דעמלט פאָרגעשטאנען אויסצוגראָבן לעבן זייער נײַעם יִשעוו דעם ערשטן קייווער — מאמעש דעם סאמע ערשטן, ווי דאָס האָט אמאָל געטאָן אָדאָם-האָרישן, און זיי האָבן זיך גאָר ניט געקענט אויסמאָלן, וויִאזוי וועלן זיי נעמען און אָפּטאָן אזא מין זאך און נאָך מיט אזא-אָ כאווער. אדהײַעם איז זיי שווער צו קוקן אף אָט דעם עלנטן קייווער לעבן זייער יִשעוו, און פילן פילן זיי, אז אָט דאָס בערגעלע ערד קומט פון זיי ארויס עפּעס פיל מער, ווי א גאנצן בעסוילעם קומט ארויס פון אן אלט-אײַנגעזעסענעם יִשעוו — איבערלאָזן דאָ דעם קייווער און אליין אוועקפאָרן פונדאנען וואָלט געווען פון זייער זײַט זייער ניט פײַן... גראָד אף הײַנט — בא זיי איז הײַנט א רו-טאָג — איז אין יִשעוו געווען באשטימט א יאָרצײַט-פארזאמלונג צום אָנדענק דעם מיטגליד פון דער געוועזענער יוגנט-קאָמונע, דעם בריגאדיר אײַזיקן, וואָס איז יִנגלווײַז בייסן בירגערקריג געווען א פּארטיזאן און איז אומגעקומען בא שלעפּן קלעצער. און דאָ אינמיטנדערינען — אָט האָסטו דיר...

נאָר אָט איז ארום איינס אזייגער באטאָג, ווי א צעפּלאָכעט פערד, ארײַן אין יִשעוו די פריילעכע בסורע:

— זיי זײַנען דאָ!..

— א מאזיק! א מאזיק!

— ווער? — האָט זיך דערפרעגט דער פּראָפעסאָר.

— דער מאָלער אבראשע זלאטקין, — האָט מען אים געענטפערט, — ער האָט זיי געבראכט צו שלעפּן מיטן מאָטאָר-שיפל — אפן בוקסיר.

די באלעבאָסטע הינדל, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער קאָלווירט-פארוואלטונג — זי איז, ווי אלע, געלאָפן אהין א קוק טאָן אף שימלען און אף זײַן בריגאדע — האָט דערציילט דעם פּראָפעסאָר, וויִאזוי אין קאָלווירט גיט מען אָפּ איינער דעם אנדערן מאזלטאָוו — מע קושט זיך...

— אייסעך וואָס, — האָט זי געזאָגט, — אקעגן אָט דער סימכע איז פּורים גאָר קיין יאָמטעוו ניט געווען.

און אויסגעקומען איז, ווי צוליב אָט דער סימכע איז זי שוין אפילע גרייט צו פאַרגעסן, אַז ער האָט זי באַליידיקט מיט נאָכפרעגן זיך בא איר אף בריליאַנטענע פינגערלעך.

אין דרויסן האָט אין פריילעך כאַפּעניש געשאָטן דער ערשטער שניי — א שניי, וואָס אין די אַרטיקע מעקוימעס הערט ער ניט אויף צו פאַלן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד און בלײַבט שוין אזוי ליגן אפן גאַנצן ווינטער — ער האָט געקומען באַגראָבן טיף אונטער זיך אלע בלאָטיקע ערטער; ער האָט באַווײַזט די שטרעקעס, ווי אף אָפּצומעקן עפּעס אַלטס און ברודיקס און עפּענען א נײַעם כעזשבן דאָ אין געגנט פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען און אויך פאַר אָט דעם נײַעם לעבן דאָ אפן ברעג פון דער טונגוסקע — א יונג און קליין לעבן, וואָס האָט שוין דאָך זײַן אייגענעם קייווער און זײַנע אייגענע מאַזלטאָווס.

ניט אײַנגעלאַדן דורך קיינעם צו דער פאַרזאַמלונג, איז דער פּראָפעסאָר פּונדעסטוועגן גלײַך מיט אַלע געקומען אין גרויסן נאָך אַלץ ניט-דערפאַרבטן זאַל, וואָס אין שכייגעס מיט דער קאָלווירט-פאַרוואַלטונג. געקומען איז ער אַהין, דעם עמעס געזאָגט, מיטן געדאַנק, אַז עפשער וועט אים אויסקומען אויסצולייגן זײַן פּלאַן פאַר די פאַרזאַמלטע, נאָר אף אים האָט זיך דאָרט קיינער ניט אומגעקוקט.

אין ווײַטן עק פונעם אָנגעפּאַקטן זאַל זײַנען בא א קליין טישל געזעסן דער קאָלווירט-פּאָרזיצער נאָטל זלאַטקין און דער פּאַרטאָרג קליאַמקיס, און פון אַלץ, וואָס זיי און אנדערע האָבן דאָרט גערעדט און פירגעגעבן, פון די באַשלוסן, צו וועלכע מע איז דאָרט גיך געקומען, — באַשלוסן, ווי אויסגעאַרבעט דורך דער פּראַקטיק, וואָס אָט די יוגנט האָט איבערגענומען בא עלטערס פון זיך, — פון די ווערטער „ווער איז קעגן?“, „קיינער ניט“, „איינשטימיק“, — פון דעם אַלעם איז צום פּראָפעסאָר דערגאַנגען, אַז אָט די מענטשן האָבן דאָ זייער אייגענעם פּלאַן און זייער אייגענעם גאַנג אין לעבן — פּראָסטע מענטשן.

דער פּראָפעסאָר האָט געדענקט, ווי זײַן בען-איר אין מאָסקווע — יענער, וואָס האָט אים דערציילט וועגן כאַוועלע וואָרטמאַן, — האָט גערעדט מיקויעך דעם, וואָס „פון אַזאַ מעגלעכקײַט, ווי ביראָבידזשאַן, ווייסט ניט די יידישע געשיכטע, און אַז אויב ייִדן וועלן עס דורכלאָזן, וועלן טאַקע נאָר זיי אַליין זײַן שולדיק“. נאָר אָט זײַנען אָט די פּראָסטע מענטשן פון יענע, וואָס האָבן די מעגלעכקײַט ניט דורכגעלאָזט. צום אָנדענק דעם מיטגליד פון זייער געוועזענער יוגנט-קאָמונע, דעם בריגאַדיר אײַזיקן, וואָס איז פאַראַיאָרן דאָ אומגעקומען, שאַפן זיי אף זײַן נאָמען נײַע בריגאַדעס און נעמען אף זיך נײַע היסכײַוועסן, און דעריקער איז, וואָס אין רעזולטאַט פון דעם אַלעם וועלן, מאַשמאָעס, אָט די באָכערימלעך און מיידלעך טאַקע טאָן עפּעס אַפּדערעמעסן — זייער ליבע און סימפּאַטיע ווײַזן זיי אַרויס דורך אַזאַ קאָשערער זאַך, ווי „לאָזן זיך קאָסטן אַרבעט“ און ניט דורך „לאָזן זיך קאָסטן געלט“.

פון דעם אַלעם איז דער פּראָפעסאָר געווען אַזוי גערירט, אַז אים האָט שוין מאַמעש פאַרדראָסן אף זיך אַליין. אַלעמײַ האָט אים דאָ, צווישן די מענטשן, גאָר געקענט אַרויף אפן זינען זיך נאָכצופרעגן אף בריליאַנטענע פינגערלעך. און ווי וועלנדיק דערויף טשוווע טאָן, איז ער באַלד, ווי מע האָט געשלאָסן די פאַרזאַמלונג, צוגעגאַנגען צום קאָלווירט-פּאָרזיצער און, גויווער געווען אין זיך זײַן צוריקגעהאַלטנקײַט, גאַנץ וואַרעם צו אים א זאָג געטאָן וועגן דער פאַרזאַמלונג און וועגן די אָנגענומענע באַשלוסן:

— פײַן... זייער און זייער פײַן...

נאָר גראָד דאָס האָט דער קאָלווירט-פּאָרזיצער עפּעס ווי גאָר אינגאַנצן ניט אײַנגעהערט.

— יאָ, — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַרן פּראָפעסאָר, — מיקויעך פערד אף אוועקצופאָרן וועט איר מוזן צוּוואַרטן עטלעכע טעג, ביז עס וועט זיך אײַנשטעלן א שליטוועגס.

און דאָ גלײַך האָט ער זיך אויסגעמישט מיט די יונגע באָכערימלעך אין געשטעפּטע לײַבלעך און אין שטיוול, וואָס האָבן זיך געשטופּט אַרום שימלען מיט זײַן בריגאַדע און האָבן מיט זייערע פלייצעס פאַרשטעלט די גראַטעוועטע יאַטן פונעם פּראָפעסאָרס בליק. צווישן די מיידלעך, וואָס זײַנען געווען ענג אויסגעזעצט אף די שאַלאָוואַניעס פון די פענצטער — די קעפּ פאַרבונדן אין שאַלכלעך — האָט דער פּראָפעסאָר באַמערקט דער באַלעבאָסטעס צוויי מיידלעך. און וועדליק די קלענערע האָט אף אים א בלאָנדזשע געטאָן מיטן בליק פון אירע בוילעטע אָפּשפּעטנדיקע אויגן, איז זי געדענקט נאָך אַלץ די מײַסע מיט זײַן נאָכפרעגן זיך אף בריליאַנטענע פינגערלעך. נאָר אף צו דערפילן זיך דערפון געטראָפן איז אים דאָס מאָל לאַכלוטן קיין צײַט ניט געבליבן. אַרום דער גראַטע-

וועטער בריגאַדע האָבן גענומען זיך פֿאַנאַנדערוקן די יונגע באַכערימלעך, און אינעם פּראָפֿעסאָרס אויגן האָט גלײַך א זעץ געגעבן עפּעס פּיל שטאַרקערס, ווי שײַן, און אין דער זעלבער רעגע האָט ער דערפֿילט א באַקאַנטן טיאַך אין האַרצן — א טיאַך, וואָס איז בא אים שטענדיק געבונדן מיט דערמאָנען זיך אין כאַוועלע וואָרטמאַנס יוגנט-שײנקײַט.

צוערשט האָט ער דערזען, ווי אף א שלאַנק יונג באָכערל ליגט אויסגעגאָסן א דורכויס פֿאַרמאַכטער גראָוולעך-ברוינער סוויטער מיט א נידעריק-אַראָפּגעלייגט צווייענדיק קעלנערל אַרום דעם יונגן שײנעם האַלדז. דערנאָך האָט דאָס יונגע באָכערל זיך א דריי געטאָן צו די מײדלעך, וואָס זיצן ענג אויסגעזעצט אף דער שאַלאָוואַניע פֿון נאָענטן פֿענצטער, שמייכלען און רופֿן אים צו זיך:

— שימל!

און פֿול און פֿול מיט יונגער דרעמלענדיקער שײנקײַט איז געוואָרן, ווי דעם פּראָפֿעסאָר האָט זיך געדאַכט, ניט נאָר דער גאַנצער זאַל מיטן אַרומיקן דרויסן און מיטן שניי, וואָס הערט ניט אויף דאָרט צו שיטן, — דאָס גאַנצע לעבן האָט גענומען כאַפּן דעם אָנבליק פֿון שימלס אײדעלן מאַט-טונקעלן פּאָנעם, וואָס מיט די לאַנגע שטאַרק-אַרונטערגעבויגענע ווי־עס אַרום די שוואַרצע ליכטנדיקע אויגן און מיט דער קינדערש-מאָנענדיקער ליבלעכקײַט אַרום די יונגע נאָז-לעפּלעך. דער גאַנצער יִישעוו האָט אינעם פּראָפֿעסאָרס אויגן מיטאַמאָל באַקומען א נײַעם כיין — דעם כיין פֿון דער יונגער כאַוועלע וואָרטמאַן, אף וועלכער דאָס אונטערוואַקסנדיקע יִינגל איז אַזוי ענלעך, כאָטש ער קער זיך מיט איר גאָרנישט ניט אָן. און שוין אַליין אָט דאָס שטאַרקע דערמאָנען זיך אין איר איז געווען גענוג, אַז באַם אַוועקגיין פֿון דער פֿאַרזאַמלונג זאָל דער פּראָפֿעסאָר זיך דערפֿילן פּיל יִינגער, ווי ער איז, און אַז סײַ זײַן אַראָפּקומען אַהער, סײַ זײַן כײשעק דורכצופֿירן דאָ זײַן פֿאַרטראַכטן פּלאַן זאָלן אים אויסזען ניט בלויז באַזיניקט, נאָר מאַמעש ווי עפּעס אַזוינס, צו וואָס אים האָט געפֿירט און געמוזט דערפֿירן זײַן גאַנץ לעבן, — עס האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט זײַן.

ווי גלײַך ער האָט אַלע זײַנע יאָרן געשטײַגט באַרג-אַרויף און דאַרף אָט-אָט דערגרייכן צום סאַמע הויכן פּונקט, — אַזאַ געפֿיל האָט דער פּראָפֿעסאָר געהאַט אין יענעם פּראָסטיקן גאַנצפֿרי, ווען, אָנגעפּעלצט און אַרומגעוויקלט מיט אַלע זײַנע שאַרפֿן און שאַרפֿעלעך, האָט ער ענדלעך זיך אַרײַנגעזעצט אין שליטן אף אַוועקצופֿאָרן אינעם ראַט-ווירט, ווו עס געפֿינט זיך כאַוועלע וואָרטמאַן.

זײַן פֿויעריש-קרעפּטיקער קערפּער איז אים אויך דאָס מאָל בײַגעשטאַנען, ווי א פֿעסטונג אף צו האַלטן אין זיך פֿאַרשלאָסן אַלע זײַנע לאַנג-אויסגעטראָגענע איבערלעבונגען. מער ניט, וואָס אף זײַן פּראָסט גראָבלעך פּאָנעם, וואָס מיט די ראָז-פֿאַרביקע בעקלעך און מיטן צוגעגלעטן פּינקטלעך-אַרומגעשוירענעם בערדל, האָט דעם גאַנצן וועג אַרומגעשוועבט א שמייכלדיקע מינע פֿון כידעשן זיך — א מינע, וואָס האָט געמיינט צו זאָגן:

„הערט נאָר!.. הערט נאָר, וואָס אין לעבן קאָן זיך פֿאַרלויפֿן מיט מענטשן“...

געלעבט האָט אין א קלײנער שטאָט אף דער אַמאָליקער רוסיש-פּרײַסישער גרענעץ א פֿולבלעכער ייִד, וואָס האָט שטענדיק אויסגעזען א קאַפּעלע געשוואָלן, גערופֿן האָט מען אים איבער עפּעס מיט צוויי נעמען: „יאָסל דער פּראָפֿעסאָר“ און „יאָסל דער פֿרײלעכער“, כאָטש געווען איז ער א פּאָשעטער שערער און א ווילדער מאָרעשכוירעניק — ניט אַזאַ גרויסער קאַפּצן, ווי א מעסוקענער זיפֿצער און קרעכצער. אַוועקגעזעצט א מענטשן אַקעגן שפּיגל אף אַרומצושערן אים, לאָזט ער רײשיס-קאָל אַרויס פֿון זיך א פּײַנעם זיפֿץ:

— אָך-אָך-אָך-אָך!..

אים אַרומגענומען מיטן לײַלעך, טוט ער נאָך א שווערערן זיפֿץ:

— פּוף-פּוף-פּוף-פּוף!..

א קוק געגעבן אפֿן ווײַב, וואָס קערט זיך אום פֿונעם מאַרק קימאַט מיט א ליידיק קאָשעקל, נעמט ער אָן זײער פֿאַמעלעך א פֿולע ברוסט מיט לופֿט און לאָזט אָקאָרשט אַרויס דעם עמעסן קרעכץ:

— אוי, ווײ איז מיר, ווײ...

און אַרום און אַרום איז די קלײנע גרענעץ-שטאָט דאַפֿקע זײער א לעבעדיקע, א פֿרײלעכע. און עפּשער ווײַזט זיך אַזוי אויס נאָר דעם שערערס אונטערוואַקסנדיקן ייִנגל, ווײַל אינדערהיים קלינגען אים קעסיידער אין די אויערן דעם פֿאָטערס זיפֿצן און קרעכצן. פֿרײלעכער ווי אַלע שטיבער קוקט צו אים פֿון דער אַקעגנדיקער שורע הײַזער דעם אַדוואָקאַט וואָרטמאַנס מויערל. ווי פֿלעגט וועגן דעם זאָגן זײַן מאַמע:

— גאָט!.. באַהיט דעם קאַפּצן, ער זאָל כאָטש ניט וויינען אין שכיינעס מיט קיין גוויר!

און לעבעדיקער ווי אַלע אין אָט דעם מויערל איז פאַרן שערערס ייִנגל די גימנאַזיסטקע כאַוועלע — אַ מיידל אַ יעסוימע, וועלכע דער אַדוואָקאַט האָט אַריַינגענומען צו זיך אין שטוב, ווײַל זי קער אים אָן אַ ווײַטע קרויווע. זי טוט אַף אים אַ קוק מיט אירע אויגן, ווערט באַ אים גלײַך פאַרשטאַרבן דאָס האַרץ פונעם גרויסן שוואַרץ-אָנגעטאָנענעם יאַמטעוו, וואָס ער דערזעט אין זיי. ער נעמט באַ איר ביכלעך אַף צו לייענען און שעמט זיך דערבײַ זייער — ער איז דאָך ניט אַף איין יאָר עלטער פון איר. נאָר נאָכדעם גייט ער מיטן ביכל צו זיך אַהיים מיט אַזאַ געפיל, ווי דאָס טראָגט ער אַן אוצער — דאָס גאַנצע רומל, וואָס הייסט „גליק" און וואָס פאַרשיקערט אים אַזוי שטאַרק, אַז ער איז דערווײַל נאָך גאָר ניט אימשטאַנד זיך נעמען דאָס איבערצוציילן. פונעם ביכל, דאַכט זיך אים אויס, שמעקט מיט אַ רייעך פון רויזן, און אַלץ דערפאַר, וואָס צו דעם האָבן זיך צוגערירט אירע פינגער. און שפּעטער, די גאַנצע צײַט, וואָס ער לייענט דאָס ביכל, האַלט ער קעסיידער אין איין אַרײַנאָטעמען אין זיך און אין איין פילן דעם-אָ רויזן-רייעך, און אַלץ דערפאַר, וואָס די זעלבע שורעס האָט געלייענט אויך זי. און איינמאָל כאַפּט אים אָן צו אַ גרויסע פרייד צי עפּשער גאָר צו אַ גרויסער ווייטעק דערפון, וואָס אַף אָט די זעלבע שורעס האָבן אירע אויגן געקוקט מיט זייער שוואַרץ-אָנגעטאָנענעם יאַמטעוו, און ער פאַלט צו מיטן פּאָנעם צום ביכל און וויינט זיך מאַמעש פאַנאַנדער, און בייס ער וויינט, צענעמט אים וואָס אַ מאָל אַלץ מער און מער אָט די פרייד צי אָט דער ווייטעק, ווײַל ביכלאַל... ער קען עס שוין מער ניט אַריבערטראָגן...

אין דעמלט — שוין אַ באָכערעצל — נעמט ער און שרײַבט איר אָן אַ צעטעלע וועגן דעם רויזן-רייעך, וועגן דעם שוואַרץ-אָנגעטאָנענעם יאַמטעוו, וואָס אין אירע אויגן, און וועגן אָט דעם וויינען זײַנעם און וועגן דעם, וואָס ביכלאַל... ער קען עס שוין מער ניט אַריבערטראָגן. און נאָך דעם, ווי נאָר ער שיקט איר אונטער אָט דאָס צעטעלע, דערפילט ער אַזאַ גרויסע כאַראָטע און אַזאַ גרויסן ביזאָיען, אַלעמײַ ער האָט עס געטאָן, אַז ער נעמט און אַנטלויפט פון דער היים — מער וועט ער זיך שוין קיינמאָל אַהין ניט אומקערן — אַזוי באַשליסט ער. און טאַקע אַזוי טוט ער. אין פאַרלויף פון איין זומער און צוויי ווינטערס איז ער אַ לערערל אין אַ דאָרף, ער קנעלט דאָרט מיט קינדער. נאָר מיט אים, בייס ער קנעלט דאָרט מיט די קינדער, הערט ניט אויף צו קנעלן דער ביזאָיען פאַרן שוואַרץ-אָנגעטאָנענעם יאַמטעוו, וואָס אין אירע אויגן. אים רופט צו זיך סאָפּקאָלסאָף אַרויס דער פאָטער, וואָס האָט שוין באַוויזן זיך איבערפּעקלען קיין אַמעריקע. נאָר אַז ער פאָרט צו אים אַריבער, פאָרט אַהין אַריבער אויך דער ביזאָיען און טרײַבט אים אַלץ און יאָגט אים. גאַנצע טעג וואַשט ער געשיר אין אַ רעסטאָראַן, און גאַנצע נעכט זיצט ער איבער ביכלעך. אַ יאָר אַזוי און פינף און צען. ער איז שוין אַן אַגראָנאָם, צו אים דערגייט, אַז כאַוועלע האָט שוין כאַסענע געהאַט, זי האָט שוין גאָר אַפילע אַ קינד, נאָר אין אים לעבט נאָך אַלץ דער שוואַרץ-אָנגעטאָנענער יאַמטעוו, וואָס אין אירע אויגן, און דער ביזאָיען שטויסט אים אַלץ, אַז ער — אַ מענטש, וועמען דאָס לערנען גיט זיך אײַן פון שטענדיק אָן גאַנץ שווערלעך, — זאָל זיך דראַפּען העכער און העכער. און זי... זי האָט, פאַרשטייט זיך, וועגן דעם אַלעם ניט געקענט וויסן. זי איז אַ נאַטור-וויסנשאַפטלערן, אַ ביאָלאָג — אַזוי האָט דעם פּראָפעסאָר געזאָגט זײַן בען-איר... נאָר אָט וועט ער איצט ענדלעך זיך באַווײַזן פאַר איר אַ גאַנץ מוטיקער אָן שום שפּורן פין יענעם ביזאָיען. אַדעראַבע — זאָל זי זען די פולע פון איינעם אַ צעטעלע וועגן דעם שוואַרץ-אָנגעטאָנענעם יאַמטעוו, וואָס אין אירע אויגן, — ער איז אַ פּראָפעסאָר און האָט אַ קאָנקרעטן פּלאַן אויפצוטאָן עפּעס וויכטיקס דאָ אין דער ייִדישער געגנט.

דאָס זאָל הייסן:

ער האָט יעדנפאַלס זיך אויסגעגלײַכט מיט איר, און וואָס עס וועט זײַן ווײַטער — דאָס וועט באַווײַזן די צײַט.

5

דער גאָלדענער נעפּל אַף די צוויי שורעס געקייטלטע בערג, וואָס אין ביידע זײַטן האַרכאָוועדיקן ווײַס-באַשנייטן טאָל, האָט צו אָוונט-צו ווינטערדיק-גיך אויסגעלאָשן זײַן רויטלעכן יאַמטעוו.

גרויע שניי-רויכלעך, געקנוילט ווי וואָלקנס, האָבן פון דאָרט גענומען יאָגן באַרג-אַראָפּ, אַרומטאַנצן זאַווערוכעדיק-בייז און זיך טראָגן אַלץ נעענטער און נעענטער צום לויפנ-

דיקן שליטן — א שליטן מיט א שוואכלעך פערד פונעם קאָלווירט, וואָס לעבן דער טונגוסקע, און מיט א יונג באָכערל אַן אַנטרײַבער, וואָס האָט שוין אָט דעם דריטן טאָג געפירט דעם פראָפעסאָר אַף באשנייטע וועגן און אומוועגן, אים געשלעפט און געשלעפט און אים נאָך אַלץ אין ערגעץ ניט דערשלעפט.

דעם באַכערל וואָלט געווען ניכע צו טאָן א מער נוצלעכע ארבעט, ווי ארומפירן דעם פראָפעסאָר — דאָס האָט די גאנצע צײַט זיך געפילט אין זײַן אַנגעבלאָזענעם אויסזען, אין זײַן שווײַגן און אין זײַן אָפטן אונטערלויפן צופוס, קעדיי גרינגער צו מאכן דאָס אויסגעמאטערטע פערד. איצט האָט ער דאָס פערד שוין גאָר אינגאנצן אָפגעשטעלט. אראָפגעקראָכן פונעם שליטן, האָט ער א זוך געגעבן די פארשווונדענע טעלעפאָן-סלופעס, וואָס האָבן די גאנצע צײַט זיך געצויגן דאָ רעכטס, און איז געקומען צו א גאנץ טרויעריקן אויספיר:

— מיר זײַנען אראָפ פונעם וועג.

— מיר בלאָנדזשען? — האָט ווי ניט געגלייבט דער פראָפעסאָר, און באלד דערויף האָט ער זיך דערפילט אזוי מאָדנע, ווי גלײַך לעבט ער שוין ניט מער אין דער ווירקלעכקײַט, נאָר אין א פארצײַטיק מײַסעלע. — וואָס זשע וועט זײַן?

— וואָס זאָל זײַן? — האָט, ארײַנקריכנדיק צוריק אין שליטן, בייזלעך געזאָגט דאָס באָכערל, — וויאָ! די סלופעס דארפן זײַן ערגעץ דאָ רעכטס, מירן פאָרן ווײַטער.

צום אָרט, וווּ כאוועלע וואָרטמאַן האָט געווינט, איז געווען דרײַ מאָל אזוי ווײַט, ווי דער פראָפעסאָר האָט, מעסטנדיק אַף דער מאפע, אויסגערעכנט, און דער דאָזיקער פאקט האָט ווי געהאלטן אין איין אײַנקנעלן מיט אים:

— געדענקסט, צו כאוועלע וואָרטמאַן איז דיר טאָמיד, ווי אין א מײַסעלע, געווען ווײַטער, ווי דו האָסט געמיינט.

דאָס פרעסטל — איינס פון יענע פרעסטלעך, וואָס באטאָג אונטער דער אָרטיקער ווארעמער זון לאָזן זיי זיך קוים-קוים פילן, — האָט צו נאכט-צו גענומען ווערן אַלץ בײַסיקער און בריִענדיקער. דער פראָפעסאָר האָט ניט געדענקט, ער זאָל אַף זײַן לעבנס-טאָג זיך האָבן אזוי אָנגעפרוירן, ווי דאָס מאָל. אים האָט, דעם עמעס געזאָגט, זיך שוין געוואָלט אָנקומען ווּהין-ניט-איז, אבי ניט פילן, ווי די ביטערע קעלט נעמט אים אַלץ מער דורך און פארקריכט אים מיט שטעכיקע שפילקעס אונטער די נעגל פון די הענט און פון די פיס. טאקע דערפאר, אפאָנעם, האָבן אים אויסגעזען אזוי פאנטאסטיש און יענוועלטיק-נײַ די סילועטן פון די פיל גרעסערע און קלענערע ראטווירט-געבײַדעס מיט זייערע פרי-אָנגעצונדענע עלעקטרישע פײַערלעך, ווען דאָס באָכערל האָט אַף זיי א ווײַז געטאָן מיט דער בײַטש בארג-ארויף אין דער אקעגנדיקער ווײַט:

— אָט איז עס!

איז אָט גאָר ווּהין כאוועלע וואָרטמאַן האָט זיך פארקליבן לעבן און ארבעטן דאָ אינמיטן דער פוסטער טײַגע אין א ראטווירט, וואָס איז אין קנאפע פיר יאָר זיך צעוואקסן אין א גאנץ פארצווײַגטער פרווו-סטאנציע. ארומגערינגלט מיט עטלעכע קליינע פיליִאַלן-פערמעס און באשטאט מיט א גרויסן סעלעקציע-פאוויליאָן, מיט לאבאָראטאָריעס פאר גענעטישע עקספערימענטן און מיט א שטאט געלערנטע און וויסנשאפטלעכע מיטארבעטער, האָבן דאָרט איצט שוין געלעבט און געארבעט ארום הונדערט מיט פופציק מישפאָכעס. זיי האָבן געהאט לעבן זיך א שול פאר זייערע קינדער, א קלוב אַף צונויפקומען זיך, א פאָר קראָמען אַף צו קריגן אין זיי דאָס נייטיקסטע, און דאָס אַלץ — אַף אַן ארומגעצוימטן פלאץ א קילאָמעטער אין דער טיף, באהיט מיט א סטרוזש, וואָס קוקט ארויס פונעם וועכטער-שטיבל באם ארײַנפאָר-טויער, פירט צו נאכט-צו א כעזשבן, ווועמען לאָזט ער ארײַן און וועמען לאָזט ער ארויס און פרעגט זיך נאָך אויך באם אָנגעקומענעם פראָפעסאָר:

— צו וועמען דארפט איר דען?

דער ווינט און די זאווערוכעדיק-טאנצנדיקע שניי-רויכלעך האָבן מאמעש ווי ארײַנגעבלאָזן דעם פארקלייסטערטן פראָפעסאָר אין טויער ארײַן, נאָך איידער ער האָט באוויזן צו ענטפערן. לינקס אקעגן דעם וועכטער-שטיבל האָבן אין גיכן דרייעניש שטארק געטראסקעט און געטומלט די ווײַס-געפארבטע בלעכענע פליגל פון דער קליינער מעטעאָראָלאָגישער סטאנציע, ווי זיי וואָלטן אופגעכאפט און שוין גאָר ניט אופגעהערט איבערצוכאזערן דעם סטרוזשס ווערטער:

— צו וועמען דארפט איר?.. צו וועמען דארפט איר?..

— צו וועמען?..

פון באשיידנקײַט האָט דער פראָפעסאָר זיך ניט געקענט באשליסן אָנצורופן דאָ גלײַך כאוועלע וואָרטמאַנס נאָמען.

— צום אגראָנאָם, — האָט ער געזאָגט, — צום דירעקטאָר.

— ניטאָ אינדערהיים.

— ניטאָ?..

— אוועקגעפאָרן אָט נאָרוואָס אף דער פערמע.

— און די מוטער זײַנע?

— וועלכע מוטער? די שוועסטער זײַנע מיינט איר. יעווע מאָסייעוונע? נאָך געוויס אין סעלעקציע-פאווילאָן. זי ארבעט שטענדיק ביז שפעט אין אָוונט.

דער פראָפעסאָר איז געבליבן שטיין צעטומלט: זאָל עס הייסן, אז דער בען-איר זײַנער האָט אין מאָסקווע געזאָגט ניט ריכטיק, זי ווינט גאָר דאָ אינאיינעם מיט א ברודער. נו יאָ... ווי ווײַט ער, דער פראָפעסאָר, קאָן אויסרעכענען, דארף זי אלט זײַן א יאָר פערציק — איין און פערציק, הײַנט פונוואנען קאָן שוין בא איר זײַן אזא דערוואקסענער זון און נאָך א דירעקטאָר?

— גייט דערווײַל ארײַן אָט אהין, אין קאָנטאָר, — האָט אים נאָכגעשריגן דער סטרוזש.

די קאָנטאָר-געבײַדע, אף וועלכער דער סטרוזש האָט אָנגעוויזן, איז איצט, טכילעס אָוונט, געווען עלעקטריש באלויכטן סײַ אינווייניק, סײַ פון דרויסן. איר פאָדערשטע וואנט איז געווען דורכויס באפוצט מיט רויטע לײַוונטן און מיט פאָנען. אלץ האָט דאָרט לעבעדיק צוגעקנאקט, זיך געווינטלט און זיך געקנייטשט מיט אלע אופשריפטן, וואָס דערמאָנען, אז מאָרגן אין אָוונט פאלט אויס דער אָקטיאבער-יאָמטעוו. רויטע טראנספאראנטן און פאָנען האָבן אראָפגעקוקט אפן פראָפעסאָר פון אלע נאָענטע און ווײַטע געבײַדעס און מיט זייער פלאטערן און ווינטלען זיך ווי געשריגן צו דער טײַגע מיט די קוילעס פון אלע אײַנוווינער אף דער פרווו-סטאנציע:

— באצאָל אונדז פארן אָפגעבידעוועטן לעבן פון אונדזערע עלטערן און פון אונדזערע עלטערנס עלטערן, באצאָל פאר דער מי, וואָס זיי האָבן געפאטערט פאר יענעם און ניט פאר זיך אליין, באצאָל אונדז פאר אלע דוירעס און פאר אלע צײַטן!..

. . . .

פארגליווערט פון קעלט, פארווייט און פארבלאָזן מיט שניי, ווי א סנאָפ אין פוסטן זא-ווערוכעדיקן פעלד, איז אין יענעם זעלבן אָוונט אָנגעקומען אף דער פרווו-סטאנציע דער מיטגליד פון ראַיאָנעם פארטיי-קאָמיטעט און רעדאקטאָר פון דער בירָאָבידזשאנער צײַטונג רווון זעלמאנאָוויטש.

אראָפגעקומען איז ער אף צו האלטן דאָ מאָרגן אין אָוונט דעם פאָרטראָג אף דער אָק-טיאבערשער פײַערלעכער זיצונג און אף דורכצוארבעטן דאָ מיטן אקטיוו אייניקע פארטיי-באשלוסן אין שײַכעס מיטן לויפנדיקן פינפיאָר-פלאן — גאנץ וויכטיקע באשלוסן, וואָס האָבן שוין פון פריער געלאָזט וועגן זיך הערן. אינאיינעם מיט אָט דעם גאסט אף יאָמטעוו האָט אין טויער פון דער פרווו-סטאנציע ווי ארײַנגעיאָגט די בסורע:

זאלמענקע איז דאָ!

„זאלמענקע" — דאָס איז ניט מער ווי זײַן פסעוודאָנים אין דער צײַטונג. נאָר רופן רופט מען אים אזוי דורכויס אין ראַיאָן און אפילע אין כאבאראָווסקער קאנטקאָם. יענע, וואָס קענען אים ניט אין פאָנעם, מיינען דעריבער, אז פון דער נאטור איז ער זייער א קליינינקער, איינער פון יענע שוואכינקע שרײַבערלעך, וואָס אליין זשיפען זיי קוים, נאָר אין דער צײַ-טונג, אז זיי קריטיקירן עמעצן, טוען זיי דאָס זייער בײַסיק און מיט אימפעט פון א לעמ-פערט. און נאָכדעם, אז מע באגעגנט זיך מיט אים, גלייבט מען ניט, אז דאָס איז ער „זאל-מענקע". מע דערזעט פאר זיך א הויכ-געוואקסענעם, קרעפטיקן און בליִענדיקן מאנצבל, א העל-האָריקן, מיט כיין פון א מענטשן א באָטועך אינעם לענגלעכן ריין-געגאָלטן פאָנעם און מיט א קלוגן אויסדויער אין די היפשע גרינבלעכע, ברייט-צעשטעלטע מאנדל-אויגן. ער איז בניי-ביי איינער פון יענע, וואָס אז מע זעצט זיך מיט זיי שפילן אין א שאָך, באקומט מען א מאט. אין פלוג איז ער ביז גאָר אן ערנסטער און ווייניק בארעדעוודיקער, נאָר ווען עס מאכט זיך, ער ווערט וויצלדיק, דערגייט עס צו אזא מאדרייגע, אז בא אלע ארום אים טרערן שוין די אויגן פון געלעכטער, און ער אליין טוט נאָך אלץ ניט קיין מינדסטן שמייכל און זעט נאָר אויס דערבײַ עפעס גאליק. עס טרעפט, ער צעזינגט זיך מיט פאָלקס-ניגונים, קומט ער ארײַן אין יענעם מין היסלײַוועס, וואָס צווינגט אלע ארומיקע צו באקומען מאָדנע שמייכלדיקע פענעמער, זיך א קאפעלע שעמען און אין דער זעלבער צײַט האנאָע האָבן פון אָט דער היסלײַוועס זײַנער. ער איז, ווי אלע ווייסן, פארעכנט אין ראַיאָן פאר זייער אן איבערגעגעבענעם פלײַסיקן און פינקטלעכן טוער. ווו ערגעץ א שווער אָרט, ווארפט מען אים אהין אריבער. נאָר בא אָט די אלע מײַלעס זײַנע טרעפט, פונדעסטוועגן, אז אין ראַיקאָם

אױף א זיצונג נעמט מען אים אין דער ארבעט, אז עס פֿליִען אזש פֿונקען, און דעמלט קומט ער ארױס פֿון נאָך דער זיצונג מיט זײער פֿאמעלֿעכע טריט און שמײכלֿט פֿארקלֿערטערהײט מיט אזא אױסזען, װי ער, דער קריטיקירטער, װאָלֿט דאָך כאפֿן היספּײַלֿעס: „אײַ, האָט מען גוט ארײַנגעזאָגט!"

קוים אראָפּגעקלֿעטערט פֿון דער געבידעװעטער לֿאסטמאשין, אױף װעלֿכער בלֿױז א מאזיק א שאָפֿער האָט בא אזא בלֿאָזעניש און דרײעניש געקענט זיך אונטערנעמען אים ברענגען אהער, קוים זיך ארײַנגעפּלֿאָנטערט אין דער יאָמטעװודיק-באלֿױכטענער און װאַרעם-אױסגעהײצטער קאָנטאָר, איז ער דאָרט, װי ער שטײט און גײט, געבלֿיבן זיצן אױפֿן נאָענטן טאבורעט, קעדײ אָפּצוגײן א ביסלֿ פֿון דער ביטערער קעלֿט און רײשיס-קאָלֿ זיך דערװיסן, װי האלט ער מיט זײַן אײגן ביסלֿ באלֿעבאטישקײַט, װאָס באשטײט פֿון הענט, פֿיס, נאָז, אױגן, אױערן.

אזױ איז ער אָפּגעזעסן א מינוט צװײ און מער. און אין אזא צושטאנד האָט אים דאָרט געטראָפֿן די אופֿראמערן, װען זי איז ארײַנגעקומען מיט אן אײַזערן קאָטשערקעלֿע אין די הענט, קעדײ איבערצושארן אין דער פֿײַערדיק-אָנגעהײצטער הרובע.

דערקענט דאָ באלֿד דעם געקומענעם און א טראכט געגעבן װעגן דעם פֿרײלֿעכן טומלֿ, װאָס דאָ װערט טאָמיד, װען אָט דער גאסט קומט אהער אראָפּ, האָט דאָס יונגע װײַבלֿ — א קלֿײנינקע, געפּאקטע און רױטבאקיקע לֿיטװיטשקע — געטאָן אײנצײַטיק א שמאָרע ארוף מיטן כאכאָמעדיקן נעזלֿ און א שמײכלֿ אראָפּ צו זיך אין בוזעם ארײַן. ניט אָנהײבנדיק צו באנעמען, אין װאָס באשטײט דאָס גוטע געפֿילֿ, װאָס אָט דער מענטש רופֿט שטענדיק בא איר ארױס, האָט זי אָנגעהױבן אפּגיך איבערבינדן דאָס שאלֿעכלֿ אױף איר קאָפּ, נאָר ניט באװיזן צו פֿארקניפּן װי געהעריק די עקן און זיך א לֿאָז געגעבן צו דער ארײַנגאנג-טיר.

פֿון די דרױסן-טרעפּלֿעך האָט זיך געהערט, װי עמעצער עפֿנט די טיר אין קאָרידאָרלֿ ארײַן און פֿארהאלט זיך דאָרט אינמיטן רײדן מיט א צװײטן, װאָס בלֿײַבט אין גאס. דאָס װײַבלֿ איז בײז אװעק א קוק געבן, װער לֿאָזט עס אָן אהער די קעלֿט, נאָר באלֿד האָט זי אן אָפּגעלֿאָשענע זיך אומגעקערט צוריק.

— דער אלֿטער לֿױפֿט שױן זיך קושן מיט אײַך... פֿערוױ מעכוטן! — האָט זי מיט א נײַעם פֿילֿ-באטײַטנדיקן שמאָר ארוף געזאָגט צום גאסט, און אָקאָרשט איצט האָט זי גענומען איבערשארן אין הרובע.

„דער אלֿטער" האָט מען אױף דער פּרװו-סטאנציע גערופֿן דעם טיף-באיאָרטן פּראָפֿעסאָר לֿעװ איזראַיִלֿעװיטש בעניומאָװיטשן, װעלֿכער פֿירט דאָ אָן מיט אלֿע װיסנשאפֿטלֿעכע ארבעטן באם צונױפֿשטעלֿן די באָדן-קארטע פֿון דער געגנט.

געראָטן א ביסלֿ אין מענדעלֿע מױכער-ספֿאָרים, נאָר קלֿענער אין װוּקס, א גרײַז-גראָװער מיט א פֿארױטלֿט-זשװאװו פּענעמלֿ, איז אין א נײַ שװארץ פּוטערלֿ און אין א הױך קאָטיקאָװע מיצלֿ א יאָלֿעם ארײַנגעקומען אין קאָנטאָר דער אלֿטער און איז געבלֿיבן שטײן קלֿױמערשט שטרענג, מײַסע זײדע:

— איז זאָג זשע נאָר דו, טאכשיט מײַנער, — האָט ער זיך צעשריגן, קוקנדיק מיט אָנקװעלֿנדיקע אױגן אױף זאלֿמענקען, — װי קען עס גאָר א מענטשן אײַנפֿאלֿן זיך לֿאָזן אין אזא װעג אױף אן אָפּענעם גרוזאָװיק און אין אזעלֿכע-אָ בגאָדים?.. זע! — האָט דער אלֿטער מיט צונױפֿגעקנײטשטע אָנקװעלֿנדיקע אױגן באטראכט זאלֿמענקעס הױלֿעך, — און װ-װו-װאָס איז דאָס בא דיר פֿאר א רױטער גארטלֿ אױף די לֿענדן? װוּ האָסטו גאָר געפּאקט דעם גארטלֿ?

— א? — האָט טױבלֿעך און כריפּענדיק זיך אָפּגערופֿן דער גאסט.

קוים ארױסדערביװעט א האנט פֿון אן אלֿטער הענטשקע און פֿאמעלֿעך אראָפּגענומען די צעגײענדיקע שטיקלֿעך אײַז פֿריִער פֿון אײן אױגן-לֿעפֿל, דערנאָך פֿונעם צװײטן, האָט ער אָקאָרשט איצט א קוק געגעבן אױפֿן ארײַנגעקומענעם און איז גלֿײַך ארײַנגעפֿאלֿן אינעם אלֿטיטשקנס טאָן:

— אָט לֿאָמיך נאָר קומען א קאפּעלֿע צו-זיך, לֿעװ איזראַיִלֿעװיטש, װעלֿ איך אײַך פֿארענטפֿערן בײדע קאשעס.

די דערהערטע װערטער האָבן אָפּגעקלֿונגען בא דער אופֿראמערן אין די אױערן אזױ באקאנט און הײמיש, װי גלֿײַך זי — דאָס געגעטע װײַבלֿ פֿון הינטער מינסק, װאָס לֿערנט זיך דאָ אױף טראקטאָר-קורסן, — װאָלֿט זײ דערהערט פֿון אײגענע טאטע-מאמע, און דאָס האָט מעכאניש זי דערנעענטערט צו זאלֿמענקען און צום אלֿטן פּראָפֿעסאָר, װי צו מענטשן פֿון איר אײגענער מישפּאָכע. שטײענדיק לֿעבן דער אָפֿענער הרובע אױף די קני, האָט זי אױסגעדרײט דעם קאָפּ און זיך פֿארקוקט אױף די שמועסנדיקע.

— אַרויסגעפּאָרן, — האָט זאַלמענקע אויסגעלייגט פאַרן אַלטן, — בין איך, מאָלט אײַך אויס, פּאָרעטש מיטן שאָפער אין דער קאַבינע. איך בין דאָך ניט אַזאַ אָפּגעריסענער נאַר, איך זאָל זיך לאָזן אָף אומקומען. ווי נאָר אָבער איך האָב זיך אַהין אַרײַנגעזעצט, אַזוי באַלד האָט זיך פון ערגעץ געיאַוועט אײַער היגן זאָאָטעכניקערס ווײַבל. וואָס איז?

זי דאַרף אויך אָף דער פּרווו-סטאַנציע, אָף יאָמטעוו אַהיים, הייסט עס. „גוט, זאָג איך צו איר, איז קריכט, זײַט מויכל, אָפן גרוזאָוויק, נאָר מאַכט עס גיכער, וואָרן עס ווערט שפּעט". ניין, מאַכט זי צו מיר, אויב איר וועט מיך לאָזן זיצן אָף דער אָפענער מאַשין, וועט אײַך זײַן דעם גאַנצן וועג נעלאָוקע.

— אָ-אַ! מע קען זי דאָ: די עמעסע נאַכאַלקע, — האָט, אַראָפּקלאַפּנדיק די קוילן פון די צעפּלאַקערטע האָלעווישקעס, זיך אַרײַנגעמישט די אופּראַמערן.

— ט'האָב איך אַן איידעס, — האָט אָף דער אופּראַמערן אָנגעוויזן זאַלמענקע. ווײַזט זיך אָבער אַרויס: העיויס די זאָאָטעכניטשקע איז אָפּגעלעגן צוויי וואָכן אין ראַיאָנעם שפּיטאָל און העיויס דער דאָקטער האָט איר געזאָגט, אַז זי איז שוין אינגאַנצן געזונט: „האָלעווײַ אָף מײַן ווײַב געזאָגט געוואָרן" — אַזוי האָט איר וואָרט אין וואָרט געזאָגט דער דאָקטער און אַזוי ווײַטער און ווײַטער.

— ט'עלעך אויסגיין, — האָט, בלײַבנדיק לעבן דער הרובע אָף די קני, זיך אַ וואַרג געגעבן פון געלעכטער די אופּראַמערן.

— איך קוק זיך צו, — האָט קאַלטלעך ראַפּאָרטירט זאַלמענקע, — אַ ביסל אַ כרופּקע און דערצו נאָך ערשט-אָ פונעם שפּיטאָל, איז וואָס האָב איך געקענט טאָן?

— רעכט, — האָט קלוימערשט, ווי אַ שטרענגער גענעראַל, צומאַכנדיק די אויגן און אויסגלײַכנדיק די ברוסט, אופּגענומען דעם ראַפּאָרט דער אַלטער, — האָסט מיר פאַרענטפערט די ערשטע קאַשע.

— דעם גאַרטל מיינט איר? דאָס האָב איך אים שוין אין וועג בא לעס-ברייִרע גע-באָרגט באַם שאָפער. די קעלט האָט מיר אַזוי דערלאַנגט, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, ווי אונדזערע באַלעגאָלעס פלעגן אין די גרויסע פרעסט זיך אָוועקלאָזן פון דער היים אין גרינגע פעלצלעך, נאָר ניט אַנדערש, ווי ענג-פאַרצויגן מיט אַזאַ-אָ גאַרטל, און באַלעגאָלעס, האָב איך מיר געטראַכט, האָבן מינאַסטאַם געוווּסט, וואָס זיי טוען.

— און ווי, — האָט אָנגעקוואָלן דער אַלטער, — האָט טאַקע עפּעס געהאָלפן דער גאַרטל?

— טאַ! — זאַלמענקע האָט אָקאָרשט איצט גענומען פאַמעלעך זיך אויספעלצן, — דאָס, לעוו איזראַ'ילעוויטש, זעט איר דאָך שוין אַליין...

פּאָרקענדיק אין קליינעם שכיינישן צימערל בא דער הרובע, האָט די אופּראַמערן דער-הערט, ווי לעוו איזראַ'ילעוויטש פרעגט זיך נאָך:

— וווהין איז פאַרשוווּנדן פונדאַנען דער אַראָפּגעקומענער אַמעריקאַנער גאַסט?

— נאָר קוואַרטיראַנטן פעלן מיר דאָ, — האָט, אַוועקגייענדיק נאָך אַ נײַעם אָבערעם האָלץ, בייזלעך זיך אָפּגערופן די אופּראַמערן, — כ'האָב אים אַוועקגעפירט צום בוכהאַל-טער אַהיים.

און דאַפקע אין אָט דער בייזקײַט אירער איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געפעלן געוואָרן אי דעם אַלטן, אי זאַלמענקען. צווישן זיי האָט זיך גלײַך אָנגעהויבן אַ דינגעניש: דער אַלטער האָט געוואָלט, אַז זאַלמענקע זאָל באַלד, די רעגע, זיך איבערפּעקלען צו אים, לעוו איזראַ'ילעוויטשן, אָף דער קוואַרטיר — דאָרט וועט אים זײַן אי וואַרעם, אי ווייך צו שלאָפן, אי מע וועט כאַפּן אַ שמועס...

— וואָרן אָט, — האָט ער זיך געוואָרטלט וועגן דער בייזלעכער אופּראַמערן, — זי האָט דאָך שוין געגעבן אָן אָנצוהערעניש... זי איז דאָ בא אונדז אַ שטרענגע באַלעבאָסטע, אָט די ריווע.

— מיט איר וועל איך אויסקומען, — האָט געזאָגט זאַלמענקע, — זי איז פון מײַנע מענטשן.

דער אַלטער האָט ביכלאַל זיך אופגעפירט דאָ, ווי אַ גרויסער מאַכניס-אוירעך און שטאַרק פאַריבל געהאַט אָף יעדערן, וואָס קומט אַראָפּ אָף דער פּרווו-סטאַנציע און מײַדט אויס אים, דעם זאָקן, וואָס האָט צוריק מיט דרײַ יאָר פאַרלאָזט אין כאַרקאָוו אַן אוניווער-סיטעט-קאַטעדרע, קעדיי אָנצופירן מיט דער וויכטיקער אַרבעט, וואָס ווערט דאָ געטאָן. מיט אַזאַ איינעם האָט ער באַם באַגעגענען זיך ערגעץ-ווו אין סעלעקציע-פּאַווילִיאָן אָדער אין די לאַבאָראַטאָריעס זיך אופגעפירט זייער קאַלט און אים דערלאַנגט ניט די גאַנצע האַנט, נאָר ניט מער, ווי די שפּיצן פון אַ פּאָר פינגער. דאָס האָט געהייסן: „ווער עס שעצט מיך

ניט, דער שעצט דאָ ניט די גאַנצע אַרבעט”. נאָר ניט גרינג איז אָנגעקומען זאַלמענקען צו פֿייעלן באַם אַלטן, ער זאָל אים קיין פֿאַריבל ניט האָבן, ווײַל אָט — דער שמועס ווערט, ווי אַלעמאָל, זיך אַוועקציִען באַ זיי ביזן ווײַסן טאָג, און ער, זאַלמענקע, האָט פֿאַרן אַוועקפֿאָרן ניט געהאַט קיין צײַט זיך צוגרייטן צו זײַן פֿאָרטראָג אַף דער מאָרגעדיקער פֿײַערלעכער זיצונג, און מאָרגן שטייט אים דאָ פֿאָר דורכצופֿירן עטלעכע זיצונגען.

אַ ביסל שפּעטער, ווען ריווע איז אַהער אַרײַנגעקומען פֿאַרמאַכן די הרובע און פֿאַרשטעקן דעם קוימען, האָט זי שוין געטראָפֿן זאַלמענקען איינעם אַליין, ווי ער זיצט מיטן רוקן צו איר באַם באַלויכטענעם קאָנטאָר-טיש. באַנאַנד מיטן געעפֿנטן פּאָרטפֿעל זײַנען פֿאַר אים אויסגעלייגט אייניקע אַרויסגענומענע פּאַפּירן. ער טונקט אײַן די פּען, פֿאַרקוקט זיך אַף איר שפּיץ, פֿאַרטראַכט זיך און בלײַבט זיצן צוריקגעבויגן, אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן אָנשפּאַר פֿון בענקל.

די אופֿראַמערן איז געשטאַנען אַף די קני אַקעגן דער אָפֿענער הרובע און האָט זיך ניט געײַלט צומאַכן און פֿאַרשרויפֿן דאָס טשוהונענע טירל. זיך פֿאַרקוקט טיף אין דער הרובע אַרײַן צו די ליוכטנדיקע קוילן פֿון די אויסגעברענטע צעפֿאַלענע האָלעוועשקעס, האָט זי פֿאַרגעסן וועגן אַלץ, אַפֿילע וועגן איר אייגענעם אָטעם, און מיט אַלע כושים בלויז געפֿילט, אַז דאָ דערבײַ זיצט פֿאַרטראַכט אַ מענטש, וואָס רופֿן רופֿט מען אים זאַלמענקע — שיר ניט, ווי מע רופֿט אַ קינד, נאָר פֿילן פֿילט מען זיך לעבן אים, ווי לעבן אַן עלטערן פֿון זיך, און שטענדיק, ווען דער ראַיקאָם שיקט אים אַהער אַראָפּ, ווייסט שוין אַף פֿריִער זי, די אופֿראַמערן, אַז דאָ אין קאָנטאָר וועלן זיך אָנהייבן זיצונגען מיט אים, מע וועט זיך פֿאַר אים קלאָגן, זיך פֿאַרענטפֿערן, זיך האַלטן אייצעס, מע וועט זיך פֿילן געטראָפֿן פֿון נאָך זײַן לעצטן וואָרט אַף אָט די זיצונגען און מע וועט דאָך בלײַבן קאָנטעט מיט אים און מיט עפּעס עלטערס און וויכטיקערס פֿון אים, און מע וועט אים ווידער רופֿן „זאַלמענקע”, ווי מע רופֿט אַן אייגענעם.

די אופֿראַמערן איז איצט געשטאַנען אַף די קני אַקעגן דער אָפֿענער הרובע, אַף איר פּאָנעם איז געפֿאַלן דער אָפּשײַן פֿון די רויטלעכע קוילן, די היץ זייערע האָט איר געבריט אין די פֿאַרקלערטע אויגן.

— כאַווער זאַלמענקע, — האָט זי שטיל זיך נאָכגעפֿרעגט, — איר וועט מאָרגן ריידן באַ אונדז?

— אַ?.. יאָ, ריווע. איך וועל ריידן.

ער האָט זיך אָפּגערופֿן פֿאַרשלאָפֿן און ווי פֿון ערגעץ זייער ווײַט. ער האָט געטראַכט וועגן דער פּרווו-סטאַנציע, ווו ער געפֿינט זיך איצט, ער האָט געטראַכט וועגן פֿופֿצנטן יאָר פֿון אָקטיאַבער, וועגן וועלכן ער דאַרף דאָ מאָרגן ריידן פֿאַר מענטשן, וואָס האָבן ווער פֿונוואַנען צוריק מיט פֿיר יאָר אָנגעהויבן קומען אַהער אַף אַ פּוסט טײַגע-אָרט, ריידן פֿאַר זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן אין זייער אַרבעט זיך פֿילן באַהעפֿט מיטן גאַנצן נײַעם לעבן, צו וועלכן דער אָקטיאַבער האָט זיי געבראַכט, און מיטן לעבן, צו וועלכן ער דאַרף דערפֿירן. ער האָט געטראַכט וועגן זיך, דעם געוועזענעם לערער אין אַ יִדישער שול און געוועזענעם רויט-גוואַרדייער, רויטאַרמייער, רעדאַקטאָר פֿון אַ „פּילטיראַזשקע” אַף אַ גרויסן זאַוואָד, פּאַרטיי-באַפֿולמעכטיקטער, און נאָך דעם אַלעם — געגומען מיט זיך דאָס קראַנקע ווײַב מיט די צוויי קינדער און געקומען אַהער צו אָט דעם נײַעם און שווערן לעבן דאָ אין דער טײַגע.

— ריווע, — האָט ער פּלוצעם פֿון פֿאַרטראַכטקײַט אַרויס אַ פֿרעג געגעבן באַ דער אופֿראַמערן, — זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס אַזוינס האָט דיך געבראַכט אַהער אַזש פֿון הינטער מינסק, אַ?

— וואָס אַזוינס? — ריווע האָט אַלץ געקוקט צום פּריסעק אין דער הרובע. — איך ווייס? דער טאַטע און די מאַמע זײַנען געפֿאָרן, ער אַרבעט דאָ אין קוזניע, דער טאַטע, נאָך אַנדערע זײַנען געפֿאָרן.

— און דאָס גאָר? — האָט, ניט אומקוקנדיק זיך צו איר, געפֿרעגט זאַלמענקע, — נו, און עפּעס בויען אַ יִדישע געגנט?

— הערסט! — האָט דערופֿ שיר ניט מיט אַ זיפֿץ געענטפֿערט ריווע. — דאָס איז עס דאָך.

— אָ! — האָט ווי אופֿכאַפּנדיק זיך מיטאַמאָל פֿון פֿאַרטראַכטקײַט, געזאָגט זאַלמענקע, — אַזוי זשע רעד.

און ער האָט באַנײַס זיך אַ נעם געטאָן צו דער פּען. איצט איז אים שוין געווען אינגאַנצן קלאָר, וואָס ער האָט צו טאָן. דעם פֿאָרטראָג דאַרף ער מאָרגן אין אָוונט אויסלייגן דאָ פֿאַר די מענטשן אַף אַזאַ אויפֿן, אַז אַלע זאָלן זײַן זיכער:

— דאָס איז עס דאָך!

6

אין דרויסן איז נאָך געווען פֿינצטערלעך, ווען ער איז אױפֿן אַנדערן טאָג גאַנצפֿרי אַרויס־געגאַנגען פֿון דער קאָנטאָר.

דאָס שוואַרצלעכע און ברייטלעכע פֿוטער — ער איז מיט אָט דעם טכוירענעם פֿעלץ נאָך סאָף בירגערקריג פֿרעמירט געוואָרן ערגעץ־ווו אין אַן אַנשטאַלט — האָט אַדהײַנט ניט אויפֿגעהערט אויסצוזען אױף אים, ווי געיאַרשנט פֿון אַ צעוואַקסענעם גוויר. דער צו גרויסער קוואַדראַט־דאַשעק פֿון דער שוואַרצווועלירענער קעפּקע האָט צוגעגעבן אַ פּירקאַנטיקע פֿאָרם זײַן פֿאַרשלאָפֿענעם לענגלעכן פּאָנעם. זײַנע הענט, פֿאַרוקט אין די טאַשן פֿונעם פֿו־טער, האָבן זיך ניט געטאָן קיין מינדסטן ריר. אויסגעקומען איז, ווי טיף־פֿאַרטראַכט וואָלטן אין אָט דער רעגע געווען טאַקע נאָר זיי, די הענט זײַנע, אַן אַנדער זאַך איז ער, זאַלמענקע אַליין — דאָס סאַמע כאָשעווע, וואָס ער האָט בײַ זיך אין מויעך געהאַט, האָט ער אויסגע־נוצט אינעם פֿאַרטראָג, צו וועלכן ער האָט זיך געגרייט ביז שפּעט באַנאַכט. דער קאָפּ איז אים איצט פֿרײַ, גרייט אויפֿצונעמען און אַרומטראַכטן אַלץ, וואָס זײַנע אויגן וועלן דאָ זען.

די ווײַט־צעשפּרייטע פּרווו־סטאַנציע האָט פֿון פֿאַרטאָג אָן נאָך אַלץ געזונקען אין גרינג־פּראָסטיקן נעפּל. געדאַכט האָט זיך, אַז אַרום און אַרום ברענט און טליִעט די דורכויס־פּוסטע טײַגע, און אַז דאָס דערגרייכט פֿון דאָרט דער רויך — אַ רויך, וואָס האָט אױפֿן וועג אַהער שוין אויסגעוועפּט פֿון זיך יעדן מינדסטן טשאַד.

אין דער אַרומיקער פּראָסטיקער לופֿט האָט זיך געלאָזט פֿילן די פֿרישקײַט פֿונעם נײַ־אויסגעפֿאַלענעם שניי, און, אַרײַנאָטעמענדיק אין זיך אָט די קאַלטע פֿרישקײַט, האָט ער אַלעמאָל באַנײַס דערפֿילט, ווי געזונט עס זײַנען זײַנע לונגען. פֿון ערגעץ ווײַט האָט ער אָנגעשמעקט אַ ווילדן שאַרפֿן רייעך, ווי פֿון אַן אויסגעשטאַנענעם בוהײַ. און ווײַל די אויגן זײַנען נאָך געווען בײַ אים פֿאַרשלאָפֿן, האָבן אים אויסגעזען פֿאַרשלאָפֿן אויך די טיפֿע שפּורן, וואָס זײַנען אױפֿן פֿריש־אויסגעפֿאַלענעם שניי פֿאַרבליבן נאָך אַן איינציקן דורכגע־פֿאָרענעם שליטן און קוקן אַרויס פֿון דאָרט מיט אַזאַ טמימעס, ווי אַ שפּאָגל־נײַער וועג אין לעבן.

מיט אָט די שפּורן איז ער געגאַנגען לענגויס דער פּרווו־סטאַנציע און האָט געוואָרפֿן בליקן צו איינציקע הײַזער, ווו מע הייבט אָן זיך אויפֿכאַפּן און אײַלן צו דער ערעוו־יאָמ־טעווודיקער אַרבעט. ער האָט דאָ געקענט יעדן ביניען, יעדן אײַנגעגראָבענעם סלופּ. ווע־דליק די מי, וואָס מע האָט אין פֿאַרלויף פֿון פֿיר יאָר געפּאַטערט אױף אויפֿצובויען אָט דעם לאַנד־ווירטשאַפֿטלעכן אינסטיטוט, איז דאָ יעדעס שטיבעלע ווערט געווען אַ מאַיאָנטעק. אַרום אים איז איצט ניט געווען קיינער, צו וועמען ער וואָלט בײַ אָט דעם געדאַנק געקענט אַ שמייכל טאָן.

אַרום אים האָבן דאָ און דאָרט ערעוו־יאָמטעווודיק זיך אויפֿגעכאַפּט רויט־פֿאַרדראַפּירטע פֿאָרנטיקע ווענט פֿון אַנשטאַלטן און געזעלשאַפֿטלעכע געבײַדעס, און אַ ווײַסע רוימישע XV האָט פֿון דאָרט אַראָפּגעקוקט אַזוי מונטער און לעבעדיק, ווי גלײַך זי, דעם אָקטיאַבערס פּופּצן, וואָלט אין גרויסן שאָלעם מיט אַלץ, וואָס דאָ איז אָפּגעטאָן געוואָרן, געהאַלטן אין איין פּאַסקענען:

— געווען קעדײַ. געווען קעדײַ.

און ער — אַ מיטבויער, אַן איידעס, וויִאַזוי דאָ אין מיטן דער טײַגע איז אויפֿגעקומען אָט דאָס לעבן, — האָט ערגעץ טיף אין זיך ווי געהאַלטן אין איין מוידע זײַן:

— עמעס. עמעס.

אי ער איז נאָך אַלץ געווען אַ ביסל פֿאַרשלאָפֿן, אי ער האָט זיך געפֿילט אין אַ צו־שטאַנד פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט נאָך לאַנגע וואָגלענישן זיך אומגעקערט אױף יאָמטעוו אַהיים, אי ער האָט ערגעץ טיף אין זיך באַוווּנדערט, פֿונוואַנען נעמט זיך דאָ בײַ אים אָט דער צושטאַנד.

עס איז נאָך אַלץ געווען פֿרימאָרגנדיק־גרוי. ווי אַן אָפּשײַן פֿון הימלשן יאָמטעוודיק־צעצונדענעם ליכט־בענטשן, האָט העכער דעם נעפּל דערברענט די רויטקײַט צו מיזרעך־צו, ווו די זון דאַרף אינגיכן אויפֿגיין. די לופֿט איז פֿון מאָל צו מאָל געוואָרן מער דורכזיכטיק. ערגעץ נאָענט האָט מען אויפֿגעמאַכט אַ טיר, און איידער מע האָט נאָך באַוויזן זי צוריק צוקלאַפּן, האָבן אַ פּאָר צענדליק ווילדע טויבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון דאָרט מיט זייער גיכן פֿליגל־פּאָך און אין אַ צעשראָקן הירטל אוועקגעיאָגט, ווי אױף אָנצוזאָגן עמעצן אין דער טײַגע, אַז די מענטשן האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט. אויסטרעטנדיק פֿרישע שניי־סטעזשקעס, האָט

א גרוס דיר, ביראָבידזשאַן!

Меня всегда восхищал подвиг биробиджанского рабочего Иосифа Бумагина, закрывшего своим телом амбразуру фашистского дота. Я думаю, что могучую силу этот человек, вероятно, черпал в таежных родниках на просторах приамурской земли.

Да, Биробиджан вызвал к жизни новый тип еврея, во всем свободного от былых комплексов "черты оседлости": по-дальневосточному крепкого и домовитого, любящего трудиться на общее благо.

Еврейская автономная область может гордиться своими людьми, которые за 50 лет ее существования завоевали ей добрую славу в семье братских республик и краев. Я с радостью присоединяю свои приветствия и пожелания в адрес Биробиджана по случаю замечательного юбилея.

Д.Драгунский

дважды герой Советского Союза,
генерал-полковник танковых войск,
председатель Антисионистского комитета
советской общественности.

מיך האָט שטענדיק באַגײַסטערט דער העלדנטאַט פֿונעם ביראָבידזשאַנער אַרבעטער יוסעף בומאַגין, וועלכער האָט מיט זײַן אייגענער ברוסט פֿאַרשטעלט די אַמבראַזור פֿון אַ פֿאַשיסטישן דאָט. איך מיין, אַז זײַן מעכטיקע קראַפֿט האָט אָט דער מענטש, ווײַזט אויס, געשעפּט אין די טײַגע-קוואַלן, אויף די ראַכוועסן פֿון דער בײַאַמורער ערד.

יאָ, ביראָבידזשאַן האָט אויפֿגערופֿן צום לעבן אַ נײַעם טיפּ ייִד, וועלכער איז לאַכלוטן פֿרײַ פֿון די קאָמפּלעקסן פֿונעם אַמאָליקן טכום-האַמוישעוו: אַ ווײַטמיזרעכדיק קרעפּטיקער און אײַנגעפֿונדעוועטער, וואָס האָט ליב צו מי׳ען זיך לטובֿת דעם געמיינזאַמען וווילזײַן.

די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט קאָן שטאָלצירן מיט אירע מענטשן, וועלכע האָבן פֿאַר 50 יאָר פֿון איר עקזיסטענץ דערוואָרבן פֿאַר איר אַ גוטן שם אין דער מישפּאָכע פֿון די ברידערלעכע רעפּובליקן און קאַנטן. איך פֿאַרייניק זיך מיט פֿרייד צו די באַגריסונגען און גוטע וווּנטשן אין צוזאַמענהאַנג מיטן מערקווירדיקן יובילײ פֿון ביראָבידזשאַן.

ד אָ ו ו י ד ד ר א ג ו נ ס ק י,
צוויי מאָל העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד,
גענעראַל-פּאָלקאָווניק פֿון טאַנקען-מי-
ליטער, פֿאָרזיצער פֿונעם אַנטיציוניס-
טישן קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער
געזעלשאַפֿטלעכקײַט

* ——— * ——— *

מען דאָ און דאָרט שוין געצײַלט פֿון די הײַזער צו דער אַרבעט אין סעלעקציע-פּאַווילִיאָן, אין די לאַבאָראַטאָריעס, אין די שטאַלן, אין דער קוזניע, אין קאָנטאָר און אין די ספּעציעלע פּאַך-וואַרשטאַטן און אינגיכן גאַנג פֿרײלעך, ווי צו אַן אָנגעלייגטן גאַסט אויף יאָמטעוו, זיך געגריסט צו אים, זאַלמענקען, באַ וועמען עס האָבן איצט שוין אויסגעזען פֿאַרטראַכט ניט אַזוי די פֿאַרוקטע הענט אין די טאַשן, ווי די אויגן און דאָס פּאָנעם. אין זײַן זיקאָרן איז פֿון נעכטן אין אָוונט געבליבן פֿאַרהיט דער אויפֿראַמערן ריוועס ווערטער:

— „הערט!.. דאָס איז עס דאָך".

און ניט אַזוי אַט די ווערטער זײַנען געבליבן אין זײַן זיקאָרן, ווי דער זינען, מיט וועלכן זיי זײַנען דערגאַנגען צו אים, דעם ייִדן, באָלשעוויק און פּאַרטיי-טוער, פאַר וועמען ביראָ-בידזשאַן איז אַ טראָט פאָרויס — אײנײנעם מיטן גאַנצן סאָוועטישן לאַנד צום טיקן פון דער וועלט און ניט קיין „האשיווײנו נאַזאַד" צו דעם, וואָס אַמאָל איז געווען — ווײַל ווי אַ באָל-שעוויק שטרעבט ער ביכלאַל צום מאָרגן און ניט צום נעכטן. וועגן זיך אַליין — דעם פּאַרטיי-טוער רוווין זעלמאַנאָוויטשן, וועלכער האָט צו פיר און פערציק יאָר נאָך אַלץ פאַרהיט אין זיך דעם גאַנצן אימפּעט און אַלע זאַפטן פון אַ יונגן קרעפטיקן כאַוער, — האָט ער אָפּטמאָל געהאַט אַ פאַרשטעלונג, ווי וועגן אַן אופגעריכטן מענטשן. אַזאַ באַציִונג האָט ער צו זיך געפילט אויך מיצאַד אַלע יענע, וואָס רופן אים דאָ זאַלמענקע און ווײסן, אַז ער האָט אין די יונגע יאָרן ארײַנגעזאַפט אין זיך אַלע אַלט-ייִדישע קענטעניש, און זאָגן וועגן אים אײנער צום אַנדערן:

— אײַ, איז ער אַ קענער אין די קלײנע אויסיִעלעך!..

אין זײַן אַרבעטן דאָ צווישן ייִדן איז אים אָפּטמאָל צוניץ געקומען דאָס, וואָס קענען קען ער זיי אַזוי גרינטלעך. און אַט איז ער, זאַלמענקע, מיט זיי אײנײנעם געקומען אַהער צו די שיפּוּים פון די כינגאַנער בערג. אַף אײנעם פון די פּאַפּיר-זײַטלעך, וואָס ער האָט באַ-שריבן, גרײטנדיק זיך באַנאַכט צום פאָרטראָג, איז אָן אַ זײַט געבליבן פאַרצײכנט:

„די אופראַמערן ריווע פון הינטער מינסק לערנט זיך אַף טראַקטאָר-קורסן. זי וועט אַקערן די ערד דאָ, אין דער פאַר ייִדן אויסגעטײלטער געגנט, און מיט דעם וועט זי שוין בעמײלע טאָן דאָס, וואָס פון איר פאָדערט איר נאַציִאָנאַלער געפיל — אַ געפיל, וואָס אַז מע טראָגט אים צו לאַנג פאַרשפּאַרט אין זיך, אָפּגעריסן פון שטענדיקער שעפעריש-נוצלע-כער אַרבעט, קען ער קריגן אַ שלעכטן רײח. אַף ריוועס פאָשעטן האַרפּאַשנעם לאָשן הײסט עס:

— נו יאָ, דאָס איז עס דאָך"...

אַרומשפּאַנענדיק דאָ איצט גאַנצפרי ערעוו אָקטיאַבער-יאָמטעוו, האָט ער צוגעקוקט, ווי פונעם אַרומיקן צעגײן ווערנדיקן נעפּל שווימען אַרויס מענטשן און גריסן זיך צו אים מיט עפּעס אַ מין ווונק, ווי פון אופגעלײגטקײַט. אַף וויפל ער קען זיי, זײַנען זיי צופרידן מיט דער אַרבעט, וואָס זיי טוען דאָ. ער באַמערקט זי דאָ, אַט די באַזונדערע צופרידנקײַט, באַ פיל ביראָבידזשאַנער. און ווי זײַן טעווע איז, בײס ער נעמט אוף אַ פאַקט, האָט ער בעמאַכשאָווע דאָ באַלד ווי געגעבן עמעצן צו פאַרשטײן, עמעצן אַ צווײטן, פונוואַנען אַט דער פאַקט נעמט זיך:

— פאַרשטײסט צי נײן?.. זײער נאַציִאָנאַלער געפיל פלעכט זיך דאָ ארײַן טאָגטעגלעך אין באַפרײַטער נוצלעכער מי פאַרן גאַנצן לאַנד. זיי דאַרפן אים מער ניט אַרומטראָגן מיט זיך אַף אַ באַזונדער טעלערל. און זיי פאַרשפּאָרן צו געדענקען יעדער מינוט און יעדער רעגע, אַז זיי זײַנען ייִדן, און דאָס איז גילטיק סײַ פאַר דער אופראַמערן ריווען, וואָס ווערט דאָ אַ טראַקטאָריסטן, סײַ פאַרן אַלטן פראָפעסאָר ביניומאָוויטשן, וואָס פירט דאָ אָן מיט דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, סײַ פאַרן ביִאָלאָג יעווע מאָסײעוונע וואָרטמאַן, וואָס קריגט אַרויס אין סעלעקציע-פאַוויליאָן נײַע סאָרטן קאָרן און ווײץ פאַרן גאַנצן ווײַטן מיזרעך... אַט איז זי — אָ...

— כאַוועלע!

ער האָט זיך געפונען אין סאַמע ווײַטסטן עק פון דער פּרווו-סטאַנציע לעבן די לעצטע אײנציקע שטיבלעך, וואָס זײַנען אָפּגעטײלט מיט אַ פּלויט פון די נאָענטע הויך-באַשנײטע פּרווו-פעלדער. אַקעגן אים, פון איבערן נידעריקן געשלאָסענעם טויער, האָבן זיך באַמיט אַריבערצוקריכן אַהער אַ געפּאַקט אונטערוואַקסנדיק ייִנגל אין אַ שוואַרץ פעלצל און אַ פרוי אין אַ קורץ ציגײקן קאָפּטל און אין אויך אַזאַ ברוינעם ציגײקענעם היטל. געשטערט געוואָרן זײַנען זיי דערבײַ ניט אַזוי דורך די ליזשעס, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אָדער זיך געפוילט אַראָפּנעמען פון די פיס, ווי דורך דעם, וואָס איבערן טויער האָבן זיי געקלעטערט בײדע אַף אַ מאָל. באַ דער פרוי אינעם קורצן שוואַרצן קאָרטענעם קלײדל זײַנען די קלײנע אויערן-לעפּלעך געווען אַזוי שטאַרק רויט, אַז געדאַכט האָט זיך: אונטער די שטראַלן פון דער אופגײענדיקער זון וועלן זיי אָט-אָט זיך אָנצינדן, ווי שוועבעלעך, און וועלן אופלאַמען מיט אַ העליש פײַער.

— מולי, הער אוף! — האָט זי מוטערלעך-שטרענג זיך אָנגעבײזערט אַפן ייִנגל, וואָס קײַכט פון געלעכטער, — לאָז מיך, אָדער קריך דו פריִער.

נאָר דעם געפּאַקטן כעווערמאַן איז איצט נאָכן געשמאַקן גאַנצפריִעדיקן שפּאַציר אַף

ליזשעס דאפקע געווען ביז גאַר געפעלן די פריילעכע שפּיל מיט דער מוטער. פון אונטער דעם שווארץ-קאַרטענעם שלעם, וואָס האָט ארומגעברעמט זײַנע פולע אַנגעבלאָזענע באַקן, האָבן אַנקוועלנדיק ארויסגעקוקט זײַנע בוילעטע גלאַנציק-שווארצע אויגן, און דער הירזשענדיקער געלעכטער האָט זיך אַלעמאָל באַנײַס ארויסגעריסן פון אים, ווי מיט א שלוקערץ.

— נו, גוט, — האָט ער קלוימערשט מאסקים געווען און האָט אָפּגעטראָטן א פּאָר שפּאַן צוריק פונעם טויער.

נאָר די מוטער האָט קוים באוויזן זיך אַנוואַלגערן מיטן בויך אפן טויער, ווי ער איז מיט א שפּרונג שוין ווידער אויסגעוואקסן לעבן איר און, הירזשענדיק פון געלעכטער, שוין ווידער געפּלאָנטערט זײַנע ליזשעס מיט אירע.

— מולי!

עלטער פון איר פערצניאָריקן ייִנגל אוואדע אף א יאָר זעקס-זיבן און צוואנציק, איז זי דאָך געווען פיל רירעוודיקער פון אים. א בערייעשקייַט האָט זיך געפילט אין יעדן בייג פון איר מיטלוווקסיקן דראָטיקן קערפּער. אָט האָט זי אף די ליזשעס געגעבן א שווים אַף צום צווייטן עק פונעם טויער. ווי פון זיך איז דאָרט אירער א פוס אײַנגעם מיט דער ליזשע אריבערגעבויגן געוואָרן איבערן העכסטן טויער-דרענגל, א שלאַנקער פוס, וואָס שטעקט ארויס ביז דער שיינער קני פון אונטערן קורצן שווארצן קאָרטענעם קלײדל. דעם קאָפּ האָט זי דערבײַ א וואָרף געגעבן ארוף. און פּלוצעם האָבן אין דער-אָ רעגע זיך באַגעגנט צווי פּאָר אויגן: אירע — קוים-קוים פארגלאָצטע, ווי בא פארזוכן א געשמאַקן מײַכל, קויל-שווארצע, מיט זייער גרויסע ווײַסלעכער, וואָס האָבן אַן און פאר זיך די קראַפט פון א פארשמאכטן קוק, און זײַנע, זאַלמענקעס — מאנדל-לענגלעכע, ברייטלעך-צעשטעלטע, מיט גרינע אָפּלאכנדיקע פּײַערלעך ערגעץ אין זייער סאַמע טיפסטער טיף.

— כאוועלע?!..

— יאָ, כאוועלע, — אין איר קאָל האָט זיך געלאָזט פילן א טאָן פון נאָכקרימען זיך, ווי זי וואָלט זײַן ניט צופרידן, אַלעמײַ האָט ער גאָר די האָזע צו רופן זי בא איר פארצויגענעם נאָמען. — א פּײַנער מענטש זײַט איר, זאַלמענקע!..

ער האָט קוים-קוים געביסן די אונטערשטע ליפּ, ווי שטענדיק, בייס ער קוקט אף מענטשן, וואָס געפעלן אים.

— כ'האָב איצט גראָד געטראכט וועגן דיר, כאוועלע.

— אבי איר האָט כאָטש געטראכט...

ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, האָט זי געהאט פאר וואָס צו זײַן מיט אים ניט קאָנטעט. ערשטנס: אראָפּגעקומען אהער, ווייסט זי, איז ער נאָך נעכטן פארנאכט און איז ניט אריינגעקומען זיך זען. צווייטנס: ווען אומקערנדיק זיך נעכטן שפּעט אין אָוונט פון דער ארבעט אין סעלעקציע-פּאַוויליאָן, האָט זי געוואָלט אריינקומען צו אים אין קאָנטאָר, האָט די אופּראַמערן זי פּאַשעט אהין ניט ארײַנגעלאָזט.

— ריווע? — האָט ער זיך געוווּנדערט.

— אַלץ הייסט ניט ארײַנגעלאָזט!.. „אָ! — מאכט זי צו מיר זייער בייז, — די צווייטע טעג יאָמטעוו! ער זיצט און שרײַבט, לאָזט אים צורו. ער איז קוים פּאָטער געוואָרן פון לעוו איזראַילעוויטשן".

— טאקע?.. הערט א מײַסע! — ער האָט פארטראכטערהייט א שמייכל געטאָן: — און דו, כאוועלע, — האָט ער געזאָגט, ווי האָבנדיק נאכעס פון איר, — אזוי פרי שוין אף די פיס?..

מיט די אראָפּגענומענע ליזשעס אין די הענט האָט זי געשפּאנט אין איין ריי מיט אים און זיך געזײַטלט צו זײַן פּאָנעם מיט א בליק, וואָס זאָגט איידעס, אז אין איר הארצן האַלט זיך עפּעס אין איין טאָן. זי האָט זיך אומגעקוקט צו איר ייִנגל, וואָס שלעפּט זיך נאָך פון הינטן.

— ער ווערט דאָ בא מיר צופיל געפּאַקט, — האָט זי געזאָגט, — איך מוז אים אַלע גאַנצפרי אופהייבן פון בעט און מאכן מיט אים אָט דעם שפּאַציר, אַליין פוילט ער זיך.

דערהערט, אז די רייד גייען וועגן אים, האָט מולי, ווי אף אָפּצולייקענען דער מוטערס ווערטער, זיך פאנאנדערגעיאָגט אף די ליזשעס און איז געשווינד אוועק צום צענטער פון דער פּרווו-סטאַנציע. זיי זײַנען געגאנגען מיט די שפּורן, וואָס זײַנע ליזשעס האָבן געלאָזט אפן שניי.

— ווארט נאָר, — האָט זיך דערמאָנט זאַלמענקע, — דאָ איז דאָך איצט פאראן אָט דער... דער אמעריקאַנער פּראָפעסאָר.

— איר קענט אים?

— ער איז אָסיען-צײַט געווען בא אונדז אין ראיקאָם.

זאלמענקע איז שטיין געבליבן.

— עפּעס האָט ער זיך צו שטארק נאָכגעפרעגט אָף דיר, כאוועלע...

— קאָן זײַן... — זי האָט א שלעפּ געטאָן זאלמענקען פארן ארבל, ער זאָל גיין ווײַטער. — ער איז נעכטן אין אָוונט ארײַנגעקומען צו מיר אין סעלעקציע-פּאוויליאָן, עפּשער א מינוט פינף איז ער דאָרט אָפּגעשטאנען אקעגן מיר מיט א מאָנענדיקן שמייכל אָף די ראָזעווע בעקלעך, איך זאָל אים, הייסט עס, דערקענען...

— אזוי?.. נו, מיסטאם האָט ער דערוף רעכט...

דאָס מאָל האָט אין מיטן גאנג זיך אָפּגעשטעלט ניט ער, נאָר זי. זאלמענקעס פּאָנעם האָט איר אויסגעזען צו ערנסט. אירע אויגן, א קאפּעלע פארגלאָצט, האָבן זיך אײַנגעקוקט אין זײַן שטערן סײַ מיט די שווארצאפּלען, סײַ מיט די פארשמאכטע גרויסע ווײַסלעכער. אָן פוצן, קימאט בייזלעך האָט זי געפרעגט בא זאלמענקען:

— איר ווילט וויסן, ווער ער איז?

— פארוואָס זאָל איך ניט וועלן וויסן, — האָט קאלטלעך געזאָגט זאלמענקע, — א מענטש קומט אראָפּ אזש פון טשיקאגאָ. ער וויל גאָר ווערן א שטיקל שוטעף דאָ אין דער ארבעט... און וועגן א שוטעף, כאוועלע, ווילט זיך וויסן מער גענוי. אזוי פירט זיך די וועלט. יעווע מאָסייעוונע, פארשטייסט אליין ניט? נאָר אויב עס האנדלט זיך בלויז וועגן דײַנעם אַן אלטן ראָמאן, איז דאָס, פארשטייט זיך, בלויז דײַן זאך.

זיי האָבן פּאמעלעך זיך דערנעענטערט צום צענטער פון דער פּרווו-סטאנציע. זי האָט, אראָפּקוקנדיק צו אירע טריט, זיך פארטראכט. פּלוצעם האָט ער דערהערט, ווי זי זאָגט:

— איך בין אלט געווען זעכצן יאָר... ער פלעגט קומען צו מיר נאָך ביכלעך... א געזונטער באָכער... אין שטוב האָט מען זיך געווערטלט: „ער מיינט ניט די האגאָדע, נאָר די פּאליטשיקעס — ער איז דאָך פארליבט אין דיר, כאוועלע!”... דערנאָך האָט ער מיר איינמאָל צוגעשיקט א צעטעלע, און אליין איז ער פארשוווּנדן. אין שטאָט האָט מען געזאָגט: ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן. איך בין דעמלט געווען אין זעקסטן קלאס, און כאווערטעס גימנאזיסטקעס האָבן געקוקט אָף מיר, ווי אָף א העלדן. שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אז ער איז אין אמעריקע.

זאלמענקע האָט געפרעגט:

— איז וואָס איז געווען נאָכדעם?

כאוועלע האָט געענטפערט:

— מיט מיר?.. גאָרניט. בא די גימנאזיסטקעס אין די אויגן בין איך געוואָרן אויס העלדן.

זאלמענקע האָט זיך צעלאכט:

— און מיט אים וואָס איז געווען?

— איך ווייס ניט. נעכטן איז ער ארײַנגעקומען און האָט זיך פאָרגעשטעלט: „פּראָפעסאָר קאלמענס”. דאָס האָט מען זײַן פאָטער דעם פאריקמאכער גערופן קאלמען. ער האָט ניט כאסענע געהאט, זאָגט ער...

— אליין?

— יאָ, אויב ניט...

— וואָס?

— בא קיין שום פרוי איז ניט העפקער קיין מענטש, וואָס איז געווען אין איר פארליבט.

— און שוין?

— און שוין.

— נו, איז קום צו דיר אהיים, וועסט מיר געבן עפּעס אָפּעסן. דערציילל, וואָס הערט זיך בא דיר אָף דער ארבעט.

ניט געקוקט, וואָס עלטער איז ער געווען פון איר ניט מער, ווי אָף א יאָר פיר, איז צווישן זיי געווען אײַנגעשטעלט, אז ער זאָגט איר „דו” און זי זאָגט אים „איר”.

— זאָג, וואָס האָסטו אופגעטאָן? — האָט ער זי אופגעוועקט פון איר פארטראכטקײַט. — איך דארף עס וויסן, וואָס גיכער.

— וואָס גיכער?

— צו איינער א זיצונג, וואָס וועט נאָך הײַנט פאָרקומען.

באנײַס שטיין געבליבן, האָט זי זיך אײַנגעקוקט אין אים מיט אזא בליק, ווי גלײַך

אָקאָרשט איצט דערוויסט זי זיך, מיט וועמען האָט זי צו טאָן. זי האָט צוריק מיט א שטיקל צײַט אָנגעגעבן, מע זאָל זי אופנעמען אין דער פאַרטיי, נאָר אז נאָך הײַנט וועט די פראגע געשטעלט ווערן אף א זיצונג — דאָס איז געווען פאר איר א נײַס.

— נו, קום, קום, — האָט זאלמענקע זי אונטערגעאײַלט. — מיר איז געבליבן ווייניק צײַט.

זי האָט שוין גאָר אינגאנצן ניט געהערט, וואָס מע רעדט צו איר.

אין איר זיקאָרן איז אופגעשווומען איר יוגנט. א יונגער זומער-טאָג אין איר קלײנער געבורט-שטאָט.

ווער איז עס דעמלט געווען אזוי יונג: זי, כאוועלע, צי די גאנצע ארומיקע שטאָט? דעם ווירציקן גערוך פון יענעם ערשטן הייסן זומער-טאָג געדענקט זי אינײנעם מיטן רייעך פון לעווקאָיע-בייטן און פרעמדע סעדלעך מיט צוגעמאכטע טירלעך לענגויס דער שטילער פוסטער גאס. פון געדיכטע פארוואקסענע ווינקעלעך, וואָס אף יענער זײַט פארקנס און צוימען, דערטראָגט זיך אָט אן אָפגעריסן ברעקל פון גליקלעכן מיידלשן געלעכטער, אָט עמעצנס א פרווו א זינג צו טאָן. דאָס זומערדיקע גליק האָט דעמלט געהערט בלויז צו איי־ניקע, וואָס פראווען מיט דעם יעכידעס, און ניט צו אזעלכע, ווי זי, כאוועלע, א יעסוימע, וואָס שארט זיך ארום לעבן פרעמדע צוגעמאכטע טירלעך. נאָר גלייבן האָט זי דאָך געגלייבט, אז אויך איר וועט נאָך אמאָל זײַן גוט. זייער גוט...

און אָט איז עס מעקויעם געוואָרן. איר, דער איין-און-פערציקיאָריקער, איז איצט גוט, זייער גוט. בא איר גיט אזש א ציטער דאָס הארץ, ווען זי טראכט וועגן דער פאָרשטייענדי־קער זיצונג, וועגן וועלכער איר האָט נאָרוואָס געזאָגט זאלמענקע. זי טראָגט זיך איבער מיט אלע אירע געפילן צו דעם, וואָס מיט איר וועט זײַן מאָרגן. און יונג זעט אויס דאָס לעבן ארום איר: יונג איז דאָ אינמיטן דער טײַגע די פרווו-סטאנציע מיטן סעלעקציע-פאוויליאָן, ווו זי האָט זיך דערשלאָגן צו א נײַעם סאָרט קאָרן, יונג איז אָט דער ערשטער ווינטערדיקער פריש-אויסגעפאלענער שניי, וואָס שווינדלט פאר איר בליק, בייס זי טראכט אין מיטן שפּא־נען: „איז אָט גאָר פונוואנען עס נעמט זיך דאָס געפיל פון יוגנט — ניט אזוי פון די יאָרן הענגט עס אָפּ, ווי פון דערפילן אלץ נײַע און נײַע טאמען אין לעבן”.

— וואָס איז מיט דיר, כאוועלע? — האָט, אָנרירנדיק זיך אין איר אקסל, געפרעגט זאלמענקע.

אופגעהויבן אף אים די קויל-שווארצע אויגן, וואָס מיט די גרויסע באזונדער ריינע און פארשמאכטע ווײַסלעכער, האָט זי א ווײַלע זיך אײַנגעקוקט אין זײַן פּאָנעם. וואָס לענ־גער זי האָט זיך געקענט מיט אָט דעם מענטשן, אלץ מער האָט זי בא אים געלערנט ניט ארויסצוזאָגן קיין טיפע איבערלעבונגען מיט ביליקע ווערטער. מיט איר גאנצן קערפּער האָט זי זיך א וויג געגעבן, ווי אף אָנצושפארן זיך אין אים, נאָר פלוצעם געקראָגן צוריק גלײַכ־געוויכט און האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן צו אירע שפּאנענדיקע פיס.

— וואָס מאכט אײַער פרוי? — האָט זי מיט א פארלאָשן ווערנדיק קאָל געפרעגט אין מיטן גאנג.

— ניט גוט, — האָט שטיל געענטפערט זאלמענקע.

— אלץ קראנק?

— נו יאָ... מיט אירע לונגען וואָלט איר איצט צו ווינטער-צײַ באדארפט ווערן בעסער.

א ביסל שפּעטער, ווען זי האָט געהאלטן אינמיטן האָדעווען זאלמענקען אינעם ווײַס־ווענטיקן פירעקיקן עסצימער, וואָס אינעם נײַעם דירעקטאָרשן שטיבל, האָט פון דער פיליאַ־לער פערמע זיך אומגעקערט איר ברודער, דער דירעקטאָר פון דער פרווו-סטאנציע מיכל וואָרטמאן. אראָפּ פונעם שליטן, איז ער גלײַך אוועק אין קאָנטאָר און אהער אהיים צוגעשיקט דעם נאָך גאָר יונגן אגראָנאָם פון דער פערמע פעטיע באָראָווסקין, וועמען ער האָט גע־בראכט מיט זיך אף יאָמטעוו. אין שטוב האָט מען זיך דערפרייט:

— אָט א גאסט!

אונטער די אויגן האָט מען אים דאָ גערופן מיטן נאָמען, וואָס אים האָט געגעבן דער אלטער לעוו איזראַילעוויטש: „די לעבעדיקע סעלעקציע”. דאָס איז געווען א ריזיק-צעוואַק־סענער רויטבאקיקער באָכער, געזונט, ווי א בער, און אָנגעטאָן, ווי א פויער. געבוירן געוואָרן טיף אין סיביר בא פארשיקטע עלטערן רעוואָליוציאָנערן, האָט ער קינדווײַז ניט אָנגעהויבן גאָר צו וויסן, אז זײַן געשטאָרבענער פאָטער איז געווען א ייִד, און שפּעטער, ווען ער האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, איז ער גאנץ פּאָשעט געקומען צום אויספיר, אז אויב ער איז א ייִד, איז קער ער, הייסט עס, צו ייִדן, און אז וויבאלד אזוי, איז שוין אלץ קלאָר ווי דער

טאָג: אויב מע האָט פאַר ייִדן אויסגעטיילט די ערד, וואָס באַם אַמור, דאַרף ער נאָכן ענדיקן אַף אַגראָנאָם אָוועקפאָרן אַהין. און אַזוי טאַקע האָט ער געטאָן.

געאַרבעט האָט ער דאָ אין דער סאַמע פאַרוואָרפענער פערמע, באַם סאַמע שווערסטן סעקטאָר — באַ וואַסעריקע רייַז-פעלדער, געלעבט אין אַ ביז גאָר קליין קעמערל, געשלאָפן אַף אַ האַרטער באַנק, ווי אַ מאָנאַך, נאָר געווען קאָנטעט. און ווייַל פון ייִדן, צו וועמען ער האָט זיך באַהעפט, איז ער געווען אָפּגעפרעמדט, האָט ער דעריבער געקוקט אַף זיך, ווי אַפן סאַמע ייִנגסטן אין זייער מישפּאָכע, און אַף יעדן פון זיי, ווי אַף עלטערס פון זיך, שיר ניט, ווי אַף זייַנעם אַ לערער, און האָט ניט באַמערקט, אַז פאַרקערט — די ייִדן, צווישן וועלכע ער אַרבעט און לעבט, לערנען זיך אָפּ פון אים עפּעס געזונט-רוסישעס. און אין קאָנטאָר שטעלט מען אים אַרויס, ווי אַ מוסטער, אין אַלע פאַלן, ווען עמעצער פון די נייַע איבער-וואַנדערער פּערעבענדיעוועט מיט צוקלייַבן זיך דאָ אַ באַשעפטיקונג. בעטעווע אַ האָרע-פּאַשנער און געדולדיקער, פלעגט ער אַלעמאָל, ווען אים האָט אַ רוף געגעבן דער דירעקטאָר, זיך אַ כאַפּ געבן מיט אַ מין „הינייני" — איך בין דאָ! אַזוי איז געווען אויך איצט, ווען באַם אַרייַנקומען אינעם דירעקטאָרשן שטיבל, האָט ער דערהערט, ווי אים רופט צו זיך אין עסצימער אַרייַן דער אייַליק-קייַענדיקער זאַלמענקע:

— פּעטיאַ!

— אַהאַ! — האָט ער גלייַך זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק פאַר זאַלמענקען, ווי אַ סאָלדאַט פאַר אַ גענעראַל.

— דערצייל נאָר, פּעטיאַ, וואָס איז די מייַסע מיט דייַן קאָמיוגישן בילעט?

באַטראַכט אַ ווייַלע דעם גוווּרעדיקן פּעטיען, ווי ער שטייט פאַרלוירן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק, האָט זאַלמענקע גענומען אים צוגעבן שטאַרקייַט:

— וואָרן אַלץ, אַכוץ דעם, איז, ווי ווייַט איך ווייס, באַ דיר אין אָרדענונג.

אָך, יאָ, אַף פּעטיען וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז ער איז אַ מין „אָדאָם-האַשאָלעם", ווען ניט דער פלאָנטער מיט זייַן קאָמיוג-בילעט. די מייַסע איז, וואָס אין דער אַנקעטע, בייס ער איז געוואָרן אַ קאָמיוגיסט, האָט ער ניט אָנגעגעבן, אַז ער איז אַ ייִד, פּאָשעט: ער האָט עס דעמלט נאָך ניט געוווּסט. און פאַרן ענדיקן דעם אַגראָנאָמישן אינסטיטוט, ווען ער האָט אָנגעגעבן אַן אַנקעטע אַף קאַנדידאַט, האָט ער עס שוין יאָ געוווּסט, נו איז מיינען זיי דאָרט, אַז ער, פּעטיע, האָט אין דער ערשטער אַנקעטע ניט געשריבן דעם עמעס.

„לאָזט אים אָפּ", — האָט כאַוועלע מיטן ווונק געבעטן זאַלמענקען, ער זאָל ניט אָנטאָן פּעטיען קיין יעסורים.

— נישקאָשע, — האָט, אופשטייענדיק פונעם טיש און נעמענדיק זיך אָנטאָן, געזאָגט צו פּעטיען זאַלמענקע, — דאָס זייַנען די ערשטע און די לעצטע צאָרעס דייַנע, וואָס דו לעבסט איבער אַלס ייִד. מיר וועלן זען עפּעס טאָן.

— אָט-אָט, — האָט צופרידן אַ שמייכל געטאָן פּעטיע. און אַרויסגעגאַנגען צום שליטן, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען לעבן דער שטוב, האָט ער גענומען אַרויסשלעפּן פון דאָרט די מאַטאָנע, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך אַף יאָמטעוו — אַ געשאָסענע קאָזוליע, דורכויס פאַרפרוירן, ווי אַ שטיק אייַז.

כאַוועלע און זאַלמענקע, ביידע שוין אָנגעטאָן אַף אַוועקצוגיין, האָבן אַ רעגע באַטראַכט אָט די מאַטאָנע, וואָס איז געלעגן אינמיטן דער קליינער קיך אַף דער פּאָדלאָגע. כאַוועלע האָט דאָ באַלד געמאַכט דעם כעזשבן, וועמען פון די אָרטיקע אייַנוווינער דאַרף מען אויסטיילן פון דער ציג אַ כיילעק.

— שיר ניט פאַרגעסן אָנעם בוכהאַלטער, — האָט זי זיך דערמאָנט. — באַ אים אַף קוואַרטיר שטייט דאָך אייַן דער פּראָפעסאָר קאַלמענס.

— אַזוי, אַזוי, — האָט, אַוועקגייענדיק צו זייַנע זיצונגען, צוגעשאָקלט זאַלמענקע, און איינס אַ פאַרשמעלערט אויג זייַנס האָט דערבייַ אַ קוק געגעבן אַף כאַוועלען, ווי זי האַלט פונדעסטוועגן אין קאָפּ דעם אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר: „נו, יאָ, זי האָט דאָך אַליין געזאָגט: „באַ קיין שום פרוי איז ניט העפקער קיין מענטש, וואָס איז געווען אין איר פאַרליבט"...

פון דער ייִדישער דיכטונג אין אויסלאַנד,

געווידמעט ביראָבידזשאַן

זישע ווײַנפּער

ביראָבידזשאַן

1

דער אמאַליקער ווינטיקער וואנדערער
אף אַלע וועגן, וואָס זײַנען פאראַן —
ער שפּאַנט איצט באַנײַט, גאָר אַן אנדערער
אפן וועג קיין ביראָבידזשאַן.

פון ווינטיקן, ציללאָזן וויכער —
צו ארבעט און אופבוי אין לאַנד.
דער וועג איז א שווערער, נאָר זיכערער,
דער וועג ליגט אין ראַטנפאַרבאַנד.

פון מאָסקווע ביז ניו-יאָרק און נאָך ווײַטער
מע הערט און מע גלייבט אין דעם נעס:
דער ייִדישער מענטש, א באַנײַטער,
ער גייט מיט טײַגא אין פאַרמעסט.

דער אמאַליקער, ווינטיקער וואנדערער
צופוס און אף שיף און אף באַן —
ער ווערט איצט א נײַער, אַן אנדערער
אף דער ערד פון ביראָבידזשאַן.

2

אזוי ווי די פידל
אין האַנט פונעם פידלער,
אזוי אויך דער רידל
אין האַנט פונעם רידלער.

און ווער בא דעם קוימען,
און ווער בא דעם טראַקטאָר, —
עס נעמט אײַן די רוימען
א מענטש א געוואַגטער.

די האמערס — זיי קלעפּלען
אף וועגט און אף דעכער, —
דאָס לאַנד נעמט זיך טרעפּלען
אַלץ העכער און העכער.

א ייִד מאַכט דאָרט שיכלעך,
אַן אנדערער העמדער,

און דער, וואָס שרײַבט ביכלעך,
איז אויך נישט קיין פרעמדער.

קומט אָוונט באַם פײַער,
מע זיצט זיך אײנײנעם, —
געראָטן איז האָיאָר,
עס פעלט גאָרניט קײנעם.

די אויפּעס, די רינדער
אין ליבשאַפט זיך פּאָרן,
עס שפּילן זיך קינדער
מיט בלימלעך אין קאָרן.

און לייגט מען זיך שלאָפן,
דער שלאָף איז אָן זאָרגן, —
אין נאַכט שוין אנטלאָפן,
ברענגט פרייד דער פרימאָרגן.

מוישע נאַדיר

אונדזער ברויט און אונדזער בלום

זאָגט מיר, זאָגט מיר, ליבע יאָטן,
האָט דערציילט אײַך שוין דער טאַטע
(מיט א פידל, מיט א לירע)
פון א לאַנד-קאַנט, וואָס הייסט בירע,
אונדזער
ביראָנקע-
בידזשאַן?

ס'איז א לאַנד א פעטס, און האָניק
וועט זיך גיסן פון דערין,

האָרעפּאַשנע, פרײַע מענטשן
וועלן לאָזן זיך אַהין.

ניט פאַרקוקן זיך אין הימל,
נאָר אַרײַנקוקן אין גרונט,
און אין טיפעניש געפינען
אונדזער ברויט און אונדזער בלום.

קינד, סע בויט זיך דאָרט אַ וועלטל
פאַר אַ פאָלק פון מינדערהײַט,
וואָס געצייכנט האָט עס לעני̇ן
אויף דעם פײַערבלאַט פון צײַט.

איז דעריבער
איר, פיר אירע,
דאָרטן אויף דער דריטער באַנק,
גיט אַ זאָג
צום ערשטן בי-
רע!
און דערנאָכדעם אויך:
בי-
דזשאַן!

רעכט אויף לעבן,
פליכט אויף מי,
גיבן וועט
דער קאָלעקטיוו.

זינגט זשע אַלע
ווייך און ליריש,
זינגט זשע אַלע ווי איין מאַן
פאַר דעם בוי פון אונדזער דירע
בײַ דער בי-רע,
בײַ בי-דזשאַן.

סאָרע פעל-יעלין

מיט יוגנט צעבליט

באַם אַמור אויפן זוניקן מיזרעך,
צווישן די טײַכן בירא און בידזשאַן —
בויט אַ היים זיך דער ייִד-האָרעפּאַשניק,
און ס'איז זײַנס דאָרטן איטלעכער שפּאַן!

אַ לאַנד, ניט געשאָנקען פון פּאָרעץ,
נאָר צעגראָבן מיט אייגענער האַנט,
אַ היים, ניט פאַרנומען בײַ קיינעם,
נאָר מיט פּראַצע געבויט יעדע וואַנט!

גאָר ניט לאַנג—קוים צעטראָטענע שטעגן,
איצטער שליאַכן פון פעסטן קאָנקריט!
גאָר ניט לאַנג — נאָך אַ שרעקלעכע טײַגע,
איצטער פעלדער מיט יוגנט צעבליט!

דער אַמאָל וועפּט זיך אויס, ווי אַ כאָלעם,
ס'איז הײַנט אַזאַ שטאָלצער פאַראַן,
סאָצגעבוי שפּאַנט מיט ליכטיקע טעמפּן
אין סאָוועטישן ביראָבידזשאַן.

אווראָם רייזען

איך זע מײַן היים

דו איבערוואַנדערער אין ווײַטן לאַנד,
איך פאָלג דיר נאָך אין מײַן געדאַנק.

איך גיי דיר נאָך און זע און שפּיר
דײַן יעדן קער, דײַן יעדן ריר.

איך זע מײַן היים, דו פאָרסט פאַרבײַ,
זי איז באַקאַנט און אַזוי נײַ...

אַ שטערן ווינקט דיר פון דער הויך —
דער שטערן איז באַקאַנט מיר אויך.

איך זע דעם באָדן, וווּ דו שטייסט,
דעם נײַעם קאַנט, וווּהין דו גייסט...

איך זע דעם פּלאַטער פון דער פאָן,
וואָס זאָגט דאָס נײַע לעבן אָן.

די נײַע וועגן, וואָס דו מעסט,
די אַלע וווּנדער, וואָס דו זעסט.

איך זע דיך דאָרט אין גאַסן, מערק,
און הער דײַן שטײַגן אויף די בערג.

איך זע אין פעלד דיך, הויך אין רוים,
גלײַך ווי אַ נײַ צעבליטן בוים.

איך זע אין פעלד דיך און אין שטאָט,
און בענטש דײַן יעדן נײַעם טראָט.

יאָסל גאָלדבערג

ווען ער וואָלט א ביראָבידזשאנער געוואָרן

איר האָט ניט געקענט שלוימע דעם סטאָליער,
ניין, ניט געקענט?
דאָס שטעטל דאָס גאנצע אנטאָפּאָליע
האָט געליובט זײַנע הענט.
געוועזן איז מײַן טאטע א גוואר,
זיך קיינמאָל געבויגן פאר פּאָרעץ און האר,
פון דוירעס געיארשנט דעם פאך;
וואָס זשע וואָלט איצט מיט מײַן טאטע געשען,
ווען ער וואָלט א ביראָבידזשאנער געוועזן? —
עס וואָלט אים די געגנט געהויבן, געליובט,
און ער וואָלט געבויט, און ער וואָלט געבויט.
איר האָט ניט געקענט שלוימע דעם בויער,
ניין, ניט געקענט?
אין ווײַסרוסישן קאנט האָבן טירן און טויער
געדענקט זײַנע הענט.
געקענט האָט מײַן טאטע אויך בויען א בריק,
און מעסטן דאָס האָלץ מיטן אויג, מיטן בליק,
און ס'האָט ניט מײַן טאטע קיין טאָעס געמאכט,
פון אלץ זיך געלערנט און אייגנס באטראכט.
דער זין פונעם בויען געוועזן איז זײַן פרייד,
ער פלעגט עס באזינגען שטילינקערהייט:
וואָס זשע וואָלט איצט מיט מײַן טאטע געשען,
ווען ער וואָלט א ביראָבידזשאנער געוועזן? —
עס וואָלט אים די געגנט געהויבן, געליובט,
און ער וואָלט געבויט, און ער וואָלט געבויט.

סאָרע בארקאן

ערד

ער, איז פרייליך אין מײַן פאָטערלאנד אצינד!
אין מײַן סאָוועטנלאנד!
איך הער געזאנג
פון טראקטאָר-רעדער.
איך זע, ווי יעדער איז געגרייט,
ווי יעדער זייט.
איך זע, ווי ערד
כאפּט אוף די זוימען
און טוליעט אײַן זיי אין איר
אינגעווייד —
איך זע די אייביק יונגע זון,
איך זע, דער הימל שיקט פרייד-טרערן
צו באפרײַטער ערד.
איך זע, ווי יעדער
שמירט די רעדער
פון די באנען, פון די פורן
באלד צו פירן אייגן פראצע
פעלע — פעלע — באנען — פורן —
ברויט און קאָרן,
ווייץ און בולבעס.
ער, איז פרייליך דאָרט אצינד —
אין מײַן פאָטערלאנד,
אין סאָוועטנלאנד,
אף באפרײַטער ערד!

א קינדערהיים אין בירעבידזשאַן

אין טאָל צווישן בערג — א הילצערן הויז,
מיטביימער מיט שלאַנקע — די העכסטע
אין געגנט.
א שילד אף דער וואַנט, א שמייכל די גרויס,
קוקט אף די בירעבידזשאַנער וועגן.

א ביניען, ווי אַלע שכיינישע הײַזער,
און טישן אין דרויסן פון דעמבענע ברעטער,
א הילצערנער זייגער מיט ריזיקע ווײַזערס —
עס שיטן אף אים זיך גינגאָלדענע בלעטער.

און קינדער א סאַך צווישן זאַנגען פון קאָרן,
אין קוסטעס, אין וועלדלעך, שוין איצט ניט
געדיכטע,
באַם ברעג פון דער לויטערער בירע דער
קלאָרער, —
אָט דאָ הייבט זיך אָן איצט א נײַע געשיכטע.

איך קוק אף דעם קליינוואַרג וואָרעם און
ניכטער —
זיי וועלן קאָנען די צוקונפט דערוואַכן!
מע לערנט זיי זײַן פונעם לעבן די ריכטער,
מע לערנט זיי בויען, מע לערנט זיי לאַכן...

בירעבידזשאַנער וויגליד

וויין ניט, קינד מײַנס, וויין ניט מער,
פאַרשעמסט די בירע מיט דײַן טרער.
ס'איז ניטאָ מער וואָס צו וויינען —
האָסט א היים מיט גוטע שכיינים.

אײַ ליו־ליו־ליו, אײַ ליו־ליו,
מאַך די אייגעלעך דײַנע צו.

האָסט א הײַנט און האָסט א מאָרגן.
אונדזער היים וועט דיך באַזאָרגן
און פאַרהיטן דיך אין וויגל
מיט צוויי גרויסע אָדלער־פליגל.

אײַ ליו־ליו־ליו, אײַ ליו־ליו,
שלאָף געזונט ביז אינדערפרי.

ביסט, מײַן קינד, דערווײַל נאָך קליין,
פאַרשטייסט אליין ניט דײַן געוויין.
קאָנסט ניט ציילן, קאָנסט ניט פרעגן,
קאָנסט ניט זען דײַן גרויס פאַרמעגן.

אײַ ליו־ליו־ליו, אײַ ליו־ליו,
מאַך די אייגעלעך דײַנע צו.

דאַבסט. אף דער בירע־טייך.

געמעל פון א. עסקין.

מיר גיבן דאָס וואָרט
די בירָאבידזשאנער דאָקומענטאליסטן

אלעקסאנדער גינזבורג

באשאף זיך אליין

אינעם ווינקל, אָן אָפּגעזונדערטן מיט א שייד-ווענטל פונעם ריזיקן רוישנדיקן צעך, און דוכט זיך, אָן אָפּגעפרעמדטן, איבערגעטראָגענעם אהער פון עפּעס אן אנדער אָרט, שטייען לאנגע טישן. אף זיי — ווייַסע, בלויע, רויטע דראָטן, קלייניטשקע אליומיני-קאסעטעס מיט פּילצאָליקע קלעמען, מארקירטע טרייַבלעך, פאנאנדערגעוויקלטע סכעמעס. ארום די טישן זיצן יונגעלייַט מיט אָנגעגייגטע קעפּ. די פינגער בא זיי באוועגן זיך פלינק.

„דאָ ארבעט וואָלפסאָנס בריגאדע", — גיט צו וויסן א באשיידן פלאקאטל אף א סטענד. און באנאנד — „סאָציאליסטישע פארפליכטונגען", „סאכאקלען פונעם פאָריקן כוידעש" און אפן סאמע בעקאָוועדיקן אָרט — מוסטערן פון דער פּראָדוקציע.

אין יענעם טאָג זייַנען די שלאָסער-עלעקטראָמאָנטאזשלער געווען פארנומען מיט פארגרייטן דראָטן: אָנשנייַדן, אויסגלייַכן, אָפּרייניקן פון דער איזאָליאציע, פארצינען. דערנאָך האָט מען געדארפט די דראָטן צונויפפלייגן אין בינטלעך, זיי זאָלן זיך באקומען אזוי, ווי עס פאָדערט זיך לויט דער סכעמע, און לעסאָף פארפעסטיקן זיי מיט אן איבערבונד און באזאָרגן מיט אן עטיקעטל — כאָלילע ניט איבערפלאָנטערן!

ס'האָט זיך דערנעענטערט דער סאָף פונעם אומבייַט, אלע האָבן געארבעט רויִק, אָן אייַלעניש, געשיקט און אופמערקזאם. עמעצער טוט א פרעג, ווו עס ליגט די אָפּצוועגע — דערלאנגט מען זי אים. א צווייטער מאכט א באמערקונג דעם כאווער, אז די פּאָריקע אָפּעראציע האָט ער אויסגעפילט ניט געלונגען — מע דארף זי איבערמאכן.

געפינען צווישן אנדערע דעם בריגאדיר איז ניט פּאָשעט. אָנגעטאָן אין אן אלטן דזשינסאָוון זשאקעט, אָנגעכאָרכלט, באַרויגעזלעך קאָנצענטרירט, זיצט וואָלפסאָן פּעסט באם טיש, א פארטיפטער אין דער ארבעט. בלויז צומאָל, ענטפערנדיק אף עפּעס א פראגע, טוט עט שווערלעך א הייב אוף דעם קאָפּ, קוקט א רעגע אפן מיטשמועסער, ענטפערט אָפּ בעקיצער און ציט זיך ווידער ארייַן אין דער ארבעט. אָט אזא מין פארגעדענקט ער זיך: אינעם קאָלאָסאלן, אָנגעפולטן מיט דונערנדיקן געפילדער צעך, אינגאנצן אן אריינגעטאָנענער אין זייַן זאך, אן ארבעטס-מענטש צווישן אזעלכע, ווי ער.

עס טרעפט אָבער אמאָל, אז ער איז גאָר אן אנדערער.

...אָט שטייט ער בייסן איבערייַס פון א זאוואָדישער פארטיי-פארזאמלונג, ארומגערינגלט מיט א פריילעכער כאָפּטע יונגעלייַט — א הויכער, שטאלטנער, אין א גוט צוגעפאסטן קאָסטיום און אין א דין זייַדן העמדל. ער שטעלט ארייַן אינעם געשפּרעך א קורצע רעפּליק, רעאגירט מיט אן אייַנגעהאלטענעם שמייכל אף די באמערקונגען פון די כאווירים, און האגאם ער רעדט ווייניקער, איידער אנדערע, פילט זיך, אז ער איז דאָ דער סאמע צענטער, אז דעם שמועס פירט דאפקע ער.

...אָט איז ער אף א שטאָטישער קאָמיוגישער קאָנפערענץ. „צום ארויסטראָגן די פאָנען — אופשטיין!" — דערהערט זיך דאָס פייַערלעכע קאָל פונעם פאָרזיצער. — „די פאָנען ארייַנטראָגן!". דורכן זאל, איבער די רייען פון די דעלעגאטן שווימען די רויטע איבערגאנגס-פאָן פונעם צענטראלן קאָמיטעט פון קאָמיוג און די פאָן פון דער בירָאבידזשאנער שטאָטישער קאָמיוגישער אָרגאניזאציע. די ערשטע פאָן טראָגט אין די אויסגעשטרעקטע

העגט וולאדימיר וואָלפסאָן. און אנטשיידענער, באַגײַסטערטער פון דער הויכער מיסיע, שפּאַנט ער דורכן זאַל, ווי אַף אַ באַריקאַדע, אײַנגאַנצן אָנגעצילט פאָרויס.

דער פײַערלעכער ריטואַל רירט טאָמיד אָן זײַנע טיף פאַרבאָרגענע נעשאָמע־סטרונעס, רופט אַרויס אַ שטורמישן וויכער פון געדאַנקען און געפילן. עס דוכט זיך אים, אַז איבערן זאַל גייען באַנאַנד מיט אים די כעוורע פון זײַן בריגאַדע, אויך דער טאַטע מיטן זיידן — געוועזענע פראָנטאָוויקעס.

ניט שטענדיק דערלויבט דאָס לעבן דורכצופירן גלײַכע געאָמעטרישע ליניעס, אָפטער צייכנט עס געבראָכענע, און ס׳איז קיין כידעש ניט, אויב צוויי פּאַראַלעלע, קימאַט ווי בא לאָבאַטשעווסקין, קרייצן זיך איבער אין עפּעס אַ פּונקט. אָט אַזוי איז געשען אין דער פרײַער יוגנט מיט וואָלאָדיע וואָלפסאָנען: דרײַ יאָר זיך אָפּגעלערנט אין מעדיצינישן אינסטיטוט, דערנאָך פאַרשטאַנען — קיין דאָקטער וועט פון אים זיך ניט באַקומען, און ער האָט פאַרלאָזט די הויכשול. „עפּשער בין איך פּאָשעט אַ פּויליאַק?״ — האָט אין איינער אַ שווערער מינוט געפרעגט בא זיך וואָלאָדיע, און לײַכט אָפּגעעטעמט, דערמאָנענדיק זיך וועגן דעם סטודענטישן בוי־אָטריאַד, די אָפטע ליבגעזאַנגען, וועלכע ער האָט דאָרט פאַר זײַן מיזאַמקײַט אויסגעהערט, און דאָס וויכטיקסטע — דעם געפיל פון פרייד און באַפרידיקונג, וואָס עס האָט אים פאַרשאַפט די אַרבעט. יאָ, אַ סוואָרע, אַז גראָד דאָס האָט אים טאַקע ניט געקלעקט אין זײַן אינסטיטוטישן לעבן: דער טאָגטעגלעכער רעזולטאַט און די באַפרידיקונג מיט אים.

אינדערהיים, פאַרשטייט זיך, איז מען אין היספּײַלעס ניט אַרײַנגעפאַלן: אַ פײַנע מעציִע — אַ ניטגעוואָרענער רופע! ס׳וואָלט דאָפּקע געקלונגען שיין: „דאָקטער וואָלפסאָן״! נאָר, צוריקגערעדט, איז אָנגענעם, וואָס דאָס קינד איז ווידער אינדערהיים: ווער ווייסט, וווּהין עס וואָלט אים פאַרוואָרפן נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט...

דער געשפּרעך איז געווען אַ קורצער און שטרענגער: „ווילסט ניט שטודירן, וועסטו גיין אָפן זאַוואָד!״ פאַרוואָס אָפן זאַוואָד? צי דען האָבן ניט געקאָנט אָפּזוכן פאַרן זון קיין מער פּאַסיקע און, פּאָשעט גערעדט, רעוועכדיקערע אַרבעט דער טאַטע, אַ הויפּט־בוכהאַלטער אין אַ בוי־אָרגאַניזאַציע, און די מאַמע, אַ בוכהאַלטער אָפן זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס? אין אַ היימישן שמועס דערקלערן זיי עס מיט דעם, וואָס דער זאַוואָד איז אַ פירמע מיט אַ שעם, ניט יענטלס קלייטל. אַרבעטסטו דאָרטן — ווערסטו אַ מענטש. דײַן

אין צענטער — דער בריגאַדיר וולאַדימיר וואָלפסאָן

פארדינסט שפּילט דערוויַיל קיין שום ראָליע ניט. „וועסט מיך אהין באַגלייטן, מאמע?" „גיי אַליין!" — אזא אנטשיידענער איז געווען דער ענטפער.

דאָס וואָרט „זאַוואָד" פלעגט בא די וואָלפּסאָנס ארויסגעבראַכט ווערן מיט גרויס דרעך-בערעך. געמיינט האָט מען, אייגנטלעך, דעם זאַוואָד פון קראַפט-טראַנספאָרמאַטאָרס — די גיך אנטוויקלענדיקע זיך היַינטציַיטיקע אונטערנעמונג: זי האָט זיך באַמערקבאַר אויסגעטיילט צווישן אנדערע סיַי מיט איר טעכנישן ניוואָ, סיַי מיט דעם אָפּקליַיב פון מענטשן, סיַי מיט דער פּראָדוקציע, וועלכע פּאַסט זיך גוט איַין אינעם באַגריף: „וויסנשאַפטלעך-טעכנישע רעוואָלוציע".

ניין, וואָלאָדיעס עלטערן — מענטשן מיט א ניכטערן סייכל — האָבן לאַכלוטן ניט דערוואַרט, אז זייער זון, אַנקומענדיק אפן זאַוואָד, וועט מאַכן אן איבערקערעניש אין דער טעכניק. זיי האָבן ניט געצווייפלט אין דעם, אז גיכער, איידער אנדערש־וווּ, וועט ער געפינען אינעם היַינטציַיטיקן צעך די אינערלעכע באַוואָרנטקיַיט, וועלכע העלפט פעסט צו שפּאַנען אינעם לעבן, רויִק אופנעמען באַליביקע קאַפּריזן פונעם גורל.

אַליין וואָלאָדיע האָט וועגן אַזעלכע ערנסטע זאַכן ניט געקלערט. אוועק איז ער אפן זאַוואָד עטוואָס א פאַרלאָרענער. אין קאַדרען-אָפּטייל האָט זיך אויסגעקלאָרט, אז פאַר קיין שווערער אָדער טאָקער טויג ער ניט מאַכמעס דער ריִע, און זיַין ווער פירט גלײַכינקערהייט אין זאַמל-צעך. „גיי אַריַין אהין, טו א קוק. דאָרט הייבט מען אָן ארויסלאָזן ניַיע פּראָדוקציע. ס׳וועט זיַין אינטערעסאַנט צו אַרבעטן"...

אין צעך האָט ער קיין באַזונדערע טעכניק ניט דערזען, דערפאַר אָבער אף שריט און טריט באַגעגנט באַקאַנטע כעוורע. איינער פון זיי — סעריאָזשע לאַגאַטשאָוו, מיט וועמען ער האָט אין איין ציַיט פאַרענדיקט דעם צענטן קלאַס, איז שוין א גאַנצן כוידעש געווען אן עלעקטראָמאָנטאַזשלער. „גיב די האַסקאָמע, ס׳איז א נאָרמאַלע אַרבעט!" — האָט יענער געייצעט וואָלאָדיען.

דער דעמאָלטיקער שעף פונעם צעך ראָמאַן אבראַמאָוויטש טשערעפּאַכין האָט אוועקגעשטעלט זיַין כסימע אף וואָלאָדיעס מעלדונג און קורץ געזאָגט: „נו, איז קום צו גיין. אפן ניַיעם באַצירק דאַרף מען האָבן מענטשן". קיין פריידיקע עמאָציעס האָט דער שעף ניט ארויסגעוויזן: דער ניַיבקער האָט נאָך אין ערגעץ ניט געאַרבעט, און וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר, איז נאָך אומבאַוווּסט.

אָט אזוי האָט זיך באַוויזן אפן טראַנספאָרמאַטאָר-באַצירק אין דער בריגאַדע רעליישטשיקעס א שעמעוודיקער, קאַרגער אף ווערטער, שילער. כוץ אים, זיַינען אין דער בריגאַדע געווען נאָך פינף מענטשן. וואָלאָדיע האָט ניט באַוויזן גליַיך צו פאַרגעדענקען זייערע נעמען. דער גורל האָט אים אונטערגעטראָגן אן עקזאַמען — א שטרענגן, פאַראַנטוואָרטלעכן, אומגעריכטן, און דעריבער נאָך מער שווערן: ער איז גליַיך, מאַכמעס פאַרשיידענע סיבעס, געבליבן אין דער בריגאַדע איינער אַליין. נאָך ניט זיכער געוווּסט, וויִאזוי מע הייבט אָן און וויִאזוי מע פאַרענדיקט צונויפלייגן דעם אגרעגאַט — א רעלע-פאַרטיידיקונגסשראַנק אף פיר הונדערט קילאָוואַט-אמפּער, האָט ער שוין געדאַרפט צושטעלן זעקס אַזעלכע קאַסטנס. וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? אז מע מוז, איז דאָך ניט שיַיעך. אַלעמאָל יוּעסטו ניט פרעגן בא דעם אָדער בא יענעם, וויִאזוי מאַכן דאָס אָדער יענץ. אַלע זיַינען פאַרנומען, קיין איבעריקע ציַיט פאַרמאָגט קיינער ניט. ס׳טרעפט, אז צווישן אנדערס גייט מען צו דיר צו אף א רעגע, מע שפּיליעט צו עטלעכע עקן דראָט, אַריַינשטעקנדיק זיי אין די קלעמען, אָדער מע טוט א טיטשע מיטן פינגער, אָנוויַיזנדיק אף עפּעס א פעלער, און וויַיטער בליַיבסטו נאָכאמאָל איינער אַליין מיט זיך.

און דאָך איז בא אים ניט אופגעקומען קיין פאַרלאַנג ארויסצוקערעווען זיך און אוועק. פאַרקערט, ערגעץ אינווייניק אין דער טיף האָט זיך שוין אָנגעצונדן און געגומען פלאַקערן שטאַרקער און שטאַרקער א קאַלט בלוי אַזאַרט-פיַיערל. „פאַרוואָס זאָל איך ניט קענען? — האָט ער געריידט צו זיך אַליין. — אנדערע זיַינען דאָך בעקויעך, הייסט עס, אז אויך איך װעל זיך ספּראַווען..."

נאָכאמאָל, ווידעראמאָל, דאָס צענטע, דריַיסיקסטע, הונדערטסטע מאָל קריכט ער אַריַין מיטן קאָפּ אינעם גרייטן שראַנק, שפּירט אפּדאַסניַי, זוכט, דעשיפרירט די כיטרע איבערפלעכטן פון דער לייטונג, קלערט, באַרעכנט, באַטראַכט, וויִאזוי זיך באַגיין מיט די ציטערנדיקע, בייס מע רירט זיך צו זיי צו, דראָטן. ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל איז אויסגעקומען זיך אומקערן אף צוריק און איבערמאַכן די שוין גאַנץ פאַרטיקע, דאַכט זיך, פּראָדוקציע. דאָס, וואָס מע האָט געדאַרפט אף שריט און טריט לייזן רעטענישן, איז בעפיירעש געווען פאַרכאַפּנדיק, צוציִענדיק, צומאָל פלעגט עס זיך פאַרוואַנדלען אין א שפּיל,

צומאָל — אין אַ פֿאַרביטערטן געראַנגל: „אַהאַ, איר — אַזוי? וועל איך מאַכן קאַפּויר! איר — אַהער, וועל איך — אַהין!"

דער ערשטער זעלבשטענדיק צונויפֿגעשטעלטער שראַנק — איז שוין עפּעס־וואָס די וועלט. אָבער זעט נאָר, וויפֿל צײַט אָט די שטאָלענע באַשעפֿעניש האָט אויפֿגעפֿרעסן! אַזוי וועט ער דאָך גאָרנישט ניט באַווײַזן אויפֿצוטאָן: ביזן סאָף כוידעש מוז מען אוועקשטעלן אויף די פֿיס נאָך פֿינף אַזעלכע שאַפֿעס! זונטיק איז זײַן אָפּרו־טאָג. ניט געפֿרעגט בײַ קיינעם, קומט צו גיין וואָלאָדיאַ אין צעך און נעמט זיך צום צווייטן קאַסטן.

דער מײַסטער וויאַטשעסלאַוו קאָטשערענקאָ פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט צוגיין צו אים, פֿאַרינטערעסירט אַ פֿרעג טאָן, ווי עס גייט, און שפּאַנען ווײַטער, זאָגנדיק דערבײַ איינע און די זעלבע ווערטער: „נו, קוועטש, האָב קיין פֿאַריבל ניט, מיט אַלע קויכעס..."

אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר די זעקס רעלע־קאַסטנס איז ער, וואָלאָדיאַ, מעכויעוו מאַכן, און צו דער צײַט. ניט בלויז דערפֿאַר, ווײַל די זאַוואָד־פֿאַרוואַלטונג לאָזט ניט צורו דעם שעף פֿונעם צעך, פֿאָדערט בײַ אים די פּראָדוקציע. וואָלאָדיאַ דאַרף, ער מוז זיך ספּראַווען מיט דער פֿאַרגעבונג, קעדיי צו דערווערבן דאָס רעכט קוקן אויף זיך אַליין מיט אָפּשײַ. זײַן גאַנץ וועזן האָט ער אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט, ער באַמערקט גאָרניט און קיינעם ניט, כוץ זײַנע קאַסטנס. אַ שאָ נאָך אַ שאָ און אַ טאָג נאָך אַ טאָג, ער פֿילט ניט, ווי עס פֿליט די צײַט, דער כעזשבן בײַ אים גייט אויסשליסלעך לויט די שראַנקען. אָט איז געבליבן אוועקשטעלן אויף די פֿיס פֿיר שאַפֿעס, און אָט שוין נאָר פֿערטהאַלבן, דערנאָך — דריטהאַלבן, דרײַ...

צומאָל פֿלעגן זיך אַרום אים צונויפֿזאַמלען כעווירע פֿון די שכיינעסדיקע באַצירקן און פֿאַרפֿירן אַ פֿריילעכן שמועס:

— הער אויס, וואָלאָדיאַ! טשעפּע זיך אָפּ פֿונעם קאַסטן. וואָס פֿאַר אַ ראָע האָט ער דיך אָנגעטאָן? גענוג זיך איבער אים איזדיעקעווען...

— ס'איז נאָך ניט פֿעסטגעשטעלט, ווער איבער וועמען...

דעם זעקסטן קאַסטן האָט וואָלאָדיאַ פֿאַרענדיקט אין דער לעצטער נאַכט פֿונעם כוידעש. אין צעך איז קיינער ניט געווען, כוץ דער שטילקײַט, וועלכע האָט גערן אַרײַנגעלאָזן אַהער דער איבערקלאַפּ פֿון די פֿאַרבײַגייענדיקע דערנעבן צוגן און די באַסאָווע סיגנאַלן פֿון די טעפּלאָוואָזן. די שלעפֿעריקײַט איז אַנטרונען, האַגאַם אין קאָפּ האָט געקלונגען. וואָלאָדיע האָט געאַרבעט רויִק און זיכער. איצט האָט ער געוווּסט ניט נאָר וואָס צו טאָן, נאָר אויך וויִאַזוי צו טאָן, ער האָט פֿאַרשטאַנען זײַנע קאַסטנס, ער האָט זיי שוין געפֿילט.

דער מײַסטער, וועלכער איז פֿונדעסטוועגן צוגעגאַנגען צו וואָלאָדיעס אַרבעטס־אָרט, האָט קיין הוראַ־געשריי ניט אויפֿגעהויבן, ווען ער האָט באַקומען פֿון האַנט צו האַנט דעם זעקסטן קאַסטן. אַלץ איז ריכטיק, אַלץ האָט געדאַרפֿט זײַן אַזוי, אַנדערש האָט דען געקאָנט זײַן? נאָר ביכלאַל איז וואָלפֿסאָן אַ יאַט, אַן עכטער אַרבעטס־מענטש, מיט איין וואָרט — דאָס, וואָס מע דאַרף...

וואָלאָדיע האָט געזיגט, דאָס איז געווען אַ דערפֿאָלג, אַ זיג, אַ זיג פֿאַר זיך און איבער זיך — דער סאַמע גרעסטער און דער סאַמע שווערסטער זיג.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, דעם 13 אויגוסט — ער האָט פֿאַרגעדענקט די דאַטע: זײַן געבורטסטאָג! — זײַנען אין צעך געקומען דרײַ מיידלעך, וועלכע האָבן פֿאַרענדיקט די קאָמסאָמאָלסקער־אויפֿן־אַמור פּראָפֿעסיאָנעל־טעכנישע שול. שפּעטער האָט זיך געיאַוועט אַ באָכער, ליאָניע שיימאַן, געווען איז ער, ווײַזט אויס, אין איין עלטער מיט וואָלאָדיען. דער מײַסטער קאָטשערענקאָ האָט באַטראַכט אַלעמען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, געבליבן צופֿרידן:

— אַזאַ מין, הייסט עס, אײַניען. איצט זײַט איר אַ בריגאַדע. און דו, וואָלפֿסאָן, ווי־באַלד דו האָסט שוין אָפּגעדינט אין צעך אַ כוידעש מיט אַ מיטוואָך, וועסטו זײַן, הייסט עס, דער עלטסטער. אַזויאַרום, כעווירע, האָט ניט קיין פֿאַריבל, קוועטשט, וויפֿל ס'איז פֿאַראַן קויכעס.

אַ בריגאַדע — איז אַ בריגאַדע. זאָלבעפֿינף איז געוויס בעסער איידער איינער אַליין. יאָ, אָבער פֿינף מאָנטאַזשניקעס זײַנען בלויז פֿינף. דאָס איז נאָך ניט קיין בריגאַדע, זי דאַרף ערשט קאָנסאָלידירט ווערן. פֿון וואָס זשע אָנהייבן, אויב דו אַליין ווייסט נאָך דערווײַל ביז גאָר ווייניק?

„קוידעמקאָל, — קלערט וואָלאָדיע, — מאַך ניט קיין אָנשטעל, אַז ביסט אַ וויכטיקער נאַטשאַלניק. דײַן בריגאַדירשאַפֿט איז בלויז אַ פֿליכט. דו ביסט אַזאַ מין אַרבעטער, ווי אַלע אַנדערע. ווען ס'וועט זיך דיר אײַנגעבן באַפֿרײַנדן די כעווירע, דעמלט..."

דער סאַנטעכניקער יורי ווײַסערמאַן

די נייטערן פֿאַינע בערקאָווסקאַיאַ

די שטריקלערן קלאַוודיע עסטיס

בעהאדראַגעדיק קלאָרן זיך אויס יעדנס פֿעיִקייטן און נייגונגען. די מיידלעך אַרבעטן מיט דער לייטונג גיך און אַקוראַט: איין עק צום מאַכשיר, דער צווייטער — אין קלעם. ווערטפֿול האָט זיך אַרויסגעוויזן ליאַניע שיימאַנס עסטעטישער כוש. ער לייגט באַזונדערס שיין צונויף די פֿילקאָלירקע דראָטן, ביז איצט קאָן דאָס קיינער אַזוי ניט טאָן!

באַזונדערס גוט האָט געאַרבעט טאַניע. איינגיכן האָט זיך אויסגעקלאָרט, אַז נאָך איר איז קיין שום טעכנישער קאָנטראָל ניט נייטיק. אַפֿילע ליאַניע איז ניט געווען בעקויעך זיך צוטשעפּען צו איר. ווער ווייסט, עפּשער איז טאַקע אָט דער אומשטענד געוואָרן די סיבע פֿון דעם, וואָס טאַניע האָט געביטן איר פֿאַמיליע אויף דער פֿאַמיליע שיימאַן...

שוין אינעם ערשטן כוידעש פֿון איר עקזיסטענץ האָט די בריגאַדע אויסגעפֿילט דעם פּלאַן — 21 שראַנקען! דאָס איז געווען אַ זיג. אין צעך אָבער האָט מען אופֿגענומען און אָפּגעשאַצט דעם דערפֿאָלג לאַכלוטן ניט ווי אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש. סע הייסט, אַז מע גלייבט זיי ערנסט, זיי זײַנען עפּעס די ווערט!

פֿונעם נײַעם יאָר איז דער בריגאַדע-פּלאַן קימאַט פֿאַרדאָפּלט געוואָרן — 35 שאַפֿעס. עס זײַנען אָנגעקומען נײַע אַרבעטער — די געוועזענע סאָלדאַטן פּאַוועל גרינבערג און סאַשע באַטמאַן. אין צעך האָט מען זיך שוין צוגעוווינט צו דעם, אַז באַאומרויִקן זיך מאַכמעס די רעלעשאַפֿעס דאַרף מען ניט, זיי וועלן זײַן. די יוגנטלעכע בריגאַדע איז אָנערקענט געוואָרן.

דעם זאַוואָד האָט מען אָנפֿאַרטרויט צו פּראָדוצירן טראַנספֿאָרמאַטאָרישע אונטערסטאַנציעס אויף 1000 קילאָוואַט-אַמפּער. וואָס עס איז אַזעלכס, האָט קיינער אין וואָלפֿסאָנס בריגאַדע קיין אָנונג ניט געהאַט, אָבער נײַע פּראָדוקציע — דאָס איז שוין אַן און פֿאַר זיך אינטערעסאַנט.

איינגיכן האָט מען אין צעך געבראַכט אַ מוסטער פֿון דער מאַשין און אירע סכעמעס. דאַרף מען זיי באַהערשן! באַהערשן, פֿאַרשטייט זיך, איז פּרינציפּיעל אַ מעגלעכע זאַך: סאַפּקאָל-סאָף קאָן מען פּאַשעט נעמען און מאַכן אַ קאָפּיע, ס'איז גאַרניט אַזאַ מין כיטרער איניען. נו, און אויב אַ פּרוּוו טאָן מאַכן בעסער, איידער דער מוסטער? ווי קלערן די כעווריע? עפּעס קאָן שוין די בריגאַדע יאָ אויפֿטאָן!

וואָלפֿסאָן און זײַנע כאַווײרים האָבן דורכגעמאַכט די נייטיקע צוגרייטונגס-אַרבעט, אַרײַנקוקנדיק אין פֿאַרשיידענע סכעמעס און טאַבעלן, פֿאַרגלײַכנדיק די נאָרמאַטיוון מיט דער פֿאַקטישער עקספּאָזיציע פֿון די דראָטן און מאַכשירים אינעם עקספּערימענטאַלן מוסטער. ווײַטער האָט מען אויף קאַרטאָן אָנגעצייכנט די לאַגע פֿון יעדן דרעטל, פֿון יעדן מאַכשיר. אַלץ האָט מען אויפֿן

קאַרטאָן געמאָלט פּינקטלעך, נאָר דערבײַ איז ניט דורכגעלאָזט געוואָרן קיין מינדסטע מעג-
לעכקײַט אַרײַנצוטראָגן פֿאַרבעסערונגען: אָט דעם מאַכשיר א רוק טאָן עטוואָס אין א זײַט
און העכער, יענעם דראָט דורכפֿירן קירצער און אוועקלייגן שענער... ווען מיטן קאַרטאָן האָט
מען זיך אָפּגעפֿאַרטיקט, איז מען איבערגעגאַנגען צום פּלאַסטיק — אַקוראַט איבערגעטראָגן
אויף אים דאָס גאַנצע אָנגעמאָלטע אויפֿן קאַרטאָן שפּינוועבס. אין א וואָך אַרום איז געווען גרייט
די גאַנצע רעלע-פֿאַרטיידיקונג פֿון די ערשטע דרײַ שראַנקען — דעם אַרײַנפֿירנדיקן, דעם
ליניישן און דעם סעקציאָנעלן. זייער אַרבעט האָבן ווּלפֿסאָן און זײַנע כאַווייִרים פֿאַרענדיקט
פֿאַרן טערמין.
ווען די אויספּרוּוון פֿונעם נײַעם טראַנספֿאָרמאַטאָר האָבן זיך פֿאַרענדיקט, איז געוואָרן
קלאָר, אַז דער זאַוואָד האָט דערהאַלטן א זיג — די בירעבידזשאַנצעס זײַנען בעקויעך
פּראָדוצירן א קאָמפּליצירט ווערק פֿון דער הײַנטצײַטיקער טעכניק. די שטימונג בא אַלעמען
איז געווען א דערהויבענע: די קאָמיוגישע בריגאַדע שלאָסער-עלעקטראָמאָנטאַזשניקעס —
אַזא מין נאָמען האָט מען איצט אָפּיציעל צוגעייגנט ווּלפֿסאָנס בריגאַדע — האָט אַרײַנגע-
בראַכט איר בײַטראָג אינעם דערפֿאָלג!

צו אָט דער צײַט איז וואָלאָדיע ווּלפֿסאָן געוואָרן א מאַן און א טאַטע. א צופֿעליקע
זומערדיקע באַקאַנטשאַפֿט אין א פֿריילעכער קאָמפּאַניע מיט דער „פֿראַנצויזערן" אַלאַ, דער
סטודענטקע פֿונעם פֿראַנצויזישן אָפּטייל אינעם אירקוטסקער אוניווערסיטעט, האָט אַרויס-
גערופֿן א קעגנזײַטיקע סימפּאַטיע און דערנאָך — א פֿעסטן געפֿיל. צעשיידן זיך איז גע-
וואָרן זינלאָז. אַלאַ האָט פֿאַרגעזעצט איר לער הינטער-אויגיק. אינגיכן איז געקומען אויף
דער וועלט גרישע, א ליבלינג פֿון די עלטערן און א יאַכסן בא באָבע-זיידע. אָנגערופֿן
האָט מען דאָס קינד לעקאָוועד דעם עלטערזיידן — גריגאָרי וולאַדימיראָוויטש ווּלפֿסאָנען,
וועמען מע געדענקט דאָ אין בירעבידזשאַן אַלס שעף פֿונעם צוג, וועלכער האָט אין
אין 1948 יאָר געבראַכט אַהער, אין בײַאַמורער קאַנט, ייִדישע מישפּאָכעס פֿון דער רוויִנירטער
בײַס דער מילכאָמע ניקאָלײַעוּוער ערד.
געענדערט האָט זיך אַליין וואָלאָדיע: נאָך דער אַרבעט וויניקער זיך פֿאַרהאַלטן לעבן
וואָליבאָל-פּלאַץ, ס'האָט אים געצויגן אַהיים צו דער פֿרוי, צום יוירעש, צום שרײַבטיש,
ווּ עס האָבן אויף אים געוואַרט לערנביכער — ער איז ווידער געוואָרן א סטודענט, איצט
שוין פֿונעם מעכאַנישן טעכניקום. נײַע דײַגעס, נײַע פֿליכטן. די פֿאַרשײַטע יוגנט האָט
בעהאַדראָגעדיק אָפּגעטראָטן דעם וועג דער רײַפֿקײַט — פּראָפֿעסיאָנעלער, מענטשלעכער,
בירגערלעכער.
צום נײַעם יאָר האָט מען אָפּגעפּראַוועט א כאַנוקאַס-האַבאַיִס: דעם לאַנג שוין צוגע-
זאָגטן קאָרפּוס פֿון א נײַעם צעך. אינעם אַלטן איז טאַקע געווען אַן ענגשאַפֿט.
דער פּלאַן פֿון דער בריגאַדע איז איצט היפּש פֿאַרגרעסערט געוואָרן — ביז 75 שאַ-
פֿעס. די אַדמיניסטראַציע האָט געמוזט מאַסקים זײַן, אַז ניט וויניקער ווי צוועלף מענטשן
דאַרף מען האָבן, קעדיי דעם דאָזיקן פּלאַן אויספֿילן.
צוביסלעכווײַז ווערט די בריגאַדע פֿאַרוואַנדלט אין א גרויסן און קאָמפּליצירטן אָרגאַ-
ניזם מיט א קאָנסטאַנטן באַשטאַנד פֿון אַן ערעך צוואַנציק אַרבעטער. אָנפֿירן מיט אַזא
קאָמאַנדע ווערט אַלץ קאָמפּליצירטער: סײַ די מענטשן זײַנען פֿאַרשיידענע, סײַ די אַרבעט
א קאָלערלייִקע, און די דערפֿאַרונג איז בא יעדן אַן אינדיווידועלע, און די קענטעניש —
ניט קיין אַלציינע. עס זײַנען אויסגעוואַקסן די פֿליכטן פֿונעם בריגאַדיר: צעטיילן די אַרבעט,
באַזאָרגן מיט מאַטעריאַלן, ענטפֿערן אויף אַלע פֿראַגעס, אַליין אַרײַנטאָן זיך אין דער צונויפֿ-
שטעלונג פֿון די שראַנקען און טראַנספֿאָרמאַטאָרן. כוץ דעם, האָט מען געדאַרפֿט פֿעסט-
שטעלן די קוואַליטעט פֿון דער פּראָדוקציע, די מאָס פֿון דער מי, וואָס יעדערער באַזונ-
דער לייגט אַרײַן אין דער אַלגעמיינער אַרבעט — דאָס הייסט אָנמערקן דעם פֿאַרדינסט
פֿון יעדערן, דעם געהאַלט. בעהאַדראָגעדיק קומט ווּלפֿסאָן צום אויספֿיר, אַז זײַן פֿער-
זענלעכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין דער בריגאַדע, דעקט
שוין ניט די באַדערפֿענישן. באַנוגענען זיך איצט מיט דעם, אויף וואָס ער איז פֿעיִק, קאָן
מען שוין ניט, מע דאַרף עס דערגאַנצן מיט נאָך עפּעס.
אין דער בריגאַדע איז אַנומלטן אָנגעקומען א כעווערמאַן, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג
פֿאַרענדיקט די מיטלשול. ער האָט געטרוימט ניט אויף לאַנג זיך פֿאַרהאַלטן אין דער בריגאַ-
דע: געאַרבעט — ניט אַרײַנגעטאָן די האַנט אין קאַלטער וואַסער, געפּראַוועט פּוילע שטיק.
א סוואָרע, געוואַרט בלויז אויף דער צײַט, ווען מע וועט קאָנען, אָנעמענדיק א פּראָדוציר-

סטאזש, אָנקומען אין היוכשול. איינמאָל, קיינעם ניט געוואָרנט, פאַרלאָזט ער זײַן ארבעטס-אָרט און גייט ערגעץ אוועק.

— ווו ביסטו געווען? — האָט אים געפרעגט וואָלפסאָן.

— ווו מע האָט געדאַרפט, דאָרט בין איך געווען!

— אויב אזוי, פאַרעכן איך דיר ניט אָט דעם ארבעטס-טאָג.

— איז א גרוס דער מומע — איך גיי אהיים!

דוכט זיך, אַלץ איז ריכטיק: געבראָכן די דיסציפּלין, אָפּגעזאָגט זיך דערקלערן די סיבע פון דעם. אָן א באשטראָפונג טאָר מען אזא האנדלונג ניט איבערלאָזן. פונדעסטוועגן, אין דער טיפעניש פון דער נעשאַמע איז געבליבן א צווייפל: עפשער בייגט ער איבער? עפשער וואָלט מען געדאַרפט ניט לייזן אַליין? פאַרוואָס טאַקע — אַליין? ס'איז ניטאָ דען מיט וועמען זיך האַלטן אן אייצע? עפשער שאַפן א סאָוועט פון דער בריגאַדע?

די פאַרזאַמלונג פון דער קאָמיוגישער גרופּע שטיצט וואָלאַדיעס פאָרשלאָג צו גרינדן א סאָוועט פון דער בריגאַדע. מע האָט זיך צונויפגעפרעגט, אז די מיטגלידער פונעם סאָוועט וועלן זײַן דעם בריגאַדירס געהילפן סײַ אין דער אָרגאַניזירונג פון דעם אַרבעטס-פּראָצעס, סײַ אין פּראַט פון אונטערהאַלטן די דיסציפּלין, סײַ אין דער אָפּשאַצונג פון דער מי.

יעדן סאָף כוידעש גיט אָפּ דער בריגאַדיר א באַריכט פאַרן סאָוועט — קוידעמקאָל וועגן דעם, וויפל דאַרף די בריגאַדע אײַנגאַנצן באַקומען געהאַלט, וויפל האָט יעדערער באַזונדער פאַרדינט, וועלכע איז די קוואַליטעט פון דער אָפּגעטאָנענער ארבעט. די מיט-גלידער פונעם סאָוועט שטעלן פראַגעס, אַלץ ווערט באַהאַנדלט, און מע נעמט אָן א באַ-שלוס. לעכאַטכילע פלעגט די באַהאַנדלונג זײַן א לאַנגדויערנדיקע, מיט באַמערקונגען און שטרײַטן. וואָלפסאָן איז געווען צופרידן: זייער גוט! איין זאַך איז, אז דער בריגאַדיר זאָגט אונטער עפּעס עמעצן, א צווייטע זאַך, ווען פון אים פאָדערט דאָס זעלבע זײַן כאַווער. ערשט נאָך דער באַהאַנדלונג אפן סאָוועט פלעגט דער טאַבעל איבערגעגעבן ווערן דעם מײַסטער.

לאָזט זיך אָבער אויס, אז אפילע דער סאָוועט גאַראַנטירט ניט קיין איינהײַטלעכע מיינונג — באַליידיקונגען זײַנען אזוי אָדער אנדערש אנטשטאַנען. דעמלט איז אײַנגעפירט געוואָרן נאָך איין שטאַפל — דעם באַשלוס פונעם סאָוועט גיט מען איבער אף א דיסקו-סיע דער גאַנצער בריגאַדע. ביסטו ניט מאַסקים — דערוויידער, דערווײַז, אז דו ביסט גע-רעכט און אז דער סאָוועט האָט זיך טויע געווען. „אַלע אײַניינעם — ניט באַוואָלען קיי-נעם", אזא איז געוואָרן דער ניטגעשריבענער געזעץ אין וואָלפסאָנס בריגאַדע.

אין דער בריגאַדע באַזוכן פינף כעווירע די שול פאַר ארבעטער-יוגנט און פיר, בעסוי-כעם דער בריגאַדיר, פאַרענדיקן דעם טעכניקום.

וואָלפסאָנס דיפּלאָם-ארבעט איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער עלעקטראָ-באַזאָרגונג פונעם צעך. אזויאַרום האָט וואָלאַדיע אפילע בייס דער לער ניט צעשיידט זיך מיט די פּראָבלעמען פון זײַן באַצירק. ער האָט געשריבן דעם דיפּלאָם גערן, מיט פאַרגעניגן. פאַר-שטייט זיך, ניט בלויז דער טיטל טעכניק-עלעקטריקער האָט אים צוגעצויגן און ניט נאָר די קאָנקרעטע קאָנטאַקטן מיט זײַן פּראַקטישער טעטיקייט אַלס בריגאַדיר האָבן אים מאָ-ביליזירט. ער האָט מאַמעש געפילט, ווי אין גאַנג פון דער ארבעט איבערן דיפּלאָם ווערט ברייטער און טיפער זײַן וועלט-אָנשויונג, בעסער און קלאָרער פאַרשטייט ער די פּראָדוציר-פּראָגן. ס'איז פּאַראַדאָקסאַל, נאָר אַליין די פאַרטיידיקונג פונעם דיפּלאָם, די ארויסלאָזן-עקזאַמענעס האָבן זיך ניט פאַרגעדענקט. ווײַזט אויס דערפאַר, ווײַל עס האָט זיי פאַר-שאָטנט א מער וויכטיקערע, מאַמעש א מערקווירדיקערע געשעעניש.

צו וואָלאַדיען זײַנען שוין א לענגערע צײַט דערגאַנגען פאַרנעפּלטע אָנצוהערענישן. איינער, באַגעגענענדיק אים, פרעגט פאַרוואונדערט: „ביסט דען ניט אין מאָסקווע? סטיײַטש?.." א צווייטער, פאַרבײַגייענדיק, טוט אים פילבאַדײַטנדיק א ווונק: „מאַזלטאָוו!" א דריטער רוימט אים אײַן אין אויער, אז דאָס מיניסטעריום איז בעדייע ארויסצושטעלן זײַן בריגאַדע אף באַקומען עפּעס א באַלוינונג...

אין איינעם א זונטיק צעקלינגט זיך אין שטוב דער טעלעפאָן. וואָלאַדיע נעמט דאָס טרײַבל און דערהערט אן אויפגערודערט קאָל. עמעצער דערציילט אים די נײַס, אז אין דער צײַטונג איז פאַראַן א מיטיילונג וועגן קאָמיוגישע פּרעמיעס... דאָרט איז אָנגעשריבן: „וולאַדימיר וואָלפסאָן, בריגאַדיר"...

— דאָס זײַט איר דאָך, טײַערער כאַווער, זאָל אײַך גאָט געבן געזונט און לאַנגע מאַזלדיקע יאָר...

וואָלאָדיע האָט ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפֿערן.

אַף מאָרגן איז צו די מאָנטאַזשניקעס געקומען דער צעך־שעף, ער האָט די בריגאַדע באַגריסט און פֿאָרגעלייענט אַ טעלעגראַמע פֿון מאָסקווע. אַזוי און אַזוי, דעם בריגאַדיר פֿון די עלעקטראָמאָנטאַזשניקעס... די פּרעמיִע פֿונעם לענינישן קאָמסאָמאָל... דער לאַוראַאַט דאַרף קומען קיין מאָסקווע, אין האָטעל „ראָסיִא", מײַרעוודיקער פֿליגל... די ווערטער שעמערירן, אײַלן זיך. וואָלאָדיען נעמט מען אַרום, מע פּאַטשט אים איבערן אַקסל, מע קוועטשט די האַנט. ער ענטפֿערט מיט אַ שמייכל — צעשטרייט און עטוואָס פֿאַרלאָרן באַדאַנקט ער.

ווײַטער וויקלען זיך פֿאַנאַנדער די געשעענישן קינעמאַטאָגראַפֿיש גיך: אין אָוונט איז שוין וואָלאָדיע אין כאַבאַראָווסק, די נאַכט פֿאַרברענגט ער אין אַעראָפּאָרט, קאַיאָר פֿליט ער אַרויס מיטן מאָסקווער רייס, נאָר זײַן לײַנער נעמט אויף לענינגראַד. פֿון דאָרטן, אַף אַן אַנדער אַעראָפּלאַן, דערקלײַבט ער זיך צו נאַכט־צו קיין מאָסקווע, ווו עס זוכן אים שוין די באַאומרויִקטע קרוווים.

אינדערפֿרי, אין מיניסטעריִום פֿון עלעקטראָטעכנישער פּראָדוצירונג, ווערט פֿײַערלעך איבערגעגעבן וואָלפֿסאָנען דער דיפּלאָם און דער צייכן פֿון אַ לאַוראַאַט. דערבײַ זײַנען בײַוועזנד מיטגלידער פֿון דער רעגירונג — מיניסטאָרן און זייערע פֿאַרטרעטער. מיט אַ וואַרעמער באַגריסונג טרעט אַרויס דער סעקרעטאַר פֿונעם צענטראַלקאָמיטעט פֿון קאָמיוג. מע פֿאָטאָגראַפֿירט זיך אַף אַן אָנדענק. מע שמועסט בײַ אַ געדעקטן טיש. דער מיניסטער שענקט וואָלאָדיען אַ ווערטפֿולע מאַטאָנע.

און אָט איז ער שוין ווידער אין אַעראָפּלאַן...

אַף אַלע פֿראַגעס, אינדערהיים, ענטפֿערט ער קורץ, לאַקאָניש. דערנאָך גייט ער אַוועק אַפֿן זאַוואָד, ברענגט אַהין דעם דיפּלאָם מיטן צייכן. („איך באַרים זיך ניט. פּאָשעט, איר האָט עס פֿאַרדינט ניט ווייניקער, ווי איך".) ער קלאָרט אויס, וויִאַזוי די בריגאַדע האָט אָן אים געאַרבעט, וויפֿל שראַנקען צונויפֿגעשטעלט, צי ס׳איז פֿאַראַן אַ רעזערוו, צי ס׳איז, כאָלילע, ניט קראַנק בײַ עמעצן אַ קינד... דורכגעשמועסט זיך, און גענוג. די פּרעמיִע האָט מען געגעבן אַלעמען — ניט נאָר פֿאַר דער אָפּגעטאָנענער, אויך אַלס אַוואַנס פֿאַר דער קינפֿטיקער אַרבעט.

זעקס אַזייגער גאַנצפֿרי — אַראָפּ פֿון בעט, אַפֿגיך איבערגעביסן (אַ בוטערבראָד, אַ גלאָז טיי), שפּאַנט וואָלפֿסאָן אַן ערעך אַ קילאָמעטער צום זאַוואָד. אַ גוטע פֿיזישע איבונג, און די בעסטע צײַט באַקלערן די וועלט...

דער עלעקטראָמאָנטאַזשלער דמיטרי ווייס

דער טורבין־שלאָסער יאַקאָוו בישעווסקי

דער טערמיסט מיכאיל ווייזילטיר

דער בריגאַדיר ארבעט, און אין דער בריגאַדע טוט יעדערער זײַנס. באַנאַנד מיט די דערפאַרענע מאַנטאַזשניקעס שטייען די נײַינקע, ווען עמעצער פרעגט אמאָל, וואָס עס איז דאָס סאמע וויכטיקסטע אין זייער פּראָפעסיע — די ריִע, אָדער די פינגער, צו עפשער גאָר אַן אנדער זאַך, ענטפערט געוויינלעך וואָלפסאָן: דאָס וויכטיקסטע איז דער ווילן. ווילסטו ארבעטן גוט, וועט אַלץ קומען דערנאָך. ווילסטו ניט, וועט דיר גאָרנישט ניט העלפן — ניט דײַן ריִע, ניט דײַנע פינגער.

א טאָג נאָך א טאָג און א וואָך נאָך א וואָך, עס פליִען כאדאָשים און יאָרן: זעקס יאָר זײַנען אדורך! דאָס זײַנען געווען יאָרן פון רײַף ווערן. וואָלפסאָן איז געוואָרן אַן אנערקענטער מײַסטער. ארבעטנדיק לײַדנשאפטלעך, האָט ער דערצויגן סײַ זיך, סײַ זײַן קאָלעקטיוו. דער נעכטיקער דערפאָלג קאָן שוין ניט באפרידיקן דעם הײַנטיקן טאָג, מאָרגן מוזן זײַן נײַע דערגרייכונגען. וואָלפסאָן שלײַפט זײַן וועלט-אָנשויונג, פארגרעסערט די פאָדערונגען — צו זיך אַליין און צו זײַנע כאוויירים.

יעדן זונטיק לאָזט זיך אוועק וואָלאדימיר מיטן זון אף א שפּאציר. זיי פארקערעווען געוויינלעך צום זאוואָד-הויף.

— פּאפּא, דאָס איז דײַן ארבעט? דײַן צווייטע היים?

— יאָ, קינד מײַנס... כ'האָב דאָ באשאפן זיך אַליין...

ווענן דער היים איז דער איניען קלאָר, נאָר וואָס שײַעך באשאפן זיך אַליין, דאָס קאָן נאָך גרישענקע דערווײַל ניט באנעמען, און ער פארטראכט זיך ערנסט, קנייטשט אָן אפילע דעם שטערן...



בירָאבידזשאַנער נײַבויונגען.
געמעל פון א. עסקין.

נאָכעם מיזרעך

א מישפּאָכע-כראָניק

אמאָל, אין די גאָר אלטע צײַטן, איז בא זיי געווען א געווייינלעכער שטעטלשער פאַמיליע-נאָמען — שויכעט. איבערגעאנדערשט האָט מען אים שוין באם זיידן היליע.

וויזוי איז דאָס געשען? ס'איז א גאנצע מײַסע. א מײַסע מיט א נײַעם, נאָרוואָס פון דער נאָדל ארויס, געגעראלישן מונדיר, און ניט פאר אבי-וועמען, אליין פארן ראטגעבער פון זײַן אימפּעראטאָרישער הויכהײַט אנדריי אנדרייעוויטש קושעליאָוו. זייער עקסעלענץ האָט פונקט געלאָזט זיך ווילגיין, אופנעמענדיק זון-וואנעס אפן ריגער שטראנד, און פארייניוועגס האָט ער באשטעלט א נײַעם מונדיר בא א באוווּסטן אין שטאָט שנײַדער, א ייִדן, א באלעבאָס פון א פעשענעבעלער אטעליע. אויספילן די דאָזיקע באשטעלונג איז אָנגעטרויט געוואָרן דעם בעסטן מײַסטער אין אטעליע, דעם גאנץ יונגן היליע שויכעט. יענער, אז ער האָט ארויסגעלאָזט פון האנט א שטיקל ארבעט, האָט עס אראָפּגעזונגען פונעם באשטעלער, און מער ווי איין מאָל אראָפּנעמען די מאָס האָט ער ניט געדארפט.

צום אָפּגערעדטן טערמין איז דער מונדיר געווען פארטיק, און טאקע אים, היליען, האָט מען געשיקט אים אָפּטראָגן.

קושעליאָוו האָט זיך געפונען דאן בא זיך אינעם גוט, וועלכן ער האָט אויסגעוווּנען אין קאָרטן. ער איז געווען העכסט צופרידן מיט אָט דעם פײַנעם גוט אפן לינקן ברעג פון דער מײַרעוו-דווינע. פארן פריִערדיקן באַזיצער איז עס פּאָשעט געווען אן אָרט פאר אָפּרו. דער נײַער באלעבאָס, א מענטש מיט א ברייטן פארנעם, האָט דאָ גענומען פירן גרויסע וואלד-געשעפטן. עס האָבן זיך געפּאָדערט ארבעטס-הענט, און פון די ארומיקע דערפער און שטעטלעך האָבן זיך א צי געטאָן אהער באטראקעס, אָרעמעלײַט. מע האָט גענומען שטעלן הײַזקעס, כאלופּעס. מיט דער צײַט זײַנען אופגעקומען גאנצע גאסן און געסלעך. לעקאָוועד דעם באלעבאָס האָט מען דעם יישעוו אָנגערופן „אנדרייעוואָפּאָליע” (די קינפטיקע שטאָט אנדרעאָפּאָל).

אין רעכטן ברען פון די אלע געשעפטן האָט אינעם הויכן געשניצטן טויער פון קושעליאָווס גוט אָנגעקלאַפּט דער ריגער שנײַדער. מע האָט געגעבן צו וויסן דעם גענעראל, און יענער האָט באפוילן באווײַזן דעם אופגענייטן בעגעד. אָנגעמאָסטן — כאָטשבי ערגעץ א מינדסט קנייטשעלע...

— דאָס האָסטו גענייט? — האָט דער גענעראל א פרעג געטאָן בא היליען.

— איך.

— קענסטו דאָך די מעלאָכע! — און גלײַך פאָרגעלייגט: — קלײַב זיך אריבער אהער. שפּײַ זיך אויס אף דײַן איצטיקן, ווי רופט מען אים, דעם באלעבאָס דײַנעם, און הײַדא אהער, נעענטער צו מיר.

— א גרויסן דאנק, אײַער עקסעלענץ, — האָט געענטפערט דער שנײַדער, — נאָר דאָס דאָזיקע אָרט אײַערס געפינט זיך אויסערן טכום, און ייִדן טאָרן דאָ ניט וווינען.

— אזוי גאָר? הער א מײַסע, — האָט זיך א כאַפּ געטאָן דער גענעראל. — וועלן מיר עפּעס צוטראכטן. כ'וועל זאָגן דעם אוריאדניק... ווי איז דײַן פולער נאָמען?

— שויכעט היליע זײַוועלעוויטש.

— איז פון הײַנט אָן, — האָט באפוילן דער גענעראל, — אויס היליע און אויס זײַוועלעוויטש. פון הײַנט אָן ביסטו איליא זאַכאראָוויטש. און די פאמיליע, לאָמיר זאָגן, וועט זײַן, — ער האָט זיך אף א ווײַלע פארטראכט, — שאָכטאָוו. געמאכט?

היליע האָט ניט געוווּסט פון וואָס צו זאָגן, נאָר אז א גענעראל באפוילט... דער ריגער באלעבאָס פון דער אטעליע האָט געהאט א קנאַפּן כיישעק אָנצוּווערן אזא גאָלדענעם ארבעטער, ביפראט, אז וואָס האָט ער צו אים דערלייגט? צוריק מיט יאָרן האָט ער ארײַנגענומען אין שטוב א יאָסעמל, אים אויסגעלערנט די מעלאָכע און ניט געצאָלט אים קיין פּרוטע פאר דער ארבעט. און איצט גייט יענער אוועק...

אזוי האָט היליע שויכעט, אצינד שוין איליא זאַכאראָוויטש שאָכטאָוו, זיך באזעצט אין א קליין הײַזקעלע ניט ווײַט פונעם גענעראלס גוט.

ייִדישע פּראָפעסיעס אין ביראָבידזשאַן

די פארבערן געניע פישמאַן

דער טאַקער-אויטאָמאַטלער אָלעג שענדעלמאַן

דער שלאָסער מיכאַיל יעזערסקי

געווען זײַנען אין יישעוו נאָך עטלעכע שנײַדער-לאַטוטניקעס, וואָס האָבן גענייט פארן פּאָשעטן אוילעם. און ער, שאַכטאָוו, איז געוואָרן א „פּראַטשנע" שנײַדער, דאָס הייסט, ער האָט גענייט פראַקן פון שווארצן געוואַנט און מונדירן פארן גענעראַל, פאַר זײַנע זינדלעך, די גוואַרדייישע אָפיצערן, פאַר געסט, וואָס פלעגן קומען פון פעטערבורג.

האָט געוווּסט דאן איליא זאכאַראָוויטש שאַכטאָוו, אז מיט אָט דעם אָרט, מיט אַנדרעאָפּאָל, וועט זײַן פארבונדן דאָס גאַנצע דאָברע מאַזל פון אים אליין, פון זײַנע קינדער און אייניקלעך און אז ערשט אין א האַלבן יאָרהונדערט ארום, אין יון פונעם 1941 יאָר, ווען עס וועט זיך אָנהייבן די גרויסע פאַטערלענדישע מילכאָמע, וועט כאָרעוו ווערן זײַן נעסט און עס וועט זיי אַלעמען פארוואָרפן אין פארשיידענע עקן?..

דערווײַל אָבער האָט דער גענײַטער שנײַדער צום ערשטן מאָל אין לעבן באַקומען א מעגלעכקייט צו האָבן אַן אייגענעם ווארשטאַט. אים האָבן שוין געהאָלפן די אונטערגעוואַקסענע זין אַבראַשע און וועניע און אויך די ייִנגערע צוויי טעכטער. אַפן שטיקל ברויט האָט מען פארדינט, אין שטוב זײַנען געוואַקסן ווילדע, געהאַרכזאַמע קינדער, וואָס דאַרף מען נאָך? אײַ, וואָס קינדער קאָנען זיך ניט לערנען, וואָס ניט אַלעמאָל זעט מען אפילע שאַבעס א שטיקל פלייש — מיילע, זײַנען זיי דאָך, די שאַכטאָווס, ניט איינע אַזעלכע...

דערנאָך איז געקומען די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. ער, הילע, האָט זיך קנאַפּ פאַנאַנדערגעקליבן אין וואָס דאָ גייט, דערפאַר אָבער האָבן די זין באַלד פארשטאַנען, ווו דער עמעסער וועג איז. זיי זײַנען געוואָרן באָלשעוויקעס.

עס זײַנען אוועק יאָרן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאַטערלענדישע מילכאָמע. הילעס עלטערער זון, אַבראַם איליטש שאַכטאָוו, שוין ניט קיין יונגער מענטש, האָט זיך פארשריבן אין דער אָפּאָלטשעניע. ניט ווייניק שלאַכט-וועגן האָט ער דורכגעמאַכט און זיך אומגעקערט צו זיך אין שטאָט מיט א פולער ברוסט אָרדענס. געשטאָרבן איז ער אין טיפן עלטער.

דער צווייטער, וועניאַמין, איז נאָך פארן קריג, א יונגער, אוועק פון דער וועלט. ער האָט איבערגעלאָזט א פרוי, ליזען, און זעקס קינדער — עליען, יאשען, זלאַטען, סימען, מישען און באַרעכן. דעם פאָטער זייערן האָבן זיי פארגעדענקט א שטענדיק פארנומענעם מיט וויכטיקע איניאָנים. אין 1918 האָט ער געאַרבעט אין אַנדרעאָפּאָלער טשעקאַ. שפּעטער האָט מען אים אויסגעוויילט אַלס פּאַרזיצער פונעם אַרטיקן סאָוועט. דערנאָך האָט ער אָנגעפירט מיטן ערשטן קאָלווירט, און צולעצט — אין דער געבורויך-קאָאָפּעראַציע געווען פאַרזיצער פון א געוואָרב-אַרטעל.

...צום עלטערן ברודער, איליא וועניאַמינאָוויטש שאַכטאָוון, איז קיין וואַלדהיים געקומען צוגאַסט פון ביראָבידזשאַן די שוועסטער זלאַטע. זיצט מען צוזאַמען מיט אַנדערע מישפּאָכע-מיטגלידער באַם טיש אין דער גערוימער העל באַלויכטענער דירע און מע קלײַבט איבער די פאָטאָגראַפיעס אינעם היימישן אַלבאָם. ווען מע זאָל צונויפנעמען אָט די אַלע גרויסע און קליינע פאָטאָס און זיי פאַנאַנדערלייגן לויט די יאָרן נאָך, וואָלט זיך באַקומען א גאַנץ גענויע און היפּשע מישפּאָכע-כראָניק.

אָט איז דאָס איינציקע בילד, וואָס איז געבליבן פונעם פאָטער. ער איז פאָטאָגראַפירט אין פולן וווּקס. דאָס העמדל ביז אַרויף פאַרקנעפּלט. אין זײַן גאַנצן אויסזען — ניט געוואַקלטע אַנטשלאָסנקײַט.

ס'איז געווען שווער, נאָר קיין נויט, קיין דאַכקעס האָט מען ניט געליטן. זי אַליין, זלאַטע, איז צו יענער צײַט, ווען דער פאָטער האָט זיך געפעלט, שוין געווען א היפּש מיידל. און זי האָט געשווירן, אַז פון אַלע אירע ברידער און שוועסטער וועט זי מאַכן לײַט. זיי וועלן ענדיקן הויכשולן. הויכשולן, און ניט ווייניקער! אַזוי האָט זי באַשלאָסן. און זלאַטע, אַז זי באַשליסט עפּעס, — דאָ איז זי מיטן כאַראַקטער אינגאַנצן ענלעך אפן טאַטן. און בעעמעס, אַלע שאַכטאָווס האָבן באַקומען הויכבילדונג. אַלע, כוץ יאַשען. יאַשע האָט פּאָשעט ניט באַוויזן, ער איז אומגעקומען אף דער מילכאָמע. זייער א פּעִיקער באָכער געווען, געשריבן לידער. פון פראָנט אויך געשיקט לידער אין דרײַעקיקע קאָנווערטן. דער סאָף פון איינער (געשריבן אין רוסיש) האָט געקלונגען אַזוי:

און קומען וועט די שאָ פון אונדזער זיג!
אין הייסער שלאַכט די שאָ אָט די דערנעענטער,
און מיטן זיג מע וועט באַגריסן אונדז,
ווי מע באַגריסט מיט טאָג פונעם געבוירן...

צום זיג האָט ער ניט דערלעבט. א בינטל פאַרגעלטע בריוו זײַנען געבליבן אַלס אָנדענק...

אויך די שוועסטער סימע איז געווען אפן פראָנט, געדינט אין א סאַניטאַר-ווזוואָד. ניט ווייניק פאַרוווּנדעטע האָט זי אַרויסגעטראָגן פון פײַער. אין א פעלד-שפּיטאָל האָט זי זיך באַקאַנט מיט סערגייען, איר קינפטיקן מאַן, אַצינד א פּאָלקאָווניק פון מעדיצינישן אַמט אין דעמיסיע.

איליא האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער מילכאָמע. איינמאָל האָט זלאַטע אים געגעבן צו וויסן אין א בריוו, אַז, ווי ס'איז צו זען פונעם נומער פון דער פעלד-פּאָטשט, דאַרף ערגעץ ניט ווײַט פון אים זיך געפינען איר מאַן ניקאָלײַ יעווסטיגנייעוויטש קודריאַשאָוו. ער איז געווען עלטער פון איר, און אַלע אין שטוב האָבן אים מיט אָפּשײַ גערופן באַם פאָטער-נאָמען. מעגלעך, אַז אַרויסגערופן איז עס געווען אויך מיט זײַן ערנסטקײַט, באַדאַכטקײַט, מיט דער סאָלידער פאַרמילכאָמעדיקער שטעלע — רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג אין רזשעוו. „קאָן זײַן, איר וועט זיך דאָרט באַגעגענען", — האָט זלאַטע געשריבן דעם ברודער, און יענער האָט געשפּאַסט פון איר נאַיִווקײַט. דער פראָנט ציט זיך אף טויזנטער קילאָמעטער. צענדליקער טויזנטער קאָמאַנדירן און שלאַכטלײַט זײַנען אײַנגעטיילט אין אַרמייען, דיוויזיעס, פּאָלקן. „איר וועט זיך באַגעגענען"...

וואָס געשעט אָבער ניט אין לעבן! דורכקלײַבנדיק זיך איינמאָל לויט א פאַרגעבונג פון זײַן קאָמאַנדיר אף א שכיינישן שוץ-באַצירק, האָט איליא שאַכטאָוו באַשלאָסן איבערנעכטיקן אין א זעמליאַנקע, וועלכע האָט זיך אים געטראָפן אונטערוועגנס. ער האָט א שטויס געטאָן די טיר, אַרײַן אינעווייניק, און דער ערשטער, וועמען ער האָט דערזען, איז געווען ניקאָלײַ יעווסטיגנייעוויטש קודריאַשאָוו. יענער איז געזעסן באַם טיש, אָנגעבויגן איבער א פּאַפּיר, און עפּעס פלײַסיק געשריבן...

צום סאָף פון דער מילכאָמע האָט איליא שאַכטאָוו באַקומען אַן אָפיצערישן טיטל. אים איז אויסגעפאַלן דאָס גליק צו באַטייליקן זיך אינעם פּאַראַד פון זיג אין מאָסקווע. מיט זײַנע אייגענע אויגן האָט ער דערזען, ווי צופוסנס פונעם קרעמל פאַלן די פאָנען פונעם צעשמעטערטן דריטן רײַך.

נאָכדעם האָט איליא שאַכטאָוו זיך נאָך באַטייליקט אין דער צעגראָמירונג פון דער קוואַנטונער אַרמיי. אפן ווײַטן מיזרעך האָט מען אים דעמאָביליזירט, און ער האָט באַשלאָסן זיך באַזעצן אין די היגע קאַנטן. דער בילדונגס-אָפּטייל פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט האָט אים געשיקט פאַר א לערער אין דער וואַלדהיימער שול. די לערערן מאַשע ליפּעץ, א טאָכטער פון א היגן קאָלווירטניק, איז געוואָרן זײַן פרוי.

קודריאַשאָוו מיט זלאַטען האָבן דאַן געלעבט אין קעניגסבערג. איליא האָט זיי אָנגעשריבן: „ווי נאָר ניקאָלײַ יעווסטיגנייעוויטש וועט זיך דעמאָביליזירן, קומט אַהער צו אונדז. אַרבעט וועט קלעקן, מיט א וווינונג וועט איר זיך אײַנאָרדענען".

זיי האָבן אים געפאָלגט.

אינגיכן זײַנען געקומען קיין ביראָבידזשאַן אויך די מוטער מיט די ייִנגערע קינדער.

פינף און צוואַנציק יאָר איז זלאַטע קודריאַשאָווא געווען שול-דירעקטאָר אין ביראָבידזשאַן. זי איז אַן אויסגעצייכנטלערן פון דער בילדונג פון רספסר. ניקאָלײַ יעווסטיגנייעוויטש האָט אָט די אַלע יאָרן אונטעריכטעט געשיכטע אין די שולן און טעכניקומען פון דער שטאָט. מע האָט אים גוט געקענט אויך אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט און לעקטאָר פונעם שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי. אַ קאָמוניסט פונעם לענינישן פּריזיוו, איז ער געווען אַ ביז גאָר באַשיידענער מענטש.

אַזוי האָט זיך שוין באַקומען, אַז די אייניקלעך פונעם אַנדרעאָפּאָלער שנײַדער הילע האָבן פון אַלע פּראָפעסיעס אויסגעקליבן פאַר זיך צוויי — פּעדאַגאָגיק און מעדיצין. זלאַטע מיט איר מאַן און איליאַ מיט זײַן פרוי זײַנען לערער. אַ לערערן אין ריגע איז סימע.

דער מעדיצינישער צווײַג אין דער מישפּאָכע איז אַוועק פון דער מומע סאָפיען. נאָך פאַר דער רעוואָליוציע האָט זי אַלס פרײַע צוהערערן באַזוכט די לעקציעס אינעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. דער זיידע הילע פלעגט מיט איר אַלע כוידעש איבערגעבן דרײַ רובל פאַרן פּריסטאַוו, יענער זאָל זיך ניט מאַכן וויסנדיק, אַז אַ ייִדיש מיידל דינגט אַ ווינקל אין דער הויפּטשטאָט, ווו קיין ייִדן האָבן ווױנען ניט געטאָרט... איר מעדיצינישע בילדונג האָט די מומע סאָפיע פאַרענדיקט שוין נאָך דער רעוואָליוציע. זי האָט ניט ווייניק אופגעטאָן אַף איר געביט. געאַרבעט אַ צײַט אין דער קליניק פונעם פּראָפעסאָר סעטשענאָוו, געוואָרן דאָקטאָר פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן.

דער ייִנגסטער פון די שאָכטאָווס, באָריס, איז איצט הויפּט-דאָקטער פונעם שפּיטאָל אין זעיע, אין דער אַמורער געגנט.

בלויז מיכאַיִל איז אַוועק ניט מיטן וועג פון זײַנע ברידער און שוועסטער — ער איז אַן אינזשעניער און אַרבעט אין אַ לענינגראַדער פּראָיעקט-אינסטיטוט. דערפאַר אָבער איז אַ דאָקטער געוואָרן זײַן זון.

איליאַ שאָכטאָווס טאָכטער איז אַ לערערן, די צווייטע — טאַניע — אַ דאָקטער. זלאַטעס טאָכטער גאַליע אונטעריכטעט אין דער ביראָבידזשאַנער מוזיק-שול. באָריס וועניאַמינאָוויטשעס זון פאַרענדיקט דעם בלאַגאָוועשטשענסקער מעדיצין-אינסטיטוט.

די ווײַפלטע שאָ דויערט שוין אונדזער שמועס... אייגנטלעך, שמועסן צווישן זיך זלאַטע און איר ברודער איליאַ. מיר בלײַבט איבער — אויפמערקזאַם זיך צוהערן צו זייער געשפּרעך און פון מאָל צו מאָל עפּעס פאַרצייכענען בא זיך אין בלאָקנאָט.



דער שלאָסער־אינסטרומענטאַלער לעאָניד ליאַמעץ

דער עלטערער מײַסטער מיכאַיִל זייגערמאַכער

דער מעטאַל־טאָקער באָריס פּרייס

— געדענקסט, זלאַטעטשקע?

— און דו, אילױשע, געדענקסט?

— געדענקסט, װאָס די מאמע האָט געזאָגט?

די מאמע דערמאָנען זײ אָפּט. די לעצטע יאָרן האָט זי געלעבט בא זלאַטען. איך פֿלעג אָפּט ארײַנקומען צו זײ אין שטוב און האָב זי אױך גוט געקענט. אַן אױסערגעװײנלעכע גוטסקײַט האָט ארױסגעשטראַלט פֿון איר בליק, און געקוקט האָט זי אַף אײַך אַזױ, װי אױך פֿון אײַך זאָל זי דערװאַרטן אַן ענטפֿער אַף אַט דער גוטסקײַט אירער. און אױב זי האָט געפֿונען בא אײַך אין די אױגן כאָטש א סימען דערפֿון, האָט זי אײַך שױן ליב באַקומען װי אַן אײגן קינד...

געשטאָרבן איז זי, װי געלעבט — שטיל אױסגעגאַנגען, װי א ליכט, װאָס האָט אירס אָפּגעלױכטן...

דער שמועס צװישן דער שװעסטער און דעם ברודער גײט װײַטער.

— און דאָרט, אין די אױסלאַנדס, — רופֿט זיך אָן איליא שאַכטאָװ, — װאָגט מען נאָך צו טומלען, אַז בא אונדז אין לאַנד באַציט מען זיך צו ייִדן שלעכט, מע גיט אונדז ניט קײן רעכט אַף דעם און אַף יענעם... אָט נעמט אונדזער מישפּאָכע און טױזנטער אַזעלכע, װי זי. מיר װױנען װוּ װער עס װיל — װער אין ביראָבידזשאַן, װער אין מאָסקװע, װער אין װאַלדהײם, װער אין לענינגראַד, װער אין ריגע... מע איז גוט אײַנגעאָרדנט אַף דער אַרבעט, באַזאָרגט מיט אַלעם נײטיקן צום לעבן, זיכער אינעם מאָרגעדיקן טאָג.

אין שטוב איז ארײַנגעקומען א יונגע פֿרױ מיט א ייִנגעלע אַף די הענט.

— מײַן אײניקל, — האָט פֿרײלעך געמאָלדן איליא שאַכטאָװ, אָנװײַזנדיק אַף דער פֿרױ, — און בא איר אַף די הענט — מײַן אוראײניקל!

ער נעמט פֿאַרזיכטיק אַריבער דאָס קינד און באַזעצט עס בא זיך אַף די קני.

איליא שאַכטאָװ — אַן אוראײדע... ער איז נאָך פֿול מיט ענערגיע, סע שפּרודלט פֿון אים מיט גרײטקײַט צו טאָן, ברענגען נוץ. װײניק, װאָס ער פֿאַרנעמט די אָנמרױִקע שטעלע פֿון א קאָלװירטישן דיספּעטשער, פֿאַרװאַלטעט ער נאָך אַף געזעלשאַפֿטלעכע יעסױדעס מיטן היגן מוזײ, פֿירט אָן מיטן ראַט פֿון די קאָמיוג-װעטעראַנען אינעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן, פֿירט פּאָליטישע שמועסן מיט א גרופּע קאָמיוגיסטן. און צו דעם אַלעמען האָט ער נאָך א האָבי אױך — קראָליקעס, און ניט אײן צענדליק אַזעלכע װױלע בײַעלעך איז פֿון אים אַריבער אין אַנדערע קאָלװירטישע הױפֿן.

מיט פּוכקע הענטעלעך ציט זיך דאָס קינד צום אוראײדנס גראָװע װאָנצעס. ער פֿאַרגײט זיך אין א געלעכטער, װען יענער טוט עס א הײב אױף אַף די אױסגעשטרעקטע הענט... א שײן קרעפּטיק יאַטל — דער זעקסטער דאָר פֿונעם אַלטן אַנדרעאָפּאָלער שנײַדער. װאָס װעט פֿון דיר אױסװאַקסן, ייִנגעלע? װאָס װעסטו יאַרשענען פֿון דער מישפּאָכע שאַכטאָװס?

נאָר דאָס איז שױן א געשיכטע, װעגן װעלכער אַנדערע שרײַבער װעלן עפּשער אין יאָרן אַרום דערצײלן...



ביראָבידזשאַן הײַנט.
געמעל פֿון א. עסקין.

א גרוס דיר, ביראָבידזשאַן!

Лучшие годы моей ранней молодости прошли на Дальнем Востоке. Мне часто приходилось бывать в Еврейской автономной области. Я помню синюю Биру, на берегах которой только комариный гуд говорил о близости тайги.

Помню свою командировку в Облучье, городок, связанный с именем Постышева, помню историю этого трудного края, помню, как на моих глазах рос и становился современным городом Биробиджан, помню еврейские колхозы, механизаторов и доярок, которые своим трудом доказывали, что вопреки мнению некоторых недоброжелателей талантливый еврейский народ может работать не только в лабораториях и стенах научных учреждений, но и на полях, фермах, у станков.

Помню биробиджанских писателей и журналистов, моих друзей, покойного Исаака Бронфмана, стихи которого переводила еще в те годы. Примечательно, что первые мои стихи в переводе появились именно в Биробиджане, в газете "Биробиджанер Штерн".

Для меня Биробиджан – не просто географическое понятие, а часть моей биографии и души, и поэтому я с особым чувством поздравляю близкую и дорогую мне Еврейскую область с праздником ее 50-летия.

Римма Казакова

Римма Казакова

русский поэт,
член Советского Комитета защиты мира,
член Правления Союза писателей СССР,
лауреат премии Союза писателей УзССР
им.С.П.Бородина

די בעסטע יאָרן פון מײַן פריִער יוגנט זײַנען דורכגעגאַנגען אויפן ווײַטן מיזרעך. מיר איז אויסגעקומען אָפט צו זײַן אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. איך געדענק די בלויע בירע, אויף די ברעגן פון וועלכער ס'האָט בלויז דאָס הודען פון קאָמאַרן איידעס געזאָגט, אַז די טײַגע איז נאָענט.

איך געדענק מײַן קאָמאַנדירונג קיין אָבלוטשיע, אינעם שטעטל, וואָס איז פאַרבונדן מיט פּאָסטישעווס נאָמען, איך געדענק די געשיכטע פון אָט דעם האַרבן קאַנט, איך געדענק, ווי פאַר מײַנע אויגן איז געוואַקסן, ווערנדיק א הײַנטצײַטיקע שטאָט, ביראָבידזשאַן, איך געדענק די ייִדישע קאָלווירטן, די מעכאַניזאַטאָרן און מעלקערנס, וועלכע האָבן מיט זייער מי דערוויזן, אַז, טראָץ דער מיינונג פון אייניקע אזעלכע, וואָס מיינען ניט קיין גוטס, קאָן דאָס טאַלאַנטפולע ייִדישע פאָלק אַרבעטן ניט בלויז אין לאַבאָראַטאָריעס און אין וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, נאָר אויך אויף די פעלדער, אין די פערמעס, בײַ ווערקשטעלן.

איך געדענק די ביראָבידזשאַנער שרײַבער און זשורנאַליסטן, מײַנע פרײַנט, דעם פאַרשטאָרבענעם איציק בראָנפמאַן, וועמענס לידער איך פלעג איבערזעצן נאָך אין יענע יאָרן. ס'איז מערקווירדיק, וואָס די ערשטע לידער מײַנע האָבן אין דער איבערזעצונג זיך באַוויזן טאַקע אין ביראָבידזשאַן, אין דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן".

פאַר מיר איז ביראָבידזשאַן ניט פּאָשעט א געאָגראַפישער באַגריף, נאָר א טייל פון מײַן ביִאָגראַפיע און נעשאָמע, און דערפאַר באַגריס איך מיט א באַזונדערן געפיל די נאָענט-טײַערע ייִדישע געגנט מיט איר 50-יאָריקן יאָמטעוו.

ר י מ א ק א ז א ק אָ ו ו א,
רוסישע דיכטערן, מיטגליד פונעם סאָוועטישן שאָלעם-קאָמיטעט, מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער-פאַרבאַנד פון פססר, לאַורעאַט פון דער פּרעמיע פונעם שרײַבער-פאַרבאַנד פון אוזבעקיסטאַן אויף ס. פּ. באָראָדינס נאָמען

* * *

כ'וועל אין טײַגע זיך לאָזן
ביז דערגיין כ'וועל צום יאַם...
פּונקט ווי ברויט און ווי גראָזן,
איז דאָרט אַלץ מאָלע־טאַם.
כ'דאַרף די סאָפּקעס אין העלן
שטראַלן־קרײַז בײַ מײַן טיר,
ס'זאָל דער פרילינג־זאַפט קוועלן
פול מיט פײַער אין מיר.

* * *

На Востоке — просторы,
Моря, острова...
Все такое простое —
Как хлеб и вода.
Мне нужны эти сопки
В закатном огне,
Чтоб весенние соки
Не сохли во мне.

Римма КАЗАКОВА

ראַמאַן שוויכעט

אמורזעטער וועטעראַנען

א מענטש צווישן מענטשן

א וואַלקע פון זעקס וועגענער און שליטנס
איז גויוער געווען דעם גליטשיקן באַרג-
אַרוף און פּאַמעלעך אַוועק ווײַטער, אָפּגעפאָרן
א קילאָמעטער און נאָך איינעם, ווידער גע-
מאַכט א שאַרפן קער, ביז די געדיכטע, פאַר-
פּאַראָשעטע מיט שניי טײַגע, וועלכע האָט
פון ביידע זײַטן פאַרקוועטשט דעם פאַרשנייטן
וועג, איז מיטאַמאָל אָפּגעטראָטן צו דער
באַוווסטער ביראָבידזשאַנער סאָפּקע. ס'איז גע-
ווען דעקאַבער, דער טאָג — א זוניקער, נאָר
א פראָסטיקער, די לופט ווי אָנגעפילט מיט
אָן א שיר שטעכלקעס, וועלכע האָבן אומ-
ראַכמאָנעסדיק געקניפּט די אָנגעפרוירענע
באַקן און די אויערן. אַרום און אַרום איז
געלעגן עפּעס א ניט געריִרטע, הילכיקע
אורשטילקײַט. זי פלעגט ברעכן דער סקריפּ
פון די רעדער, און אין דער זעלבער צײַט
האָט איר ניט געשטערט דער כריפּענדיקער
געשריי פון א קראָ, וועלכע האָט פונעם
שפּיץ פון א דרײַסיקמעטערדיקן צעדערבוים
געקוקט אַף דער דורכפאָרנדיקער וואַלקע מיט
א ניט דורכגייענדיקער דערשטוינונג אין די
שוואַרצע אויגנפּערל. דער וואַלקע איז פאָר-
געשטאַנען א לאַנגער וועג. זי איז געגאַנגען
פון ביראָבידזשאַן קיין סטאַלינסק, ווו די
איבערוואַנדערער האָבן שוין אָרגאַניזירט דעם
ערשטן אינעם נאַציאָנאַלן ראַיאָן סאָווירט. די
כעוורע, וועלכע זײַנען געפאָרן אין דער וואַל-
קע, מערסטנטייל אָדעסער, האָבן שווער איבער-
געטראָגן די ווײַטמיזרעכדיקע קעלט. נאָר זיי
זײַנען אַלע געווען זייער יונג, און ווען דער
פראָסט פלעגט זיי באַזונדערס דערגיין די
יאָרן, פלעגט מען, ווי שפּערלינגען, זיך א
שיט טאָן פון די וועגענער און שליטנס,
א וואַלגער טאָן איינער דעם אַנדערן אינעם
שניי, און אַזוי וואַרפן זיך, שטויסן זיך, ביז
עס וועט זיך ווידער אָנוואַרעמען יעדער
אייוער.

די סאַמע זשוואַווע, די סאַמע ריִרעוודי-
קע און אומרוִיקע זײַנען צווישן אָט די כעוו-
רע געווען מייער פּוטאָריאַן און שימען ספּעק-
טאָר — ביידע וווּקסיקע, קרעפּטיקע, פאַר-
האַרטעוועטע. א מינוט רויִק אָפּזיצן אַפן וואָגן
האָבן זיי ניט געקענט. דאָס זײַנען געווען
כעוורע, וועמען עס האָט אַלץ אינטערעסירט
אַף דער נײַער פאַר זיי ווײַטמיזרעכדיקער
ערד: זאָל דאָס זײַן דער טיפער אומענדלעכער שניי, צי אַן אומבאַקאַנטער קוסט צווישן
די שטאַלטנע דעמבן, אָדער א געלפעדערדיקער פויגל, וועלכן עס שרעקט ניט דער
פראָסט...

מיר גייען מיט מייער פּוטאָריאַנען איבער
דער ביראָבידזשאַנער לענין-גאַס. ס'איז אַצינד
אויך דעקאַבער, אין די סקווערן ליגט א
טיפער שניי, נאָר עס איז וואַרעם, און ערטער-
ווײַז טריפט אַפילע פון די דעכער. פּוטאָריאַן
פאַרוקט די הענט טיף אין די קעשענעס פו-
נעם ווינטער-מאַנטל, דערמאָנט זיך:

— צי דען איז דאָס א ווינטער? אָט אין
יענע יאָרן איז טאַקע געווען קאַלט. ס'גע-
דענקט זיך, אַז בײַס אונדזער ערשטער רײַזע
אין סאָווירט זײַנען מיר אין איינעם א טאָג
שיר ניט פאַרפרוירן געוואָרן. גאַנצפרי זײַנען
מיר אַוועק פונעם דאָרף אָפּיטנאָיע פּאָליע,
ווו עס האָט זיך געבויט די ערשטע לאַנד-
ווירטשאַפטלעכע פּרווו-סטאַנציע. אין א האַל-
בער שאָ אַרום, אַראָפּגעפאָרן פון א באַרג,
האָבן מיר זיך שוין געפונען אין א ברייטן
טאָל. פּונקט דעמלט אָבער האָט זיך אָנגע-
הויבן אַן עמעסע זאַווערוכע, זי האָט אונדז
אונטערגעכאַפּט און שוין ניט אַרויסגעלאָזט
פון אירע אָרעמס ביז שפּעט אין אָוונט. שײַעך
צו זאָגן! ווען מיר זײַנען אינעם דאָרף לאַ-
זאַרעוואָ אַרײַן אין דער שטוב פון איינעם אַן
אָרטיקן קאַזאַק, האָט יעדערער פון אונדז א
לענגערע צײַט ניט געקענט אויסריידן קיין
וואָרט. דער באַלעבאָס, בא וועלכן מיר האָבן
גענעכטיקט, האָט אין א טשײַניק אָנגעמישט
טיי מיט ספּירט, גוט אונדז אָגעוואַרעמט,

דער טראַנספאָרמאַטלער איליא שאַפּיראָ

דער שלײַפער באָריס לאַפּערדאָן

דער שלאָסער־מאָנטאַזשלער באָריס רוטמאַן

אַזוי אַז אַף מאָרגן זײַנען מיר שוין ווידער אוועק־געפאָרן ווײַטער. צוליב וואָס דערצייל איך עס אײַך? צוליב צוויי זאַכן. ערשטנס, קעדיי אונטער־שטרײַכן די גאַסטפרײַנטלעכקײַט פון דער אַר־טיקער באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען גרייט שטענדיק קומען צוהילף די נײַע איבערוואַנדע־רער, און צווייטנס, קעדיי איר זאָלט וויסן, אַז אונדז, די דעמלטיקע קאָמיוגיסטן, האָט דאָ גאָר־נישט ניט געשראָקן: ניט די צײַטנווײַז פערציק־גראַדוסדיקע פרעסט, ניט דער גנוס, ניט דאָס, וואָס זעלטן פלעגן מיר עסן צו זאַט און מיר פלעגן ווייניק שלאָפן. בא אונדז איז דעמלט געווען איין ציל — זיך אײַנפונדעווען אַף דער ווײַטמיזרעכ־דיקער ערד, אויסבויען דאָ אַ היים פאַר זיך.

מיר שטעלן זיך אָפ מיט פוטאָריאַנען אינ־מיטן דער גאַס, לעם אַ שיינעם דרײַשטאָקיקן מויער. מייער קוקט אַף דער געבײַדע, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז אין אָט דער רעגע זעט ער אין אירע היימלעכע פענצטער בילדער פון דער פאַר־גאַנגענהײַט.

אין סאָווירט האָט מען אַף די כעוורע גע־וואַרט. מע האָט זיי גוט אופגענומען. אָבער עט־וואָס זיך דערוואַרעמט און אָפגערוט, זײַנען זיי אַפן צווייטן טאָג שוין ווידער געווען אין וועג, דאָס מאָל קיין יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק, וווּ עס האָט זיך געפונען דער אָקאָרשט אָרגאַניזירטער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער טעכניקום.

— ניט זעלטן קאָן מען אַצינד הערן, — זאָגט פוטאָריאַן, — אַז די סטודענטן פאַטערן אַ סאַך צײַט אַף פאַרשיידענע אַרבעטן, ביפראַט אַף לאַנדווירטשאַפטלעכע. איך האַלט, אַז אַזעלכע מעווינים זײַנען ניט גערעכט. ס'איז אַ סאָפעק, צי מע דאַרף עמעצן דערווײַזן, אַז די אַרבעט איז נוצלעך. ווען איך האָב זיך געלערנט אינעם טעכ־ניקום, האָבן מיר שטודירט די געגנשטאַנדן בלויז ווינטער. ווי נאָר עס פלעגט אַראָפ דער שניי און אין הימל האָט זיך באַוויזן דער ערשטער לאָרך, פלעגן מיר זיך שוין אַוועקזעצן אַף די טראַקטאָרס און אַרבעטן, ביזוואַנען אין פעלד פלעגט זיך ווידער אַוועקלייגן דער שניי...

טאַקע די אַרבעט בייס דער לער האָט גע־האָלפן פוטאָריאַנען, ווי אויך די אַנדערע כעוורע, צו ווערן ערנסטע מעכאַניזאַטאָרס. זיי זײַנען אַרויס פונעם טעכניקום אונטערגעקאָוועטע „אַף אַלע פיר פידקאָוועס" — גוט צוגעגרייטע סײַ אין דער טעאָריע, אַזוי אויך אין דער פראַקטיק. נאַטירלעך, אַז אַף ווײַטער איז עס דערנאָך אַלע־מען צוניץ געקומען.

פוטאָריאַנען, אַשטייגער, האָט מען נאָכן פאַרענדיקן דעם טעכניקום גלײַך געשיקט אַרבעטן אַלס מעכאַניקער אין דער לענינ־סקער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע. קיין אינ־

זשעניערן זײַנען דעמלט אין די עמטעס ניט געווען. ניט אין דעם אָבער איז באַשטאַנען די צרה. א סאַך ערגער איז געווען דאָס, וואָס דעמלט, ווען פּאָטאַריאַן איז געקומען אין דאָרף טשורקי, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון דער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע איז נאָך אַפילו קיין סימן ניטאָ, זי איז געווען בלויז אויף פּאַפּיר. אַלץ איז פאַרגעשטאַנען אָנהייבן פונעם נול.

— אינגיכן, — דערציילט פּאָטאַריאַן, — האָב איך אין די אַרומיקע דערפער קוקעלעוואָ, וואָסקרעסענאָווקע, באַבסטאָוואָ, לאַזאַרעוואָ און אַנדערע צונויפגענומען בא 40 כעווערע, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן א פאַרלאַנג צו ווערן טראַקטאָריסטן און קאָמבײַנערס. כ'האָב בא דער שוין פונקציאָנירנדיקער אוסט־סונגאַריער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע, אינעם דאָרף דעזשניעוואָ, אָרגאַניזירט קורצטערמיניקע קורסן, און אין אָנדערהאַלבן כאָדאָשים אַרום, ווען צו אונדז זײַנען אָנגעקומען די ערשטע טראַקטאָרס פון טשעליאַבינסק און פון כאַרקאָוו, האָבן מיר מיט זיי אָנגעהויבן אַקערן די רויערד.

פאַר א קורצער צײַט, סאַכאַקל פאַר א יאָר, זײַנען אין טשורקי אויפגעשטעלט געוואָרן די פּראָדוציר־געבײַען פון דער נײַער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע און א גאַנצע גאַס — 20 ווױן־הײַזער — פאַר די מעכאַניזאַטאָרס און רעמאָנטלער.

פּאָטאַריאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט נאָר פאַר אַן אויסגעצייכנטן מעכאַניקער, נאָר אויך פאַר א גוטן אָרגאַניזאַטאָר און באַלעבאָס. א מענטש, אויב ער אַרבעט גוט, באַמערקט מען אים, פּונקט אַזוי ווי יענעם, וועער עס אַרבעט שלעכט. פּאָטאַריאַנען האָט מען באַמערקט, און נאָך פיר יאָר אַרבעט אין טשורקי איז ער איבערגעפירט געוואָרן קיין וואָלאָטשײַעווקע, אין דער דאָרטיקער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע. דערנאָך איז ער א לענגערע צייט געווען דירעקטאָר פון דער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע אין בירעפעלד און נאָכן פאַרענדיקן דעם טשעליאַבינסקער אינסטיטוט פון מעכאַניזאַציע און עלעקטריפיקאַציע, ביזן 1970 יאָר, האָט ער געאַרבעט אַלס דירעקטאָר פון דער דעזשניעווער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע און איז געווען שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פון דער ביראָבידזשאַנער צווישנראַיאָנישער פאַרייניקונג פון „סעלכאָזטעכניקאַ".

אויף מײַן פראַגע — וועלכע געשעענישן אין זײַן לעבן האַלט ער פאַר די סאַמע וויכטיקסטע און פאַרגעדענקלעכע, האָט פּאָטאַריאַן געענטפערט אַזוי:

— דאָס דאַרף מען קאָנקרעטיזירן, ווײַל עס זײַנען פאַראַן זאַכן, אָדער געשעענישן, וועלכע האָבן א פּערזענלעכן באַדײַט, און אַזעלכע, וואָס האָבן א שײַכעס צו מענטשן. אין מײַן פּערזענלעך לעבן זײַנען געווען פאַרגעדענקלעכע געשעענישן. די ערשטע איז די, וואָס מיר האָט אָפּגעגליקט מיט מײַן פרוי. אידע, אַגעוו, אויך אַן אַרויסלאַזניצע פונעם ביראָבידזשאַנער לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום, איז אין אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן געווען מיר א טרײַער פרײַנט און א געהילף. און די וויכטיקסטע פון אַלע געשעענישן איז די, וואָס אין די סאַמע שווערע פאַר אונדזער היימלאַנד צײַטן, אין 1943 יאָר, האָט מען מיר אַרויסגעוויזן גרויס צוטרוי און אָנגענומען מיך אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

— וואָס איז שײַעך דער אַרבעט, — זעצט פאָר מייער פּאָטאַריאַן, — קאָן איך ניט פאַרגעסן בירעפעלד. זייער שווער איז דאָרט אויסגעקומען. די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָפעסיע איז אַליין פאַר זיך אומעטום ניט קיין לײַכטע. נאָר אויב אין דער לענינסקער אָדער וואָלאָטשײַעווקער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע בין איך געווען א באַלעבאָס איבער געוויינלעכע טראַקטאָרס, האָב איך אין בירעפעלד זיך צונויפגעשטויסן גאָר מיט א נײַעם טיפּ מאַשין — מיט גאַזגענעראַטאָרישע. אַלע טראַקטאָרס און פּראַכט־אויטאָמאָבילן האָבן דאָרט געאַרבעט אויף הילצערנע קלעצלעך. ס'איז פאַרגעשטאַנען מיט די אייגענע קויכעס יערלעך פאַרגרייטן אין וואַלד העכער 10 טויזנט קובישע מעטער אַזעלכע קלעצלעך.

— פאַרשטייט זיך, — שמייכלט פּאָטאַריאַן, — אַז פון יענע טראַקטאָרס און מאַשינעס האָב איך צײַטנווײַז געהאַט, ווי מע זאָגט, קאַלטס און וואַרעמס. נאָר נישקאָשע, אויב עס רינגלט דיך אַרום א פרײַנטלעכער קאָלעקטיוו, איז לײַכט בײַקומען די גרעסטע שוועריקײַטן. אין בירעפעלד האָב איך געהאַט אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן. מיט אַזעלכע בריגאַדירן, ווי איציק פײַקין, און מיט אַזעלכע טראַקטאָריסטן, ווי כאַיִם לאַפּסקער, טראָפים קאַטרוזשענקאָ, נאַום בודיטש, סענדער דובינסקי, עליק קאָפּיטמאַן, ווערט מען ניט פאַרפאַלן. ס'געדענקט זיך: א וואָך צײַט האָט גערעגנט, און דער באָדן אויף די פעלדער, א ליימיקער און שווערער, איז געוואָרן אַזוי נאַס, אַז אַפילו א מעכטיקער „טשעליאַבינעץ" האָט ניט געקאָנט שלעפּן דעם קאָמבײַן. עס איז געווען נייטיק אויסטיילן פאַר יעדן קאָמבײַן צוויי טראַקטאָרס. נאָר ווו נעמט מען זיי? בא אונדז זײַנען געווען צוויי „טשע-

ליאַבינצעס", וועלכע מיר האָבן שוין פון לאַנג געקליבן זיך אָפּלאָדן אַף מעטאַלברוך. קענט איר זיך פאַרשטעלן, אַז פּײַקין און זײַנע כאַווײרים האָבן זיי ביידע ווידער אופגעשטעלט, און סאַכאַקל פאַר א מעסלעס. וויאַזוי עס האָט זיך אים אײַנגעגעבן, ווייס איך ניט ביז איצט, נאָר דער פאַקט בלײַבט א פאַקט. אגעוו, ביידע טראַקטאָרס האָבן דערנאָך געאַרבעט נאָך עטלעכע יאָר...

אליין פּוטאַריאַן איז אויך פון יענעם האַרעפּאַשנעם סאָרט מענטשן, ווי זײַנע אמאַליקע בירעפּעלדער מעכאַניזאַטאָרס. שטעלט זיך פאָר: וואָס פאַר א פּאָנעם וואָלט געהאַט דער דירעקטאָר פון דער מאַשין-טראַקטאָר-סטאַנציע, ווען ער וואָלט געאַרבעט ערגער פון זײַנע אונטערגעאָרדנטע. מײַער פּוטאָריאַן איז אוועק אַף פּענסיע אין 1970 יאָר. ער איז אָבער נאָך דעם קיין איין טאָג ניט געזעסן אין שטוב. אויך אַצינד אַרבעט ער, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס עס גייט אים שוין דאָס פיר-און-זיבעציקסטע יאָר.

— איך ווייס, אַז א סאַך פּענסיאָנערן האָבן ליב כאַפּן פיש, — זאָגט פּוטאָריאַן, — נאָר מיך האָט צו דעם ניט געצויגן אפילע אין די יונגע יאָרן. אַזויאַרום, פאַלט בא מיר אַף איינע פון די וויכטיקסטע פּענסיאָנערישע לײַדנשאַפטן. און זיצן אינדערהיים מיט פאַרלייגטע הענט בין איך אויך ניט געוווינט. איז וואָס בלײַבט מיר צו טאָן? אַרבעטן.

איך פאַרשטיי, אַז פּוטאָריאַן האָט ליב צו שפּאַסן. נאָר איך ווייס אויך, אַז ער שטעלט זיך פּאַשעט ניט פאָר זײַן לעבן, א באַגרענעצטס מיט די פיר ווענט פון דער דירע. ער דאַרף, ער מוז זײַן צווישן מענטשן. איז ער טאַקע צווישן זיי.

די ערד, אַף וועלכע זיי לעבן

אין אַמורזעט, לעם דער ראַיאָנישער אָפּטײלונג פונעם מעלוכע-באַנק, שטייט אַן אַלטער באַראַק. איך שמועס מיט כאַנע אַפּטעקאַר — איינער פון די ערשטע באַלעבאַטעס פון דעם דאָזיקן הויז.

— דער באַראַק, — צעפּירט ברייט די הענט כאַנע, גלײַך זי וואָלט זיך געגרייט אַרומנעמען אַלע זײַנע ווענט, — ווי אויך דער באַנק און נאָך עטלעכע הײַזער, שטייען פון זינט אַמורזעט עקזיסטירט. מײַן עלטערער ברודער אַוורעם איז געווען צווישן די בויער...

כאַנע, איר מאַן אַרן אַפּטעקאַר און איך זיצן אין זייער דירע אַפּן צווייטן שטאָק. אין דרויסן ברענט די היץ, נאָר אין צימער איז קילבלעך פונעם ווינטל, וואָס רײַסט זיך אַרײַן דורך דער אָפענער באַלקאָן-טיר. דאָס פּאַרפּאָלק דערמאָנט זיך וועגן פאַרשיידענע עפּיזאָדן פונעם לעבן.

אָקטיאַבער 1928. א פאַרוואָרפענער וואַלד-וועג. די פערד זײַנען מיד און שלעפּן קוים די וועגענער, אַף וועלכע עס ליגן קאַלערלײַ פּעקלעך, קלומעקעס, קעסטלעך. אַף איינער א פור זיצט א מאַנצבל מיט א רויטלעך בערדל און א מיידל פון א יאָר פופצן. דער אַבאַז פאָרט פון טיכאַנקע שוין קימאַט א וואָך צײַט. ביזן ענדפּונקט, דעם דאָרף יעקאַטערינאָ-ניקאָלסק, איז נאָך אַלץ ווײַט. דער מאַנצבל איז מיד און פאַרזאָרגט. בא זײַן טאָכטער, פאַרקערט, איז דאָס פּאָנעם אַן אופגעלעבטס. זי קוקט מיט גרויס אינטערעס אַף דער ווילדער טײַגע, אַף דער שיינער, פּרעכטיקער נאַטור. דער מאַנצבל און דאָס מיידל זײַנען יִיסראָעל ווײַסמאַן און זײַן טאָכטער כאַנע, און זיי פאָרן צו אַוורעם ווײַסמאַנען, וועלכער איז געקומען אַפּן ווײַטן מיזרעך עטוואָס פריִער, אין אַפּרעל פונעם זעלבן יאָר.

פאַרנאַכט, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בא איינעם א באַראַק, וועלכן עס האָבן אַף אַן אויסגעקאַרטשעוועט שטיקל טײַגע לעבן אַמור אופגעשטעלט די בויער, האָט כאַנע דערזען אַווראָמען. א געזונטער באָכער, אויך מיט א געדיכט בערדל אַפּן פאַרברוינטן פון דער זון און פונעם ווינט געזיכט, האָט ער אַרומגענומען דעם טאַטן, צוגעדריקט צום האַרצן די שוועסטער, געשפּאַסט, זיך געכאָכמעט, געלאַכט און לויט אַלץ איז געווען צו זען, אַז אים איז דאָ, אינעם קינפטיקן אַמורזעט, גוט. זײַן געהויבענע שטימונג האָט זיך איבערגעגעבן יִיסראָעלן און כאַנען.

קאָלזמאַן עס האָבן זיך געבויט די באַראַקן פונעם איבערוואַנדערישן דאָרף, האָט מען די ווײַסמאַנס, ווי אויך די אַנדערע געקומענע צוזאַמען מיט זיי מענטשן, אײַנגעאָרדנט אין יעקאַטערינאָ-ניקאָלסק.

— א גאַנצן ווינטער האָבן מיר געלעבט באַם אַמורער קאַזאַק אַלעקסיי סוואָטקאָוו, — דערמאָנט זיך כאַנע אַפּטעקאַר. — די מומע אַנאַ סוואָטקאָווא האָט מיך געלערנט מעלקן

„דאלסעלמאש״. די מיטגלידער פון דער גרופּע פון פּאָלקס־קאָנטראָל (פון רעכטס אַף לינקס): א. װאָלקאָװ, י. פעלדמאַן און ב. רוטמאַן קאָנטראָלירן דורך די גרײטקײַט פון א פּאַרטיע נײַע קאָמבײַנען

די נײַפעלדער פּיטערפאַרגרײטער (פון רעכטס אַף לינקס): װ. גרינשטײן, װ. קיזוב, א. יאַנין און נ. קיטײַצעװ אפן הײשניט

דער בריגאַדיר פון דער קאָמפּלעקס־בריגאַדע פונעם קאָלװירט „איליטשס געבאָטן״ ריװע װישטשיניקינא (אין צענטער) פירט דורך א שמועס מיט די מיטגלידער פון איר בריגאַדע

די קי און הייצן דעם אויוון, באקן ברויט און וואשן גרעט, ביכלאַל פירן א באַלעבאטישקײַט. איר צוועלפיאריקע טאכטער ניורע איז געוואָרן מײַן בעסטע כאווערטע. ווען עס איז אָבער געקומען פרילינג, האָבן מיר זיך אריבערגעקליבן קיין אמורזעט, אין דער געביידע, וואס שטייט נאָך אדהײַעם לעבן באנק, און שוין אָנגעהויבן אליין באלעבאטעווען. פונעם דאָרף סטאָלבאָוואָיע האָט דער טאטע געבראכט א בעהיימע און א פערד, מיר האָבן אופגעאקערט עטלעכע דעסיאטינעס רויערד, פארזייט דעם באציִרק מיט ווייץ און האָבער, פארזעצט קארטאָפל. מיט איין וואָרט, ווען סאָף פרילינג איז פון קיִעוו געקומען צו פאָרן די מאמע מיט מײַנע ייִנגערע ברידערלעך — הערשעלען, מוישען און זיאמען, האָט זי שוין געטראָפן בא אונדז א צעצווײַגטע ווירטשאפט.

יִסראָעל דער שנײַדער, וועלכער האָט זײַנערצײַט אפילע א פאָר מאָל געגנייט מונדירן אזש פארן קיִעווער גראדאָנאטשאלניק, האָט ניט געהאט שוין קיין כיישעק זיך פארנעמען מיט זײַן פריִערדיקער מעלאָכע. ער האָט געהאָרעוועט אָף דער ערד, אָנגעהויבן זי צו „פארשטיין", געוואָרן אן עכטער פויער.

די באגינענס און קאיאָרן פלעגט באגעגענען אין פעלד אויך כאנע. אירע יונגע שטארקע הענט זײַנען געווינט געוואָרן אקערן און בראָנעווען, זייען און קאָסיען, אראָפּנעמען די גערעטעניש. צווישן דער אמורזעטער גרופּע כעוורע-בויער איז געווען דער שווארצכיינעוודיקער באָכער ארן אפטעקאר, וועלכער איז איר פונעם ערשטן בליק אריינגעפאלן אין הארצן. האָט מען טאקע אינגיכן געשפּילט אינעם ייִשעוו א רוישיקע, פריילעכע כאסענע...

כאנע און ארן אפטעקאר דערציילן מיר וועגן זייער לעבן. איך קוק אָף זיי און טראכט, אז זיי אליין זײַנען די באלעבאטים פון זייער גוירל. זיי האָבן קימאט צו אלץ אין אמורזעט צוגעלייגט א האנט. איך וויל פארענדיקן מײַן קורצע נאָטיץ מיט כאנעס ווערטער, וועלכע זי האָט ארויסגעזאָגט שוין בייס מיר האָבן זיך געזעגנט:

— די ערד, אָף וועלכער מיר לעבן, איז אונדזער היים. דאָ זײַנען אויסגעוואקסן די קינדער און די אייניקלעך. איבער אָט דער ערד שפּאנט שוין ארום אונדזער ערשט אורייניקל. איך און ארן זײַנען גליקלעך מיט אונדזער ערד און מיט אונדזער לעבן.

א לעבן — א לעגענדע

וועגן לעאָניד ברודנין האָב איך א סאך געהערט נאָך דאָ, ווען איך בין געווען א קינד. בא אונדז, אין די דערפער פונעם אָקטיאבערישן ראיאָן, פלעגט מען וועגן אים זאָגן, אז אין דער מעדיצין קען ער אלץ. נאטירלעך, אז באנאנד מיט עקסטרעמאלע פאלן, וואס זײַנען טאקע אין דער ווירקלעכקײַט געשען, פלעגן אָף ברודנים כעזשבן פארעכנט ווערן אויך קאָלערליי, ניט זעלטן עכט פאנטאסטישע אופטוען. פונדעסטוועגן, פלעגט אויך פון זיי זיך ארויסשיילן דאָס געשטאלט פון א מענטשן, וועלכער איז א מײַסטער מיט גאָלדענע הענט.

ברודני האָט זיך ניט געיאָגט נאָך פּאָפולערקײַט, זי איז געקומען צו אים אליין. אויב עס האָט זיך געפּאָדערט, פלעגט ער זיך נעמען פאר א באליביקער ארבעט: זעגן און האקן האָלץ, הייצן די הרובעס, טראָגן וואסער און אפילע ארויספאָרן אין וואלד פארגרייטן האָלץ. אגעוו, דער ערשטער אין דער געגנט האָט ער אָרגאניזירט בא זײַן שפּיטאָל א באהילפיקע ווירטשאפט. און אויב די זאך פלעגט גיין וועגן דעם מענטשנס געזונט, איז ביכלאַל שוין ניטאָ וואָס צו ריידן — אין אזא פאל האָט אים ניט אָפּגעשטעלט ניט דער וועטער, ניט די צײַט, ניט קיין ווײַטער וועג.

...איינמאָל האָט אין אמורזעטער שפּיטאָל זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. פונעם דאָרף סטאָלבאָוואָיע האָט א דערשראָקענע פרויִשע שטים געבעטן, אז לעאָניד מארקאָוויטש זאָל אומגעזאמט קומען צו פאָרן, ווײַל עס האלט באַם שטארבן א קימפּעטאָרן, א יונג ווײַבל — קסעניִא בארענאָווא. שײַעך צו ריידן, ווו איז אמורזעט און ווו — סטאָלבאָוואָיע. אהין איז קנאפּע פופציק קילאָמעטער, און אין דרויסן איז פרילינג. דער וועג אפילע צו יעקאטערינאָ-ניקאָלסק איז גאָלע בלאָטעס און פון דאָרט צו סטאָלבאָוואָיע איז אין אָט דער צײַט זיך ניט צו דערקלײַבן. נאָר עס שטארבט דאָך א יונגע פרוי!

צוליב אן עקסטרעמאלן פאל איז בא ברודנין שטענדיק געווען צוגעגרייט א קעסטל מיט אלעם נייטיקן, קעדיי ארויסווײַזן סײַ ערשטע הילף, סײַ אויך דורכפירן אן אָפּערא-

ציע. מיט איין וואָרט, אין צען מינוט נאָך דעם, ווי עס האָט געקלונגען דער טעלעפאָן, איז ברודני מיט א מעדיצין-שוועסטער שוין געווען גרייט זיך לאָזן אין וועג.

סעמיאָן בערדיטשעווסקי, דער פארוואלטער מיטן געגנטלעכן אָפטייל פון געזונט-פארהיטונג, וועלכער איז דעמלט פונקט געווען אין אמורזעט, האָט געייצעט ברודנין, ער זאָל דורכן טעלעפאָן דורכקאָנסולטירן דעם סטאָלבאָוואָיער פעלדשער, זאָגן אים וואָס צו טאָן, ווייַל ביז ער וועט אהין זיך דערקלייַבן (אויב ס'וועט אים בכלל זיך אייַנגעבן דאָס טאָן), קאָן שוין זייַן שפעט. נאָר אויב ברודני האָט עפעס פארטראכט, איז לייַכטער פארקערעווען אף צוריק דעם אמור, איידער צווינגען אים בייַטן דעם באשלוס. בערדיטשעווסקי האָט גוט געקענט ברודנין, נאָר ער האָט אויך געוווסט, אז אויב מע דארף, וועט ער ווי אף פליגל זיך דערקלייַבן צו זייַן ציל.

לעאָניד מארקאָוויטש האָט אָנגעקלונגען אין ראיקאָם פון דער פארטיי און געבעטן, מע זאָל אף זייער מאשין אים צופירן כאָטשבי צו יעקאטערינאָ-ניקאָלסק. דער טעכנישער סעקרעטאר פון ראיקאָם האָט געענטפערט, אז דער ערשטער סעקרעטאר קלייַבט זיך ארויספאָרן אין די קאָלווירטן פונעם ראיאָן אפן פריילינג-פארזיי. אָפטשעפען זיך פון ברודנין איז אָבער געווען ניט פאָשעט. קורץ, מע האָט אים געמוזט געבן די מאשין. איבערצודערציילן ברודניס, בערדיטשעווסקיס און דער מעדיצין-שוועסטערס רייַזע קיין סטאָלבאָוואָיע איז פאָשעט אומעגלעך, ס'וואָלט פארנומען צופיל אָרט. וויכטיק איז אָבער דאָס, וואָס אזייגער איינס באנאכט, אויסגעמאטערטע און קויטיקע, זייַנען זיי געווען אפן אָרט. די טעמפעראטור בא דער קימפעטאָרן — אריבער פערציק, אָט-אָט פארלירט זי דעם באוווסטזייַן, נאָר אירע איבערגעטריקנטע ליפן האלטן אין איין בעטן: „רופט ברודנין... זאָל ער מיך ראטעווען...”

פון סטאָלבאָוואָיע איז ברודני אוועק בלויז דאן, ווען קסעניא בארנאָווא האָט, מיט א שוואכן שמייכל אפן אופגעלעבטן פאָנעם און מיט דער געבוירענער טאָכטער אף די הענט, שוין זעלבשטענדיק זיך אופגעהויבן פונעם געלעגער.

אן אנדערס מאָל, ערעוו די נאָיאבער-יאָמטויווים, האָט אן ענלעכער אפן סטאָלבאָוואָיער פאל געטראָפן אינעם דערפל פאָמפייעווקע, בא דער פרוי פונעם שעף פון דער אָרטיקער פאָטשט-אָפטיילונג יאראָסלאווצעווא.

דער דאָזיקער ניט-גרויסער יישעוו האָט זיך געפונען העכער הונדערט קילאָמעטער פון אמורזעט, נאָר דערקלייַבן זיך אהין אין נאָיאבער איז אין די ערשטע נאָכמילכאָמע-יאָרן געווען פאָשעט אומעגלעך. גיין איבערן אמור אין אָט די טעג פון דורכויסיקע אייַזקריִעס האָט קיינער ניט געוואגט, פליִען מיט אן אעראָפלאן האָט מען אויך ניט געקענט. די הויכע ווילדע סאָפקעס, וואָס רינגלען ארום דאָס דערפל, קוועטשן עס צו צום סאמע ברעג. איז געבליבן איין וועג: מיט א פראכט-אוטאָמאָביל דערפאָרן ביז יעקאטערינאָ-ניקאָלסק, פון דאָרטן ביזן דאָרף סאָיוזנאיא — אף א וואָגן, און ווייַטער, העכער 60 קילאָמעטער, וויאזוי עס וועט זיך שוין באקומען.

ווען ברודני האָט זיך דערקליבן קיין סאָיוזנאיא, האָט מיט צוויי פערד אף אים געווארט דער כוילעס א ברודער. רייַטנדיק, זייַנען זיי א גאנצן טאָג געפאָרן פון איין סאָפקע צו דער אנדערער, זיך אריבערגעקליבן איבער עטלעכע האסטיקע בארג-טייַכלעך, אין א געדיכטן שניי, אינמיטן דער נאכט זיך געיאָוועט קיין פאָמפייעווקע. שיר ניט וואלגערנדיק זיך פון מידקייט פון די פיס, איז לעאָניד מארקאָוויטש גלייַך צוגעטראָטן צו דער אָפעראציע. געארבעט האָט ער בא א לאָמפ אין שטוב פון דער קראנקער. בלוט האָט ער איבערגעגאָסן פון די רעזערוון, וואָס ער האָט געבראכט מיט זיך, און אויך גענומען בא צוויי שכיינים. די גאנצע צייַט, בייס ער האָט אָפערירט די פרוי, איז הינטער די פענצטער און בא דער טיר געשטאנען מיט א פארטייַעטן אָטעם דאָס גאנצע דאָרף.

פאקטן, אזעלכע ווי די אויבן דערמאָנטע, אָדער ענלעכע צו זיי, זייַנען געווען אין ברודניס לעבן איבערגענוג. וועגן פיל פון זיי האָט ער מיסטאמע שוין אליין פארגעסן. אין זייַן פראקטיק איז אָבער אויך געווען אן אָפעראציע, וואָס אן און פאר זיך רופט זי ארויס א גוטן שמייכל, נאָר זעלטן-ווער פון די דאָקטוירים קאָן זיך בארימען מיט אזא שטיקל ארבעט. געשען איז דאָס אינעם דאָרף בלאגאָסלאָוועניע. צו ברודנין, וועלכער איז דעמלט מאכמעס עפעס א וויכטיקן איניען געווען אין דעם דאָזיקן דאָרף, איז צוגעגאנגען דער דירעקטאָר פונעם אָרטיקן סאָווירט ווערדעלמאן און געפרעגט, צי ער האָט ניט קיין צייַט באטראכטן איינעם א כוילע. דער דאָקטער האָט געמיינט, אז די רייד גייט וועגן א געוויינלעכן קראנקן, און געגעבן די האסקאָמע. עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן גאָר אן אנדער זאך. צוליב העכערן די פראָדוקטיווקייַט פון דער געזעלשאפטלעכער מעלק-טשערעדע האָט די אָרטיקע ווירטשאפט

אײַנגעשאַפּן אין סיביר אַ ראַסעווע, טײַער קאָסטנ-
דיקן סימענטאַלן בוהײַ. אינגיכן אָבער איז דער באַלעכײַ עפּעס קראַנק געוואָרן. קיינער פון די וועטערינאַרע דאָקטוירים פונעם ראַיאָן האָט ניט געקאָנט פעסטשטעלן דעם דיִאַגנאָז. דאַן איז דער דירעקטאָר פון דער ווירטשאַפט געפאַלן אַפן גע-
דאַנק: אײַנלאַדן ברודנין, און זאָל ער אַ קוק טאָן און אַרויסזאָגן זײַן מיינונג.

ברודני האָט ניט נאָר פעסטגעשטעלט דעם דיִאַגנאָז, וועלכער האָט שפּעטער פולקום זיך באַרעכטיקט, נאָר אַליין זיך גענומען דורכפירן די אוניקאַלע אָפּעראַציע. דעם בוהײַ, וועלכער איז אַלט געווען אַריבער אַנדערהאַלבן יאָר און האָט געוווגן בא 1.100 קילאָגראַם, האָט ער אין אַ פאַלע געגעבן אויסטרינקען צוויי ליטער בראָנפן און געמאַכט אים אַן עפיר-נאַרקאָז, און ווען דער בוהײַ איז אַנשלאָפן געוואָרן, האָט ער אים אָפּע-
רירט. עמעס, צוועלף געזונטע מאַנצבלען האָבן אים סטראַכירט. עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן פונקט אַזוי, ווי ברודני האָט געזאָגט. אינעם ביקס מאָגן, פאַרטשעפּענדיק די דיִאַפראַגמע לעבן האַרצן, האָט געשטעקט אַ גרויסער טשוואָק, און ווען דער ביק פלעגט זיך אָנבייגן, קעדיי אַ צופּע טאָן דאָס גראָז, אָדער זיך אָנטרינקען, פלעגט דער טשוואָק אַ שטאָך טאָן אים אין האַרצן. אויך דעם בוהײַ האָט לעאָניד מאַרקאָוויטש אָפּערירט אַפן סאַמע בעסטן אויפן...

אין ביראָבידזשאַן האַלט מען ברודנין פאַר אַ לעבעדיקער פאַרקערפערונג פון דער געשיכטע פון דער געגנט. ער געדענקט ניט נאָר דעם טאָג פון דער אויסבילדונג פון דער געגנט, נאָר אויך די צײַט, ווען עס איז נאָך ניט געווען אפילו דער ביראָבידזשאַנער נאַציאָנאַלער ראַיאָן. און ניט פאַשעט — ער געדענקט, מע קאָן מיט דער פו-
לער זיכערקײַט זאָגן, אַז ברודני איז אף אָט דער ערד געווען איינער פון אירע ערשטע בויער.

ווי בא פיל אַנדערע מענטשן פון זײַן דאָר, איז אויך בא אים געווען ניט קיין לײַכטע קינד-
הײַט. פון צוועלף יאָר איז ער שוין אוועק אַר-
בעטן, און ביטער איז געווען דאָס פאַרדינטע שטיקל ברויט. דאָך האָט ער געטאָן אַלץ, קעדיי עס זאָל מעקוייעם ווערן זײַן טרוים — ווערן אָדער אַ... ראַוו, אָדער אַ דאָקטער. די צײַט איז דעמאָלט געווען אַזאַ שטורמישע, אַזאַ אָנגעזעטיק-
טע מיט געשעענישן און אידייען, אַז וועגן ראַבאָ-
נעס האָט ער פאַרגעסן, פאַרענדיקט אַן אַר-
בעטס-שול און אָנגעקומען זיך לערנען אינעם קיִעווער מעדיצינישן אינסטיטוט.

— עס איז געווען אַ צײַט, — דערמאָנט זיך לעאָניד מאַרקאָוויטש, — ווען די לופט איז, דאַכט זיך, געווען פול מיט יוגנטלעכן ברויז, מיט דריי-
סטע, צומאָל פאַנטאַסטישע פּראָיעקטן. מיר, יונ-
גע, האָבן געשטרעבט אָפּטאָן אַלץ און אין איין אָטעם...

דער שטאַמפּירער אַרקאַדי מוריע



דער פרעזער-אַרבעטער אַלעקסאַנדער פליישמאַן

דער עלעקטראָשווייסער לעאָניד מײַזעל

ווען אין 1924 יאָר איז אופגעקומען די פראגע וועגן דער איבערוואנדערונג פון ייִדן, דורכן קאָמזעט און אָזעט, אף ערד, האָט ברודני, אן ענטוזיאַסט פון די דאָזיקע אָרגאַניזאציעס, איבערגעריסן די לער און צונויפגעזאמלט אין א ריי שטעטלעך פון דער כמעלניצקער געגנט אן איבערוואנדערישן ארטעל, וועלכער האָט זיך באזעצט אף ערד אינעם כערסאָנער סטעפּ, צווישן די אלטע ייִדישע קאָלאָניעס לוואָוו און סיידעמענוכע. לעאָניד ברודני איז אפילע געוואָרן שטעלפארטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דער דאָזיקער ווירטשאפט און געארבעט גוט, אזוי, ווי ער איז געוווינט, און אזויפיל צײַט, ביז מע האָט אים געזאָגט, אז אפן לויפיקן עטאפּ איז א דאָקטער נייטיקער פון א פאָרזיצער, און ער האָט זיך אומגעקערט אין אינסטיטוט.

— איך האָב געוווּסט, — זאָגט ברודני, — אז אפן נײַעם אָרט, באם אמור, וועלן מיך באגעגענען קאָלערליי שוועריקײַטן: קאָמארן, בלאָטעס, ניט-אײַנגעאָרדנטקײַט, נאָר מענטשן וועלן זיך דאָך נייטיקן אין מעדיצינישער הילף, איז ווּ האָב איך זיך געדארפט באזעצן? אין קיִעוו, אָדער אין אן אנדער שטאָט? ניין, מײַן אָרט איז געווען דאָרט, ווּ אלץ איז געווען לאכלוטן נײַ. איך האָב באקומען אין מײַן רעשוס א שטיק לאנד — פונעם דאָרף ראדע ביז דעם איצטיקן ייִשעוו לענינסקאָיע. ניט יעדער קיניג קאָן זיך באַרימען מיט אזא גרויסער טעריטאָריע... — און לעאָניד מארקאָוויטש לאכט פרייִלעך, אף א קאָל.

אלע קינדער רופן אים — טאטע

ווען עס קומט מיר אויס זיך באגעגענען מיט רייזנבלאטן, הייבט מיר אָן זיך דאכטן, אז די צײַט האָט אָפּגעשטעלט איר לויף, ווײַל ער זעט אויס קימאט ווי אמאָל, ווען ער האָט נאָך געוווינט אין אמורזעט, נאָך אלץ א זשוואווער און רירעוודיקער, מיט א פרייִלעך פײַערל אין די גרויסע בלויע אויגן. ווײַזט אויס, אז נאָר א מענטש מיט גרויסע מײַלעס האָט געקאָנט אָרגאניש ארײַן אין באשטאנד פון אזא טראקטאָר-בריגאדע, וועלכע איז אמאָל געווען אינעם אמורזעטער קאָלווירט „רויטער אָקטיאבער“ און ווּ עס האָבן געארבעט אזעלכע יאטן, ווי ניקיטא ליולקאָ, די ברידער קאדעמי, דער בריגאדיר כאיִם בערגער. דאָס זײַנען געווען כעוורע, וואָס האָבן טאָמיד געהאט אין לעבן איין קלאל: אויב ארבעטן — איז געארבעט, און אויב הוליען — איז געהוליעט. א לעמעשקע לעבן זיך וואָלטן זיי ניט געדולדעט.

דאָ ניט לאנג האָב איך זיך ווידער געזען מיט רייזנבלאטן. ווען עס טרעפן זיך לאנגאָניקע באקאנטע, הייבט מען אָן, נאטירלעך, זיך דערמאָנען אין דער פארגאנגענהײַט, אין די מענטשן, וועלכע ביידע האָבן געקענט. בייס כ'האָב זיך צוגעהערט צו רייזנבלאטס רייד, פולע מיט קלוגע שפּאסן און פרייִלעכן געלעכטער, זײַנען פאר מײַנע אויגן אופגעקומען אלץ נײַע בילדער, וואָס אויב זיי צונויפלייגן איניינעם, באקומט זיך אזא אָנגעזעטיקט מיט עפּיזאָדן און געשעענישן לעבן, וועלכן מע קאָן בלויז מעקאנע זײַן.

ביראָבידזשאן איז אזא אָרט, ווּ מע דארף ניט בעטן גאָט, ער זאָל שיקן א רעגן. דערבײַ זאָל מען, כאָלילע, ניט מיינען, אז די זון איז בא אונדז א זעלטענער גאסט. זוניקע טעג אין יאָר ציילן מיר אָן ניט ווייניקער, אײדער אין סאָטשי. אויך נאָך א רעגן בענקען מיר ניט. צום באדויערן, טרעפט, אז דער רעגן, אויב עס פארגלוסט זיך אים, גיסט א יואָך נאָכאנאנד, און דאָס פלעגט שלעכט ווירקן אף אייניקע פון די ערשט אָנגעקומענע קיין ביראָבידזשאן איבערוואנדערער. די רייזנבלאטס האָט אין דעם זין אָפּגעגליקט. ווען זיי זײַנען אין איינעם א פרילינגדיקן טאָג פונעם 1934 יאָר ארויס פון וואגאָן אף דער סטאנציע ביראָבידזשאן, האָט העל געלויכטן די זון. ס'איז געווען זייער ווארעם, די ערד און די ביימער האָבן פריש געגרינט. ווײַזט אויס, אז דאָס האָט געשפּילט ניט די לעצטע ראָליע אין זייער באשלוס פארבלײַבן דאָ אף שטענדיק.

מוישע רייזנבלאט מיט די צוויי זין קאלמען און באָרעך האָבן געהאט שטארקע הענט, וואָס קאָנען ארבעטן. די איבערוואנדערער זײַנען אוועקגעפאָרן קיין ווענצעלעוואָ, — אקערן די ערד אין דאָרטיקן קאָלווירט. קאלמענען האָט מען גלײַך געשיקט אף טראקטאָר-קורסן. אין 1937, נאָכן פארענדיקן די קורסן בא דער אוסט-סונגאריִער מאשין-טראקטאָר-סטאנציע, איז ער אָנגעקומען ארבעטן אינעם אמורזעטער קאָלווירט, ווּ ער איז אינגיכן געוואָרן בריגאדיר פון א טראקטאָר-בריגאדע.

אַלץ איז געגאַנגען גוט, רייזנבלאַטס בריגאַדע האָט אין די אָנגעמערקטע טערמינען פאַרזייט די קערנער-קולטורן, אויך הרייקע און סאָיע, די כּעוורע האָבן געאַקערט און באַארבעט דעם שוואַרצבראָך און זיך געגרייט צום טוויע-שניט, נאָר אומגעריכט האָט זיך אַרײַנגעריסן די מילכאָמע. מער פון א העלפט פון דער בריגאַדע, אַלע אירע יונגע און געזונטע כּעוורע זײַנען שוין אין די ערשטע טעג פון יון אוועק אפן פראָנט. קאַלמענען האָט מען געהייסן ארבעטן. ער האָט געאַרבעט, אָבער רעגולער, איין מאָל אין כוידעש, פלעגט ער זיך יאַווען צום ראַיאָנישן מיליטערישן קאָמיסאַר מיט א באַקאָשע, מע זאָל אים אויך נעמען אפן פראָנט. אין הינטערלאַנד האָבן זיך אָבער געפאָדערט דערפאַרענע הענט, און אַלעמאָל פלעגט מען אים אָפּזאָגן.

לויטן כאַראַקטער איז קאַלמען א פרייַלעכער, צוגעלאָזטער מענטש, נאָר אויב עס פאָדערט זיך — ווערט ער אַן אַקשן. מיט זיך האָט ער אַלץ געטײַנעט, אַז עס איז א פאַרברעכן צו זיצן אין הינטערלאַנד, ווען זײַנע כאַווײרים פאַרגיסן בלוט אפן פראָנט. ער האָט מיט אַלע קויכעס זיך געריסן צו זיי, און זײַן אַקשאָנעס האָט אים געהאָלפן. אין פעוורואַל 1942 איז ער אָן א דערלויבעניש אוועקגעפאָרן אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן, זיך געיאַוועט צום געגנטלעכן מיליטערישן קאָמיסאַר, און אַהיים האָט ער זיך שוין ניט אומגעקערט — אוועק אפן פראָנט.

ווי פיל אַנדערע סאָלדאַטן, האָט אויך קאַלמען רייזנבלאַט געהאַלטן, אַז די מילכאָמע — דאָס איז א שמוציקע, פײַנטלעכע און שווערע ארבעט, אָבער אַזא, וועלכע מע מוז זי טאָן. אינעם מאַרש-באַטאַליאָן, וועלכער האָט זיך געגרייט צו די קינפטיקע שלאַכטן, האָט ער געבעטן, מע זאָל אים, אַלס געוועזענעם טראַקטאָריסט, אוועקזעצן אף א טאַנק. איינער פון די אָפּיצערן פונעם באַטאַליאָן האָט אָבער אף דעם אים געענטפערט, אַז אויב ער איז א געוועזענער טראַקטאָריסט, ווייסט ער גוט, ווו עס געפינט זיך באַם טאַנק דער מאָטאָר, דער הייצוואַרג-באַק און די טראַקן, און דריבער וועט זײַן בעסער, אויב ער וועט נעמען אין די הענט די קעגנטאַנקען-ביקס. אַזוי אַרום, איז רייזנבלאַט געוואָרן א סאָלדאַט פונעם 3-טן באַזונדערן קעגנטאַנקען-באַטאַליאָן פונעם 1330-טן קעגנטאַנקען-פּאָלק.

אין באַשטאַנד פונעם 2-טן ווײַסרוסישן און שפּעטער — פונעם 4-טן אוקראַיִנישן פראָנט האָט קאַלמען רייזנבלאַט זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן פאַר באַפרײַען ווײַסרוסלאַנד, פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע. אין איינער א שלאַכט, בייסן אָפּשלאָגן א טאַנקען-אַטאַקע פון די פאַשיסטן, זײַנען אומגעקומען קימאַט אַלע אַרטילעריסטן, וואָס האָבן באַדינט א קעגנטאַנקען-האַרמאַט. ס'איז געבליבן בלויז איין מענטש. רייזנבלאַט, וועלכער האָט מיט זײַן ביקס זיך געפונען נאָענט, אין דער טראַנשיי, האָט גענומען אף זיך די קאָמאַנדשאַפט מיטן האַרמאַט. אינײנעם מיטן לעבנגעבליבענעם סאָלדאַט האָט ער אין יענער שלאַכט פאַרניכטעט א פײַנטלעכן טאַנק און א פאַנצער-טראַנספּאָרטיאָר. די קאָמאַנדשאַפט האָט אים באַלוינט מיט א מעדאַל „פאַר געוואַגטקײַט”.

רייזנבלאַט האָט אָנטיילגענומען אין פיל שלאַכטן מיטן סוינע. די דײַטשן האָבן מיט אַן אײַנגעשפּאַרטקײַט פון פאַרורטיילטע זיך געקלאַמערט אין יעדן פיצל ערד. אָפּגעלעגן מיט א שווערער ווונד אַכט כאָדאָשים אין די שפּיטאָלן פון קראַקאָוו און סאַראַטאָוו, איז קאַלמען אוועקגעפאָרן אַהיים, קיין אַמורזעט. דאָרט האָט ער אומגעריכט באַקומען א שווערן קלאַפּ: די פרוי האָט זיך ניט דערוואַרט אף אים און כאַסענע געהאַט מיט אַן אַנדערן. דער סאָלדאַט האָט דעם דאָזיקן קלאַפּ אויסגעהאַלטן; א פאַרדראָס און א ווייטעק האָבן, פאַרשטייט זיך, געפּײַניקט זײַן האַרץ — ער איז געווען שוין א טאַטע פון צוויי קינדער, — אָבער ניט געקוקט אף דעם און אויך אף דער פיזישער אינוואַלידישקײַט, איז ער אוועק ארבעטן, לעכאַטכילע אין א מאַגאַזין, דערנאָך געוואָרן פאַרזיצער פונעם אַמורזעטער דאָרפסאָוועט, און נאָכן אַריבערפאָרן אין געגנטלעכן צענטער געאַרבעט אפן זאַוואָד „דאַלסעלמאַש”.

ער האָט אויך געפונען זײַן גליק. אַמאָל האָט ער אין אַמורזעט געהאַט א פרײַנט — באַרעך כאַכלאָוו. אין 1943 יאָר איז באַרעך אומגעקומען אפן פראָנט, און אין אַמורזעט איז פאַרבליבן זײַן אַלמאָנע מיט פינף קינדערלעך — איינס קלענער פונעם אַנדערן. א פרוי מיט פינף קליינע קינדער אף די הענט... מע קאָן זיך פאָרשטעלן זינע כאַכלאָוועס שטוינונג, ווען אין איין שיינעם טאָג האָט קאַלמען רייזנבלאַט געבעטן, זי זאָל ווערן זײַן ווײַב.

— איך ווייס, וואָס דיך שרעקט, — האָט, האַלטנדיק אירע הענט אין זײַנע, קאַלמען שטיל געזאָגט, — איך האָב דיך ליב, הייסט עס, אַז דײַנע קינדער זײַנען מײַנע קינדער. אין אַלע פאַלן זײַנען באַרעכס קינדער — מײַנע.

זינע האָט אוועקגעלייגט איר קאָפּ אױף זײַן אקסל...

ס'איז שוין אדורך א היפּש ביסל יאָרן. קאַלמען רײַזנבלאַטס קינדער (ניין נעפּא-שעס!) זײַנען אויסגעוואַקסן, זיי האָבן שוין אייגענע מישפּאָכעס און, צו פרײדן דעם זיידן מיט דער באָבען, זײַנען אין דער מישפּאָכע פאַראַן זעכצן אייניקלעך און צוויי אוראייניקלעך. איז ווער זשע זײַנען זיי, די קינדער פון אָט דעם ווילן מענטשן?

די טעכטער מאַניע און ריטע לעבן און ארבעטן אין אמוריזעט. צוויי זין מיַען זיך אין דער ביראָבידזשאַנער פאַרגרײט-קאָנטאָר: סיאָמע אַלס שאָפער, און עדיק איז א באַנ-דער. מישע, יאשע און פאַינע ארבעטן אפן זאַוואָד „דאַלסעלמאַש", ליודמילע — א מע-דיצין-טוערן, אויך אין ביראָבידזשאַן, מאַקס — איז אן אָפיצער, א פּאָדפּאָלקאָווניק. מיט אים, דעם דערצויגלינג פון א סוואָראָוו-שול, וועלכער האָט דערנאָך פאַרענדיקט צוויי מי-ליטערישע אקאַדעמיעס, שטאָלצירט די גאַנצע מישפּאָכע.

אין די יאָמטויווים איז בא דער באָבע זינע פאַראַן א סאָך ארבעט — זי טראָגט זיך פון שטוב אין מאַגאַזין, פון דאָרטן — אפן מאַרק, און פונעם מאַרק ווידער אין מאַגא-זין. און נאָך אַלעמען פּאָרעט זי זיך די גאַנ-צע צײַט אין קיך. זי גרייט זיך אופנעמען טײַערע געסט — אירע קינדער און די קינדס קינדער. קאַלמענען האָט זי איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַזײַטיקט פון די דאָזיקע פריידי-קע דײַגעס. זי טרײַבט אים פון קיך. פונדעסט-וועגן כאַפּט ער זיך ווען-ניט-איז ארײַן אהין, שמוגלט זיך דורך, קעדיי א קוק טאָן אױף איר מיד, צעפלאַמט און אַלץ נאָך כיינעוודיק פּאָנעם. ער טרעפט זיך מיט אירע גליקלעכע אויגן און שווײַגט. שווײַגנדיק, פרעגט ער אמאָל בא זיך: „זינע איז גליקלעך? נו, און די קינדער? אַלע רופן זיי מיך — טאַטע. אָט דאָס איז מײַן גליק..."

אין א האַרבסטיקן פּאַרק.
געמעל פֿון א. עזהין.

ביראָבידזשאַנער פרויען

„אומעטום — מײַנע הײַזער...“

דער אָקאָרשט אויסגעפאַלענער שניי האָט געבלישטשעט אַף דער זון מיט טויזנטער פײַערלעך, אין דרויסן איז געווען וואַרעם און ווען ניט דער שניי, וואָלט קיינער אַפילע ניט געגלייבט, אַז עס איז שוין געקומען דער ווינטער.

סאַראַ קאַזאַקאָווא, דער שטוקאַטור-מאַליער פון דער בוי-פאַרוואַלטונג נומ. 254 אינעם טרעסט „ביראָבידזשאַנבוי“, האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ און מיט פאַרגעניגן געקוקט, וויאַזוי די שטראַלן פון דער זון שפּיגלען זיך אָפּ אין די פענצטער פונעם נײַעם מויער. אָט איז פאַרטיק נאָך איין וווין-הויז, צו וועלכן זי האָט צוגעלייגט אירע הענט. אינגיכן וועלן דאָ פּראַווען אַ פרייִדיקן כאַנוקאַס-האַבאַיִס 90 מישפּאָכעס פון קאָמבײַנבויער.

ס׳איז געוואָרן בײַ איר אַ מוז און אַ געוווינהײַט: ווען מע הייבט אָן זיך אַרײַנקלײַבן אין די נײַע דירעס, קומט זי אומבאַדינגט אין הויף און קוקט אַף די מענטשן, וועלכע טראָגן אַרײַן דאָס מעבל. זי ווערט דאַן ברייטער ווי לענגער. דאַכט זיך, מע איז געווען צווישן זיך לאַכלוטן אומבאַקאַנט, און איצט העלפט מען איינע די אַנדערע אַרײַנטראָגן די שווערע זאַכן: פּיאַנינעס, אײַזקעלטערס, טעלעוויזאָרס. יאָ, בויען אַזאַ שטוב און דערנאָך זען, ווי מענטשן פרייען זיך מיט איר, — דאָס איז אַ גרויס גליק.

סאַראַ קאַזאַקאָווא שמייכלט. אירע קלוגע אויגן זײַנען פול מיט שטאָלץ. אַ שלאַנקע און אַ שיינע, איז זי איבערפולט מיט יוגנטלעכן גרויז און ענערגיע.

— וויפל יאָר אַרבעט איר אַף די רישטעוואַניעס פון די נײַ-בויונגען? — פרעג איך. זי ענטפערט ניט גלײַך. זי קוקט אַף מיר, ניט פאַרשטייענדיק, צוליב וואָס עס איז נייטיק אַזאַ אַריפמעטיק. נאָר עס גייט דורך אַ מינוט, און זי זאָגט:

— דאָס גאַנצע לעבן. אַלנפאַלס, אַזוי רעכן איך, ווײַל די פריִערדיקע באַשעפטיקונג, ביז די רישטעוואַניעס, איז געווען, ווי מע זאָגט, אַזוי זיך... איך האָב געזוכט אַן אָרט אין לעבן, און איך האָב עס געפונען...

מיר דערוויסן זיך, אַז סאַראַס עלטערן זײַנען געקומען קיין ביראָבידזשאַן אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן פון אוקראַיִנע. דער טאַטע אירער נאַום און די מאַמע נעכאַמע האָבן אַלע זייערע יאָרן אָפּגעאַרבעט אַף דער אײַזנבאַן. סאַראַ איז אַ הי-געבוירענע. דאָ אין ביראָבידזשאַן האָט זי פאַרענדיקט אַ מיטלשול, און ווי אַלע יונגע מענטשן, האָט זי געטרוימט וועגן אַ גוטער אינטערעסאַנטער אַרבעט. דער לעבנסוועג האָט זי געבראַכט אין אַ בוי-אָרגאַניזאַציע, וווּ זי איז געוואָרן אַ שילערן פון אַ שטוקאַטור-מאַליער. איר ערשטער אַרבעטס-דערציִער, יאַקאָוו פענקין, האָט גאַסטפרײַנטלעך באַגעגנט דאָס מיידל, באַקאַנט זי מיט די מיטגלידער פון דער בריגאַדע און פריילעך אַ זאָג געטאָן:

— סאָרעלע, מיט דײַן הילף וועלן מיר אויסבויען אַ גאַנצע שטאָט מיט גרויסאַרטיקע הײַזער, און אונדזער ביראָבידזשאַן וועט ווערן אַן עמעסע שיינהײַט אַף דער בירע, אָט וועסטו זען.

סאַראַ נאַומאָוונאַ דערציילט:

— אונדזער שטאָט איזווירקלעך אויסגעוואַקסן אַזוי, אַז עס איז ניט מעגלעך זי צו דערקענען, און אומעטום, וווּהין איך זאָל ניט וואַרפן דעם בליק, — מײַנע הײַזער!

סאַראַ קאַזאַקאָווא האָט ליב שפּאַנען איבער די ברייטע גאַסן און קוקן אַף די הײַזער, דערמאָנען זיך די געשעענישן, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין איר לעבן בײַס דער בויונג פון יעדן הויז.

— אָט דאָ, לעמאָשל, — באַווײַזט זי, — בויענדיק דעם מויער אַף דער פּיאָנער-גאַס, האָב איך אין 1970 זיך דערוווּסט, אַז אַ גרופּע מײַנע כאַווייריִם איז באַלוינט געוואָרן מיט מעדאַלן לעקאָוועד דעם 100-טן יאָרטאָג פון וולאַדימיר איליטש לענין, און צווישן זיי אויך איך. אין אַ צווייטן הויז, אַף אַן אַנדער גאַס, האָב איך באַקומען אַ צייכן פון אַ שלאָגלער

א גרוס דיר, ביראָבידזשאַן!

У канцы ліпеня 1962 года мне давялося пабываць у сонечным Бірабіджане. Ідзе ўжо дваццаць другі год, а ў памяці светла жывуць успаміны. Сустрэчы - з рабочымі рыбгаса ў пасёлку Ленінскае над магутным Амурам, з калгаснікамі ў вёсцы Валдгейм і на палях іх добра дагледжанай гаспадаркі. У вушах яшчэ звініць шчаслівы дзіцячы смех, яшчэ ўсё бачу мноства іскрыстых вачэй, - мы ў піянерскім лагеры над маляўнічай Біpой. У Бабстове мы сустракаліся з моладдзю, да позняга вечара гутарылі пра літаратуру. У самім Бірабіджане ў нас была вельмі цікавая і змястоўная сустрэча з інтэлігенцыяй горада. Мы многа ездзілі на прасторах вобласці, прыродай яе любавалі і ўранні, і ўдзень, і ноччу... Раскошна прыгожы край. Многа цікавых людзей.

Ад усёй душы жадаю ім шчасця!

Янка Брыль

Мінск

אין סאָף יול 1962 איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אינעם זוניקן ביראָבידזשאַן. עס זײַנען שוין דורכגעגאַנגען צוויי און צוואַנציק יאָר, נאָר אין מײַן זיקאָרן לעבן נאָך יענע ליכטיקע דערינערונגען, די באַגעגענישן מיט די אַרבעטער פונעם פיש-סאָווירט אין דעם ייִשעוו לענינסקאָיע אויפן מעכטיקן אַמור, מיט די קאָלווירטניקעס אינעם דאָרף וואַלדהיים. אין מײַנע אויערן קלינגט נאָך דער גליקלעכער קינדערישער געלעכטער, איך זע אַ סאַך פינקלענדיקע אויגן — מיר געפינען זיך אינעם פּיאָנערן-לאַגער בא דער פּרעכטיקער בירע. אין באַבסטאָוואָ האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט דער יוגנט, ביז שפּעט אין אָוונט גערעדט וועגן ליטעראַטור. און אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן גופא האָבן מיר געהאַט זייער אינטערעסאַנטע און אינהאַלטסרײַכע באַגעגענישן מיט דער אינטעליגענץ. מיר זײַנען אַ סאַך אַרומגעפאָרן איבער די ראַכוועסן פון דער געגנט, זיך געקוויקט מיט דער נאַטור סײַ אינדערפרי, סײַ באַטאָג, סײַ באַנאַכט... אַ וווּנדערלעך שיינער קאַנט. זייער אינטערעסאַנטע מענטשן.

פונעם גאַנצן האַרצן ווינטש איך זיי גליק!

יאַנקאַ ברי ל,
ווײַסרוסישער פּראָזאַיקער, לאַורעאַט פון דער מעלוכע-פּרעמיע פון פססר און פון דער ליטעראַרישער פּרעמיע אַף יאַקאָוב קאָלאַסעס נאָמען.

* ——— * ——— *

פונעם נײַנטן פינפיאָר. אין דעם הויז נומ. 44 אַף דער לענין-גאַס האָט מען אונדזער בריגאַדע צוגעמישפּעט דעם בעקאָוועדיקן טיטל „קאָלעקטיוו פון קאָמוניסטישער מי״, און אָט דער מויער, אַף דער בומאַגין-גאַס...

דער קאָלעקטיוו, אין וועלכן עס ארבעט סארא נאומאָוונא, איז א פרײַנטלעכער. אקסל צו אקסל מיִען זיך רוסן, יידן, טאטערן, אוקראַינער. אַלעמען פאראייניקט איין גרויסער ציל — ברענגען פרייד און באקוועמלעכקײַט אין לעבן פון די מענטשן, וואָס האָבן עס זיכער פארדינט.

דער זין פונעם לעבן

פון דער בירע האָט זיך דערטראָגן א ווינטל, און גלײַך איז געוואָרן קיל — דער ערשטער סימען פונעם אָנגעקומענעם הארבסט. נאָר די לופט איז געווען פריש און לויטער. עס האָט זיך געעטעמט לײַכט און, ווי געוויינלעך אין אזא אינדערפרי, איז אַפן הארצן געווען רויִק און פריידיק.

פונדערווײַטנס האָט זיך שוין באוויזן די פאבריק. דער לעבעדיקער שטראָם מענטשן האָט אונטערגעכאפּט אויך זי, אַלעקסאנדרען, און זי אוועקגעטראָגן מיט זיך. עס האָט זיך געהערט א לעבנסלוסטיקער געלעכטער, עמעצער האָט געשפּאסט, אן אנדערער האָט זיך אינטערעסירט, וואָס עס טוט זיך אַף דער דאטשע, וויִאזוי מע האָט פארבראכט דעם זונטיקדיקן אָפּרו-טאָג.

מיט זעכצן יאָר צוריק האָט אַלעקסאנדרא טויטער באשלאָסן ווערן א נייטערן-מאָטאָריסטקע. זי איז געקומען אינעם ליכטיקן נייצעך, ווו פון עק ביז עק האָבן זיך געצויגן קאָנווייער-ליניעס, מע האָט איר אויסגעטיילט א מאשין, און די ארבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

דער שעף פונעם צעך יעלענא זאסאָקינא האָט געזען, אז די פרוי ווייסט גוט, וואָס זי וויל, זי פארמאָגט אן עמעסן ארבעטער-כאראקטער, און זי וועט זיך אומבאדינגט דערשלאָגן אירס.

זאסאָקינא איז זיך ניט טויע געווען.

אין א כוידעש ארום האָט אַלעקסאנדרא טויטער שוין געארבעט זעלבשטענדיק און אויך גענומען באהערשן קרוווישע אָפּעראציעס.

איינער פון די ערשטע אין צעך האָט מען איר צוגעייגנט דעם טיטל „אויסגעצייכנטלער לויט דער קוואליטעט״, און זי האָט באקומען דאָס רעכט צו ארבעטן מיט א פערזענלעכן שטעמפּל. איר נאָמען איז פארשריבן געוואָרן אינעם ערן-בוך פון דער אונטערנעמונג. פיל מאָל האָט מען זי באלוינט מיט גראמאָטעס און ווערטפולע מאטאָנעס, איר פּאָרטרעט האָט אראָפּגעשײַנט פונעם ערן-טאָוול פון דער פאבריק און פון דער שטאָט.

איך שמועס מיט דער כאָשעווער נייטערן. איר גאנצער אויסזען איז א יאָמטעוודיקער. מע זעט, אז די פרוי איז א גרויסע באלעבאָסטע, און דאָס רופט ארויס צו איר סימפּאטיע. שוין פון די ערשטע ווערטער אירע פילט זיך, אז זי איז ארײַנגעטאָן אין דער ארבעט מיט לײַב און לעבן.

— וויִאזוי איך האָב זיך דערשלאָגן דאָס דערגרייכטע? ערשטנס, אדאנק מײַנע כאווערטעס, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן פאר א קורצער צײַט באהערשן די סוידעס פון דער פּראָפעסיע. איך פלעג זיך ניט שעמען בא עמעצן פרעגן, אויב מיר איז עפּעס געווען ניט פארשטענדלעך. לערנען זיך איז דאָך קיינמאָל ניט שפּעט... דער איקער איז דאָס, וואָס איך האָב ליב מײַן ארבעט און איך באקום פון איר באפרידיקונג אין אַלע הינזיכטן. שײַעך צו ריידן, אַלץ איז אָפּהענגיק פונעם מענטשן אַליין...

זי ווייסט, אז רײַפקײַט קומט אָן אַף א פארשיידענעם אופן. צו איר איז זי געקומען, ווען זי האָט אין דער פולער מאָס גענומען פארשטיין דעם זין פונעם לעבן און די ראָל אין דעם פון אן ארבעטס-מענטש.

מיר דערוויסן זיך, אז די מישפּאָכע טויטערס וווינט אין א גרויסער פירצימערדיקער דירע אַף דער פּושקין-גאס. מע לעבט שיין און גליקלעך. אין שטוב איז פאראן אַלץ: מאָדערנע מעבל, א קאָלירטער טעלעוויזאָר. דער באלעבאָס אין דער מישפּאָכע, אַלעקסאנדרעס מאן הערשל, איז אן אויסגעצייכנטער סטאָליער. און טאקע, אָנהייבנדיק פון דער שוועל, ווען מע קומט ארײַן אין שטוב, וועט איר זען שיינע און מיט א גוטן געשמאק אויסגעפּארטיקטע מיט זײַנע הענט פילצאָליקע פּאָליצעס און שאפעקלעך. א סאך מעבל האָט ער אויך געמאכט אַליין.

ווען מיר געזעגענען זיך, זאָגט אַלעקסאנדרא מיט שטאָלץ:

— מיר זײַנען גליקלעך, און אונדזער באגער איז, עס זאָל ניט קומען צו א מילכאָמע, אונדזערע קינדער און קינדס קינדער זאָלן לעבן אין גליק און אין פריידן, און מיר, טאטע-מאמע, זאָלן קלײַבן פון זיי גרויס נאכעס.

מיט א ריינעם געוויסן

אין צעך, א פארגאָסענעם מיט העלער שייַן, זיצן לעבן די מאשינען הונדערטער פרויען אין פארשיידנקאָליריקע טיכלעך. די גרויסקייַט פונעם לאָקאל, דער גערויש פון די מאשינען רופן ארויס אף א רגע א פארלוירנקייַט. גיי פרוּוו דאָ געפינען סאָניע עסטערקינען. מיר דוכט זיך אפילע, אז אלע טריקאָטאזשניצעס זייַנען ענלעך איינע אף דער אנדערער. נאָר אזוי דויערט א מינוט, און דערנאָך שטעלט זיך אלץ אף זייַן אָרט. איך קוק זיך ארום און — אָט איז זי, מייַן סאָניע. מיך זעט זי ניט, זי איז פארטיפט אין דער ארבעט. איך שפאן איבערן צעך און בלייַב שטיין לעבן איר. זי ספראוועט זיך מיט איר אָפעראציע אזוי שנעל, אז אויסטיילן דאָ עפעס-וואָס איז אומעגלעך. איך טו א טראכט, אז אזוי ארבעטן געוויינלעך דערפארענע טריקאָטאזשלער, מענטשן, וועלכע וויסן זייער גוט זייער זאך.

לאנג ווארטן ביזן איבערייַס איז מיר ניט אויסגעקומען. מיטאמאָל איז אין צעך געוואָרן שטארק שטיל, די מאשינען האָבן זיך אָפגעשטעלט. ס'איז געקומען די צייַט פון מיטיק.

סאָניע עסטערקינא האָט גערן גענומען מיר דערציילן וועגן אלץ, וואָס עס האָט מיך אינטערעסירט. זי רעדט רויִק, יעדעס וואָרט איז בא איר אפן אָרט.

— דאָ אף דער פאבריק, — דערציילט זי, — האָב איך זיך פארפונדעוועט מיט העכער פינף יאָר צוריק, פריִער האָב איך געארבעט אף אן אנדער אונטערנעמונג. בייַטן א פראָפעסיע איז ניט לייַכט, די ערשטע צייַט פלעג איך מיד ווערן. נאָר אזוי האָט לאנג ניט געדויערט. זייער א סאך האָט מיר געהאָלפן דער מייַסטער ליודמילא איוואנאָוונא. אדאנק איר האָב איך שנעל באהערשט די ספעציִאליטעט. לאנגזאם, נאָר זיכער האָב איך גענומען איבערשטייַגן די אויסארבעטונגס-נאָרמעס. וואָס איז שייַעך דער קוואליטעט, האָב איך זיך געסטארעט מיט אלע קויכעס ארבעטן אזוי, אז איך זאָל קאָנען קוקן די מענטשן אין די אויגן.

עסטערקינא דערציילט מיט אלע פראָטים, וויִאזוי זי האָט פארנומען איר אָרט אין קאָלעקטיוו, דערוווּסט זיך די פראָטים פונעם פאך, די קאָלערליי „סוידעס", און וויפל אופמערקזאמקייַט און הילף עס האָבן איר ארויסגעוויזן אירע כאווערטעס!

— איר פארשטייט, — זאָגט זי פארטרויִלעך, מיט א ווארעמער שטים, — ווען דו ווייסט, אז דו ביסט נייטיק ניט נאָר די נאָענטע און אייגענע, נאָר דעם קלאל, און אז דייַן מי ברענגט פרייד, איז פרעג איך אייַך: וואָס נאָך דארף א מענטש האָבן? ניין, קיין אויסגעטראכט גליק איז ניטאָ. אלץ איז אָפהענגיק פון אונדז אליין. אויב איר ווילט וויסן און אויב איר וועט עס ניט אָנעמען פאר באריִמערייַ, וועל איך אייַך זאָגן, אז צווישן מייַנע כאווערטעס אינעם צעך פיל איך זיך, ווי קיינער איז צו מיר ניט גלייַך...

סאָניע האָט מיר דערציילט, וויִאזוי זי איז נעכטן ארויסגעטראָטן אף אן ארבעטער-פארזאמלונג, ווייַל זי האָט „דערפילט א באדערפעניש זיך טיילן מיט די געדאנקען, אז אלע זאָלן וויסן", און זי האָט גענומען אף זיך א פארפליכטונג אויספילן פארן טערמין דעם יאָר-פלאן.

— ווארפן ווערטער אפן ווינט, — זאָגט זי, — איז ניט מייַן טעווע. איך סטארע זיך האלטן וואָרט...

און אזוי איז עס טאקע. אפן צייַגער-טאָוול, וועלכער הענגט אין צעך, זייַנען אנטקעגן איר פאמיליע אָנגעשריבן די ציפערן 160—170 פראָצענט.

סאָניע עסטערקינא כאפט א קוק אפן זייגער. דער איבערייַס גייט צו ענדע, און זי זאָגט צום שלוס:

— אזוי, ווי איך, ארבעטן אלע פרויען פון אונדזער צעך. זעט, איר זאָלט, כאָלילע, מיך ניט אָפטיילן פון די אנדערע.

„אָפטיילן פון די אנדערע" הייסט אף איר לאָשן — אויסטיילן זי פון אירע כאווערטעס...

נאָך דער ארבעט גייט זי ארויס פון דער פאבריק אף דער ברייטער פאָסטישעוו-גאס, גיסט זיך ארייַן אינעם לעבהאפטן מענטשןשטראָם. דאָ שפאנען די, וועלכע האָבן אָקאָרשט פארענדיקט דעם אומבייַט אין די צעכן פון די ביראָבידזשאנער פאבריקן און זאוואָדן. זיי וויסן, אז מיט זייער מי טראָגן זיי ארייַן א צושטייַער אין דער ווייַטערדיקער צעבליִונג פון דער יִידישער אווטאָנאָמער געגנט.

די „קיניגן פון דער ביכער-וועלט"

די דאָזיקע געבײַדע פון אײַזן-בעטאָן און גלאָז, וועלכע באַפּוצט די שאָלעם-אַלייכעם-גאַס, איז אויסגעבויט געוואָרן ניט לאַנג צוריק, נאָר זי איז שוין גוט באַוווּסט די אײַנוווינער פונעם געגנטלעכן צענטער, באַזונדערס די שילער. דאָ געפינט זיך די קינדערשע ביבליאָטעק נומ. 2, און פון גאַנצפרי ביז אָוונט זײַנען דאָ גאַסטפרײַנטלעך צעפּראַלט די טירן פאַר די יונגע בוך-ליבהאָבער. די קינדער גייען אהער גערן. זיי ווייסן, אַז יעדערער וועט באַקומען ביכער לויט זײַן געשמאַק, ווײַל דער אויסוואַל פון קינסטלערישער ליטעראַטור איז אַ גרויסער.

אין די גערעמע ליכטיקע לאָקאַלן ציִען זיך לענגויס די ווענט הויכע סטעלאַזשן. אויף זייערע פּאָליצעס שטייען אין אַ באַשטימטער אָרדענונג טויזנטער ביכער — ווערק פון סאָוועטישע און אויסלענדישע אווטאָרן. די לייענער געפינען אין דער ביבליאָטעק ספּעציעלע קאַטאַלאָגן, וועלכע העלפן אויסקלײַבן אַ נייטיק ווערק. כוץ דעם, ווערן דורכגעפירט פאַרשיידענע לייענער-קאָנפערענצן, באַהאַנדלונגען פון נײַע ביכער, באַגעגענישן מיט שרײַבער.

איך בין געקומען אהער, ווען די לייענזאַלן זײַנען נאָך געווען פּוסט, און די פאַרוואַלטערן מיטן אַבאָנעמענט, דערווײַל נאָך ניט קיין פאַרנומענע, האָט מיר דערציילט, אַז די ביבליאָטעק דאַרף, לויט איר ספּעציאַליזאַציע, באַדינען די שילער פונעם ערשטן ביזן אַכטן קלאַס, נאָר אהער קומען גערן אויך קינדער פון די 9-טע און 10-טע קלאַסן, און ניט נאָר פון יענע שולן, וואָס געפינען זיך דאָ ניט ווײַט, נאָר, אייגנטלעך, פון אַלע ראַיאָנען פון דער שטאָט. וואָס ציט זיי צו? ווײַזט אויס, די אופמערקזאַמע באַציִונג צו זיי, דאָס, וואָס די ביבליאָטעק פּילט אויס אַלע זייערע פאַרלאַנגען. די מיטאַרבעטער סטאַרען זיך, אַז יעדער קינד, וואָס קומט אהער, זאָל באַקומען דאָס ביכל, וואָס ער וויל. כוץ דעם, שמועסן די ביבליאָטעקער מיט יעדן שילער פּערזענלעך, סטאַרען זיך פעסטשטעלן, מיט וואָס ער אינטערעסירט זיך, העלפן אים אויסקלײַבן דאָס, וואָס אים איז נאָענט און וואָס עס וועט אים העלפן פאַרברייטערן דעם וועלט-באַנעם.

מיט דער באַלעבאָסטע פון אָט דעם גאַסטפרײַנטלעכן הויז אַלאַ טעפּליצקאַיאַ האָב איך זיך געטראָפן נאָך דער זיצונג פונעם קלוב „ראָמאַנטיק". איך האָב לאַנג געשמועסט מיט אָט דער שוואַרצכיינעוודיקער פרוי. מע רופט זי „קיניגן פון דער ביכער-וועלט". זי האָט מיר געניי דערציילט וועגן די באַזונדערקײַטן און פּראָטים פון איר אַרבעט, וועגן די טאָגטעגלעכע באַגעגענישן מיט די קינדער, וועלכע זי האָט שטאַרק ליב...

די מישפּאָכע פון די טעפּליצקיס לעבט אין ביראָבידזשאַן פון די דרײַסיקער יאָרן. זי, אַלאַ, איז אַ הי-געבוירענע. איר מאַמע עסטער האָט זייער ליב געהאַט לייענען ביכער. קענטיק, אַז דערפאַר טאַקע האָט זיך אַלאַ פריי באַקאַנט מיט די ווערק פון באַוווּסטע קינדערשרײַבער: טשוקאָווסקי און קוויטקאָ, ביאַנקי און גײַדאַר, מיכאַלקאָוו און מאַרשאַק. נאָכן פאַרענדיקן די שול האָט זי לאַנג ניט געטראַכט, וואָס ווײַטער צו טאָן. זי איז אָנגעקומען זיך לערנען אין דער קאַנטישער קולטור-אויפקלער-שול, אויף דער ביבליאָטעק-אָפּטיילונג. שנעל זײַנען דורכגעגאַנגען די סטודענטישע יאָרן, און אָט איז איר טרוים פאַרווירקלעכט געוואָרן: זי אַרבעט אין אַ קינדער-ביבליאָטעק, אין דער שטאָט, וווּ זי אַליין איז געבוירן געוואָרן און פאַרבראַכט די קינדהײַט.

צאלע צירולניק

די קינדער פון א קאָוואַל

„אינעם געמיינזאמען קאמף פאר א נײַער, גערעכטיקער וועלט איז אופגעקומען די גרויסע איינהײַט פון די האָרעפאשנע מענטשן, דער געפיל פון אן איינהײַטלעכער מישפּאָכע, עס איז אויסגעבילדעט געוואָרן די אומצעשטערבארע לעניניש פעלקער־פרײַנטשאפט — דער אומויסשעפּלעכער קוואל פון דער שאפונגס־מי פון די מאסן".
(פון דער באשטימונג פון צק קפּסס וועגן דעם 60־טן יאָרטאָג פון דער אויסבילדונג פון פססר).

אין בירא‌ָבידזשאַן, אין די ייִשוּווים און דערפער פון דער געגנט, לעבן צענדליקער און צענדליקער מענטשן, ייִדן לויט דער נאַציִאָנאַליטעט, וועלכע די רוסן, אוקראַיִנער, קאזאכן, פאָרשטייער פון אנדערע סאָוועטישע פעלקער האָבן געראטעוועט פון טויט בײַס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אצינד זײַנען זיי שוין מאמעס און טאטעס, באָבעס און זיידעס. אָבער ווער זײַנען געווען זייערע רעטער? דאָס וועלן זיי קיינמאָל ניט פארגעסן. עס ווייסן וועגן דעם די קינדער און קינדס קינדער פון די געראטעוועטע.

דאָס פאָרפאָלק ריווע און יויסעף זשעבראק און טעמע גאָליק האָט די פאשיסטישע אָקופּאציע פארכאפּט אין א ייִדישן קינדערהיים, אין דעם שטעטעלע לעטישטשעוו. די אוקראַיִנישע קאָלווירטניקעס האָבן געוווּסט, וואָס פאר א שרעקלעכע שטראָף עס דראָעט זיי מיצאד די היטלעראָווצעס. און דאָך האָבן זיי גענומען צו זיך די דערצויגלינגען פונעם קינדערהיים.

זיבן יאָר איז אלט געווען ראָזע זיגלער, איצט אן עקאָנאָמיסט אפן זאוואָד „דאלסעלמאש", און נאָך ייִנגער איז געווען איר שוועסטערל דאָרע. זיי, די יעסוימים, האָבן רוסישע מענטשן ארויסגעכאפּט פון דער טויטגעפאר, ווען די פאשיסטן זײַנען שוין געווען בא די טויערן פון סמאָלענסק.

מער פון צוויי יאָר האָט געלעבט אין א קאזאכישן קאָלווירט דער פערצניאָריקער לייבל מאקיִעווסקי און זײַן שוועסטערל ראָכל.

דער קאָוואל עליע מאקיִעווסקי איז אומגעקומען פון א באָמבע, וואָס האָט געטראָפן אינעם עשעלאָן, אין וועלכן ער האָט זיך עוואַקויִרט מיט זײַן מישפּאָכע פון אָדעס אין סאַמע אָנהייב פון דער מילכאָמע. העניע, זײַן פרוי, איז געבליבן מיט צוויי קינדער אף די הענט. מיט גרויס מאטערניש האָט זי זיך דערקליבן מיט זיי צו א קאזאכישן קאָלווירט ניט ווײַט פון דער שטאָט דזשאמבול. די איבערגעלעבטע ליידן האָבן זיך אָפּגערופן אף איר געזונט. זי איז קראנק געוואָרן און איז אינגיכן געשטאָרבן. די קינדער — לייבל און ראָכעלע — זײַנען אָבער ניט געבליבן עלנט. אין דער קיביטקע, וועלכע עס האָט פאר זיי אויסגעטיילט דער דאָרפישער סאָוועט, פלעגן אָפט קומען צו זיי גוטעפרײַנט — פרויען, אקסאקאלן, קינדער. דער קאָלווירט האָט באזאָרגט די עוואקויִרטע מיט בעטגעוואנט, קליידער, מעל, פלייש, געשענקט זיי צוויי ציגן. די קאָלווירטניצעס האָבן אויסגעלערנט דאָס נײַניאָריקע מיידעלע באקן פלעצלעך, מעלקן די ציגן, באוואַרעמען און אופהאלטן די וווינונג. לייבלען האָט מען אָנפארטרויט א פערד־און־וואָגן, און ער האָט שוין, לויט זײַנע קויכעס, געארבעט אין קאָלווירט.

אין דעם דאָזיקן קאָלווירט האָט מען מיט פרייד אופגענומען און ארומגערינגלט מיט זאָרג נאָך צענדליקער ייִדישע מישפּאָכעס, הויפּטזאכלעך עלטערע לײַט, פרויען און קינדער, וועלכע זײַנען געווען געצווּנגען פאר-

לאָזן זייער היים. פונעם קאזאכישן דאָרף זײַנען אַלע יונגע מאנצבלען אוועק אין דער ארמיי. אופהאלטן די נײַגעקומענע אין דער ווירטשאפט איז דעריבער געווען ניט פון די לײַכטע זאכן, די קאָלווירטניקעס האָבן באַדארפט ארײַנטראָגן זייער צושטײַער אינעם באַזאָרגן דעם פראָנט מיט דערנערונגס-פּראָדוקטן. די היגע טוישווים האָבן זיך געטיילט מיט די עוואקויִרטע מיטן לעצטן, האלטנדיק, אז דאָס איז זייער הייליקער כויוו.

אין דעם טאטנס דאָקומענטן האָט לייב מאקיִעווסקי געפונען א בריוו, פון וועלכן ער האָט זיך דערוווּסט, אז אין ביראָבידזשאן האָט געלעבט זײַנער א פעטער. עמעצער האָט געייצעט דעם כעווערעמאן זיך אָנפרעגן אין געגנט-אויספירקאָם פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. אינגיכן האָבן די קינדער באַקומען אן אײַנלאדונג קיין ביראָבידזשאן צו זייערע קרויווים.

— אונדז איז דאן געווען שווער זיך צעשיידן מיט די היגע מענטשן, — דערמאָנט זיך אצינד לייב מאקיִעווסקי, — מיר זײַנען דאָך געווען בא זיי ווי אייגענע. מיר איז שוין דאן געגאנגען דאָס זיבעצנטע יאָר. מע האָט אינגיכן באַדארפט גיין דינען אין דער ארמיי, האָב איך אָפטער און אָפטער זיך גענומען פארטראכטן: עפשער וואָלט געווען בעסער, אז ראָכעלע זאָל בלײַבן בא די קרויווים אין ביראָבידזשאן?

און אָט, זינט דעם 1943 יאָר וווינען די מאקיִעווסקיס בא דער בירע. פונדאנען האָט מען געשיקט לייבן קיין ראָסטאָוו אין א לערן-פּראָדוצירישן קאָמבינאט, ווו ער האָט באַהערשט די פּראָפעסיע פון א שלאָסער-רעמאָנטניק פון עלעקטרישע שטייגער-מאכשירים. ראָכל האָט פארענדיקט א מיטלשול און איז אָנגעקומען ארבעטן אינעם שטאָטישן שטייגער-קאָמבינאט. דאָ איז זי שוין א לענגערע צײַט אן אינסטרוקטאָר פון דער פּראָדוציר-לער, זי גרייט קאדרען נייטערנס.

ביידע מאקיִעווסקיס פארמאָגן געזינדן. לייבס צוויי זין האָבן פארענדיקט דעם פאקולטעט פון ציווילער בויונג אינעם כאבאראָווסקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. איינער ארבעט אין דער געגנט, דער צווייטער — אַף סאכאלין. לייבס פרוי, נינע, איז א דערפארענע צושנײַדערן פון קליידער.

שוין העכער נײַן יאָר טראָגט לייב מאקיִעווסקי מיט ערע דעם טיטל פון א שלאָגלער פון קאָמוניסטישער מי, זײַן פּאָרטרעט שײַנט אראָפּ פונעם שטאָטישן ערן-טאָוול.

אזא איז די פרוכט פון דער לענינישער פעלקער-פרײַנטשאפט, וועגן וועלכער עס ווערט געזאָגט אין דער באשטימונג פונעם צק קפּסס וועגן דעם 60-יאָריקן יובילײ פון פססר.

■

סאַרע וועכטער

עס לעבט א יונגע מישפּאָכע

די ערשטע שטראלן פון דער זון קוקן ארײַן אין פענצטער, ווען נעליע שטייט שוין בא דער פּליטע. געמיטלעך זשומעט דער טשײַניק, אַף דער סקאָווערעדע פּרעגלט זיך א פּײַנקוכן.

עס טוט זיך האסטיק אן עפן די טיר, און אין קיך קומט ארײַן באָריס מיט די זין. דער עלטערער, דער זעקסיאָריקער וויטיע, רופט אויס, אז אלע דרײַ זײַנען שוין גרייט גיין אין קינדער-גאָרטן. וויטיע איז שוין „א גרויסער" — ער שפּילט זיך מיט די ייִנגערע ברידערלעך, העלפט זיי זיך אָנטאָן, פארשנורעוועט דימען די בענדלעך פון די שיכלעך, פארשפּיליעט בא איליושען די קנעפּ.

נעליע איז אלט 26 יאָר. עטוואָס עלטער איז איר מאן באָריס. געבוירן זײַנען זיי אין ביראָבידזשאן. פארענדיקט ספּעציִעלע מיטעלע לערן-אנשטאלטן. אצינד זײַנען זיי ביידע עלעקטראָמעכאניקער. נעליע איז פארליבט אין איר אינטערעסאנטן, ניט גרינגן פאך. פון איר איז אָפּהענגיק, אז די ראדיִאָ-אפּאראטור זאָל ארבעטן פּינקטלעך, די טראנסלירונגען זאָל מען גוט הערן. זי באמערקט די קלענסטע אומנאָרמאלקייַטן און באזײַטיקט זיי טייקעף. ס'פּאָדערן זיך פּלינקע הענט, א גוטער געהער.

ווען נעלֿיע האָט אָנגעזאָגט די בסורע, אַז זי האָט כאַסענע, און זי האָט אײַנגעלאַדן אירע פֿרײַנט אַף דער סימכע, און ווען עס איז געבוירן געוואָרן איר ערשטלינג, זײַנען אַלע געקומען באַגריסן דאָס פּאָרפֿאָלק. גוטהאַרציקע האָבן געקלונגען צענדליקער שטימען, און אַ פֿרײלעך געלעכטער האָט אָנגעפֿילט דעם אײנציקן ניט גרויסן צימער, וווּ נעלֿיע האָט דאַן געוווינט מיט באָריסן.

ווען עס איז געבוירן געוואָרן דער דריטער זון, האָבן די יודילעוויטשעס באַקומען אַ נײַע דירע פֿון דרײַ צימערן. צוביסלעכווײַז האָט מען אײַנגעשאַפֿן מעבל, לויט דער לעצטער מאָדע, און צו אַלץ זיך דערשלאָגן, ווי נעלֿיע זאָגט, צו אַלץ, וואָס זײ האָבן פֿאַרלאַנגט, מיט די אײגענע קויכעס. די הײם זײערע איז אויסגעשטאַט מיט געשמאַק, עס לעבט זיך אין איר געמיטלעך. די כאַווײרים און די שכײנים האָבן ליב אַהער אַרײַנקומען זיך דורכשמועסן מיט די גאַסטפֿרײַנטלעכע באַלעבאַטים בײַ אַ גלעזל טײ, דורכקוקן צוזאַמען אַ טעלעוויזיע־טראַנסלירונג, טוישן זיך מיט ביכער.

און ביכער זײַנען דאָ פֿאַראַן אַ סאַך — ווערק פֿון די קלאַסיקער און פֿון די סאָוועטישע שרײַבער, נאַטורוויסנשאַפֿטלעכע, פּאָליטישע און טעכנישע ליטעראַטור, ביכער פֿאַר קינדער, און אויך לערנביכער. נעלֿיע וויל אָנקומען זיך לערנען הינטער־אויגיק אין אַ הויכשול. אַף דער פֿראַגע, צי ס׳וועט ניט זײַן שווער אײַנצײַטיק צו דערציִען די דרײַ קלײנע קינדער, ענטפֿערט זי, אַז זי פֿאַרלאָזט זיך פֿולקום אַף באָריסן. ער איז איר אײצע־געבער אין איר אָנשפּאַר, ער איז אַ בעריע אַף אַלץ, און ער וויל טאַקע, זי זאָל זיך לערנען. און פֿאַרוואָס ניט? אַלע מעגלעכקײַטן צוליב דעם זײַנען פֿאַראַן. פֿאַרפֿולקומען דעם פֿאַך איז איר פֿליכט. מיט די קינדער איז זי אויך רויִק: אַלע דרײַ געפֿינען זיך אַ גאַנצן טאָג אין קינדער־גאָרטן, וווּ זײ באַקומען אַלץ, וואָס מע באַדאַרף, און ווערן גוט דערצויגן. צאָלן דאַרף מען אַ קלײנעם פּראָצענט פֿון דעם, וואָס דאָס קאָסט אָפּ דער מעלוכע.

באָריס יודילעוויטש איז אַ בעקאָוועדיקער מענטש אַף דער ביראָבידזשאַנער אונטערנעמונג פֿון טערמאָנעצן. די אַרבעט זײַנע טוט ער געוויסנהאַפֿט, מיט גרויס אַכרײַעס. דער רעזולטאַט איז אַ מאַמאָשעסדיקער: אַף זײַן באַצירק איז אין די הײַזער ווינטער־צײַט שטענדיק וואַרעם, און אויב ערגעץ־וווּ טרעפֿט זיך יאָ אַן אַוואַריע, ליקווידירט מען זי גלײַך אַפֿן אָרט, סײַ בײַטאָג, סײַ בײַנאַכט. פֿאַר זײַן מי איז באָריס ניט אײן מאָל באַלוינט געוואָרן. ער איז פֿאָרזיצער פֿונעם זאַוואָדישן פּראָפּא־ריין־קאָמיטעט.

אויך אינדערהײם איז פֿאַראַן איבערגענוג אַרבעט. מע דאַרף פֿאַרענדיקן דעם רעמאָנט פֿון דער דירע, אַראָפּנעמען די גערעטעניש אַף דער דאַטשע. אַהין פֿאָרט אַרויס די גאַנצע מישפּאָכע. פֿרישע לופֿט און פֿיזישע מי פֿאַרשאַפֿן ניט נאָר פֿאַרגעניגן, זײ גיבן צו געזונט, מונטערקײַט. דערצו נאָך האָט מען אין שטוב גענוג גרינס, קאַרטאָפֿל, אויבס, אויסגעכאָוועטע מיט די אײגענע הענט. אויך די קינדער שליסן זיך אײַן אין דער אַרבעט. זײ גראָבן מיט קלײנע לאָפּעטקעס די ערד, שיטן זוימען, רײַסן אויס דאָס ווילדגראָז.

אָט אַזוי לעבט די יונגע מישפּאָכע יודילעוויטש צוזאַמען מיט אַנדערע — די צוקונפֿט פֿון ביראָבידזשאַן.

■

ס ע מ י אָ ן ל ע אָ נ י ד אָ וו

לײב ווײַנשטײנס צושטײַער

זײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן, און דעם ייִנגל איז אויסגעקומען נאָך קלײנערהײט העלפֿן דער מוטער אויפֿהאַלטן די מישפּאָכע.

אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע ציִען זיך די ווײַנשטײנס איבער אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. דאָ, אין דער געוועזענער עמטעס, אינעם דאָרף בירעפֿעלד, באַהערשט לײב די פּראָפֿעסיע פֿון אַ טאָקער. שפּעטער האָט מען אים געשיקט זיך לערנען אין דער שול פֿון

מעכאניזאציע פון דער לאנדווירטשאפט. ער האָט באקומען א נײַע ספעציאליטעט און געווידמעט איר זײַן גאנץ לעבן.

העכער צוואנציק יאָר פירט לייב ווײַנשטיין אווטאָבוסן מיט פאסאזשירן. דער פאָרגעשריטענער ארבעטער טוט אלץ, צו וואָס עס פארפליכטעט אים דער ערן-טיטל פון א שלאָגלער פון קאָמוניסטישער מי.

כ׳האָב זיך מיט אים געטראָפן אין זײַן אווטאָבוס, געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן, וויאזוי ער ארבעט. די מאשין האָט ער געפירט פונקט לויטן גראפיק. העפלעך גערעדט מיט די פאסאזשירן דורך ראדיאָ, אײַנגעלאדן זיי נעמען דורכפאָר-בילעטן, ארויסגעוויזן פאָרזיכטיקײַט אף די אווטאָבוס-אָפשטעלונגען, מעלדנדיק באצײַטנס די פאָרשטייענדיקע סטאנציעס.

נאָכן פארענדיקן דעם אומבײַט האָבן מיר געשמועסט אין לאָקאל פונעם אווטאָוואָקזאל. איך האָב אים דערמאָנט דעם כאוועריו. וו. אנדראָפאָווס ווערטער וועגן דעם, אז אין איצטיקן מאָמענט ווערט געשטעלט די אויפגאבע צו פארבעסערן די קוואליטעט פון דער ארבעט, פארשנעלערן אירע טעמפן, פארבילִיקערן די אויסארבעטונג פון פראָדוקציע, — און איך האָב בא אים א פרעג געטאָן, וויאזוי ער שטעלט זיך פאָר די ראָל פון אווטאָמאָביליסטן אין לייזן אָט די פראָבלעמען. ער האָט געענטפערט:

— פארשטייט זיך, מיר, אווטאָמאָביליסטן, גיבן נית קיין פראָדוקציע, וועלכע מע מעסט אויס מיט קילאָגראמען. אָבער פון אונדז איז אָפהענגיק די ארבעט פון אנדערע פראָדוציר־קאָלעקטיוון. דער אווטאָטראנספּאָרט דארף פונקציאָנירן ווי א גוט אָפגערעגולירטער זייגער-מעכאניזם, אָן איבערשלאָגן און אוואריעס. און דאָס ווענדט זיך אין אונדז. אף צו אָפהיטן די מאשינען, אײַנשפאָרן ברענשטאָף און אנדערע מאטעריאלן דארף מען נית האָבן קיין קאפיטאל-אויסגאבן, עס פאָדערט זיך בלויז אָרגאניזירטקײַט און דיסציפלין, און דאן וועט אונדזער צושטײַער אין דער אלגעמיינער זאך זײַן א וואָגיקער.

אף לייב ווײַנשטיינס ברוסט שײַנט דער צייכן „פאר דער ארבעט אָן אוואריעס” פון דער ערשטער מאדרייגע. פארן פאָריקן יאָר האָט ער אײַנגעשפאָרט 3300 ליטער בענזין. דאָס איז גענוג, קעדיי דער אווטאָבוס זאָל אָפארבעטן אין מעשעך פון א כוידעש אין צוויי אומבײַטן...

■

מאָרדכע אבראמאָוו

האָרעפאשניקעס פון שטאָלענע מאגיסטראלן

דער גרויסער פראָלעטארישער שריפטשטעלער מאקסים גאָרקי האָט אפן ערשטן צוזאמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער געזאָגט, אז בא אונדז אין סאָוועטנפארבאנד קענען נית זײַן און עס זײַנען ניטאָ קיין איבעריקע מענטשן, יעדער בירגער האָט א מעגלעכקײַט צו אנטוויקלען זײַנע פעיִקײַטן און טאלאנטן, ס׳פאָדערט זיך בלויז איינס: ערלעך ארבעטן. אומעטום ווערט בא אונדז אָפגעהיט אָט דער דאָזיקער פרינציפ פון דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט. וועגן דעם האָב איך געטראכט בײַם מײַן באגעגעניש אף דער אײַזנבאן-סטאנציע אָבלוטשיע מיט איינעם א ביז גאָר אינטערעסאנטן מענטשן.

ווען איך בין ארײַנגעקומען אין רויטן ווינקל פונעם פונקט פון טעכנישן אופזיכט בא דער וואגאָן-דעפאָ, האָט מען דאָרט דורכגעפירט אן אָרדנטלעכע פלאניאָרקע. מיט איר האָט אָנגעפירט דער מײַסטער פונעם אומבײַט דאָוויד באראבאק. יעדערער פון די 25 אופזיכטלער, שלאָסערס און וועג-ארבעטער, האָבן באקומען קאָנקרעטע פארגעבונגען אפן טאָג. עס איז נאָך פארבליבן א ביסל צײַט, און דער מײַסטער האָט גערעדט געלאסן:

— פארגעסט נית, פרײַנט מײַנע, אז יעדער צוג האָט זײַנע באזונדערקײַטן. קיין אלציינע צוגן זײַנען ניטאָ. דאָס העכערט די פאָדערונג צו אונדזער ארבעט. פון איר איז

אַפּהענגיק די געפּאַרלאַזיקײַט פֿון דער באַוועגונג.

— די מאַשיניסטן זאָגן, — זעצט ער פֿאָר, — אַז בא זיי דאַרפֿן זײַן אײַזערנע נערוון און אַ שטאַרקער כאַראַקטער. פֿון זיי פֿאָדערט זיך פּינקטלעכקײַט און אײַנגעשפּאַרטקײַט. דאָס זעלבע פֿאָדערט זיך אויך פֿון אונדז, אויב מיר רופֿן זיך אָן האַרעפּאַשניקעס פֿון די שטאָלענע מאַגיסטראַלן.

קיין אַבלוטשיע איז דאַוויד געקומען אָן עלפֿיאַריקער יאַט. דאָס איז געווען אין 1947 יאָר. אַף דער טראַנס-סיבירער מאַגיסטראַל האָט מען דאַן געניצט נאָר דאַמף-לאָקאָמאָטיוון. אין יענע יאָרן האָט מען ערשט אָנגעהויבן צו פֿאַרבײַטן זיי מיט מער מעכטיקע מאַשינען—טעפּלאָוואָזן. די פּערספּעקטיוון זײַנען געווען פּאַרכאַפּנדיקע, און די אַבלוטשיער אײַזנבאַנלער האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע פּלענער. דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס דאַוויד און פֿיל זײַנע פֿרײַנט זײַנען נאָכן באַקומען מיטלבילדונג, אָנגעקומען זיך לערנען אין דער אָרטיקער אײַזנבאַן-שול.

צוערשט איז ער געווען אַ שלאָסער, דערנאָך אַן אופּזיכטלער. נאָך דעם, ווי ער האָט באַהערשט אַלע פּראָפֿעסיעס פֿון אַ וואַגאָן-אַרבעטער, האָט מען אים אָנפֿאַרטרויט די בעקאָוועדיקע פֿליכט פֿון אַן אַרבעטער-דערציִער. אַצינד איז ער איינער פֿון די דערפֿאַרענע מײַסטערס אין וואַגאָן-דעפּאָ.

פֿריידיקע ענדערונגען זײַנען פֿאָרגעקומען אַף דער אײַזנבאַן און אין זײַן פּערזענלעכן לעבן. דאַוויד האָט אָפּגעדינט דרײַ יאָר אין דער אַרמיי און זיך אומגעקערט צוריק אין דעם אייגענעם אַרבעטס-קאָלעקטיוו. ער האָט כאַסענע געהאַט מיט זײַן געליבטער. אַצינד איז ער אַ טאַטע פֿון צוויי קינדער. דאָס עלטערע טעכטערל גאַלינע לערנט זיך אין כאַבאַראָווסקער אינסטיטוט, וואָס גרייט אינזשעניערן פֿאַרן אײַזנבאַן-טראַנספּאָרט. דער זון דימע האָט לויטן בײַשפּיל פֿונעם טאַטן פֿאַרענדיקט אַן אײַזנבאַן-שול און איז דער געהילף פֿון אַ מאַשיניסט אַפֿן מיזרעכדיקן באַצירק פֿון דער בײַקאַל-אַמורער מאַגיסטראַל. ליובע, דאַוויד אַבראַמאָוויטשעס פֿרוי, אַרבעט צוזאַמען מיט אים אַלס אופּזיכטלער-רעמאָנטלער. אַזוי אַז אין זײַנע 45 יאָר איז ער סײַ דער הויפּט פֿון אַ פּראָדוציר-אומבײַט, סײַ אויך דער הויפּט פֿון אַ גאַנצער דינאַסטיע אײַזנבאַנלער.

אין 1972 יאָר האָבן די קאָמוניסטן פֿון דער דעפּאָ אים אָנגענומען אין די רייען פֿון דער פּאַרטיי. דאַן האָט באַשײַנט זײַן ברוסט איינע פֿון די ערן-באַלוינונגען — די לענינישע יובליי-מעדאַל. לויט די סאַכאַקלען פֿון דער אַרבעט פֿאַרן צענטן פֿינפֿיאָר איז ער באַערט געוואָרן מיט אָן אָרדען פֿון אַרבעטס-רום פֿון דער דריטער מאַדרייגע.

דער מײַסטער באַרבאַק לערנט די אַרבעטער פֿון זײַן אומבײַט ניט נאָר פּראָפֿעסיאָנעלע מײַסטערשאַפֿט. ער איז אויך אַ פּראָפּאַגאַנדיסט אין דער שול פֿון קאָמוניסטישער מי. די מערהײַט עלטערע אופּזיכטלער — וויקטאָר טאַלאַטשקין, וולאַדימיר מעלניקאָוו און אַנדערע — זײַנען זײַנע געוועזענע שילער. אַדאַנק אים קענען זיי אויספֿילן אַ באַליביקע אַרבעט, וועלכע איז פֿאַרבונדן מיטן רעמאָנט פֿון דעם גאַנג-טייל בא די וואַגאָנען.

דאָס באַקומען בראַק פֿונעם אומבײַט ווערט קוואַליפֿיצירט אין קאָלעקטיוו ווי אַן אויסעראָרדנטלעכע געשעעניש. אנומלטן האָט מען אָנגעקלונגען פֿון דער סטאַנציע בירא, אַז אַ ספּעציִעלער מאַכשיר האָט פּאַרפּיקסירט אַף איינעם אַ וואַגאָן אַן ערנסטן דעפֿעקט. דער שעף פֿון דער אַבלוטשיער סטאַנציע האָט זיך אָנגעפֿרעגט:

— וועמענס אומבײַט האָט געאַרבעט באַם צוג?

— באַראַבאַקס.

— באַקומט זיך, אַז אונדזער אוואַנגאַרדיסט האָט אונטערגעפֿירט?

— איך גלייב ניט, — האָט דערווידערט דער שעף פֿון דער דעפּאָ, — זוכט אַן אַנדער סיבע.

און אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דער וואַגאָן איז צוגעקייטלט געוואָרן צום צוג אַף דער סטאַנציע איזוועסטקאָוואיאַ...

באַראַבאַק זאָגט:

— די מענטשן ווערן מיד דאַן, ווען די אַרבעט גייט שלעכט. אין קעגנפֿאַל איז פֿאַשטעט ניטאָ קיין צײַט מיד צו ווערן, ווײַל דער גאַנצער אומבײַט אַרבעט מיט גרויס כיישעק.

באַראַבאַק האָט פֿאָרגעלייגט: פֿאַרקירצן אין צוויי מאָל די צאָל אופּזיכטלער אַף יעדן צוג, דאָס הייסט אָנשטאָט 8 מענטשן דאַרפֿן אויספֿילן די אַרבעט בלויז 4. דעם פֿאָרשלאָג פֿונעם מײַסטער האָבן אַלע אונטערגעהאַלטן, און דער קאָלעקטיוו האָט זיך ספּראַוועט מיט די געשטעלטע אופּגאַבן.

וועגן דעם האָט מיר אויך דאַוויד אַבראַמאָוויטש דערציילט בײַס דער באַגעגעניש אין זײַן אָפּרו-טאָג, אין אָוונט. מיר האָבן שפּאַצירט איבער דער שטאָט. פֿונעם וויִאַדוק, וועלכער איז אַריבערגעוואָרפֿן איבער די אײַזנבאַן-וועגן פֿון דער סטאַנציע, האָבן מיר גוט געזען די פֿאַרשיידנקאָליריקע פֿײַערן פֿון די סוועטאָפֿאָרן. אַהין און אַהער האָבן זיך באַוועגט מאַנעווריר-טעפּלאָוואָזן. עס האָבן

אופגעהויבן זייערע קאָנטאַקט-בויגנס די גרייטע צום סטאַרט עלעקטראָצוגן. אינדערנאָענט און עטוואָס וויַיטער האָט מען געהערט זייערע סיגנאַלן.

— איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, — זאָגט פאַרטראַכטערהייט באַראַבאַק, — אַז אַ געוויינלעכער סיגנאַל פון אַ לאָקאָמאָטיוו קאָן מיר אַזויפיל זאָגן...

בייס מיר זיַינען געגאַנגען איבער דער גאַס, האָבן צענדליקער מענטשן באַגריסט דאַוויד אַבראַמאָוויטשן. און עס איז קיין כידעש ניט. אין אָבלוטשיע האָט ער אַ סאַך גוטע-פריַינט.

מוישע באַראַנאָווסקי

אַ שאָפער פון ערשטן קלאַס

דער שוואַר-געלאָדענער „זיל" איז ווייך אַרויסגעפאָרן פון די טויערן. אין דער קאַבינע איז באַם רודער געזעסן אַ יונגער מאַנצבל. ער איז געווען צופרידן. די מאַשין איז אין אָרדענונג. היַינט האָט ווידער קיינער זי ניט אָפּגעשטעלט באַם אַרויספאָרן. אין גאַראַזש ווייסט מען, אַז אַליק שוואַרצמאַן וועט אויף אַ קאַליע-געוואָרענער מאַשין ניט גיין אין רעיס. עס שטייט פאָר אַ וויַיטע נעסיִע. שוואַרצמאַן איז רויִק און אויפמערקזאַם באַם רודער. פון זיַין דערפאַרן אויג וועט זיך גאָרניט אויסבאַהאַלטן. און כאָטש ער פאָרט איבער דעם דאָזיקן באַצירק יעדן טאָג און אים איז באַוווּסט יעדעס גריבל אינעם וועג, שוואַכט ער ניט אָפּ די אויפמערקזאַמקיַיט אויף קיין רעגע. ער קאָן זיך ניט דערמאָנען אַפילע קיין איין פאַל, ווען ער האָט געבראָכן די קלאָלים פון דער באַוועגונג. פאַר אים זיַינען זיי אומבאַרירבאַר און הייליק — אַן אָבליגאַטאָרישער געזעץ. דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס פאַר די זיבעצן יאָר, וואָס ער אַרבעט אויף דער מאַשין, איז בא אים ניט געשען קיין איין קאָנפליקט מיט דער מעלוכישער אווטאָ-אינספּעקציע.

שוואַרצמאַן אַרבעט אין דער ביראָבידזשאַנער ספּעציאַליזירטער אווטאָ-ווירטשאַפט. ער רייניקט די גאַסן און פירט אַרויס דאָס מיסט אין באַשטימטע ערטער אויסער דער שטאָט. פאַר אַ טאָג מאַכט ער דורך מער פון צוואַנציק רעיסן.

וועגן אַליק שוואַרצמאַנען שפּאַסט מען, אַז ער קאָן מיט פאַרמאַכטע אויגן באַזיַיטיקן אַ דעפעקט אין דער אווטאָמאַשין.

די מיַיסטערשאַפט פונעם שאָפער פון ערשטן קלאַס אַנערקענען אין גאַראַזש אַלע. אַפילע דערפאַרענע אווטאָמאָביליסטן ווענדן זיך ניט זעלטן צו אים נאָך אַן אייצע. ער איז דערפון צופרידן און טיילט זיך מיט זיַין דערפאַרונג, העלפט יעדן אין דער אַרבעט.

מער פון אַ האַלבן מיליאָן קילאָמעטער איז דורכגעפאָרן אָן קאַפּיטאַלן רעמאָנט זיַין אַלטיטשקער „זיל". און אויך אַצינד איז די מאַשין אין אַ גוטן צושטאַנד. מע וואָלט געקאָנט פאַרזעצן די אַרבעט, נאָר דער אָנפירער פון דער אונטערנעמונג וו. ל. סווידלער האָט באַפוילן איבערגעבן שוואַרצמאַנען אַ נײַעם אווטאָמאָביל:

— דאָס איז אַ מאַטאָנע, אַליק איזראַיִלעוויטש, פאַר דיַין פיליאָריקער געוויסנהאַפטער מי.

די הענט פונעם דערפאַרענעם שאָפער האַלטן פעסט דעם רודער פונעם אווטאָמאָביל.

8—137



יונגע פישער בא דער בירע

טעפלאָאָזיאָרסקער צעמענט-זאוואָד

די טערמאָעלעקטראָצענטראַל אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן

אין א נײַעם מיקראָראיאָן

דער אראָפּנעם פון אוגערקעס אינעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן״

די בריגאַדע פיטערפּאַרגרייטער פון דעזשניעווער סאָווירט

א סצענע פונעם ספעקטאקל „די קישעפמאכערן" אין דער אויספירונג
פונעם יידישן פאָלקס־טעאַטער

דער אָבעליסק אפן פלאץ פון זיג

װלאדימיר װאָסטאָקאָװ

בידזשאַנער ברױט

אױף דער אײַזנבאַן־סטאַנציע אונגון זײַנען אין װאַגאָן אַרײַן עטלעכע מײדלעך און ייִנגלעך. גלײַך איז געװאָרן טומלדיק און פֿרײלעך. די אַרײַנגעקומענע זײַנען סטודענטן, װאָס קערן זיך אום אַהײם, קײן קאָמסאָמאָלסק־אױפֿן־אַמור, נאָכן פֿאַרענדיקן דעם קאַרטאָפֿל־אַראָפּנעם אין די װירטשאַפֿטן פֿונעם לענינסקער ראַיאָן.

קױם באַװיזן פֿאַרנעמען זײערע ערטער, הײבן אָן די כװאַרע איבערפּאַקװען די טשעמאָדאַנעס און רוקזעקלעך, אַלץ צונױפֿלײגן אַקוראַט, יעדע זאַך אױף איר אָרט. אײנע אַ סטודענטקע באַהאַלט דערבײַ זאָרגזאַם אין רענצל אַ פֿריש־שמעקנדיק לעבל ברױט.

— פֿירסט דאָס ברױט אַהײם? — כּידעשט זיך איר כאַװערטע. — װאָסי, בײַ אונדז אין קאָמסאָמאָלסק איז דען ניטאָ?

— פֿאַראַן, נאָר ניט אַזאַ. גיב אַ קוק, — דאָס מײדל טוט אַ קװעטש מיט דער דלאָניע דאָס ברױטל, און װען זי פֿירט אָפּ די האַנט, הײבט זיך דאָס לעבל װידער אױף, גלײַך ס׳װאָלט אױפֿגעאָטעמט און בלײַבט פּונקט אַזױ פּוכיק און פֿרעכטיק, װי פֿריִער. — די מאַמע האָט מיך געבעטן, כ׳זאָל ברענגען.

איך דערװיס זיך, אַז נאָך עטלעכע סטודענטן פֿירן אַהײם בידזשאַנער ברױט.

װעגן אָט דעם װאַגאָן־עפּיזאָד דערצײל איך דעם פֿאָרזיצער פֿון דער לענינסקער ראַיאָנישער געברױך־געזעלשאַפֿט װ. ג. װאָראָביאָװן.

— אַזעלכס צו הערן איז אָנגענעם, — רופֿט ער זיך אָפּ. — אַ גוטער שם איז אַ האַלבע האַצלאָכע. גײען מיר שױן, הײסט עס, אַרױס מיט אונדזער ברױט אין דער גרױסער װעלט. איר װילט װיסן, װער עס איז דאָ דער שולדיקער? װעל איך אײַך זאָגן — װאַלענטינאַ דעדושעװאַ.

מיט איר באַגעגן איך זיך אינעם אַרבעטסזאַל פֿון דער בידזשאַנער בעקערײַ. אַרײַנגײענדיק אַהין, באַמערק איך, אַז לעבן אײנער אַ װאַנט ליגן זעק מיט מעל, גלײַך זײ װאָלטן זיך דאָ געװאַרעמט נאָכן צװאַנציקגראַדוסדיקן פֿראָסט. װעגן דעם זאָגט װאַלענטינע:

— אין אונדזער זאַך איז װיכטיק, אַז די מעל זאָל באַקומען אַ נײטיקע טעמפּעראַטור. אַנדערש װעט זיך ניט באַקומען קײן װײך טײג.

העכער צװײ צענדליק יאָר באַקט ברױט דעדושעװאַ, און ביז איצט איז בײַ איר דער גרעסטער פֿאַרגעניגן צו שפּירן, װי אַזױ עס גײט אױף דאָס טײג — קימאַט אַ לעבעדיק, סוידעספּול באַשעפֿעניש.

— טײג דאַרף מען היטן, װי מע היט אַ גאַנעװ, — זאָגט זי שמײכלענדיק. — כאַפּן די רעגע, װען עס איז פֿאַרטיק, ניט פֿריִער און ניט שפּעטער אַרײַנלאָזן עס אין די פֿאָרמעס און אַרײַנזעצן אין אױװן. אַניט װעט דאָס טײג דיר אָפּטאָן אַ שפּיצל...

אַ שאָק מיט יאָרן אָפּגעלעבט און ניט געװוּסט, סאַראַ קאָמפּליצירטע קונסט עס איז — באַקן ברױט. די בידזשאַנער בעקערײַ גיט אַרױס טעגלעך 4.000 ברױטלעך, אַ קילאָגראַם מיט הונדערט גראַם יעדעס. נאָר װאַלענטינאַ דעדושעװעס לעבלעך קאָן מען גלײַך דערקענען. די אַנדערע פֿרױען, װאָס אַרבעטן דאָ שױן אױך פֿיל יאָרן, כּידעשן זיך, װי אַזױ דאָס גײט זיך איר אײַן.

— מיר טוען דאָך דאָס זעלבע, װאָס װאַליע. פֿאַרװאָס זשע איז איר ברױט װײכער, פֿאַרברױנטער און געשמאַקער?

װען מע פֿרעגט װעגן דעם בײַ װאַלענטינען, קנײטשט זי מיט די אַקסלען:

— ברױט האָט ליב צאַרטע הענט, — זאָגט זי און באַװײַזט אַלץ, װאָס זי טוט. די פֿרױען שטעלן זיך צו די גרױסע דײזשעס און כאַזערן איבער אַלע אָפּעראַציעס, סטאַרענדיק זיך פּינקטלעך קאָפּירן אירע מאַנירן. דערנאָך אָבער לאָזט זיך אױס, אַז װאַלענטינעס לעבלעך זײַנען סײַװי בעסערע.

אירע כאַװערטעס צעפֿירן מיט די הענט:

— אַ קישעף. מער גאָרניט...

איך פֿרעג בײַ דעדושעװען, עפּשער האָט איר עמעצער איבערגעגעבן עפּעס אַ באַזונדער סאָד? נײן! קײן סעקרעטן זײַנען בײַ איר ניטאָ. צו אַלץ איז זי דערגאַנגען אַלײן. דער בעסטער לערער — איז די דערפֿאַרונג.

— מײַנע ערשטע ברױטלעך זײַנען פֿאַרברענט געװאָרן, — דערמאָנט זי זיך. — און װיפֿל מאָל האָט דער הײסער אױװן איבערגעלאָזט מיר בלאָטערס אױף די הענט! די צײַט קאָן יעדערן מאַכן פֿאַר אַ מײַסטער, לײג נאָר אַרײַן אין דײַן אַרבעט די נעשאָמע...

אַלעמאָל, װען איך קלײַב זיך פֿאָרן קײן בידזשאַן, זאָגט מיר אָן מײַן פֿרױ:

— ברענג פֿון דאָרט אַ לעבל ברױט!

■ ■ ■

מײַן אָרדענטרעגערישע געגנט

ווערטער און מוזיק פון **מאקס עפשטיין**





מײַן געגנט, ביסט ראַכוועסדיק, יונג און
צעבליט.
דײַן מי האָרעפּאַשנער איך ווידמע מײַן ליד.
די בירע יאָגט האַסטיק, עס רוישט דער אמור,
מיט הײלבאַרע קוואַלן באַרימט איז קולדור.

קאָמבײַנען און קליידער, און צעמענט, און צין
עס אַרבעטן אויס דײַנע טעכטער און זין.
צוויי ליכטיקע אָרדענס באַשײַנען דיך העל
פאַר טרײַער פאַרמעסטונג אין צעך און אין
פעלד.

אַף ריזיקער מאַפּע פון מעכטיקן לאַנד
העל שײַנט אויך דער נאָמען פון ביראָבידזשאַן.
דײַן גליקלעכן גורל עס קעכלט און נערט
די קראַפט פון געבענטשטער סאָוועטישער ערד.

געבוירן מיט מאַזל עס האָט דיך מײַן לאַנד
אין זוניקן רײַכן כאַבאַראָווסקער קאַנט.
אַף אײביק, מײַן געגנט, זײַ יונג און אין בלי,
מיט זון און מיט שעפע, מיט פריידיקער מי!

כאַיִם מעלאַמוד

לויטערקײַט

דער סטעפּ ליגט אַן אויסגעשפּרייטער אין זײַן גרינער אומענדלעכקײַט, איבער אים הענגט אַ דורכזיכטיקע לויטערקײַט. ניט ווײַט פון די גערטנער, ווו עס בליִען גינגאָלדיק די זונרויזן, ווו עס גיסן זיך צונויף אין אַ בלוילעכער געדיכטקײַט די שטײַפע שטענגלעך פון פּאַפּשוי און אויף די נידעריקע קוסטעס הענגען אַראָפּ די בלייכגעוואָרענע שויטן פּאַסאָליעס, גלאַנצן קעגן דער זון די אויסגעווירעטע רייען פון אַ יונגן ווײַנגאָרטן. דאָרט שפּאַנט אַרום שוין ניט קיין יונגער ווײַנגערטנער, ער שטעלט זיך אַלעמאָל אָפּ נעבן אַן אַנדער קוסט, טוט אַ פיר מיט דער האַנט איבער די אַראָפּהענגענדיקע שווערע צווײַגלעך, און אויף זײַן ברויִן, אַ ביסל אײַנגעפאַלן פּנים באַווײַזט זיך אַ דין שמייכעלע, וואָס קומט פון דערהויבענעם נאַכעס־רועד, פון גוטן געמיט. דערנאָך גלײַכט ער זיך אויס, זשמורעט די אויגן קעגן דער זון, זײַן לויטער שמייכעלע איז שוין געווענדט צום סטעפּ, צום אַרום, צו דער גאַנצער וועלט...

אַלעמאָל, ווען איך הייב אָן טראַכטן וועגן בוזי מילערס שאַפונג, קומען פאַר מיר אויף די דאָרפישע גערטנער, דער ווײַנגאָרטן הינטער זיי און דער ווײַנגערטנער, בוזי מילערס טאַטע ייִסראָעל. איך בין אָפט דורכגעפאָרן פאַרבײַ דעם דאָזיקן ווײַנגאָרטן מיטן וועג, וואָס פירט פון נײַזלאַטאָפּאָל קיין מעזשיריטש, און בין שטענדיק געווען זיכער, אַז איך וועל דאָרט טרעפן דעם באַלעבאָס פונעם קאָלווירטישן ווײַנגאָרטן. ייִסראָעל וועט אַ שמייכל טאָן מיט זײַן גוטן און ליבן שמייכל, און מיר וועט זיך דערבײַ דוכטן, אַז ערגעץ ווײַט, אויפן סאַמע הימל־ראַנד, באַווײַזט זיך אַ רעגנבויגן.

— וואָס שרײַבט עפּעס בוזי? — וועל איך פרעגן.

— ער האָט אײַך געלאָזט גריסן, — וועט ער ענטפערן מיט זײַן ריינער, קלינגענדיקער שטים. — קומט אַרײַן, פאַרזוכט.

דעם טאַם פון יענע ווײַנטרויבן געדענק איך ביז הײַנט. סײַ פון די ווײַסע און קײַלעכדיקע מיט זייער צאַרטן זאַפט, סײַ פון די שוואַרצע און לענגלעכע, אין וועלכע ס'האָט זיך געפילט אַ ביסל אַ טערפּקער טאַם פון אַלטן, אויסגעשטאַנענעם ווײַן.

מיר איז שטענדיק ליב געווען יענער סטעפּישער וועג, יענער ווײַנגאָרטן, דער גרוס, וועלכן בוזיס טאַטע פלעגט מיר איבערגעבן מיט אַ ליבן שמייכל, און דער רעגנבויגן. מיר איז איצט שווער צו ענטפערן, פאַרוואָס איז ער יעדעס מאָל אויפגעקומען פאַר מיר. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט בוזי מילערס דערציילונג „אונטער אַ רעגנבויגן", אין וועלכן ס'האָט זיך אַזוי בולט אַנטפּלעקט זײַן טרוימערישע נאַטור, זײַנע פּאָעטישע זעונגען, פאַרליבטקײַט אין אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער ערד, מיטן סטעפּ, מיט דער נאַטור בכלל. די דאָזיקע דערציילונג גיט אַ בולטע פאָרשטעלונג וועגן זײַן גאַנצער שאַפונג, אין וועלכן ס'איז פאַראַן פיל רעגנבויגנדיקס — אינעם געמעל, אין די פאַרבן און קולעמקאָל אין די כאַראַקטערס פון די העלדן מיט זייער געזונטן כוש, לעבנס־אָפּטימיזם, מיט זייער לויטערן און ליכטיקן, וואָלט איך געזאָגט, וועלט־באַנעם און גוטסקײַט צו דעם אַרומיקן, צו אַלדאָס לעבעדיקע.

באַ דעם, ווער ס'האָט אין די דרײַסיקער יאָרן געלייענט די ערשטע צוויי דינע ביכע-

לעך פונעם יונגן שרײַבער „מישמוירעס בײַטן
זיך" און „אונטער א רעגנבויגן", האָט זיך גע-
קאָנט שאפן א פאָרשטעלונג, אז בוזי מילער
קומט אין דער ליטעראטור איבערהויפט ווי א
קינדער-שרײַבער, אָדער, אלנפאלס, ווי א
שרײַבער וועגן דער אונטערוואקסנדיקער
יוגנט. ניט אזוי לויטן נוסעך, ווי לויט די פער-
סאָנאזשן פון זײַנע דערציילונגען — שילער
און פיאָנערן. אָבער די פראָבלעמען, וואָס
ווערן באריט אין די צוויי ערשטע ביכלעך,
זײַנען סאָציאלע קאָנפליקטן פון יענער צײַט,
דער קאמף צווישן אלטן און נײַעם אינעם
יידישן שטעטל און אין די נײַ-אופגעקומענע
יידישע יישווים אין סטעפּ, דער פארשארפ-
טער קלאסנקאמף אין די יונגע קאָלווירטן,
וועלכער האָט פארמאָגט פארשיידענע, אָפט-
מאָל רעליגיעזע באפארבונגען. די יוגנט פאר-
נעמט אין יענע דערציילונגען א באזונדער
אָרט, זי איז דאָך געווען די טרעגערן פון אלעם
נײַעם. מיר טרעפן אויך דאָרט יענעם טייל,
וואָס איז אוועק פון שטעטל אין שטאָט און
זיך ארײַנגעגאָסן אין די רייען פונעם ארבע-
טער-קלאס. צווישן זיי איז אויך געווען דער
קומענדיקער שרײַבער בוזי מילער. אין די
ערשטע דערציילונגען איז שוין געווען צו זען
דעם שרײַבערס שארף אויג, זײַן מאָלערישן
טאלאנט, זײַן שטרעבן ארײַנדרינגען אין דער
פסיכאָלאָגיע פון די העלדן, זײַן הייסע ליבע
צו דער פארקישעפנדיקער שיינקײַט און גרויס-
קײַט פון דער נאטור. דאָס פילט מען שוין
אין דעם, ווי ער מאָלט דעם רעגנבויגן און
באשרײַבט אין דער דערציילונג „דער מאר-
סיאנער" א געוויינלעכן פארנאכט.

איך האָב מיט פארגעניגן אפסנײַ איבער-
געלייענט יענע ערשטע צוויי ביכלעך. זיי
האָבן מיר דערמאָנט אין יענע ווײַטע צײַטן,
ווען מיר זײַנען ביידע געווען יונג און אונד-
זערע וועגן האָבן אָפט זיך איבערגעקרייצט
הינטערן יישעוו מערעזשין, ווו זײַן טאטע האָט
געבאלעבאטעוועט אפן ווײַנגאָרטן, און אין
נײַזלאטאָפּאָל, ווו מיר פלעגן זיך באגעגענען
אין די ענגע צימערלעך פון דער ראיאָנער
צײַטונג „קאָלווירט „שטערן". די דערציילונ-
גען פון בוזי מילערס ערשטע ביכלעך האָבן
מיר דערמאָנט אין די יונגע יידישע קאָל-
ווירטן, זייערע ערשטע שווערע יאָרן און זייער
שפּעטערדיקער אופשטײַג, ווען דער הארב-
סטיקער יאָמטעוו פון גערעטעניש איז פאר-
וואנדלט געוואָרן אין א ראשיקער ראיאָנער
סימכע, וואָס איז מיט עפּעס געווען זייער ענ-
לעך אף א מאָדערניזירטער סימכעסטוירע.
איך האָב דערזען פאר זיך דעם יאָמטעוו פון
גערעטעניש אין הארבסט זעקס-און-דרײַ-
סיקסטן. ער איז פאָרגעקומען אין איינעם פון

די רײַכסטע דערפער, אין זעליאָנאָפּאָל, וווּהין
עס זײַנען זיך צונויפגעפאָרן אלע קאָלווירטן
פון ראיאָן. אף יענער פריילעכער יאָמטעוודי-
קער סודע, אף וועלכער אלץ איז געווען בע-
שעפע, האָבן מיר ווידער, און ווי שטענדיק
אומגעריכט, זיך באגעגנט מיט מילערן. מיט
א פאָר טעג שפּעטער האָבן מיר געפּראוועט
א מער באשיידן סודעלע אין מײַן קליין די-
רעלע אין נײַזלאטאָפּאָל. דערנאָך זײַנען מיר
א גאנצע נאכט אָפּגעלעגן אפן דיל און ניט
צוגעמאכט קיין אויג. מיר האָבן גערעדט און
גערעדט, ווי געפילט, אז מיר צעשיידן זיך
אף זייער לאנג, און אז די פאָרשטייענדיקע
יאָרן וועלן זײַן פאר יעדערן פול מיט שווערע
אויספּרוּוון. דערווײַל אָבער האָט נאָך אלץ
אויסגעזען גאנץ געוויינלעך און פול מיט האָ-
פענונגען. יענעם זומער האָט בוזי פארענדיקט
דעם מאָסקווער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט און
געפאָרן ארבעטן קיין ביראָבידזשאן.

קיין קינדער-שרײַבער איז בוזי מילער
ניט געוואָרן. ער איז געוואקסן אינײנעם מיט
זײַנע העלדן, מיט זײַן אייגענעם עלטער. פון
ווערק צו ווערק איז געוואקסן זײַן מײַסטער-
שאפט, זײַן פעסטע שליטע איבערן וואָרט, זײַן
אקשאָנעסדיקע אָנשטרענגונג אינעם אויסזוכן
און אָפּזוכן דאָס טיפּישע אינעם אָפּגעקליבע-
נעם פּערסאָנאזש, די פעיקײַט ארויסברענגען
אף דער ליכטיקער שײַן אלץ, וואָס דער אָדער
יענער העלד טראָגט מיט זיך, דאָס, מיט
וועלכן עס ווערט אָפּגעשפּיגלט אונדזער גרוי-
סע צײַט מיט אירע קאָמפּליצירטע און אָנגע-
ווייטעקטע פּראָבלעמען. דאָך איז ער ביז איצט
געבליבן טרײַ דער יוגנט-טעמע, אין פיל פון
זײַנע לעצטע דערציילונגען פילט זיך זײַן
טיפער פארשטאנד פון דער קינדערשער וועלט,
פון דער קינדערשער נעשאָמע.

בוזי מילערס שפּערישער וווּקס איז גע-
וואָרן זייער באמערקבאר אין דער דערציילונג
„גאָלד", וועלכע איז געווען אָפּגעדרוקט אינעם
מאָסקווער אלמאנאך „סאָוועטיש" אין סאָף
פון די דרײַסיקער יאָרן. אין „גאָלד" איז דער-
שיטערנדיק איבערגעגעבן די פארווארטיילטקײַט,
נישטיקײַט פון יענע, וועלכע זיצן אף זייער
גאָלדענעם קאסטן, גרייט פאר אים אונטער-
צינדן די גאנצע וועלט. אזוי זאָגט טאקע צו
זיך די הויפּט-העלדן דאָבע, טראכטנדיק וועגן
דעם וואָלענעם זאָק מיט גאָלד, וואָס זי האָט
באהאלטן אפן בוידעם פון איר ברודערס
שטוב, וועלכע איז דערנאָך פארוואנדלט גע-
וואָרן אין א קאָלווירטישן שפּײַכלער, און דע-
ריבער קאָן זי צו אים ניט צוקומען: „כײַ וואָלט
א סרייפע ארומגעכאפּט דאָס גאנצע דאָרף,
דעם גאנצן קאָלווירט. זאָלן אָפּברענען אלע

הײַזער, אַלע פערד, אַלע קי, אַלץ, אַפילע די הינער, אבי דער שפּײַכלער זאָל בלײַבן".

פון אונדזער סאָוועטישערווירקלעכקײַט זײַנען שוין לאַנג פאַרשוווּנדן אָט די דאָבעס. נאָר אין דער וועלט זײַנען פאַראַן ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס זײַנען גרייט אונטערצינדן די וועלט, אבי אָפּראַטעווען זייערע קאַסטנס מיט גאָלד. ווען דאָבע האָט ענדלעך זיך פאַרגאַנוועט אַפן בוידעם און אָפּגעזוכט דעם וואָלענעם זאַק, האָט זי אין אים געפונען א געפּײַגערטן ראַץ. דאָס גאָלד האָט באַצײַטנס צוגענומען דער אייגענער ברודער פּײַוול. דאָבע האָט אָבער ניט אופגעהערט אָנצינדן שוועבעלעך, געהאַפּט אָפּזוכן איר פאַרפאַלענעם אוצער, און געבראַכט צו א סרייפע. דעם שפּײַכלער האָט מען באַוויזן אָפּראַטעווען, אַפן אָפּגעברענטן בוידעם האָט מען געפונען א פאַרקוילטן קערפּער פון א פרוי.

די ניט גרויסע דערציילונג מיט איר בילדערישער און פּסיכאָלאָגישער אָנגעזעטיקטקײַט, מיט איר טיפן געזעלשאַפטלעכן אונטערטעקסט איז אַקטועל אויך איצט, ווי אַן אויסדרוק פון די שאַרפסטע גלאָבאַלע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט.

אין סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן איז די הויפּט-טעמע פון מילערס שאַפונג — די ייִדישע אַוטאָנאָמע געגנט.

אין דער גרעסערער דערציילונג, וואָס איז דערשינען אין ערשטן נאָכמילכאָמעדיקן יאָר, „ביראָבידזשאַן", איז וויכטיק די טעמע טאַקע אַליין: די ערשטע איבערוואַנדערער, די ערשטע אופגעאַקערטע העקטאַרן, די ערשטע אויסגעבויטע הײַזער, די שוועריקײַטן, מיט וועלכע די איבערוואַנדערער האָבן זיך באַגעגנט. און דאָס סאַמע וויכטיקסטע — דער נײַער מענטש. אַלץ אין אָט דער דערציילונג זײַנען אַזוי ווײַט און ניט ענלעך צו די פאַרבן און קינסטלערישע מיטלען, מיט וועלכע ס'איז געשאַפן געוואָרן „גאָלד". דאָ איז אַלץ פול מיט אופגאַנג, מיט ווידערגעבורט, מיט נײַע האָפענונגען. די הויפּט-העלדן לייע טשערנאָוועצקע איז שוין מיט גאָרנישט ניט ענלעך אַף דאָבען פון „גאָלד". לייעס זון סיאָמע פאָרט צוערשט אַליין אַוועק קיין ביראָבידזשאַן, ווײַל ער, דער קאָמיוגיסט, פילט, אַז ער מוז זײַן דאָרטן, דערנאָך, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער געשלעג מיט די יאַפּאַנישע סאַמוראַיען, האָט ער ווידער דערפילט, אַז ער מוז זײַן דאָרטן. אַוועק, און ווי אין וואַסער אַרײַן. לייע, וועלכע איז געבליבן אַן אַלמאָנע, פאָרט קיין ביראָבידזשאַן אָפּזוכן איר זון. דעם זון האָט זי ניט געפונען, דערפאַר האָט זי דאָ געטראָפן א פרײַנטלעכע סוויווע, אַן אינטערנאַציאָנאַלע מישפּאָכע, וואָס האָט איר מיטגעהאָלפן אויסשטיין אַלע שוועריקײַטן. דער אַלטער בינענציכטלער מיילעך פוקס, וועלכער האָט אײַנגעפלאַנצט אין לייען דעם גלויבן, אַז איר סיאָמע וועט אומבאַדינגט זיך אומקערן אַהיים; דער רוסישער אַרבעטער וואַסילי דובאָוו, וואָס האָט אַריבערגעפירט לייען פון דער צוזאַמענוווינונג צו זיך אַהיים (ער האָט פריִער געאַרבעט איינעם מיט סיאָמען און זיי זײַנען געוואָרן נאָענטע קרויווים); דער רוסישער סאָלדאַט ניקאָלײַ פּעווצאָוו, מיט וועמען לייע שרײַבט זיך איבער, און ער פאָרט צו איר צוגאַסט פונעם שפּיטאָל, ווי צו אַן אייגענער מאַמען: סיאָמע, וועלכער טוט זיך אומגעריכט א יאַווע קימאַט אײַנצײַטיק מיטן רוסישן סאָלדאַט און זיי דערפילן זיך ביידע ווי לײַבלעכע ברידער, און גופע זי אַליין, לייע, זײַנען מענטשן פון א נײַער סוויווע, נײַע זײַטן. די דאָזיקע שטריכן באַקומען זייער ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג אין די נײַע ווערק פון בוזי מילערן, איינעם פון די אָנגעזעענסטע פּראָזעמײַסטערס פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

גאַנצע צוועלף יאָר זײַנען אַוועק נאָך יענער נאַכט אין אונדזער נײַזלאַטאָפּאָליער דירעלע. באַגעגנט האָבן מיר זיך ערשט זומער אַכט-און-פערציקסטן אין ביראָבידזשאַן, וווּ איך בין אָפּגעווען קימאַט דרײַ כאָדאָשים. אין די צוועלף יאָר, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, גייען אַרײַן די גרויזאַמע מילכאָמע-יאָרן מיט זייערע שווערע אויספּרוּוון און פּילצאָליקע פאַרלוסטן, און אויך די ערשטע שווערע יאָרן נאָך דער מילכאָמע. אַזוי אַז ס'איז געווען, וואָס צו דערמאָנען און אַרומשמועסן.

איינע פון יענע דערמאָנונגען האָט זיך בא מיר פאַרהיט אין זיקאָרן ביז הײַנט.

ס'איז געגאַנגען דאָס 1932-טע יאָר. בוזי איז דאַן געווען א סטודענט פונעם ערשטן קורס פון כאַרקאָווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער ליטעראַרישער גרופּע, וועלכע דער באַוווּסטער סאָוועטישער שרײַבער עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש (עמע, ווי מע האָט אים דאַן גערופן) האָט באַקרוינט מיטן קלינגענדיקן נאָמען — „פייגל-מילך". לייב קוויטקאָ, וואָס האָט מיט גרויס ליבע און זאָרג זיך באַציִגן צו דער גרופּע, האָט אין איינעם אַן אָוונט זיך געווענדט צו מילערן מיט א פראַגע:

— איר וואָלט ניט געוואָלט צושטיקעווען צו אײַער סטיפּענדיע א זײַטיק פאַרדינסטל?

— לעמאָשל?

— אויסלערנען אַן אוקראַיִנישן שרײַבער די ייִדישע שפּראַך.

— ווער איז דאָס יענער אוקראַיִנישער שרײַבער?

— פּאַוולאָ טיטשינאַ.

בוזי איז געוואָרן שטאַרק דערשטוינט.

— איך? איך זאָל ווערן אַ לערער פֿון פּאַוולאָ טיטשינאַ? פֿונעם הײַנטיקן שעווטשענקאָ?

— שרעקט זיך ניט, — האָט לייב קוויטקאָ אים באַרויִקט מיט זײַן געוויינלעך שמייכעלע. — ער איז זייער אַ פּאָשעטער, אַ ליבער מענטש. ער קלײַבט זיך איבערזעצן אָשער שוואַרצמאַנען אויף אוקראַיִניש. און בײַ אים איז אַזאַ קלאַל: גרינטלעך דערלערנען די שפּראַך פֿונעם דיכטער, וועלכן ער קלײַבט זיך איבערזעצן. האָט ער מיך געבעטן רעקאָמענדירן אים עמעצן פֿון מײַנע באַקאַנטע. און איך מיין, אַז איר...

— מאַסקים! — האָט בוזי געזאָגט און גלײַך זיך דערשראָקן פֿאַר זײַן האַסקאָמע. אַ שפּילעכל, ער — און טיטשינאַ!

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער געקומען צו טיטשינען אַהיים און זיך וועגן אַלץ צונויפֿגערעדט. דרײַ מאָל אין דער וואָך האָט בוזי אים געגעבן לימודים פֿון ייִדיש. צו יענער צײַט האָט פּאַוולאָ טיטשינאַ שוין געהאַט אויסגעלערנט די אַרמענישע שפּראַך, און דאַן, אײַנצײַטיק מיט ייִדיש, האָט ער שטודירט אויך טערקיש.

טיטשינאַ איז געווען זייער אַ פֿלײַסיקער און פֿעיִקער שילער. ער האָט פּינקטלעך אויסגעפֿילט יעדע פֿאַרגעבונג, און גאַנץ גיך זיך אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן.

איין מאָל (בלויז איין מאָל), ווען זיי זײַנען זיך צונויפֿגעקומען צום אָרדנטלעכן לימעד, האָט בוזי באַמערקט, אַז זײַן טאַלמיד איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. ער ערגערט זיך, רויטלט זיך און זעט אויס פֿאַרשעמט, ווי אַ שילער, וואָס האָט ניט אויסגעכאַזערט דעם לימעד. אַזוי איז דאָס טאַקע געווען.

— איר פֿאַרשטייט, — האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט, — ביידע טעג געווען פֿאַרנומען איבערן קאָפּ: אַ זיצונג אין דער אַקאַדעמיע, אַ זיצונג אין שטאָטסאָוועט, אַן אַרויסטרעטונג אויף אַ זאַוואָד... און איך האָב פּאָשעט ניט באַוויזן. נאָר סײַווי, פֿאַרגיט מיר הײַנט אַ נײַעם לימעד. צום צווייטן מאָל וועל איך צוגרייטן ביידע.

ווען טיטשינאַ האָט זיך דערפֿילט אַ ביסל פֿעסטער אין ייִדיש, האָט ער זיך גענומען איבערזעצן שוואַרצמאַנען. יעדע ליד האָט טיטשינאַ אַליין דורכגעלייענט, בוזי האָט אים געגעבן די נייטיקע דערקלערונגען, און ווי גרויס איז געווען טיטשינאַס פֿרייד, ווען צום קומענדיקן לימעד האָט ער מיט אַ שײַנענדיק פּנים געפֿרעגט:

— איר ווילט הערן מײַן איבערזעצונג?

קעדיי פֿאַרפֿולקומען זײַנע קענטענישן אין ייִדיש, האָט טיטשינאַ אָנגעהויבן באַזוכן דעם כאַרקאָווער ייִדישן מעלוכע-טעאַטער. איינמאָל האָט ער צווישן די ביכער, וואָס זײַנען געווען דאָרטן אַרויסגעשטעלט צום פֿאַרקויף, דערזען בוזי מילערס ערשט ביכל „מישמוירעס בײַטן זיך". געקויפֿט דאָס ביכל, האָט טיטשינאַ באַ אים געבעטן, ער זאָל אויף דעם אָנשרײַבן זײַן אויטאָגראַף.

— איך אײַך? — האָט בוזי זיך פֿאַרוווּנדערט. — דאָס איז מײַן ערשט ביכעלע, און עס איז נאָך זייער אַ שוואַכס.

נאָר טיטשינאַ איז שטאַרק באַשטאַנען אויף דעם, און מילער האָט אויסגעפֿילט זײַן ביטע. בײַס דער אָרדנטלעכער באַגעגעניש האָט דער באַרימטער פּאָעט אים צוגעטראָגן זײַן אָקאָרשט דערשינענע לידער-זאַמלונג „טשערניגאָוו" מיט אַן אויפֿשריפֿט: „בוזי מילערן מיט אַ דאַנק פֿאַר די ווערטפֿולע לעקציעס וועגן דער ייִדישער שפּראַך. פּ. טיטשינאַ".

ווען אין 1938-טן יאָר איז אין קיִעוו דערשינען אַן אָריגינעלע אויסגאַבע פֿון „אָשער שוואַרצמאַנס אַלע לידער" — איין האַלב אויף ייִדיש, די צווייטע אויף אוקראַיִניש — און ס'איז געווען אָנגעצייכנט: איבערגעזעצט פֿון ייִדיש פּ. טיטשינאַ, איז מילער שוין דאַן געווען אין ביראָבידזשאַן.

אין 1947 יאָר האָט מילער זיך ווידער באַגעגנט מיטן גרויסן אוקראַיִנישן דיכטער. אין יענע טעג איז בוזי מילער אַרויסגעטראָטן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג מיט אַ ברייטן רעפֿעראַט וועגן ביראָבידזשאַן. ווי איז מען עס אין מאָסקווע און מע כאַפּט זיך ניט אַראָפּ אויף אַ פּאָר טעג קיין קיִעוו און מע זעט זיך ניט מיטן געוועזענעם טאַלמיד? פּאַוולאָ טיטשינאַ איז דאַן געווען בילדונגס-מיניסטער פֿון אוקראַיִנע. אינעם אויפֿנאַם-צימער איז געווען פֿול מיט מענטשן, געקומענע פֿון פֿאַרשיידענע ראַיאָנען און געגנטן. פֿאַרשטאַנען, אַז וואַרטן וועט אים אויסקומען צו לאַנג, האָט מילער אָנגעשריבן אַ קליין צעטעלע אויף ייִדיש און געבעטן די סעקרעטאַרשע איבערגעבן דעם מיניסטער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז טיטשינאַ אַרויס פֿון קאַבינעט שטאַרק אַן אויפֿגערעגטער, אַרומגענומען בוזין און, אַנטשולדיקנדיק זיך פֿאַר אַלע, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַן אויפֿנאַם, אַרײַנגעפֿירט אים צו זיך אין קאַבינעט. בוזי האָט זיך פֿאַרלוירן. ער האָט געמיינט, אַז טיטשינאַ וועט אים בכלל ניט דערקענען. אַזויפֿיל יאָרן אַוועק. דערפֿאַר איז ער געווען גערירט ביז טרערן, ווען טיטשינאַ האָט אַרויס-

גענומען פונעם טיש־קעסטל א נומער פון דער צייטונג „אייניקייט“, ווו ס׳איז געווען אָפּגעדרוקט א באריכט וועגן זיין, מילערס, רעפעראט.

— איר זעט? — האָט טיטשינא געזאָגט. — איך האָב נישט פארגעסן ניט אייערע לעקציעס וועגן יידיש, ניט אייך אליין.

דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט אליין פאר זיך פארדינט ארייַנגעשריבן ווערן, ווי איינער פון די בוילעטע אויסדרוקן פון דער אינטערנאציאָנאלער פרייַנטשאפט און אידייישער אייניקייט פון דער פילשפּראכיקער סאָוועטישער ליטעראטור. פּאוולאָ טיטשינא האָט אוואדע פארדינט דאָ דערמאָנט צו ווערן, ווי איינער פון די אקטיוווסטע שעפער פון אָט דער פרייַנטשאפט. זיין פּאָעטישע שורע — „דער געפיל פון אן איינהייטלעכער מישפּאָכע“ — איז געוואָרן א דעוויז פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, דער סימבאָלישער אויסדרוק פונעם טיפן באגריף פון דער נייַער היסטאָרישער געמיינשאפט — סאָוועטיש פאָלק. דאָ דערצייל איך וועגן דעם, קעדיי באטאָנען, אז בא אלע פארשיידנקייטן — אין עלטער, זשאַנער, נוסעך, נאציאָנאלער אָנגעהעריקייט און פיל אנדערע פארשיידנקייטן צווישן פּאוולאָ טיטשינא און בוזי מילערן — איז פאראן פיל געמיינזאמס אין זייער וועלט־באנעם, פּאָעטישע זעונגען, אין דער לויטערקייט פון געדאנק, אין דער פארליבטקייט אינעם מענטשן, אינעם לעבן, אין יענער הארמאָנישער גאנצקייט און צונויפגעגאָסנקייט פונעם שעפער און זיינע ווערק.

בעליסאָפעק, בייס זייערע באגעגענישן דריי מאָל אין דער וואָך, האָט בוזי מילער ניט בלויז געלערנט זיין טאלמיד, נאָר אליין ניט ווייניק געיארשנט פון אים.

„דאָ און דאָרט בליט נאָך אין די גערטנער אף א דין שטענגל מיט טמימעסדיק־ריינעם גאָלד א שפּעטער זונרויז; א פארדארט צעעפנט שיידל אף א פאסאָליע־קוסט שיט אויס אף דער ערד גלאנציק־ווייַסע בעבלעך; שטייפע פאפשוי־קאשטאנעס אין פארטריקנטע פּאפירענע וויקעלעך גלאנצן אָפּ מיט טרוקענער הארטקייט פון צווישן רויט־פלאקערנדיקע וואָנצעס; לענגלעכע געקארבטע דיניעס, ארייַנגעפּלעטשטע אין ווארעמען באָדן, דעמפן אויס דורך דער גראָבער הויט זיסלעכע רייכעס“.

מיטן דאָזיקן גלענצנדיקן בילד פון פריִען הארבסט, וואָס איז אָנגעמאָלט מיטן פענדזל פון א קינסטלער, וועלכער זעט און פילט דאָס פארבאָרגענע לעבן פון א שטומען געוויקס, הייבט זיך אָן די דערציילונג „פערל נויעכס“.

אין פערלען האָט דעם שרייַבער זיך אייַנגעגעבן שאפן א העל געשטאלט פון א פרוי, וועלכע האָט דורכגעמאכט א שווערן וועג צו איר אופגעוואכטן און אויסגעלייַטערטן זעלבסטבאַוווּסטזייַן.

נויעך האלט, אז ער דארף געוועלטיקן איבער דער פרוי. זי איז דאָך ווי זייַנס אן אייגנטום. זי האָט אפילע קיין אנדער נאָמען ניט, ווי פערל נויעכס. און ווען זי הייבט אָן ווערן א פערל פאר זיך, וויל דאָס נויעך ניט פארשטיין. ער באמיט זיך מיט אלע קויכעס זי אומקערן צו איר פריִערדיקן צושטאנד. אין דער נאכט, ווען פערל האָט זיך אומגעקערט פון קוראָרט און נויעך האָט זי צופעליק אָנגעיאָגט מיט זיין פורל, האָט ער דערזען, אז זיין פרוי, וועמען ער וועט שוין ניט קאָנען איבעראנדערשן, איז שוין ניט פערל נויעכס. ניט ער — זי האָט געהאלטן די פערד פאר די צייַמלעך, און נויעך האָט מיט אלע כושים דערשפּירט: „אָט דאָ, אין דעם קאיאָריקן סטעפּ, האָט זייער ביידנס לעבן זיך אוועקגעשטעלט אף א וואָגשאָל, און וואָס פאר א צייַט עס וועט באלד איבערציִען — אזוי וועט עס שוין בלייַבן“. און כאָטש „נויעך האָט מיט רעציכע א צי געטאָן די לייצעס און ביידע בולאנע האָבן א ריס געטאָן דעם וואָגן“, און כאָטש פערל איז דערבייַ אומגעפאלן און קוים דערנאָך זיך אופגעהויבן, נאָר איבערגעצויגן האָט זי, וועלכע האָט מאמאָשעסדיק דערפילט, אז זי איז שוין מער ניט פערל נויעכס, אז אצינד איז זי פּאָשעט פערל. פערל מיט איר אייגענער זעלבסטווירדע. א פרוי, וועלכע האָט מיט איר געטרייַער מי אויסגעקעמפט איר מענטשלעכע ווירדע און מענטשלעכע רעכט.

אין בוזי מילערן לעבט דער שרייַבער שטענדיק און אומעטום. ער געפינט זיך קיינמאָל ניט אין אורלויב פון זייַנע שרייַבערישע פליכטן און שרייַבערישן בארוף. ער איז שטענדיק אף דער וואך, שטענדיק אָנגעצילט אף זען און הערן דאָס ארומיקע, אף אויסזוכן דאָס שיינע אינעם מענטשן און אין דער נאטור, דאָס וווּנדערבארע אינעם געוויינלעכן, דאָס יאָמטעוודיקע אינעם וואָכעדיקן, אלץ, וואָס איז פארבאָרגן פון א געוויינלעך מענטשלעך אויג. ער באמערקט אלץ ארום זיך, ווען ער שפּאצירט איבער דער גאס, קוקט ארויס דורכן פענצטער, פאָרט אף א פורל, יאָגט מיטן צוג, פליט אף אן ערראָפּלאן און אפילע, ווען ער ליגט אין דער רעאנימאציע־פּאלאטע. דער מענטש איז אומעטום א מענטש מיט אלע זייַנע פריידן אוןליידן, געדאנקען און טאטן, און דער שרייַבער איז אומעטום א שרייַבער, ווייל מעס כויוו ס׳איז אלץ זען און אלץ פארשטיין אינעם מענטשן.

דוכט זיך וואָס, מענטשן גייען אַף דער אַרבעט. וואָס קאָן זײַן געוויינלעכער און וואָכעדיקער אין אָט דעם אײַלנדיקן מענטשןשטראָם? פאַרן שרײַבער איז דאָס ניט קיין אַנאָנימער האַמוין, פאַר אים איז דאָס א זיך באַוועגנדיקע מענטשלעכע געמיינשאַפט, פאַרייניקט מיט באַשטימטע געפילן און קלאָרן זעלבסטבאַוווסטזײַן. מילער סטאַרעט זיך אַרויסבאַקומען דעם טיפן טאָך און דעם אַלגעמיינעם צײַגער, וואָס באַוועגט די אַלע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע. ער זוכט און געפינט. ערשטנס איז דאָס טיפע באַפרידיקונג, אַפילע גאַדלעס. זיי שטאָלצירן דערמיט, וואָס זיי האָבן א גרויסן כײַלעק אינעם אופבויען אָט די שיינע שטאָט אַפן ווײַטן מיזרעך און אין אַלץ, וואָס דאָ ווערט אופגעטאָן. לויט קוים אָנזעבאַרע שטריכן באַמערקט ער אויך פאַרשיידענע אויסנאַמען: די, פאַר וועמען די אַרבעט איז אַן אָפּקומעניש, די, וואָס האַלטן זיך צו גרויס, שפּאַנען באַזונדער, ווי אָפּגעטיילט פון דעם איבעריקן אוילעם, ווי אויך די, וועמעס קאַריערע האָט זיך שוין געענדיקט און זייער גאַנג איז אַלץ באַרג-אַראָפּ. דערנאָך וועט זיך באַווײַזן יענע שיינע פרוי, וועמען ער באַגעגנט יעדן גאַנצפרי, פאַר וועמען ער האָט באַוויזן צוטראַכטן עטלעכע שיינע ביִאָגראַפיעס, נאָר באַקאַנען זיך און דערוויסן זיך עפּעס מאַמאָשעסדיקס וואַגט ער ניט. און פּונקט אַזוי גיך ווי זי האָט זיך באַוויזן, אַזוי גיך סטײַעט זי ניט, און זי בלײַבט פאַר אים, ווי א שטיקעלע יאָמטעוו, צווישן פיל יאָמטעוודיקע מינוטן אין די אַלע פּרעכטיקע פרימאָרגנס. א לירישע דערציילונג מיט א טיפן פילאָסאָפישן הינטערגרונט, וואָס איז אַרויסגעזאָגט אין פּראָסטע, אָבער פילבאַדײַטנדיקע שלוס-שורעס: „מענטשן גייען אַלע אינדערפרי אַף דער אַרבעט, און דאָס איז גוט. אַף דעם שטייט די וועלט".

מיט ליכטיקע פאַרבן איז אָנגעשריבן אַפילע אַזא טרויעריקע נאָוועלע, ווי „אײַז-צעפּלעך קעגן דער זון". א זעקס-און-זיבעציקיאָריקער זאָקן ליגט אין דער רעאַנימאַציע-פּאַלאַטע מיט א דריטן אינפאַרקט. איבער אים הענגט יענע שיינע „סיסטעם". די טראָפּנס, וואָס טריפן צו אים אין לײַב אַרײַן, דערהאַלטן דעם זאָקן באַם לעבן. אָן דעם איז ער אויס. און אין דרויסן איז מאַרט, פרילינג. עס קאַפּעט און קאַפּעט פון די דעכער. פון דער זון פליסן צו דער ערד ליכטיקע טראָפּנס, וואָס וועקן זי צו א נײַ לעבן. קומען באַם שווערן כוילע אוף גאַנץ מונטערע פאַרגלײַכונגען, און עס טראַכט זיך לײַכט און גוט. ער האָט אָפּגעלעבט א לאַנג לעבן, אַלע יאָרן געווען א לערער, דערצויגן פיל דוירעס אַרבעטער און אינזשעניערן, בויער און דאָקטוירים, ווען עס קומען אַרײַן צו אים אין פּאַלאַטע עטלעכע שילערנס פון דער מעדיצינישער שול, ווערט אים שוין גאָר גוט. „ער האָט אַרײַנגעזאַפּט אין זיך די יונגקײַט, די לויטערקײַט פון זייערע פּנעמער, וואָס האָבן אַף אים געקוקט". אין זײַנע לעצטע מינוטן קומט אים אוף אַפן געדאַנק א פּאָר שורעס פון פּושקינען:

И пусть у гробового входа
Младая будет жизнь играть.[1]

וויפל לעבנס-אָפּטימיזם איז פאַראַן אין אָט דער גאַנץ טרויעריקער נאָוועלע! וויפל אָנגעבונדנקײַט מיטן נעכטן און פעסטער גלויבן אינעם מאָרגן בא א מענטשן, וואָס וועט אין עטלעכע שאָ אַרום שטאַרבן! וויפל ליבע און מיטלײַד!

דער דאָזיקער עכט-מילערישער וועלטבאַנעם שוועבט אַרום אין פיל אַנדערע זײַנע ווערק.

אין דעם סאַלאָן פונעם לײַנער, וואָס פליט פון מאָסקווע קיין כאַבאַראָווסק, זיצן באַנאַנד דער ייִדישער פּאָדפּאָלקאָווניק סעמיאָן גריגאָריעוויטש גינזבורג און די רוסישע פרוי, וואָס הייסט פּאָשעט: די מומע קסיושאַ (אַזוי רופט זי איר פּלעמעניקל דזשאַליל, וועמעס טאַטע איז א טאָטער און די מאַמע אַן אוקראַיִנקע). דער שרײַבער איז דער פּערטער צווישן זיי. צוביסלעך באַקאַנען זיי זיך, דערציילן אויס איינער דעם אַנדערן זייער לעבן, ווערן ביז גאָר היימיש, און אַזוי, זיצנדיק, ווערן זיי אַנשלאָפן („אין צווייטן סאַלאָן"). ווײַטער דערציילט דער שרײַבער:

„— ווען איך האָב זיך אופגעכאַפּט, האָב איך באַמערקט: דער קאָפּ פון דער פרוי מיט די א ביסל צעפּאַטלטע האָר איז געלעגן אַף דער פּלייצע פונעם פּאָדפּאָלקאָווניק, און ער האָט אָנגעבויגן זײַן גראָוון קאָפּ צו איר. מיט איין האַנט האָט די פרוי אונטערגעהאַלטן דאָס קעפּעלע פונעם קינד.

דער קאָרפּוס פונעם לײַנער האָט שטאַרק א ציטער געטאָן. ביידע, דער פּאָדפּאָלקאָווניק און די פרוי, האָבן איינצײַטיק זיך אופגעכאַפּט, זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרשלאָפענע אויגן און פאַרשעמטע זיך אָפּגערוקט איינער פונעם אַנדערן.

— ס'איז שרעקלעך אומבאַקוועם, — האָט אַרויסגערעדט קסיושאַ.

סעמיאָן גריגאָריעוויטש, וועלכער האָט נאָך ניט באַוויזן אויסניכטערן זיך, האָט אויך אַרויסגערעדט עפּעס ענלעכס. דערנאָך, געקו-

[1] זאָל באַם קייווער־אַרײַנגאַנג זיך שפּילן דאָס יונגע לעבן.

מען אַ ביסל צו־זיך, האָט ער געזאָגט, אָנווײַזנדיק אַף דזשאַלילן:

— אים איז דאָך ניט באַקוועם, אַנו, העלפֿט מיר.

— וואָס רעדט איר, מע דאַרף ניט, — האָט די פֿרוי פּראָטעסטירט. נאָר ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס פֿאַרשלאָפֿענע ייִנגעלע אַף די הענט און אַוועקגעלייגט עס אַזוי, אַז דאָס קעפּל פֿונעם קינד זאָל ליגן בײַ אים אַף די קני, און די פֿיסלעך — אַף די קני בײַ קסיושען.

— אַזוי וועט זײַן בעסער, — האָט ער געזאָגט, שמייכלענדיק. — און איצט לאָמיר נאָך אַ דרעמל טאָן".

אין אָט דעם אָנגעמאָלטן בילד איז פֿאַראַן דאָס טיטשינעשע, דער געפֿיל פֿון אַן אייַנהײַטלעכער מישפּאָכע, דער געפֿיל פֿון עכטער צוטרויִלעכקײַט פֿון סאָוועטישע מענטשן, צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט זיי זאָלן ניט געהערן. און אויב דערמאָנען, אַז דאָס אַלץ קומט פֿאָר הויך אין הימל, צען טויזנט מעטער פֿון דער ערד, טרעט דאָ בולעט אַרויס דער געפֿיל פֿון גלײַכער אָנגעהעריקײַט צום מענטשלעכן שייוועט, ווי אויך דער געפֿיל פֿון גוטסקײַט.

בוזי מילערס גוטסקײַט איז פֿון אַ באַשטימטן מין. זײַן גוטסקײַט איז אַ קריגערישע, אַ קעמפֿערישע, זי איז שטענדיק אַף דער וואַך, ווען דאָס בייזע באַדראָעט דאָס גוטע, שטעלט זי אין אַ געפֿאַר, ווי מיר זעען עס אין דער גרעסערער דערציילונג „אין פֿולן גאַנג".

צווישן די פּאַסאַזשירן פֿונעם וואַגאָן, איינעם צוג מאָסקווע—כאַבאַראָווסק געפֿינט זיך אויך דער ביראָבידזשאַנער בוזי מילער. לויט זײַן שרײַבערישער טעווע קוקט ער זיך צו צו זײַנע שכיינים פֿון קופּע, הערט זיך צו וועגן וואָס זיי שמועסן. פֿון דעם דערהערטן און דערזעענעם מאָלט אָן דער שרײַבער אַ קאַלאָריטפֿולע געשטאַלטן־גאַלעריי, אַ מין מיני־מאָדעל פֿון אונדזער הײַנטצײַטיקער געזעלשאַפֿט. דאָס זײַנען מענטשן ביז גאָר פֿאַרשיידענע לויט זייער עלטער און פֿאַך, בילדונג און וועלט־אָנשויונג, לויט אַלץ, וואָס זיי טראָגן אין זיך, אי דאָס גוטע און שיינע, אי אויך די שאָטנדיקע זײַט פֿונעם לעבן. אָבער מערסטנטייל דאָס גוטע, ווי דאָס איז אין דער ווירקלעכקײַט. ווען די פּראָפּאָרץ זאָל, כאָליע, געווען זײַן אַ פֿאַרקערטע, וואָלט דאָך די וועלט קיין קיִעם ניט געהאַט.

דער וועג פֿון מאָסקווע ביז ביראָבידזשאַן דויערט זעקס־זיבן טעג. ס'איז דאָ גענוג צײַט, אַז מע זאָל זען, וואָס יעדערער שטעלט מיט זיך פֿאָר.

אָט שטייען שאָענווײַז אָפּ באַם פֿענצטערל דער פּילאָט לאָוטין און די פֿאַרמאַצעווטקע סימאָנאָווא. אין יעדער טנועלע זייערע, אין יעדן שטומען בליק זייערן, פֿילט זיך, אַז בײַביידן קומט אויף דער העכסטער און שענסטער געפֿיל. ביידע שטייען נעבן אַ גרענעץ, און איבער פֿאַרשיידענע סיבעס פֿילן זיי ווײַטעקלעך, אַז זיי טאָרן זי ניט אַריבערטרעטן.

— פֿאַרוואָס? — ווילט זיך אויסשרײַען. — פֿאַרוואָס זאָל אַזאַ שיינע ליבע בלײַבן הענגען אינדערלופֿטן?

נאָר ווער וועט נעמען אַף זיך די אַכרײַעס אונטערזאָגן זיי גאָר, ווי זיך אויפֿירן?

אַף די אונטערשטע בעטלעך ליגן צוויי פֿרויען. מירע יעפֿימאָוונע — זי איז אין לעצטן כוידעש שוואַנגערשאַפֿט, ריכטיקער, אין די לעצטע טעג, זעט אויס ווײַט ניט קיין שיינהײַט, און זינאַידאַ סעמיאָנאָווגאַ, וועלכע ברענט מאַמעש די וועלט, זי בײַט עטלעכע מאָל אין טאָג איר קליידונג, ווי אויך אירע אוכאַזשאָרן, פֿאַרברענגט די גאַנצע צײַט פֿריילעך און לײַכטזיניק. צוויי פֿרויען, צוויי אַנטיפּאָדן. אַלץ איז אין זיי פּונקט פֿאַרקערט: סײַ זייער אויסערלעכער אויסזען, סײַ זייער אינערלעכע וועלט. לויט אַלע קלאָלים וואָלט דער יונגער באָכער וואַסיע פּעטראָוו, וועלכער ליגט אַף דער אייבערשטער פּאָלקע, געדאַרפֿט אַרויסווײַזן מער אינטערעס צו זינאָטשקען מיט איר שרײַענדיקער שיינקײַט, קומט אָבער אַלץ פּאָר פּונקט קאַפּויר. אַף זינען קוקט ער אַפֿילע ניט, ער איז פֿול מיט זאָרג וועגן מירע יעפֿימאָוונען. ער פֿאַרגעטערט זי מאַמעש, נאָר ווײַזט דערבײַ אַרויס העכסטן טאַקט און טיפֿן פֿאַרשטאַנד צו איר גאַנץ דעליקאַטער און קאָמפּליצירטער לאַגע. אַזוי קומט אויף יענע גײַסטיקע נאָענטקײַט צווישן צוויי אומבאַקאַנטע און ביז גאָר פֿאַרשיידענע מענטשן — דער לערערן פֿון ליטעראַטור מירע און דעם יונגן הידראָלאָג וואַסיען.

עס יאָגט דער צוג, עס לויפֿן די מעסלעסן. זינאָטשקע קאָן ניט פֿאַרשטיין: פֿאַרוואָס איז אָט דער וואַסיע אַזוי גלײַכגילטיק צו איר און אַזוי איבערגעגעבן אָט דער מירען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז צווישן איר מיט מירען זאָל זיך פֿאַרבינדן אַ ברייטער אָפֿענער שמועס, בײַס וועלכן עס זײַנען אָן שום רעמאָזימלעך באַטראַכט געוואָרן דער טאָך פֿון עמעסע מענטשלעכע ווערטן.

די געמעלן אין אָט דער גרעסערער דערציילונג זײַנען ווי אויסגענייט מיט די סאַמע דינסטע זײַדענע פֿעדעמער.

בוזי מילער לעבט און שאַפֿט אין ביראָבידזשאַן. און דאָס פֿילט זיך אין אַלע זײַנע ווערק. זיי זײַנען באַשײַנט מיט דער העלער ווײַטמיזרעכדיקער זון, דורכגעזאַפּט מיט דער דופּטיקײַט פֿון דער טײַגע, פֿון די סטעפּעס

און טײַכן. די העלדן זײַנען פול מיט הייסער ליבע צו דעם פרעכטיקן קאַנט, וואָס איז געוואָרן דער גורל פון עטלעכע דורות בויער און טוישווים.

באַזונדערס איז עס צו זען אין „ליטערקײַט“.

„ליטערקײַט“ איז גלײַכצײַטיק א קאַפּיטל ליטעראַטור-געשיכטע וועגן א גרופּע יונגע שרײַבער, וואָס איז אויפגעקומען אין כאַרקאָוו אָנהייב דרײַסיקער יאָרן און פאָרגעזעצט איר טעטיקײַט אין ביראָבידזשאַן. צווישן זיי איז געווען אויך בוזי מילער. אין דער דערציילונג איז געגעבן א ברייטע פּאַנאָראַמע פון ביראָבידזשאַן און זײַנע מענטשן אין די דרײַסיקער יאָרן. די צענטראַלע פיגור אין „ליטערקײַט“ איז עמקע, עמאַנויל קאַזאַקעוויטש.

פאַרן לייענער קומט אוף דאָס נאָבעלע געשטאַלט פונעם יונגן קאַזאַקעוויטש, דעם בויער און דיכטער, דעם הייסן ענטוזיאַסט פון דער געגנט, ווער עס פאַרלירט ניט זײַן אָפּטימיזם אין די סאַמע שווערסטע אומשטענדן, פאַרלירט ניט זײַן גלויבן אינעם מענטשן אַפילע דאַן, ווען ער קומט אין באַריר מיט זײַן אַנטיפּאָד, מיט שאָלעם ליבקינען.

שאָלעם ליבקין איז געקומען פון אן אַנדער וועלט, וווּ יעדערער לעבט בלויז פאַר זיך, בויט זײַן וווילשטאַנד אפן כעזשבן פון א צווייטן. די ערשטע צײַט גיט זיך שאָלעמען אײַן פאַרבלענדן די אַרומיקע מיט זײַן הויכער מעליצע, מיט זײַנע פילצאָליקע ניט רעאַליזירטע סוזשעטן. דערנאָך אָבער קערן זיך אַלע פון אים אָפּ. אַלע, נאָר ניט קאַזאַקעוויטש, ווער עס האַלט, אַז מע טאָר ניט איבערלאָזן א מענטשן אף גאָטס באַראָט, אַז מע דאַרף העלפן ליבקינען אַרײַנפלאַנצן זיך אין דער נײַער וועלט.

אַזאַ איז עמע קאַזאַקעוויטש, דער דיכטער און קעמפער, וועלכער פאַרשטייט גאַנץ גוט די געפערלעכקײַט פון דער פײַנטלעכער אידעאָלאָגיע פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און פילט, אַז מיט איר וועט נאָך לאַנג אויסקומען מילכאָמע האַלטן. דאָך, ווען עמע מיט בוזין שמועסן זיך דורך אין איינעם אן אָוונט וועגן דעם איניען ליבקין, טוט עמע א זאָג: „איך ווייס, אַז אף דער וועלט איז נאָך דאָ גענוג אומריינקײַט און פינצטערניש, נאָר ליכטיקע שײַן איז נאָך מערער“.

קאַזאַקעוויטש און ליבקין זײַנען צוויי פאַרשיידענע וועלטן, צוויי קעגנזעצלעכע אידעאָלאָגיעס און וועלט-אָנשויונגען. אין „ליטערקײַט“ טרעט בולעט אַרויס דאָס פאָרגעפיל פון דער קומענדיקער מילכאָמע, וואָס איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט בא עמע קאַזאַקעוויטשן און עס ווערן קלאָר די אידייִשע אוריקוואַלן, פונוואַנען עס איז אויסגעוואַקסן עמע קאַזאַקעוויטש דער שלאַכטמאַן, דער העלדישער אויסשפּירער, דער אָנגעזעענער רוסישער שרײַבער, ווער ס'האָט באַרײַכערט די סאָוועטישע פראָזע מיט זײַנע אומפאַרגעסלעכע ווערק.

מיר געדענקט זיך, ווען איך האָב געשריבן וועגן דער דאָזיקער דערציילונג בייס זי האָט זיך געדרוקט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, האָב איך באַטאָנט, אַז איר נאָמען אַנטשפּרעכט אין דער פולער מאָס די שעפערישע און אידייִשע פּאָזיציעס פונעם אווטאָר: ליטערקײַט פונעם געמעל, ליטערקײַט פון געדאַנק, ליטערקײַט פון זײַנע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. מיט דער דאָזיקער ליטערקײַט איז באַהויכט דער ראָמאַן „יעדן דאָר — זײַנס“, וועלכער איז פונעם אָנהייב ביזן סאָף אויך א ביראָבידזשאַנער, און לויט די געזעלשאַפטלעכע און זיטלעכע פּראָבלעמען, וועלכע ער באַרירט, — אַן עכט הײַנטצײַטיקער.

„יעדן דאָר — זײַנס“ איז א ראָמאַן וועגן אַרבעטער-קלאַס, וועגן דעם יונגן דאָר אַרבעטער מיט זײַן הויכער פאַכמענערשאַפט, ברייטער קולטור, געזונטן לעבנסשטייגער, הייסע טרוימען און זויבערער זיטלעכקײַט.

דעם עלטערן דאָר שטעלן דאָ פאָר סעמיאָן יעווסייעוויטש גרינבוים און זײַן פרוי שלימע סאַמוילאָוונע. סעמיאָן יעווסייעוויטש האָט ליב צו רעדן אין גראַמען, וואָס מאַכט אים א ביסל ענלעך אף אן אַמאָליקן באַדכן, אָבער דאָס איז בלויז אן אויסערלעכער שטריך, וואָס גיט אים גראָד צו כיין. גרינבוים איז א מענטש מיט א טיפער לעבנס-פילאָסאָפיע. ער האָט פריִער פון אַנדערע דערשמעקט, ווער איז אַזוינס זײַן איינִיקלס כאָסן — אַרנאָ.

דעם יונגן דאָר שטעלן פאָר אינעם ראָמאַן דער אָנפירער פון א יוגנט-בריגאַדע אפן זאַוואָד אַרקאַדי סאַטאַנאָווסקי, דער אוקראַינער אַלעס טשערעדניטשענקאָ, דער טאָטער מוסאַ גריזאַטולין, דער אַרמענער יעגישאַ פּאַפּאַיאַן, דער רוס וואַסילי קרילאָוו.

אַזאַ איז דער באַשטאַנד פון אַרקאַדי סאַטאַנאָווסקיס בריגאַדע, אין וועלכער עס הערשט א זויבערע אַטמאָספער, עכטע פרײַנטשאַפט.

אין דער דאָזיקער סאָציאַלער סוויווע וויקלען זיך פאַנאַנדער דראַמאַטישע געשעענישן, עס קומען אין באַריר און שטויסן זיך צונויף מענטשן פון פאַרשיידענע לעבנס-פּאָזיציעס און פאַרשיידענעם וועלט-באַנעם.

צוערשט באַווײַזט זיך א יאַטל וואַלערי קראָס, א מין ביטניק מיט לאַנגע פּאַטלעס, א באָכער, וואָס ווייסט ניט, וווּהין אַהינטאָן זיך מיט זײַן יונגער ענערגיע, מיט זײַן האָפענונגס-

לאָזער ליבע, און ער לאָזט זיך אוועק אַף שלעכטע דראָכים. וואַלעריס עלטערן זײַנען אַלע יאָרן פאַרנומען מיט אַרײַנכאַפּן וואָס מער צירונגען, טײַערע כפייצים און בייסמײַסטע פּאַרזען, פאַרלוירן דאָס סאַמע טײַערסטע — זייער אייגענעם זון. ווי זשע קאָן אַרקאַדי סאַטאַנאָווסקי דורכלאָזן אַזאַ יאַטל? נעמט ער אים אַרײַן צו זיך אין דער בריגאַדע. אַרקאַדי איז איבערצײַגט, אַז אין וואַלערין איז פאַרבאָרגן זייער אַ ווױלער יאַט, מע דאַרף זיך נאָר דערקלײַבן צו אים. און דאָס קומט אים אָן ניט אַזוי גרינג, ס'איז אַפילע פאַרבונדן מיט אַ טראַגישן צופאַל...

סעמיאָן גרינבוים און אַרקאַדי סאַטאַנאָווסקי באַקאַנען זיך צופעליק אַף אַ קוראָרט און דערפילן גלײַך אַ גײַסטיקע קרויוועשאַפט. אַרקאַדי ווערט אָן אָפטער גאַסט בײַ די גרינבוימס. עס לאָזט זיך אויס, אַז מאַרלענע, מיט וועמען אַרקאַדי האָט זיך באַקאַנט אַ ביסל פריִער און זיך אין איר פאַרליבט, איז גרינבוימס אייניקל. אין מאַרלענען איז פאַרליבט אויך וואַלערי. זי באַציט זיך אָבער צו אים נאָך אַלץ, ווי צו אַ ייִנגעלע.

דערפאַר אָבער אַרנאָ... ער איז אַ זון פון זייער כאַשעווע און גוט באַזאָרגטע עלטערן, אַליין שוין אַ קאַנדידאַט פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן, מיט איין וואָרט, אַ גאַנץ פײַנער שידעך. מאַרלענעס עלטערן ווילן, עס זאָל זיך שוין וואָס גיכער אויסשידעכן. מאַרלענע אַליין אָבער ווייסט נאָך ניט, צי האָט זי אים ווירקלעך ליב. אירע וואַקלונגען ווערן נאָך שטאַרקער, ווען זי באַקאַנט זיך מיט אַרקאַדין, דערפילט אין אים אַ מענטשן פון גאָר אַן אַנדער סוויווע. אָט די צעצווייטקײַט צווינגט זי וואָס גיכער געבן איר האַסקאָמע אַרנאָן, און מע נעמט זיך גרייטן צו דער כאַסענע.

ווען כאָסן-קאַלע שפּאַצירן פאַרנאַכט אין סקווער, פאַלן אַף זיי אָן כוליגאַנעס. אַרנאָ אַנטלויפט. וואַלערי, וואָס איז צופעליק דורכגעגאַנגען פאַרבײַ, ראַטעוועט מאַרלענען. ער קריגט דערבײַ אַזעלכע קלעפּ, פון וועלכע ער שטאַרבט אין אַ פּאָר טעג אַרום.

די עטלעכע מעסלעס, וועלכע מאַרלענע, די יונגע דאָקטערן, זיצט בײַ וואַלעריס בעטל, זײַנען פאַרביידן פול מיט אומגעהייערע לײַדן. ביידע שאַצן אָפּ סנײַ איבער דעם טאָך פון עמעסדיקע מענטשלעכע ווערטן און העכסטע מענטשלעכע געפילן...

דער ראָמאַן איז אָנגעזעטיקט מיט טרעפלעכע און אַפאָריסטישע דיִאַלאָגן, מיט צווייבערנדיקער בילדערישקײַט און טיפער געדאַנקלעכקײַט, מיט פּרינציפּיעלער פּאָלעמיק. דער אווטאָר פאַרטראַכט זיך: צי ווערן אויך בײַם קאָמוניזם זײַן אומגליקלעכע? און ער ענטפערט זיך דערויף: יאָ, עס וועלן, פאַרשטייט זיך, זײַן, אָבער גליקלעכע פיל מערער. און דאָס איז אַזוי אין אײַנקלאַנג מיט דעם, וואָס אים האָט אין איינעם אָן אָוונט פון יענע שוין ווײַטע יאָרן געזאָגט עמע קאַזאַקעוויטש: „אַף דער וועלט איז נאָך דאָ גענוג אומרייניקײַט און פינצטערניש, נאָר ליכטיקע שײַן איז נאָך מערער".

דער ראָמאַן „יעדן דאָר — זײַנס", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזאַ שפּילעוודיקער גרינקײַט, קימאַט מיט דורכזיכטיקער העלקײַט, האָט, טראָץ די טראַגישע געשעענישן, צום סאָף ווידער באַקומען זײַנע ליכטיקע פאַרבן:

„די הימלען זײַנען ברייט צעפּראַלט. אין דער הויכער צעפּראַלטקײַט זייערער גיסן זיך איבער שטראָמען ליכט. דער הימל, די ערד פּראַווען יאָמטעוו פון העלע, בונטע קאָלירן. אַלע שאַטירונגען פון רויט, ברוין, געל, אָראַנזש פינקלען, פלאַטערן אין די סקווערן, אַף די גאַסן, אַף די נאָענטע סאָפּקעס, אַף די ווײַטע — אויך, נאָר יענע באַהאַלטן אויס זייער בונט-קאָלירקײַט אונטער בלויִלעכע שלייערס. וואָס ווײַטער איז די בלויקײַט אַלץ מערער צעפּירט, און גאָר ווײַט — דורכזיכטיקע רויכלעך, ניט מער..." אין דעם איז דער שטענדיקער אַני-מאַמין פונעם שרײַבער.

ס'אייז פאַראַן פיל געמיינזאַמס צווישן שאָלעם ליבקין פון די דרײַסיקער יאָרן און אַרנאָ פון אונדזער צײַט. זיי זײַנען זייער ענלעך איינער אַפן אַנדערן מיט דער זעלבסטפאַרליבטקײַט, עגאָיִזם, „אינטעלעקטועלער" פּראַזעאָלאָגיע, מיט וועלכער זיי סטאַרען זיך פאַרדעקן די נישטיקײַט און פּאַכדאָנעס זייערע. דאָס בעניאָכידל אַרנאָ מיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן בלויז צוליב אים. פאַר אים זײַנען ניטאָ קיינע זיטלעכע נאָרמעס, קיינע פאַרווערן און פאַרפליכטונגען. טוט אים נאָר עפּעס אַ קוועטש און עס הייבט זיך אים אָן דוכטן, אַז ס'איז אַ ביסל ניט אַזוי, ווי אים ווילט זיך, הייבט ער גלײַך אָן זיך בריקעווען. אַזאַ אַרנאָ דערמאָנט זיך, אַז זײַן נאָמען איז גאָר אַרן און ער מעלדעט, אַז עס ציט אים מוירעדיק אין לאַנד פון די אָוועס.

די דאָזיקע פּראָבלעם איז ניט פון די פּאָשעטע, זי פאַרמאָגט פאַרשיידענע באַפאַרבונגען. בײַ בוזי מילערן איז דער צוגאַנג צו איר אַ גאַנץ קלאָרער, אַ הויך-פּרינציפּיעלער. ער באַרירט זי אין אַ ריי ווערק. די גרעסערע דערציילונג „צוגעבונדנקײַט" איז אינגאַנצן געווידמעט דער פּראָבלעם פון עמיגראַציע.

רימעס מאַן עדיק איז אַ קאַנדידאַט פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, זײַן פאָטער — אַ דירעקטאָר פון אַ מאַגאַזין, די מוטער אַ דאָקטער. עדיק איז פּונקט ווי אַרנאָ אויסגעוואַקסן

אין ווילטיק און געמיינט, אַז אַלץ קומט אים. פון וואָס זשע איז ער געוואָרן אַזוי אופגעטראָגן? אין אינסטיטוט, ווו ער האָט געאַרבעט, האָט זיך באַפרײַט דאָס אָרט פון אַ פּראָוואָלטער פון אַ סעקטאָר און ער האָט געהאַלטן, אַז דעם פּאָסטן דאַרף פאַרנעמען נאָר ער. מע האָט אָבער באַשטימט אַן אַנדערן. עדיק האָט גלײַך פאַרגעסן אין אַלץ, פאַרגעסן, ווו איז ער געבוירן, ווער האָט אים געלערנט, דערצויגן, וועמען האָט ער דאָס אַלץ צו פאַרדאַנקען. מיטאַמאָל איז גאָר יִשׂראָעל געוואָרן זײַן עמעסע היים, איוורית — זײַן עמעסע שפּראַך, מײַסעס, ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. עס דערגייט צו אַ געט, ס'איז דאָך פאַראַן אָבער אַ קינד. רימעס טאַטע, איסאַק מאַרקאָוויטש, פּרוּווט אויסניכטערן עדיקן, נאָר ס'איז אַרויסגעוואָרפענע מי. ער וויל ניט הערן. דער קריג גייט אַריבער אין אַ שאַרפן קאָנפליקט צווישן די, וואָס האָבן דורכן גאַנצן לעבן דורכגעטראָגן זייער צוגעבונדנקייט צום סאָציִאַליסטישן היימלאַנד, און די, וואָס באַלד עפּעס וואַרפן זיי דעם געט פאַר די פיס.

און אָט איז אַ נײַע וואַריִאַציע פון דער זעלבער פּראָבלעם אין דער דערציילונג „אין פולן גאַנג". עס וויקלט זיך פאַנאַנדער אַן אָפנהאַרציקער שמועס צווישן מירע יעפימאָוונען און זינאָטשקען וועגן ליבע. פריִער איז שמאָלן זין פון וואָרט, דערנאָך ווערט ער ברייטער. עס רעדט זיך שוין וועגן ליבע צו דער אייגענער שטאָט, צום אייגענעם קאַנט, צום היימלאַנד. מירע יעפימאָוונע געדענקט גוט, וואָס איר טאַטע, אַ פּאָשעטער סאָלדאַט, האָט אַמאָל געזאָגט: אַלץ קאָן מען בײַטן, כוץ אַ מאַמע און כוץ דאָס היימלאַנד. זינאָטשקע קוקט אַף דעם אַלעמען גאָר אַנדערש. איר מאַמע איז אַ יִדישקע, דער פאָטער אַ רוס, זי אַליין האָט זיך אויך פאַרשריבן אַלס רוסישע. און כאָטש זי האָט ניט קיין אַנונג וועגן יִשׂראָעל, וועגן יִדן, איז זי גרייט פאָרן אַהין און בײַטן אַלץ: איר בירגערשאַפט, נאַציִאָנאַלע אָנגעהעריקײַט, אַפילע דעם נאָמען. צוליב וואָס? מיר האָבן פּאָשעט צו טאָן מיט אַ פּוסטער נעשאָמע, וועלכע זוכט מיט וואָס פאַרווײַלן זיך. אַזאַ זינאָטשקע קאָן גרינג בײַטן איר היימלאַנד, פּונקט אַזוי ווי זי בײַט נאָכאַנאַנד אירע „אוכאַזשאָרן".

מיט פיל ערנסטערע טײַנעס טרעט אַרויס ראָמאַן ניקאָלײַעוויטש וואָסקאָבויניקאָוו אינעם ראָמאַן „יעדן דאָר — זײַנס", מיט וועמען סעמיאָן יעווסייעוויטש גרינבוים באַגעגנט זיך אַפן קוראָרט. ראָמאַן ניקאָלײַעוויטש האָט געטאָן אַלץ, אַז אין אים זאָל ניט בלײַבן קיין סימען פון יִדישקײַט. מיטאַמאָל האָט ער זיך פאַרבענקט נאָך אַ יִדיש וואָרט. ער איז פול מיט טײַנעס, פאַרוואָס הערט מען אין ערגעץ ניט קיין יִדיש, מע זעט ניט אין ערגעץ קיין יִדיש ביכל. ראָמאַן ניקאָלײַעוויטש ווערט מאַמעש געפּלעט, ווען סעמיאָן יעווסייעוויטש דערציילט אים, אַז אין ביראָבידזשאַן דערשײַנט אַ יִדישע צײַטונג, אין מאָסקווע — אַ יִדישער זשורנאַל, עס גייען אַרויס יִדישע ביכער, עס זײַנען פאַראַן יִדישע טעאַטראַלע אַנסאַמבלען, אַוודע איז סעמיאָן יעווסייעוויטש גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז דער אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס מיר האָבן אַזעלכע יִדן, ווי ער, ראָמאַן ניקאָלײַעוויטש!

— אַוועלכע? — פרעגט ראָמאַן ניקאָלײַעוויטש.

— אַזעלכע, וועלכע בענקען נאָכן נאַציִאָנאַלן אייגנאַרט און בײַטן די נעמען, מע זאָל זיי, כאָלילע, ניט דערקענען, אַזעלכע, וואָס ווילן, עס זאָלן דערשײַנען יִדישע ביכער און זשורנאַלן, נאָר לייענען זאָל זיי אַן אַנדערער.

ווער קען זיי ניט, אָט די עדיקס, זינאָטשקעס, ראָמאַן ניקאָלײַעוויטשעס, וועלכע האָבן איבער זייער לײַכטזיניקײַט און ניט באַטראַכטע שריט געבראַכט צו פיל פאַמיליעטראַגעדיעס? צווישן די פיל געזעלשאַפטלעכע און זיטלעכע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט, וועלכע בוזי מילער באַרירט אין זײַנע ווערק, פאַרנעמט די דאָזיקע גאַנץ שאַרפע און אָנגעווייטיקטע פראַגע אויך אַ באַדײַטנדיק אָרט.

זײַענדיק אין יענעם ווײַטן אַכט-און-פערציקסטן יאָר אין דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט, האָב איך צווישן אַ ריי שטעלונגען פונעם דאָרטיקן יִדישן מעלוכע-טעאַטער געזען אויך די שטעלונג פון מילערס פּיעסע „ער איז פון ביראָבידזשאַן". שפּעטער איז די דאָזיקע פּיעסע, אַ גרינטלעך איבערגעאַרבעטע, געווען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אונטערן נאָמען „דער אָטעם פון מײַן געליבטער". די מילכאָמע איז נאָך דאַן פעסט געזעסן אין מיר און אַף מײַן שוין היפּש אָפּגעבליאַקעוועטער גימנאַסטיאָרקע, און אַלץ אין דער שטעלונג איז געווען אַזוי נאָענט צו מײַן געמיט, צו דעם, וואָס איך האָב ניט לאַנג איבערגעלעבט און געזען: די מעסירעסנעפּעשדיקײַט פון די העלדן, די אינטערנאַציִאָנאַלע פרײַנטשאַפט פון די שלאַכטלײַט, אין די ליד, וואָס האָט אַרומגעשוועבט איבער אַלע פראָנטן און צונויפגעפירט געליבטע, די ליד, וואָס האָט אָפּגעהיט פון אַ קויל און, צום באַדויערן, ניט שטענדיק געקאָנט אָפּהיטן. און אַלץ איז ווידער אַזוי ביראָבידזשאַניש, ווײַל אַנדערש קאָן פּאָשעט מילער ניט שרײַבן. פּונקט אַזעלכע זײַנען די שפּעטערדיקע פרייַלעכע דראַמאַטורגישע ווערק

זײַנע: „פונעם הימל פאַלט גאָרנישט ניט אַראָפּ" און „דרײַ און דרײַסיק גיבוירים".

דער טאַלאַנטפולער ראָמאַניסט, דערצײלער, דראַמאַטורג בוזי מילער איז אויך אײנער פון די אָנגעזעענסטע נאָוועליסטן.

איבער א רײנעם בויגן פּאַפּיר, ווי איבער א ווײַסן מידבער, באַוועגט זיך א קלײן באַשעפעניש. מע זעט עס קוים אָן. וואָס איז דאָס? א פליגעלע, א מערעשקעלע, א באַבעלע? אויב זיך צורירן צו דעם מיט דער פּען, וועט עס גלײַך צעקוועטשט ווערן. זיצט דער שרײַבער באַם טיש, קוקט אפן ווײַסן בויגן פּאַפּיר, אפן פויזענדיקן בריעלע, און טראַכט וועגן דעם, וויאַזוי פירן פאָרזיכטיק די פּען, עס זאָל דעם פיצעלע נעפעשל ניט שאַטן („אף א ווײַסן בויגן פּאַפּיר"). אין דער דאָזיקער קורצער פּרעכטיקער נאָוועלע דערשײַנט פאַר אונדז עפשער אמערסטן בוילעט בוזי מילער דער שרײַבער און מענטש מיט זײַן טיפער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר יעדעס וואָרט. שוין העכער פופציק יאָר, ווי ער שטײט מיט זײַן פּען אף דער וואַך פון גוטס, פון שאָלעם, פון מענטשלעכן גליק.

אפן בירע־טײַך.
געמעל פון א. עסקין.

לידער פון רוסישע פּאָעטן,
וועלכע לעבן אין בירָאבידזשאַן

וויקטאָר סאָלאָמאַטאָוו

פונקט ווי א מײַסע

פונקט ווי אין כאָלעם וואַלטן זיי געשטאַנען —
אַט יענע יונגע טעג און יונגע נעכט.
איך זע די שטאָט די הילצערנע פונדאַנען,
די שטיבער, וואָס געווען דאָ אױף דער ערד.

דעם אַלטן דעמב,
וואָס ברומט מיט זײַנע בלעטער,
דעם טאָפּאָל-צווײַט אין רויכיקן זאַוויי,
די הוידלקעס אין פּארק מיט נאַסע ברעטער,
די ערשטע ריטשקעס צווישן גרויען שניי.

אַז אַלץ איז נײַ דאָ, קאָן זיך מיר ניט גלויבן,
און וווּ איך גיי, און וווּ איך שטעל א טראָט,
שוין אנדערע אין הייך זיך דרייען טויבן
אױף די באַנײַטע פּלעצער פון דער שטאָט.

און אנדער הימל זיך צעשפּרייט אצינד האָט
איבער מײַן קאָפּ,
און אויך מײַן טײַך איז ווײַט...
עס איז מײַן שטאָט געבליבן אין דער קינדהײַט,
פונקט ווי א מײַסע פון א ווײַטער צײַט.

ייִדיש — ו. קאָוויטש

געאָרגי פּאַראַזשענקאָ

איבערוף פון צײַטן

אין פּארק גיטאַרע-קלאַנגען זאַטע
זיך הוידען אין א שטילקײַט-וויג.
ס'באַזינגען איצטערדיקע יאַטן
פאר זיי דעם אומבאַקאַנטן קריג.

בישכיינעס א סאָלדאַטס אַלמאָנע
זיצט און די פּראָסטע ווערטער הערט,
וואָס בענקשאַפט וועקן, ליבע מאָנען
און נויטן אויסוויישן א טרער.

אין אַט דער ליד, אין אַט דער רעגע
לעבט אױף איר טרייסט פון טיפן שליים,
איר העלד, וואָס קאָן זיך ניט דערוועגן
צוריק זיך אומקערן אהיים.

עס שטראָמט א גוסרעגן א שווערער,
מיט ווײַסן צווײַט דער פרילינג העלט.
נאָר ער —
ער שטייט אין שײַן פון שטערן
און ס'קוקט אױף אים די גאָרע וועלט.

שוין ווײַט די פײַערדיקע דאַטעס,
צום פײַער אייביקן געטרײַ,
נאָך ניט באַשאָסענע סאָלדאַטן
אין ריי זיך שטעלן אפּדאָסנײַ.

ניט אויסגעלאָשן דער זיקאָרן,
ס'איז וואך דאָס הארץ און גרייט די שווערד,
ס'זאָל ניט פון טרערן, ניט פון צאָרן
ניט ווייטעקן די ליבע ערד.

ייִדיש — באָריס מאָגילנער

װיטאַלי זאַכאַראָװ

מײַן ליבער קאַנט

אַט דאָ איז מײַן פֿריטשאָל,
אַט דאָ געפֿינט זיך יענער קוואַל,
פֿון װעלכן כ'שעפּ און איך דערנער זיך.
אױף דײַנע שלענגלענדיקע װעגן,
צװישן די קוסטעס שטעכיקע, געדיכטע,
אױף די שטעגעלעך פֿאַרטראַטענע,
אַרומגעצױמט מיט פּיכטעס,
אין אַט דעם האַרבן אױפֿגעװאַקסן װאַלד
האָב איך מײַן גורל שױן געפֿונען,
און כ'טראָג בײַ זיך אין האַרצן דײַנע פֿרײדן, דײַנע דײַגעס.
דאָ אָטעמט זיך מיר פֿרײַ.
מיט לופֿט דײַנער זיך אָנזעטיקן איך קאָן ניט ביז אַצינד,
װי כ'קאָן ניט אײַנשטילן מײַן ליבע,
װאָס װעבט אין האַרצן זיך געטרײַ.
װען אױג אױף אױג איך בלײַב מיט דער טײַגאַ אַלײן,
אױף קאַלטן פֿניאַק אױף שװאַרצן כ'זיץ מיט אַזאַ קאָװעד,
װי כ'װאָלט געזעסן אױף אַ העסעבעט אינד'רהײם.
פֿון אָנפֿאַנג האָסטו ס'האַרץ מײַנס מיר פֿאַרקישעפֿט,
אַפֿילע מיט די פֿלאַמען פֿון די רױכעדיקע שײַטערס,
װי ניט אײנמאָל ביז באַגינען כ'האָב גענעכטיקט אין אַ יִשעװ
מיט פֿרײַנט מײַנע, געקומענע פֿון דערפֿער ערגעץ װײַטע.
די בלױע לופֿט דײַנע די קאַלטע — כ'טרינק זי אינדערשטיל,
די פֿײגלען אין די נעסטן מיט זײער זינגענדיקן ליאַרעם —
מיט פֿרײַנטשאַפֿט האָבן זײ דאָס האַרץ בײַ מיר דערװאָרעמט
און שטענדיק מיך דערמונטערט מיט אַן ערלעכן געפֿיל.

ייִדיש — יאָסל בוכבינדער

װלאַדימיר זשוראַװליאָװ

מיר כאַלעמט זיך

אַ שײַטער־פֿײַער אין דער װײַט
מיר כאַלעמט זיך אין װאַלד אין גרינעם.
און דו און איך — אין דעם באַגינען...
און כ'בין אין דיר פֿאַרליבט פֿאַרשײַט.

מיר כאַלעמט זיך אַ שװאַרצער טײַך —
מיט װעלן פֿליעסקעט ער און כליפּעט...
אין װעלדל בלײַענדיקע ליפּעס,
די האַנט דײַנע, מיט צאַרטקײַט רײַך.

באַם שײַטער שפּירן איז מיר ליב,
װי גלײַענדיקע פֿונקען יורן.
פֿאַרװאָס זשע איצטער כ'קוק מיט מורע
אין דײַנע אױגן־שײַטערס טריב?

ייִדיש — באָריס מאָגילנער

לעאָניד בראגינסקי

ליבע

אַט שטייט זי, די קעכן פון קינדער-גאָרטן,
אַף דעם ווײַסן גאַנעקל און וואַרט,
איר דוכט, אז פון דעם גערטנדל פון דאָרטן
דאַרף ארויסגיין איר געליבטער — דער סאָלדאַט.
שטייט זי אַפן גאַנעק אין אומעטקײַט פאַרטראַכט,
די קעלט די עסעריקע נעמט ארום איר לײַב,
דעם פיבער פון געפּריר ניט פילט אינגאַנצן,
עס וואַרעמט גוט די ליבע, וועלכע לעבט אין איר פאַרשײַט
און קוקט ארויס מיט בענקשאַפט פון איר הארצן.
אַט די מינוטן פון דער האָפערדיקער פרייד,
אַז באַלד וועט ער ארויסגיין איר אַנטקעגן,
מיט זיי, מיט אָט די רעגעס, וועט זי לאַנג ניט זײַן צעשיידט,
און ס'וועט אין קינדער-גאָרטן פרייען זיך איר לעבן.

ייִדיש — יאָסל בוכבינדער

אַנאַטאָלי קאַרשונאָוו

שטוינונג

ניט בלויז אכצניאָריקע,
נאָר אפילע זעכציקיאָריקע,
דאַרפן אײַלן זיך צו גאַפן,
וואָס די וועלט איז אַזוי רײַך.
אַט זעט, ווי יעדע מורעשקע,
ווי יעדעס פישעלע אין טײַך,
וואָס וויל פאַרזעצן דאָס לעבן,
דאַרף זיך מיִען און דאַרף קעמפן
מיט אונדז, די מענטשן, דאָ באַגלײַך.

איז לאָמיר אַלע איצט צוזאַמען
ארויסגיין שטאָלץ אינעם געפּעכט
און פאַרלעשן אָט די פלאַמען,
וואָס ווילן אומברענגען די ערד.
לאָמיר קעמפן פאַר איר שיינקײַט —
פאַר א שאָלעמדיקן זיג,
לאָמיר לאָזן פאַר די אייניקלעך
אַט דאָס מאַזל און דאָס גליק.

ייִדיש — יאָסל בוכבינדער

לידער פון ייִדישע פּאָעטן, ערשטע

ביראָבידזשאַנער טוישווים

עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש

7 מײַ 1934

אין זיבעטן טאָג פונעם כוידעש מײַ
איז באַגינען געגאַנגען אַ רעגן.
ער האָט לוסטיק געקלאַפּט
אין די דעכער פון שטאָט
אין די ברעטער פון נײַעם געבײַ,
און נאָכדעם אַוועק
צו די גרינע אַמורישע ברעגן —
אַ לוסטיקער רעגן,
אין אָנהייב פון כוידעש מײַ.

און ווען די זון האָט געגעבן אַ בלענד
איבער ברייטן פּרימאָרגנדיק-בלאָע
און האָט זיך מיט צערטלעכע שפּיזן
געטאָן אין די פענצטער אַ שאָט,
האָט געגעבן אַ צי זיך,
פאַרפולט מיט געזונטער האַנאָע,
מײַן ליבע, מײַן יונגע,
מײַן היימישע שטאָט.

און דער ווינט איז אין פענצטער אַרײַן
און געבראַכט מיט זיך שיינע מאַטאָנעס:
ווײַסע דופטן פון פרילינג,
קאָלירן פון גרינס אויבנאָן,
אַ פריילעך געפּילדער פון קינדער,
דאָס רוישן פון פולע וואַגאָנעס,
און ס'האָט אויפן טיש —
זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן.

ווער האָט עס גערעדט?
צי די פריילעכע שטים פון מײַן שאָכן,
צי געברויזט אונדזער יאָמטעוו האָט דאָרט, —
אינעם טרײַבל אַ קאָל האָט די שטילקײַט אַדורכגעבראָכן:
— געמאָלדן אַ געגנט!
מײַן ערן קאָמיוגיש וואָרט!

דערנאָך, אויפן מיטינג אין שטאָט,
טרעט אַרויס אַ קאַזאַק אַן אַמורער,
און גלעט זיך די באָרד
און באַגריסט אונדז
און טאַנצט מיט די ייִדן אַ שער,
דעמלט צעטראָגט זיך אין ברויז פון אָרקעסטער
אַ פעסטער, אַ זילבערנער שטורעם, —
און כאַנע, אַ מאַמע פון קינדער,
פאַרלירט אויפן רעקל אַ טרער.

ס'איז שטאָלץ אונדזער פרייד,
און די שטאָט איז דערהויבן
און פול מיט די ווינטן פון פרילינג,
מיט שווונג פון אַ נײַעם געבײַ,
און ס'שטורעמט די שטאָט
און זי בליאַסקעט מיט אָפענע שויבן
אינעם מעכטיקן צוגווינט פון גליק,
אין זיבעטן טאָג פון מײַ!

1934

בוזי אָליעווסקי

וואַלד

איך שטיי אויפן שוועל פונעם לײַוונטן בײַדל.
מע צינדט אינעם אויטאָ שוין אָן די לאַמטערנס,
סע קאַפּעט די ראָסע, צענומען די צווײַגן —
סע וואַרטן די ביימער פאַרגליווערטע, שווערע.
אַ סאָווע מיט קײַלעכיק-אָפענע אויגן

דערזעט מיך אין וואַלד — און יאָגט מיט געשרייען,
מיט שרעק האָט דער שווערער דער פינצטער פויגל
גענומען זיך איבערן קאָפּ מײַנעם דרייען
און פּאַטשן און שרײַען...

מיט שטאָלענע פערד-קראפט
סע ברעכט זיך אריַין די מאשין
אין די צווייַגן —
און ביידע לאמטערנס — די אויגן פון אווטאָ—
נעמען די נאכט אף צוויי העלפטן צעשנייַדן.

ס׳ווערט העלער אין טייַגע.
פארלאָזן די בייַדלעך,
דורך וואלגער געדיכטן — אָן שטעג, אָן
א וועג,
מיט פארטיעס מענטשן איך לאָז זיך אין טייַגע,
אף פלייצעס פארוואָרפן די זעג און די העק.

מיר ווערן פארשווונדן...
איןביימער אין גרינע,
ווי פאר א שטורעם — מע קאָן דאָ דערהערן—
סע קאפּען די לויטערע זאפטן און רינען,
עס גיט זיך א וואלגער א קייַלעכיקער שטערן,

און נאָכדעם — א הילעך.
עס בייגן זיך קרוינען,
עס קלינגען די העק און עס הוילן די בערג,
סע פליִען די פייגל, סע קרעכצן די ביימער,
און גליק איך דערזע אף מייַן ליכטיקער
ערד —

און ס׳דאכט זיך מיר אויס —
ווי פון טויערן גרויסע —
די שלעסער צעעפנט, די וועגן באהעלט.
מיר טראָגן אין ריזיקן גוואלדיקן דרויסן
די שליסלען די גרויסע אצינד
פון דער וועלט.

1934

איציק בראָנפמאן

יוגנט

איך טראָג אין האנט א בינטל פרישע בלומען,
די טייַגע האָט די בלומען מיר געשענקט —
ווי נאָכאמאָל מייַן יוגנט וואָלט געקומען,
נאָך וועלכער כ׳האָב אזוי זיך שוין פארבענקט.

אף אמורזעטער פעלדער נאָכן אקער
זי שפאנט דורך ווייַסע, רוישנדיקע נעכט —
מייַן ווייַטע יוגנט... ציטערדיקער פלאקער,
וואָס פונקט ווי פריִער, דוכט זיך, מיד ניט ווערט.

אָט זע איך זי — א כיינעוודיק-פארשייַטע,
מיט איר דורך ווילדע ראכוועסן איך גיי,
אָט זיצט זי בא דער ווארעמקייַט פון שייַטער
און זופט געשמאק פון קווערטל הייסע טיי.

אָט וואשט זי זיך אין טויִקע קאיאָרן,
און פעסט און ניט געוואקלט איז איר טראָט.
מייַן יוגנט, ווייס איך, איז שוין לאנג געוואָרן
אן אלטער טוישעוו אין מייַן יונגער שטאָט.

ווייַזט אויס, דערפאר אין קנייטשן פון מייַן שטערן,
אין שמייכל, וועלכער שוועבט אף מייַן געזיכט,
זיך שפּיגלען נייַע הייַזער, נייַע סקווערן,
פארגאָסענע מיט זוניק-העלער ליכט.

און אויב אין הארץ נאָך שפּריצן הייסע פונקען
און ניט געעלטערט איז אין בלוט די קראפט,
איז דאָס דערפאר, וואָס כ׳האָב פון קוואל געטרונקען,
גענאשט פון דער בערעזע כ׳האָב איר זאפט...

● ● ●

בלעטלעך פון דער געשיכטע:

ערשטע וויסנשאפטלעכע פובליקאציעס וועגן דער פלאָרע און פאונע פון ביראָבידזשאן

ג. גרינבערג

ווילדע באלעכאים אין דער טײַגע פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

„די פאונע פונעם ווײַטן מיזרעך איז, פון איין זײַט, א גאנץ פארשיידנארטיקע לויט איר פאָרמען־באשטאנד און, פון דער צווייטער זײַט, א גאנץ אייגנארטיקע לויט איר פארשפרייטונג איבערן קאנט, — פון די סאמע דאָרעמדיקסטע ביז סאמע צאָפנדיקסטע גרענעצן זײַנע”.
(נ. פרזשעוואלסקי — „א רײַזע איבערן אוסורײַער קאנט”).

די אייגנארטיקײַט פון דער באלעכאים־וועלט אין דער געגנט

די פאונע, פונקט ווי די פלאָרע, פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט איז ווונדערלעך רײַך און אייגנארטיק. מיר טרעפן דאָ אזעלכע באלעכאים, וואָס זײַנען אינגאנצן ניטאָ אין אייראָפּע. אין די ווילדע וועלדער און וואסער־באסיינען פון דער געגנט האלטן זיך אוף פיל באלעכאים, וואָס זײַנען אייגנטימלעך בלויז פאר די דאָרעמדיקע לענדער פונעם אזיאטישן קאָנטינענט, ווי אשטייגער, יאפּאָניע, כינע, אינדיע, זאָנדישע אינדזלען אא.

דאָ געפינען זיך אויך פיל ענדעמישע באלעכאים, — אזוינע, וואָס האָבן זיך פארהיט בלויז אין די נאטור־באדינגונגען פונעם ווײַטן מיזרעך.

די נאטור־פאקטאָרן, וועלכע פארורזאכן אזא פארשיידנארטיקײַט פון דער היגער פאונע, זײַנען: די בארג־קייטן, וואָס רינגלען ארום די געגנט, אירע אומגעהייערע וואלד־שעטעכן, די פילצאָליקע, רײַכע מיט פיש טײַכן און אָזערעס, דער אייגנארטיקער קלימאט און מעטעאָראָלאָגישער רעזשים, די רײַכע געוויקסן־צענאָזן (אסאָציאציעס), די פיטער־שעפע אאוו.

אָט די קאָלאָסאלע פארשיידנארטיקײַט פון דער פלאָרע, — די פילצאָליקע ארטן ביימער, קוסטעס און גראָזן, ווי אויך די וואסער־באסיינען, בילדן אף דער טעריטאָריע פון דער געגנט די נאטירלעכע סטאציעס (באוווין־ערטער) פון די היגע ווילדע באלעכאים. אין די וועלדער מיט זייער אומגעהייערער צאָל שפּײַזן, ווי בלעטער, פרוכטן, יאגעדעס, עסבארע וואָרצלען אדג., האלטן זיך אוף פיל גראָזעסנדיקע באלעכאים — מילך־זויגערס. באגלײַך מיט די גראָז־עסנדיקע זײַנען פאראן אויך רויב־כײַעס, וואָס געפינען פאר זיך גענוג רויב און וואָס זײַנען פון אנדערע ערטער שוין לאנג ארויסגעשטויסן און פארטריבן געוואָרן.

דעריבער טאקע קאָן מען טרעפן אין דער היגער טײַגע קימאט אלע ווילדע באלעכאים־אײַנוווינער פון אונדזער גרויס לאנד. פונקט ווי די פלאָרע, אזוי איז אויך די היגע פאונע פאָרגעשטעלט סײַ דורך צאָפנדיקע פאלעארקטישע, אזוי אויך דורך דאָרעמדיקע סובטראָפּישע פאָרשטייער. באגלײַך מיט די צאָפן־כײַעס, ווי, אשטייגער, דער ברוינער בער און דער סויבל, לעבן דאָ אויך אזוינע כאראקטעריסטישע פאָרשטייער פון דאָרעם, ווי די פאנטערע (לעמפּערט) און דער אוסורײַער טיגער.

לויטן אויסדרוק פונעם באוווסטן אקאדעמיקער מידענדאָרף, וואָס האָט א לאנגע צײַט געפאָרשט דעם דאָזיקן קאנט, שטעלט פאָר מיט זיך דער ווײַטער מיזרעך ביכלאל אן אויסערגעוויינלעך־אינטערעסאנטן „ערד־פּאס, ווו עס שטויסן זיך גאָר נאָענט צונויף באלעכאים פון צוויי פארשיידענע וועלטן, — טיפּיש־סיבירער און כאראקטעריסטיש־

בענגאלישע, — ווי, אשטייגער, דער סויבל און דער טיגער, ווו די דאָזיקע טיפּיש־דאָרעמדיקע קאַץ שלאָגט אָפּ באַם לוקס (ריס) זײַן רויב, ווו זייער ביידנס רויבער־קאָנקורענט, דער פּילפּרעסער (ראָסאָמאַכאַ) מאַכט צורעכט אַף איינעם און דעם זעלבן וואַלד־פּלאַץ סײַ דעם ווילדן כאַזער, סײַ דעם איילן־הירש (לאָס, סאָכאַטי) און סײַ די ווילדע ציג".

קליינע טײַגע־באַוווינער

אין דער טײַגע פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט זײַנען פאַראַן פאָרשטייער פון קימאַט אַלע אָפּטיילן און מישפּאָכעס פונעם קלאַס מילך־זויגער. עס דאָמינירן דאָ רויב־כײַעס, דערנאָך גייען נאָגערס און ווידערקײַער (מאַלעגיירעדיקע). גאָר אין אַ קליינער צאָל באַגעגענען זיך אינזעקטן־פרעסנדיקע און האַנט־פליגלדיקע.

דער אָפּטייל אינזעקטן־פרעסנדיקע איז אין דער געגנט פאָרגעשטעלט דורך זײַנע 3 הויפּט־מישפּאָכעס: שטעכלערס, מוילוואָרפן און שפּיץ־מײַז.

דעם אַמוראַר שטעכלער טרעפט מען אינעם גאַנצן וואַלדיקן טייל פון דער געגנט. ווינטער פאַלט ער אַרײַן אין אַ שלאָף, ווו־ניט־איז אין אַ גרוב, וואָס איז פאַרוואַלגערט מיט טרוקענע בלעטער. דער שטעכלער איז אַן אַלץ־עסנדיקער באַלעכײַ. ער שפּײַזט זיך מיט קליינע רוקנביינדיקע באַלעכאַיִם, ווי פרעש, שלאַנגען, יאַשטשערקעס און פייגל, באַזונדערס אָבער — מיט מײַזאַרטיקע נאָגערס און אינזעקטן.

פון די מוילוואָרפן איז דאָ פאַרשפּרייט — איבערהויפּט אינעם דאָרעמדיקן טייל פון דער געגנט — דער ברוין־גרוילעכער אוסוריִער מוילוואָרף אָדער די מאָגערא. דער אוסוריִער מוילוואָרף באַזעצט זיך דעריקער אין געדיכטע בלעטערדיקע וועלדער באַ די ברעגן פון די טײַכן און טײַכלעך, ווו ער גראָבט אויס טיפע און לאַנגע גאַלערייען. ער שפּײַזט זיך דעריקער מיט אינזעקטן, טיילווײַז אויך מיט מײַזאַרטיקע נאָגערס.

די שפּיץ־מײַז זײַנען פאָרגעשטעלט דורכן ווײַסציינדל, — אַ קליין כײַעלע, ענלעך צו אַ מײַזל, וואָס געפינט זיך אין דער גאַנצער בײַאַמורער נידעריש, טרעפט זיך אַף די פעלדער, לאָנקעס, זומפּן און אין די וועלדער. דאָס ווײַסציינדל לעבט אויך אין די נאָרעס און שפּײַזט זיך אויסשליסלעך מיט אינזעקטן, רויפּלעך און פאַרשיידענע ווערעם. די דאָזיקע אינזעקטן־פרעסנדיקע זײַנען אין די היגע באַדינגונגען גאַנץ נוצלעכע באַלעכאַיִם. אַדאַנק זייער שפּײַזן זיך, ברענגען זיי אום פיל שעדיקער פון אונדזער לאַנדווירטשאַפט און העלפן מיט צו פאַרקלענערן די צאָל מײַזאַרטיקע נאָגערס.

באַזונדערס נוצלעך איז דער אוסוריִער מוילוואָרף מיט זײַן שיין סאַמעטן פעלכל.

האַגאַם אַ ריי געלערנטע ווי מאַאַק, שרענק, ראַדע אאַ. ווײַזן אָן אַף אייניקע אַרטן פונעם אָפּטייל האַנטפליגלדיקע, וואָס זיי האָבן געטראָפן אַף דער טעריטאָריע, ווו עס געפינט זיך אַצינד די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט, איז דאָ ביז הײַנט באַוווּסט בלויז די כינעזישע פלעדערמויז, וואָס איז לויט איר אַרט שפּײַזן זיך אויך אַ נוצלעכער באַלעכײַ.

שטאַרק פאַרשפּרייט איז דאָ דער אָפּטייל נאָגערס, נאָך די רויב־כײַעס האָט דער דאָזיקער אָפּטייל די גרעסטע צאָל פאָרשטייער. עס זײַנען פאָרגעשטעלט די מישפּאָכעס האָזן, פײַף־מײַזלעך, וועווריקאַרטיקע און מײַזאַרטיקע.

האָזן טרעפן זיך דאָ אין דרײַ אַרטן: דער ווײַסהאָז מיט זײַן צאַרט און וואַרעם פעלכל איז פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער געגנט, באַזונדערס באַ די טײַכן; דער מאַנדזשורישער האָז — בלויז אין דאָרעמדיקן טייל פון דער געגנט, און זייער זעלטן — דער שוואַרצער האָז.

אַ גרויסע באַדײַטונג אין דער געגנט פאַר די יעגער האָט דער ווײַסהאָז, וועלכן מע פאַנגט אין די טויזנטער, באַזונדערס אין שפּעטן האַרבסט און אָנהייב ווינטער, איידער עס פאַלט אויס אַ שניי. פאַרמאָגנדיק די אינטערעסאַנטע ביִאָלאָגישע אייגנשאַפט פולשטענדיק צו בײַטן זײַן טונקעלע זומערדיקע באַפאַרבונג אַף אַ קרישטאָל־ווײַסער ווינטערדיקער באַפאַרבונג, באַדעקט ער זיך מיט ווײַסער וואָל אַ צײַט נאָך פאַר דעם, איידער עס פאַלט אויס דער ערשטער שניי, און אין אָט דער צײַט איז אים זייער לײַכט צו באַמערקן אַפן טונקעלן פאָן פונעם אַרום.

אַף די באַרג־אָפּצווײַגונגען פונעם קליין־כינגאַן האַלט זיך אויף דאָס געוויינלעכע פײַף־מײַזל, וואָס דינט אַלס גוטער שפּײַז־רעזערוו פאַר פיל ווערטפולע געווערב־כײַעס.

אין ראַיאָן פון פּאַשקאָוואָ און אינעם דאָרעמדיקן טייל פון אונדזער געגנט געפינט זיך די וועווערסמאַן־זיסלמויז, וואָס פאַרמאָגט אַ ווערטפול פעלכל.

אין די נאָדל־וועלדער פון דער געגנט איז פאַרשפּרייט דער ווײַטמיזרעכדיקער פליהאָרן אָדער פליוועווריק, וואָס האָט אַ שיין אַש־גרוי פעלכל. דער פלי־וועווריק איז אויסשליסלעך אַ וואַלד־באַלעכײַ, וואָס לעבט אַף דיביימער. אַדאַנק די שאַרפע נעגל אַף די פיס, פאַרקלײַבט ער זיך גאַנץ שנעל איבערן שטאַם צום שפּיץ פונעם העכסטן בוים. דאָס דאָזיקע כײַעלע שפּרינגט אויך פלינק איבער פון איין בוים־שפּיץ אַפן צווייטן אַף אַ שטרעקע פון 20—25 מעטער, פלאַנירנדיק, ווי אַ פליִענדיקער פויגל, מיט זײַנע אָנגעצויגענע הויט־פאַלדן. אַ גאַנצן טאָג ליגט דער פלי־וועווריק אין זײַן נעסט, וואָס ער מאַכט זיך אין אַ בוים־אויסהוילונג. נאָך שפּײַז לאָזט ער זיך אַרויס מערסטנטייל באַנאַכט. ווינטער, אין די גרויסע קעלטן, שלאָפט ער אין זײַן נעסט. דאָס צאַרטע פעלכל פונעם פלי־וועווריק קאָן אימיטירט ווערן אין טײַערן שינשיל־פוטער[1].

אין אַ גרעסערער מאָס איז פאַראַן אין די נאָדלדיקע און געמישטע וועלדער דער געוויינלעכער אָדער מאַנדזשורישער וועווריק, וואָס איז דער הויפּט־אָביעקט פון געיעג אין געגנט. אַמערסטן איז ער קאָנצענטרירט באַ די אויבערפלוסן פון די טײַכן סוטאַרע, בידזשאַן, קאַמענושקאַ, קולדור, טיימען אאַ. דער מאַנדזשורישער וועווריק איז זייער פרוכטבאַר.

---

[1] שינשיל — אַ ווערטפול נאָגער־כײַעלע, וואָס איז פאַרשפּרייט אין אַרגענטינע.

ער געבוירט 2 מאָל אין יאָר — פרילינג און זומער — צו 12—15 קינדער אין איין מאָל.

די צאָל וועוועריקעס איז ניט קיין באשטענדיקע צוליב די פעריִאָדישע איבערוואנדערונגען פון אָט דעם באלכײַ, וואָס איז פארבונדן מיט דער וואקלונג פון זײַן נער־באזע — מיט דער גערעטעניש אָדער אומגערעטעניש פון זײַנע שפּײַז־רעזערוון. באזונדערס הענגט אָפּ זײַן סכומיקײַט פון דער געראָטנקײַט פון די פרוכטן בא אזוינע בוים־געוויקסן, ווי צעדערבוים, טענענבוים, רויטבוים אא.

אין די וועלדער פון דער געגנט, בא די טײַכן, איז אין א גרויסער צאָל פארשפרייט דער ערד־וועוריק. דאָס איז א שיין־געפלעקט כײַעלע, א פלינקס, א פריילעכס, וואָס פארווײַלט מיט זײַנע קאָמישע פּאָקוסן די טײַגע־באוווינער. אמערסטן אופגעלעבט זײַנען די ערד־וועוועריקעס פרילינג, אינעם צונויפּפּאָרונג־פּעריִאָד. זיי יאָגן זיך דעמלט גאנצע טעג אָן אופהער איינע נאָך די אנדערע, גיבן ארויס פארשיידענע קלאנגען, פײַפן, לויפן גיך־גיך איבער די שטאמען אף די בוים־שפּיצן און צוריק, שפּרינגען שנעל פון צווײַגל אף צווײַגל, לאָזן זיך אין גאלאָפּ צום וואסער, וואשן זיך קונציק אאוו. דער ערד־וועוועריק שרעקט זיך אינגאנצן ניט פאר קיין מענטשן. ער שפּרינגט קימאט אליין אין די הענט ארײַן.

אינטערעסאנט איז די פעיִקײַט פונעם ערד־וועוועריק „פּאָרויסצוזאָגן" דעם וועטער: איר קאָנט אים טיילמאָל טרעפן אין א העלן זוניקן טאָג זיצן ערגעץ אף אן אומגעוואלגערטן בוים און ארויסגעבן קלאנגען, אינגאנצן ניט ענלעכע צו זײַן געוויינלעכן פײַף — דאָס „זאָגט" ער אײַך אָן, אז עס וועט אינגיכן זײַן א רעגן. און איר מעגט זײַן זיכער — ער וועט אײַך ניט אָפּנארן.

דער ערד־וועוועריק לעבט אין נאָרעס אָדער אין בוים־אויסהוילונגען. ווינטער — פון סאָף סענטיאבער ביז סאָף מארט — פאלט ער ארײַן אין א ווינטערשלאָף, פון וועלכן ער כאפּט זיך טיילמאָל אוף, קרעפּטיקט זיך אונטער מיט די פארגרייטע שפּײַזרעזערוון און ווערט ווײַטער אנשלאָפן.

דער דאָזיקער נאָגער איז זייער שעדלעך, אזוי אז אומברענגענדיק אים, האָבן מיר א צווייענדיקע נוץ: מיר באקומען ווערטפולן רויכווארג און באפרײַען זיך איינצײַטיק פון א שעדיקער.

ברייט זײַנען דאָ פאָרגעשטעלט די מײַזארטיקע, — אָנהייבנדיק פונעם צווערן־מײַזל, דעם סאמע קלענסטן פאָרשטייער פונעם אָפּטייל נאָגערס, און פארענדיקנדיק מיטן קאראקאָ־שטשור, — דעם גרעסטן פאָרשטייער פון די מײַזארטיקע, וואָס האָט צוליב זײַן פעלכל א געוויסע געווערבישע באדײַטונג.

דאָ געפינט זיך אויך דאָס דאוריער האמסטערל (כאָמיאק), פארשיידענע פעלד־מײַז און וואלד־מײַז, וואָס ברענגען, פון איין זײַט, פיל שאָדן און וואָס דינען, פון דער צווייטער זײַט, אלס גוטער שפּײַזרעזערוו פאר א טייל נוצלעכע רויב־כײַעס.

גרויזאמע הערשער פון דער טײַגע

מער פון אלע זײַנען פארשפרייט אין דער געגנט רויב־כײַעס. זיי זײַנען עס ווירקלעך די הערשער פון דער טײַגע אין דער באלעכאַים־וועלט. דער דאָזיקער אָפּטייל איז דאָ פאָרגעשטעלט דורך די וויכטיקסטע מישפּאָכעס זײַנע.

פון דער מישפּאָכע קעץ האלטן זיך אוף דער לוקס, דער טיגער און — זעלטן — אויך די פּאנטערע אָדער דער לעמפּערט.

דער לוקס איז דאָ פאָרגעשטעלט אין 2 ראַסעס — אין נאטירלעכן און געפלעקטן. דער לוקס, די גרויס פון א הונט, איז א שטארקער רויבער, פאר וועלכן עס ציטערן די הירשן, ווילד־ציגן און אנדערע באלעכאַים. ער פאלט אָן ניט זעלטן אויך אף היימישע אויפעס און פי. עס טרעפט אויך פאלן, עמעס, גאנץ זעלטן, ווען ער פאלט אָן אויך אף מענטשן. דער לוקס לעבט אין גאנצן וואלד־געביט פון דער געגנט, באזונדערס בא די איבערפלוסן פון די טײַכן בידזשאן, סוטארע, טיימען, קולדור און קאמענושקא. פרילינג־צײַט, אין אפּרעל כוידעש, בייסן פארמערן זיך, הערט מען אָפּט אין יענע ערטער א ווילדן קעצישן מיאוקען, — דאָס שרײַען עס אזוי די לוקסן.

די פעל פונעם לוקס האָט א היפּשע ווערט.

אינעם דאָרעם־מײַרעוודיקן טייל פון דער געגנט, באזונדערס בא די אויספלוסן פון די טײַכן סוטארע און בידזשאן, האלט זיך אוף דער טיפּישער פאָרשטייער פון דער דאָרעמדיקער פאונע — דער אוסוריִער אָדער אמורער טיגער, וואָס שטייט ניט אָפּ לויט דער גרייס און שטארקײַט פון זײַן טראָפּישן מיטברודער אין די בענגאלישע דזשונגלעס. ער פארמאָגט א שיינע ווערטפולע פעל מיט לאנגן געדיכטן וואָל, וואָס דינט אים אלס צופּאסונג צו דעם הארבן קלימאט.

דער אוסוריִער טיגער איז דער גרעסטער רויבער, וועלכער ווארפט אָן א שרעק אף אלע באלעכאַים אין דער טײַגע. ער שפּײַזט זיך מיט איידל־הירשן, ווילדע כאזיירים אא. אויך מיטן בער לעבט ער ניט אין גאָר גרויסער פרײַנטשאפט. יעגערס האָבן ניט איין מאָל שוין געפונען שפּורן פון געשלעגן צווישן דעם טיגער און דעם בער. דער אוסוריער טיגער איז דאָ ניט קיין צופעליק פארבלאָנדזשעטער גאסט, נאָר א שטענדיקער אײַנגעוואָרצלטער טײַגע־בירגער. דאָ לעבט ער, דאָ פארמערט ער זיך, דאָ געבוירט ער זײַנע קינדער און האָדעוועט זיי אויס.

דער „ליבע"־פּעריִאָד פונעם טיגער איז אין יאנוואר כוידעש. נאָך איין „זי" גייען דעמלט נאָך עטלעכע „ערן", צווישן וועלכע עס קומען פאָר אָפּטע געשלעגן פאר באשיצן די „זי". די קינדער געבוירט די טיגערן אין מײַ כוידעש. אמאָל זײַנען אף דער טעריטאָריע פון דער געגנט געווען גאָר א סאך טיגערס, באזונדערס אפן קליין־כינגאנער בארג־רוקן — וועגן דעם שרײַבן רײַזנדער און געלערנטע, וועגן דעם דערציילן אלטע יעגערס. די טיגערס פלעגן אָפּט צוקומען צו די יעגער־שטיבלעך אין טײַגע, פלעגן אפילע מאכן אמאָל א שפּאציר־גאנג איבער די יִשוּווים און אָפּטאָן פארשיידענע שפּיצלעך: ארײַנכאפּן זיך אין אן אָפענער שטאל, ארויסשלעפּן פון דאָרט א פערד, א קו, א הונט און טיילמאָל אפילע א שלאָפנדיקן מענטשן. עס זײַנען געווען אזעלכע יִשוּווים, וועלכע זיי פלעגן באזוכן נאכט נאָך נאכט, אזוי אז מע פלעגט

מוירע האָבן ארויסצוגיין פון שטוב, — ניט אומזיסט האָבן אַמאָל די גאָלדן פארגעטערט דעם טיגער, געפאלן אַף די קני אַפילע פאר די שפּורן זײַנע.

ביכלאל אָבער פאלט דער טיגער ניט אָן אַף קיין מענטשן. נאָך מער: ווען ער איז זאט, אנטלויפט ער אַפילע פון מענטשן.

בא הײַנטיקן טאָג ווערט דער טיגער אַף דער טעריטאָריע פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אלץ ווייניקער און ווייניקער. אזוי, אשטייגער, זײַנען נאָך מיט אייניקע צענדליק יאָר צוריק געווען אַף דער טעריטאָריע פונעם לענינסקער ראיאָן, הינטערן דאָרף אוספּענסקי, א סאך טיגערס. דאָ איז דעמלט געווען געדיכטער וואלד, אין וועלכן עס האָבן זיך אופגעהאלטן פיל ווילדע כאזיירים. אהער פלעגן קומען די טיגערס אין א גרויסער צאָל צוגאסט. מיטן אויסהאקן דעם וואלד זײַנען פארטריבן געוואָרן די ווילדע כאזיירים פון דאָרט און צוזאמען מיט דעם זײַנען אויך פארשוווּנדן די טיגערס. איינצלנע טרעפט מען נאָך ביז הײַנטיקן טאָג.

א גאָר היימישער אין די טײַגע־וועלדער איז דער ברוינער בער, דער סאמע גרעסטער אין דער בערן־מישפּאָכע, וועמענס שפּורן איר טרעפט דאָ איבעראל, באזונדערס אין די וועלדער, בא די איבערפלוסן פון די טײַכן קאמענושקא, קולדור, בידזשאן און פּאָמפּייעווקא. מע טרעפט דאָ אויך דעם שווארצן אָדער טיבעטישן בער, דעם סאמע קלענסטן פון די בערן, אָבער אין א גאָר קליינער און באגרענעצטער צאָל.

די דאָזיקע כײַע, וואָס קריכט זיך אזוי בערישרויִק און פּאמעלעך אַף אירע לאַפּעס־קישעלעך, איז דער איינציקער אנערקענטער „הערשער" אין דער טײַגע, — זײַן אומגעהײַערע קראפט און פלינקײַט פון די באוועגונגען, ניט געקוקט אַף דער אויסערלעכער ניט־רירעוודיקײַט, זײַן שארפער געהער און אויסערגעוויינלעכע פילבארקײַט גיבן אים די רעכט דערויף.

זייער אינטערעסאנט איז דאָס לעבן פונעם בער. זײַן שפּײַז איז ניט קיין באשטענדיקע. זי בײַט זיך אָפּהענגיק פון די יאָר־סעזאָנען: פרילינג דערנערט זיך דער בער מיט מורעשקעס און זייערע אייעלעך, טיילווײַז אויך מיט איבערגעווינטערטע יאַגעדעס און, בא א געהעריקן פאל, א הונגעריקער און בייזער, זאָגט ער זיך אויך ניט אָפּ א נאַש צו טאָן א שטיק פלייש פון א ווילד־ציג אָדער הירש. זומער, ווידער, האלט ער זיך בא די טײַכטאָלן, וווּ ער געפינט גענוג שפּײַז, ווי, אשטייגער, פּרוכטן, וואָרצלען, פארשיידענע יאַגעדעס, ווײַנטרויבן, ניס, אינזעקטן און האָניק, וועלכן ער האָט פּונקט ווי זײַן מיטברודער אין אייראָפּע, שטארק ליב.

דעם האָניק באקומט ער ארויס פון די בוים־אויסהוילונגען, אין וועלכע עס האלטן זיך אוף ווילדע בינען. אזוינע צעשטערטע דורכן בער נאַטירלעכע בינשטאָקן טרעפט מען פיל אין די וועלדער פון דער געגנט. טיילמאָל קומט ער אויך „צוגאסט" אין די קאָלווירטישע בינענציכטלערײַען. אָבער דאָ גיט מען זיך מיט אים אן אייצע אַף א גאנץ אָריגינעלן אויפן: מע שטעלט אוועק לעבן די בינשטאָקן א מולטער מיט ספּירט, צו וועלכן מע מישט צו א ביסל האָניק. קומענדיק אַף דער בינען־ווירטשאפט, לאָזט זיך דער בער גלײַך צום מולטער, כאפּט זיך צו צום „נאשווארג", טרינקט אויס אלץ, וואָס דאָרט געפינט זיך, און, איידער ער באווײַזט נאָך צו צעשטערן א בינשטאָק, וואלגערט ער זיך אוועק א פארשיקערטער און ווערט אנשלאָפן, דעמלט טויט מען אים אָדער מע פאנגט אים א לעבעדיקן.

צו הארבסט־צו לייגט זיך אָפּ אינעם קערפּער פונעם בער א דיקער שיכט פעטס, פול מיט וויטאמין־שטאָף, וואָס עס איז פארבונדן מיטן ווינטער־שלאָף בא אים. דאָס קומט פאָר מערסטנטייל ביז עס פאלט אויס דער ערשטער שטענדיקער שניי.

פארן ארײַנגיין אין דער בערלאָגע אפן לאנגן ווינטער עסט זיך דער בער גוט אָן מיט אזעלכע ספּעציִעלע גראָזן, פון וועלכע עס ווערט אים פארשטאָפּט דער מאָגן, און אזוי ליגט ער א דרעמלענדיקער א גאנצן ווינטער — פון סענטיאבער ביז מארט כוידעש.

אין פרילינג, ווי נאָר ער קריכט ארויס פון זײַן ווינטער־בערלאָגע, זוכט ער באלד ווידער אוף אזוינע גראָזן, וואָס רייניקן אים אָפּ דעם מאָגן און ער הייבט אָן זיך צו שפּײַזן נאָרמאל.

בא א טייל מענטשן האָט זיך געשאפן א פאלשע מיינונג, אז א גאנצן ווינטער לעבט דער בער פון דעם, וואָס ער „זויגט דעם נאָפּל" אָדער „נאַגט די לאַפּע". דאָס איז אינגאנצן ניט ריכטיק. סע שטאמט פון דעם, וואָס טיילמאָל שוויצט פונעם אָטעמען דער אָדער יענער טייל פונעם קערפּער באם בער, ווי אויך פון דעם, וואָס אין פעווראל כוידעש שיילט זיך און קריכט אראָפּ בא אים די הויט פונעם זויל. דער בער לעבט א גאנצן ווינטער פון די פעטס־רעזערוון, וואָס האָבן זיך אין אים אָפּגעלייגט אין הארבסט און וואָס ווערן בײַסן ווינטער־שלאָף איבערגעארבעט בא אים אין אָרגאניזם.

דאָס צונויפפאָרן זיך פון די בערן, די אזויגערופענע „בערישע כאסענעס", קומען פאָר אין פרילינג, אין מײַ כוידעש. דעמלט קאָן מען טויב ווערן אין טײַגע פונעם בערישן געבריל.

פון דעם בער נוצט מען די פעל, דאָס פעטס.

דעם בער פאנגט מען אין פארשיידענע צײַטן: מע פאקט אים ווינטער, ווען ער דרעמלט אין זײַן בערלאָגע, מע שיסט אים אין הארבסט אין די יאַגעדעס־קוסטן, ווען ער איז שטארק פארנומען מיט נאשן זײַן באליבטסטע שפּײַז. מע באנוצט זיך אויך אין געיעג אפן בער מיט אויסגעדרעסירטע ביל־הינט, וואָס פארפירן מיט אים א געשלעג. זײַענדיק פארכאפּט מיטן געפעכט, באמערקט ער ניט דאָס דערנעענטערן זיך פונעם יעגער, און יענער לייגט אים אוועק.

אלס קלאל מײַדט אויס דער בער דעם מענטשן. אין פיל פאלן, ווען דער יעגער טרעפט ניט אין בער, גייט דער לעצטער אוועק. בלויז דעמלט, ווען ער ווערט שטארק פארוווּנדעט, ווארפט ער זיך אפן מענטשן. אָבער אויך אין אזעלכע פאלן גיט זיך דער יעגער מיט אים אן אייצע. פאראן בא די

יעגערס א ווערטל, וואָס זיי האָבן עס ליב אָפּט צו דערמאָנען:

„א בער איז ניט קיין פּײַער. לאָז אים צו צו זיך וואָס נעענטער, ציל אין אים וואָס פּינקטלעכער, אײַל זיך ניט שטאַרק, אָבער גענעץ אויך ניט, — דעמלט האָסטו ניט פאַר דער כײַע וואָס מוירע צו האָבן״...

ווערטפולע רויב־כײַעלעך

ברייט איז אין דער געגנט פאַרגעשטעלט אויך די מישפּאָכע מאַרדערס. אהער געהערט דאָס דאַקסל (באַרסוק), דער פילפרעסער, דער קאָלאָנאַק, דער סויבל אאַ.

דאָס אַמורער דאַקסל איז א טונקל־גרוי כײַעלע מיט א פלאַך קערפּערל און קורצע קרעלן־פיסלעך. אַמערסטן איז עס פאַרשפּרייט אין דאָרעמדיקן און דאָרעם־מיזרעכדיקן טייל פון דער געגנט, דאָס איז א גאַנץ טשיקאַווע כײַעלע, וואָס לעבט אין נאָרעס, וועלכע ס׳גראָבט אליין אויס מיט א גאַנצן לאַבירינט פון אָפּצווײַגונגען און אַרויסגאַנג־עפענונגען. א גאַנצן טאָג ליגט עס פאַרגראָבן אין דער נאָרע און ערשט באַנאַכט — טיילמאָל אויך באַגיינען — לאָזט זיך עס אַרויס זוכן שפּײַז. עסן עסט דאָס דאַקסל אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך: פּרוכטן, יאַגעדעס, זוימען, שוואָמען, ווערעם, אינזעקטן, פרעש אאַוו. צו הארבסט־צו ווערט עס אזוי פעט, פויל און אומבאַוועגלעך, אז מע קאָן עס דאַן לײַכט פאַקן.

ביכלאַל איז דאָס דאַקסל א גאַנץ רויִק כײַעלע, נאָר ווען מע וויל דאָס כאַפּן מיט די בלויזע הענט, איז מען ניט זיכער מיטן לעבן. אָט דאָ ווײַזט זיך אַרויס די רויבגיריקײַט און בלוט־דורשטיקײַט אינעם דאָזיקן כײַעלע. עס צעבײַסט אזוי מיט די שאַרפע ציין און צעדראַפּעט מיט די גרויסע קרעלן, אז מע איז גערן צו באַפרײַען זיך פון דעם.

ווינטער פאַלט דאָס דאַקסל אַרײַן אין א ווינטער־שלאָף, וואָס הייבט זיך בא דעם אָן, געוויינלעך, פיל שפּעטער און ענדיקט זיך אויך פריִער, ווי בא דעם בער.

מע פאַנגט דאָס דאַקסל צוליב זײַן פעלכל, ווי אויך צוליב זײַן פלייש און פעטס, וואָס דינט, ווי מע מיינט, אלס הייל־מיטל קעגן רעוומאַטיזם.

עטוואָס גרעסער פונעם אַמורער דאַקסל איז דער פילפרעסער, — א טיפּישער פאַרשטייער פון דער צאָפן־פאַונע, — וועלכן מע טרעפט בא די איבערפלוסן פון די טײַכן קולדור און כינגאַן.

דער פילפרעסער איז א געפערלעכער רויבער. ער איז אזוי דרייסט, אז ער קומט אָפּט צו צו די יעגער־הײַזלעך אין טײַגע, גייט אהינצו אַרײַן, ווען קיינער איז ניטאָ, און באַלעבאַטעוועט דאָרט פרײַ — מאַכט „אָרדענונג״. דערפאַר רעכענען זיך שטאַרק אָפּ די יעגערס מיט אים. אַן אינטערעסאַנטע ביִאָלאָגישע אייגנשאַפט פונעם פילפרעסער זײַנען די אָפטע ווײַט־שטרעקעדיקע איבערגאַנגען, וואָס ער מאַכט דורך הין און צוריק אף איינעם און דעם זעלבן וועג.

דער פילפרעסער פאַרמאָגט א גאַנץ ווערטפול פעלכל מיט געדיכטן לאַנגן טונקל־ברוינעם וואָל.

א שיין ווערטפול רויכוואַרג־כײַעלע איז דער פײַער־רויטער קאָלאָנאַק, וועלכן מע טרעפט דאָ קימאַט אומעטום, באַזונדערס אין די געדיכטע וועלדער בא די ברעגן פון די טײַכן און קוואַלן. זײַן ווייך־פּוכיק פעלכל ווערט זייער הויך געשאַצט. מע נוצט עס אויס, געוויינלעך, געפאַרבטערהייט אף אימיטירן בעסערן און מער טײַערן רויכוואַרג. פון זײַן עק מאַכט מען די בעסטע אַזוי־גערופענע קאָלאָנאַקישע בערשטלעך פאַר אַקוואַרעל־פאַרבן. דער קאָלאָנאַק האָט אויך א גרויסע באַדײַטונג מיט דעם, וואָס ער העלפט אויסצוראָטן די שעדיקער־נאָגערס. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז א מאַסעווער אומברענג פונעם קאָלאָנאַק רופט אַרויס אַן אויסערגעוויינלעך־גרויסע און גיכע פאַרמערונג פון די מײַזאַרטיקע נאָגערס.

אין דער טײַגע טרעפט מען אויך דעם הארמל (גאָרנאָסטײַ) — אין די ראַיאָנען פון פּאָשקאָוואָ, ראַדע און ביראַקאַן; דאָס קליינע וויזעלע — אומעטום, באַזונדערס בא די טײַך־ברעגן; דעם סאָלאָנגאָי — אין די ראַיאָנען פון ראַדע און פּאָמפּייעווקאַ; דעם בונט־פאַרביקן כאָרזל — אין די נאָדל־וועלדער בא די איבערפלוסן פון די טײַכן סוטאַרע, טיימען, בידזשאַן אאַ.

דער כאָרזל, אָדער ווײַטמיזרעכדיקער מאַרדער, איז א געפערלעכער רויבער פון פיל ווערטפולע רויכוואַרג־כײַעס און ברענגט דעריבער גרויס שאָדן דער יאַגד־ווירטשאַפט.

די פישפולע טײַכן פון דער געגנט, — באַזונדערס בידזשאַן, בירא און כינגאַן, וואָס פליסן אף גרויסע שטרעקעס צווישן דרעמלענדיקע טײַגע־וועלדער, — דינען אלס פולשטענדיק גינסטיקער אופהאַלט־פּלאַץ פאַרן טײַך־נאָטער. דאָס דאָזיקע אייגנאַרטיקע לענגלעכע כײַעלע מיטן שטאַרק געדיכטן טונקעלן פוכצודעק אפן קערפּער און קורצע פיסלעך מיט שווים־הײַטלעך צווישן די פינגער איז אף דער טעריטאָריע פון דער געגנט דער איינציקער פאַרשטייער פונעם אָפּטייל רויב־כײַעס, וואָס פירט א האַלב־וואַסערדיק אַרט לעבן. קימאַט די גאַנצע צײַט פאַרברענגט דער טײַך־נאָטער אין וואַסער. ער לעבט אין נאָרעס, וואָס ער מאַכט בא די טײַך־ברעגן, און שפּײַזט זיך מיט פיש און וואַסער־געוויקסן. פאַרטײַענדיק זיך, כאַפּט ער אויך אַמאָל אַרויס פון אונטערן וואַסער א שווימענדיק ענטל אָדער א גאַנדז. ער איז דער גרעסטער פײַנט פון די קרעפסן. ער ווייסט גוט, ווו זיי האַלטן זיך אויף. אונטערטוקנדיק זיך אין וואַסער, באַקומט ער זיי אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, בײַסט אָפּ בא זיי די פיסלעך, קעדיי זיי זאָלן זיך ניט פאַנאַנדערקריכן, און וואַרפט זיי אָן אין א קופּע אפן ברעג, ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט שוין אָנגעכאַפּט גענוג קרעפסן, קריכט ער אַרויס פון וואַסער און זעצט זיך גאַנץ געמיטלעך אוועק פּראַווען די סודע — אויסצוזויגן קונציק דעם אינגעווייד פון די קרעפסן.

אופהאַלטנדיק זיך מערסטנטייל אין שטילע ערטער, ווו קיין מענטשן זײַנען געוויינלעך ניטאָ,

איז דער טײַך־נאָטער גאַנץ דרייסט, כאָטש ער איז שטאַרק פאַרזיכטיק.

דער טײַך־נאָטער פאַרמאָגט אַ גאַנץ גוטע פעל. מע פאַנגט אים אין ספּעציעלע פאַנג־שטײַגן, וואָס מע שטעלט אַוועק בײַ די טײַך־ברעגן.

איינעם פון די טײַערסטע רויכוואַרג־מאַטעריאַלן גיט אונדז דער סויבל, וואָס געהערט אויך צו דער דאַזיקער מאַרדער־מישפּאָכע. אַמאָל איז דער סויבל געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין פיל ערטער פון אייראָפּע און אַזיע. איצט האָט ער זיך פאַרהיט בלויז אין פּססר. איבער דער רויבערישער עקספּלואַטאַציע אין די אַמאָליקע יאָרן געפינט ער זיך בײַ הײַנטיקן טאָג אויך אין אונדזער געגנט אין אַ גאַנץ באַגרענעצטער צאָל. באַזונדערס טרעפט מען אים אין די נאָדל־וועלדער הארט באַם טײַך בידזשאַן. זײַן נעסט בויט ער אין אַ בוים־אויסהוילונג מיט אַן אַרויסגאַנג־עפענונג אונטער דער ערד.

דער סויבל איז אַן אויסשליסלעך ווערטפול כײַעלע, די גרייס פון אַ שטוביק קעצל, מיט אַ דין אויסגעצויגן עלאַסטיש קערפּערל, וואָס קאָן זיך פרײַ דורכשטופּן דורך די שמאָלסטע שפּאַרונעס. דאָס דאַזיקע באַוועגלעכע כײַעלע מיט די שוואַרצע אויגן און לאַנגע אָנגעשפּיצטע אויערן פאַרמאָגט אַ וואַרעם פּרעכטיק־שיין זײַדן פעלכל פון טונקל־ברוינעם אָדער שוואַרצן קאָליר, אָפּהענגיק פונעם יאָר־סעזאָן און פון דער אָרט־לאַגע.

דער סויבל איז אַ בלוטדורשטיק כײַעלע, אַ רויבער. ער שפּײַזט זיך מיט פייגל און קליינע נאַגערס. ער פאַרפאָלגט אַפילו דעם האָז: טשאַטעוועט אים אָפּ ערגעץ אַף אַ וואַלד־שטעגל, וואַרפט זיך אַרוף אַף אים מיט אַ הויכן שפּרונג, בײַסט זיך אײַן אין אים מיט די ציין און, איבערהרײַזענדיק דעם גאָרגל, הייבט ער אָן אים צו עסן.

דער סויבל פאַלט טיילמאָל אָן אַפילו אַפן מוסקוס־הירש. ער שפּרינגט פלינק אַרוף דעם הירש אַפן האַלדז, סטאַרענדיק זיך אײַנצובײַסן די האַלדז־אַרטעריע. יונגע הירשן קומען געוויינלעך באַלד אום דערפון, אַ דערוואַקסענער אָבער לאָזט זיך ניט אַזוי לײַכט נעמען: ער הייבט זיך אָן שטאַרק צו וואַרפן און טרייסלען, ביז ער שלײַדערט אים סאָפּקאָלסאָף אַראָפּ פון זיך.

דער באַוווּסטער רייזנדער וו. ק. אַרסעניעוו האָט בײַס זײַנע וואַנדערונגען איבער דער אוסורײַער טײַגע ניט איין מאָל זיך אָנגעשטויסן אַף אַזאַ פאַרביטערטן קאַמף צווישן דעם סויבל און מוסקוס־הירש.

באַזונדערס האָט אויסצושטיין פונעם סויבל דער וועווריק, נאָך וועלכן ער יאָגט זיך גאַנץ ווײַט און פאַרקריכט אַמאָל אַפילו אין זײַן נעסט. ער באַפאַלט אויך טיילמאָל דעם כאָרזל און דעם האַרמל, — שוין ניט אַזוי צוליב שפּײַזן זיך, ווי צוליב אײַנפאַכן יאַגד־אַזאַרט.

דער געיעג אַפן סויבל הייבט זיך אָן מיטן ערשטן שניי און דויערט קימאַט אַ גאַנצן ווינטער. דער הויפּט־סעזאָן איז אָבער דעמלט, ווען עס פאַלן אַרויס די גרויסע שנייען — אין יאַנוואַר כוידעש, דאַן הייבט זיך אָן דער „ליבע"־פּעריאָד באַם סויבל.

אין יענער צײַט, דערשמעקנדיק צופעליק אַ שפּור פון אַ צווייטן סויבל, לאָזט ער זיך באַלד לויפן נאָכן דאַזיקן שפּור — צו געפינען אַזויאַרום אַ „זי". אַזוי טוט אַ דריטער, אַ פערטער, אַ צענטער, ביז עס ווערט סאָפּקאָלסאָף שטאַרק אײַנגעטראָטן דאָס שטעגל, איבער וועלכן עס לויפן שוין אומבאַדינגט אַלע סויבלען.

אַף אַזעלכע שטעגעלעך שטעלט מען אַוועק ספּעציעלע פאַנגען, אין וועלכע זיי פאַקן זיך אַרײַן.

דער סויבל געוווינט זיך צו שנעל צום מענטשן און לאָזט זיך לײַכט פאַרהיימישן. ער פאַרמערט זיך אַפילו אין געפאַנגענשאַפט, וואָס עס איז גלענצנד דערוויזן געוואָרן אַדאַנק די אַרבעטן פונעם פּראָפ. פּ. י. מאַנטייפעל אין מאָסקווער זאָאָפּאַרק.

פּרוּוון צו פאַרהיימישן דעם סויבל זײַנען שוין געמאַכט געוואָרן פון גאַנץ לאַנג. אַזוי, אַשטייגער, דערציילט דער דײַטשישער געלערנטער סטעלען וועגן אַ היימישן סויבל אַפן ווײַטן מיזרעך, וואָס איז נאָכגעלאָפן נאָך זײַן באַלעבאָס און פלעגט אַפילו אַליין אַהיים קומען. דאָס זעלבע דערציילט אויך דער רוסישער געלערנטער אי. סלאָווצאָוו וועגן אַ סויבל, וועלכן ער האָט פאַרהיימישט.

אינטערעסאַנט איז, אַז אַ פאַרהיימישטער סויבל לעבט זיך גאַנץ גוט אײַן מיט אַזעלכע באַלעכאַיִם, וואָס אין נאַטירלעכע באַדינגונגען דינען זיי אים, געוויינלעך, אַלס רויב.

די טײַגע־קרויווים פונעם היימישן הונט

עס פעלט אויך ניט אויס אין דער געגנט די מישפּאָכע הינט, וועלכע איז דאָ פאָרגעשטעלט דורכן וואָלף, פוקס און שאָפּן־בער.

וועלף זײַנען דאָ פאַראַן צוויי סוב־אַרטן: דער געוויינלעכער גרויער וואָלף און דער רויטער וואָלף. דער ערשטער איז פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פון דער געגנט. דער צווייטער — אַמערסטן אין די געדיכטע וועלדער פונעם קליין־כינגאַנער באַרג־רוקן — אין ראַיאָן פון אָבלוטשיע. דער וואָלף איז דאָ ניט אַזאַ בייזער ווי דער אייראָפּעיִשער. די מײַסעס וועגן זײַן אָנפאַלן אַף מענטשן זײַנען שטאַרק איבערגעטריבן. אָבער די הירשן, זיי האָבן ווירקלעך פון אים ניט קיין רו. אָפּט הערט זיך באַנאַכט אין טײַגע אַ מוירעדיקער געבייל, דאָס לאָזן זיך אַוועק די וועלף אין געיעג נאָך הירשן און ווילד־ציגן, מיט וועלכע זיי שפּײַזן זיך איבערהויפּט. די טײַגע איז אַן אָפּטער איידעס פון טראַגישע סצענעס, וואָס קומען פאָר צווישן וואָלף און הירש. אַזעלכע סצענעס לאָזן דאָ איבער גאַנץ דײַטלעכע שפּורן, פון וועלכע מע קאָן זיך דערנאָך קלאָר פאָרשטעלן דעם גאַנג פון די געשעענישן אין דעם סיידער, ווי זיי זײַנען פאָרגעקומען.

אָט ציִען זיך, אַשטייגער, אין טײַגע אין אַ גראָדער ליניע טלאָקיקע שפּורן פון, ווי עס זעט אויס, שנעל־אײַלנדיקע הירשן־טריט. נאָכפאָלגנדיק די דאָזיקע שפּורן, קאָנט איר באַמערקן, ווי זיי ווערן

א גרוס דיר,
ביראָבידזשאַן!

די אַרבעטנדיקע פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט
מײַנע בעסטע ווינטשעווײַן אין צוזאַמענהאַנג מיטן
יובילײַ
מיך פֿרייען אײַערע גרויסע דערפֿאָלגן אין אײַער
[illegible] פֿון פֿאָלקסווירטשאַפֿט, קולטור, וויסנשאַפֿט,
ליטעראַטור און קונסט.
אין פֿילנאַציאָנאַלן ברידערלעכן פֿאַרבאַנד פֿון
פֿעלקער סאָוועטנפֿאַרבאַנד שפּילט די ייִדישע
אויטאָנאָמע געגנט [illegible]
צו [illegible] הויט. צו הויט, [illegible]
[illegible] מיט [illegible] נאַציאָנאַליטעטן, סאָוועטישער
[illegible] און [illegible] צום [illegible] ציל —
צום קאָמוניזם.

דעפּוטאַט פֿון אויבערסטן סאָוועט פֿון דער ווײַסרוסישער
ססר, פֿאָלקס-קינסטלער פֿון סססר, העלד
פֿון סאָציאַליסטישע מי, לאַורעאַט פֿון
מלוכה-פּרעמיעס פֿון סססר, ווירקלעכער
מיטגליד פֿון דער קונסט-אַקאַדעמיע פֿון
סססר

זאַיר אַזגור

פון צײַט צו צײַט איבערגעקרייצט אין א האלבקרײַז דורך טריט־שפורן פון א וועלפישער סטײַע. אָט רײַסן זיך איבער די לעצטע — די וואָלפנסטײַע האָט זיך, אפאָנעם, דאָ אָפגעשטעלט, ווי אף אויסצוארבעטן א פלאן פון ווײַטערדיקער פארפאָלגונג. פונדאנען גייען שוין די וועלפישע שפורן — איצט פון ריזיקע שפרינג־טריט — בא ביידע זײַטן פון די גראָדליניקע שפורן פון די הירשן־טריט. קאָנטיק, אז פון דעם דאָזיקן אָרט האָט די וועלפישע סטײַע, צעטיילנדיק זיך אף צווייען, א לאָז געטאָן זיך פאָרויס שוין מיט אנטשלאָסנקײַט, אומבאדינגט צו פאקן די הירשן. און אָט, — מערסטנטייל אפן דעק פון א טיפן טאָל, צווישן שטיינער, בערגלעך, — קאָנט איר טרעפן שפורן פונעם פינאל פון דער בלוטיקער דראמע — רויטע בלוט־פלעקן און אן ארומגעפליקטן, מיט הערנער־באפוצטן שארבן פונעם געפאלענעם הירש...

מע טרעפט אָפט אין טײַגע וועלפיש מיסט מיט רעשטלעך פון וואָל און ביינער פון א ווילד־ציג, — אויך א רעשט פון דעם וואָלפס א קאָרבן.

דער פארמערונג־פעריִאָד בא די וועלף הייבט זיך אָן אין יאנוואר כוידעש. די געבוירענע קינדער לייגט אָפ די וועלפיכע אין פארטיפערונגען צווישן שטיינער. די קינדער האלטן זיך בא דער מוטער ביזן צווייטן מאָל פארמערן זיך. ערשט אפן צווייטן יאָר ווערן די יונגע וועלפעלעך אינגאנצן זעלבשטענדיק.

יעגערס האָבן באמערקט, אז בייס א סרייפע אין טײַגע טראָגן די וועלף אריבער זייערע קינדער אין א מער זיכער אָרט. און אויב ס׳איז איינמאָל אפן דאָזיקן אָרט געווען א סרייפע, וועט איר שוין א לאנגע, לאנגע צײַט ניט באגעגענען דאָרט קיין איין וואָלף, אזוי ציטערן די וועלף פאר פײַער.

אויך פוקסן זײַנען אין דער היגער טײַגע פאראן צווייערליי — געלבלעכע און טונקל־ברוינע. זיי האלטן זיך אוף אינעם דאָרעם־מיזרעכדיקן טייל פון דער געגנט, באזונדערס אין די טאָלן פון די טײַכן בידזשאן, אוספענאָווקע, סוטארע און אנד. מע טרעפט זיי טיילווײַז אויך אינעם דאָרעמדיקן טייל פון סמידאָוויטשער און ביראָבידזשאנער ראיאָנען.

דער היגער פוקס צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס דער קאָפ בא אים איז א לענגלעכער, צונויפגעפרעסט בא די זײַטן. צוליב דעם טיילן אויס א טייל געלערנטע דעם ווײַטמיזרעכדיקן פוקס אין א באזונדער ארט — לאנגקעפיקע פוקסן.

דער פוקס לעבט אין נאָרעס, קיין אייגענע נאָרעס בויט ער אָבער ניט, מערסטנטייל באזעצט ער זיך אין א פרײַער נאָרע פונעם דאקסל.

מיט זײַן ווייכן האָר־צודעק און לאנגן פוכיקן עק איז דער פוקס א גאנץ נוצלעכער באלכײַ אלס צושטעלער פון שיינעם ווערטפולן רויכווארג. ער איז אויך אן אקטיווער אומברענגער פון די שעדיקער אין דער לאנדווירטשאפט.

בישכיינעס מיטן פוקס, מערסטנטייל בא געדיכטבאוואקסענע זומפן, טײַכן און אָזערעס, טרעפט מען אויך דעם שאָפנבער, וועלכער האָט צוליב זײַן שיינער, זייער ווערטפולער טונקל־גרויער פעל א גאָר גרויסע ווירטשאפטלעכע באדײַטונג — די דאָזיקע כײַע פארנעמט איינס פון די אָנגעזעענסטע ערטער אין די רויכווארג־פארגרייטונגען פון דער געגנט.

דער שאָפנבער לעבט, פונקט ווי דער פוקס, אין טיפע נאָרעס, אויך מערסטנטייל פארכאפטע באם דאקסל. אין דער נאָרע פארברענגט ער דעם גרעסטן טייל פון טאָג. נאָך רויב לאָזט ער זיך ארויס באנאכט. בא דער קלענסטער געפאר באהאלט ער זיך מאָמענטאל צוריק אין דער נאָרע.

דער שאָפנבער עסט אלץ, מערסטנטייל באלעכאִים — נאָגערס, פרעש, באזונדערס פיש, טיילמאָל שפײַזט ער זיך אויך מיט געוויקסן־שפײַז. צו הארבסט־צו ווערט ער שטארק פעט, אומבאוועגלעך, אזוי אז אפילע א גאנץ איינפאכער הונט קאָן אים דעמלט כאפן.

אין שפעטן הארבסט אָדער אָנהייב ווינטער פאלט ארײַן דער שאָפנבער אין א ווינטער־שלאָף בא זיך אין נאָרע, ווו ער האָט נאָך פון פריִער אָנגעגרייט א ווייכן געלעגער פון מאָך־געוויקסן און טרוקענע גראָזן.

אגעוו, ווי עס זאָגן יעגערס, פאלן ארײַן אין ווינטער־שלאָף בלויז גוט־אָנגעפרעסענע שאָפנבערן. די מאָגערע בלײַבן א גאנצן ווינטער וואך, דרייען זיך ארום לעבן דער נאָרע און ווערן אנשלאָפן — אף עטלעכע טעג בלויז — אין גאָר שטארקע קעלטן, אָדער אין גרויסע שניי־שטורעמס.

דער שאָפנבער איז די איינציקע כײַע פון דער מישפאָכע הינטארטיקע, וואָס פאלן ארײַן אין א ווינטער־שלאָף.

בא די גוט־אָנגעפרעסענע שאָפנבערן דויערט דער ווינטער־שלאָף פון נאָיאבער ביז מארט. אין אלגעמיין אָבער הענגט אָפ דער ווינטער־שלאָף בא זיי פונעם וועטער. אין ווארעמע טעג, אפילע אום ווינטער, קריכט ארויס דער שאָפנבער פון זײַן נאָרע און שפאצירט זיך ארום אין שניי טיילמאָל אף גאנץ ווײַטע שטרעקעס. טרעפט אים אמאָל ווײַט פון דער נאָרע אן אומדערווארטער שניי־שטורעם, וויקלט ער זיך צונויף אין א קנויל, לייגט זיך אוועק ערגעץ אונטער א קוסט, ווערט אנשלאָפן און ליגט אזוי אָפ, א פארשאָטענער מיט שניי, ביזן אָנקום פון א ווארעמער צײַט.

באלד נאָכן אופכאפן זיך פונעם ווינטער־שלאָף, אָנהייב פרילינג, הייבט זיך אָן באם שאָפנבער דער פארמערונג־פעריִאָד. די „זיִען” זײַנען שטארק פרוכפערדיק, זיי געבוירן אין איין מאָל 10—12 און אפילע 16 קינדער, וועלכע זיי לייגן אָפ אין דער נאָרע. ווי נאָר דאָס קליינווארג וואקסט עטוואָס אונטער, אזוי לויפט עס באלד ארויס פון דער נאָרע און הייבט אָן צו פירן א זעלבשטענדיק לעבן.

דער שאָפנבער לאָזט זיך גאנץ לײַכט פארהיימישן. פון דער פעל פונעם שאָפנבער מאכט מען גוטע ווינטערדיקע היטלען און די באוווסטע שאָפנפעלצן.

דער ווײַטמיזרעכדיקער ווילדער כאזער

אין דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט געפינען זיך אויך פאָרשטייער פון דער מישפאָכע טלאָיִקע, ווי, אשטייגער, דער ווילדער כאזער, הירשן אאוו.

פון דער מישפאָכע כאזיירים, אָדער דיקהויטיקע, איז דער איינציקער פאָרשטייער — דער ווילדער כאזער, וועלכן מע טרעפט אין די וועלדער פון דער געגנט, באזונדערס בא די טײַכן סוטארא, קולדור, קאמענושקא, כינגאן. אין אלגעמיין איז דער ווילדער כאזער ענלעך צום היימישן. ער איז אָבער טונקעלער, דיקער און מאסיווער. ביכלאל איז דער ווײַטמיזרעכדיקער ווילדער כאזער דער סאמע גרעסטער פון אלע כאזיירים, וואָס באגעגענען זיך אין ראטנפארבאנד, ער וועגט בא 3 צענטנער. דער „ער" פארמאָגט שארפע, שטארק אנטוויקלטע בײַס־ציין, וואָס שטארצן ארויס פון מויל פון ביידע זײַטן. דערבײַ זײַנען די אונטערשטע בײַס־ציין שטארקער אנטוויקלט איידער די אייבערשטע. די דאָזיקע בײַס־ציין דינען דעם ווילדן כאזער אלס געווער־מיטל אף אָנפאלן און באשיצן זיך. א גאנצן זומער האלט זיך אוף דער ווילדער כאזער אין די וועלדער, אין וועלכע עס פליסן קאלטע טײַכלעך, און אף מאָך־באוואקסענע זומפן. אין הארבסט גייט ער אריבער אין די דעמבן־וועלדער, ווו ער שפײַזט זיך מיט דעמבן־ניסלעך (זשאָלודיעס), ווינטער, ווען עס ווערט ווייניק דעמבן־ניסלעך, גייט ער אריבער אין די צעדער־וועלדער. דאָרט שפײַזט ער זיך מיט די אראָפגעפאלענע שישקעס, וואָס זײַנען אָנגעפילט מיט צעדער־ניסלעך, פון וואָס ער ווערט שטארק פעט. ער זאָגט זיך אויך ניט אָפ, בא א געלעגנהײַט, פון פלייש.

די „ערן" פון די ווילדע כאזיירים האלטן זיך צוזאמען מיט די „זיִען" בלויז אינעם פארמערונג־פעריִאָד, וועלכער הייבט זיך בא זיי אָן אין דעקאבער כוידעש. די איבעריקע צײַט לעבן זיי באזונדער.

סאָף אפרעל אָדער אָנהייב מארט געבוירן די „זיִען", אין אן אָפגעזונדערט שטיל אָרט, זייערע קינדער — ביז 12 מיט איין מאָל.

איינציקע פײַנט פונעם ווילדן כאזער זײַנען דער מענטש און דער טיגער. אגעוו, דער לעצטער איז גענוג דרייסט בלויז אף צו כאפן א „זי" אָדער א יונג כאזערל. צו אן „ער" וואגט ניט דער טיגער צוטרעטן. פאר אזא פרווו קאָן ער אמאָל באצאָלן מיטן לעבן. א פארווונדעטער „ער" ווארפט זיך אויך אפן יעגער.

דער ווילדער כאזער האָט א געוויסע ווערט פאר די יעגער: זײַן פעל גייט אף מאכן זאָטלען, בײַטלען און אנדערע לעדערנע זאכן. זײַן פלייש און שמאלץ זײַנען גאנץ געשמאק.

הירשן

פון דער מישפאָכע הירשן געפינט זיך אין דער געגנט די מאנדזשוריער ווילד־ציג, דער מוסקוס־הירש (קאבארגא), דער איילן־הירש (לאָס, סאָכאטי) און דער איידל־הירש (איזיובר).

די מאנדזשוריער ווילד־ציג איז דאָ פארשפרייט אין א גאנץ באדײַטנדיקער צאָל. זי האלט זיך אוף אין דאָרעמדיקן און דאָרעם־מיזרעכדיקן טייל פון דער געגנט.

די געדיכטע וועלדער מיט פארשיידנארטיקע בלעטער־ביימער, די הויכע גראָזן, זומפיקע קוסטעס, פילצאָליקע בערגלעך און טאָלן, גיבן א מעגלעכקײַט צו געפינען גענוג שפײַז און אויך ערטער, ווו אָפצורוען און אויסבאהאלטן זיך, אנטלויפנדיק פון פארשיידענע געפארן. דאָ, אין קילן שאָטן פון די געדיכטע ביימער און קוסטעס, באזונדערס בא שטילע טײַך־ברעגן, ליגן זיי אָפט אָפ גאנצע שאָען. דער „ער", דער געהאָרנטער ציגנבאָק, דרייט זיך געוויינלעך אום — האלט די וואך. באמערקט ער עפעס א געפאר, גיט ער באלד וועגן דעם צו וויסן מיט א שארפן קלינגעוודיקן געבריל און אנטלויפט, שנעל שפרינגענדיק דורך די זומפיקע קוסטעס און הויכע גראָזן. די „זי", ווידער, דערפילנדיק א געפאר, שפרינגט מאָמענטאל אוף, שטעקט ארויס פון די קוסטעס איר קליין קעפל מיטן טונקעלן מאָרדע־שפיץ און געטאָקטן האלדז, בלײַבט אזוי א קורצע צײַט שטיין א דערשראָקענע, אומבאוועגלעך, מיט אירע לאנגע שטרענגע אויערן און גרויסע טיפע שווארצע אויגן, און לאָזט זיך גלײַך אויך לויפן. דער גראציִעזער מוסקולדיקער קערפער מיט די לאנגע אָדערדיקע פיס פון דער ווילד־ציג איז ווי צוגעפאסט צו שנעלער, לײַכטער און פינקטלעכער באוועגונג. ווען די ווילד־ציג לויפט, דוכט זיך, אז זי שוועבט, ניט באריִרנדיק די ערד.

א כאראקטעריסטישע ביִאָלאָגישע אייגנשאפט פון די ווילד־ציגן איז זייער מאסעווע איבערוואנדערונג (מיגראציע), וואָס זיי מאכן דורך פעריִאָדיש יעדעס יאָר אין הארבסט און אין פרילינג. די דאָזיקע איבערוואנדערונגען קומען פאָר סטאדעסווײַז, יאָר־אײַן, יאָר־אויס אף איינעם און דעם זעלבן וועג אין איינער און דער זעלבער ריכטונג. דער דאָזיקער ציגן־גאנג דויערט ביז א וואָך.

אמאָל איז טאקע אָט די צײַט געווען דער בעסטער יאגד־סעזאָן. די יעגערס פלעגן זיך פארטײַען אין א קוסט, באגינען, ווען דער גאנג איז אין פולן ברען, און פלעגן אוועקלייגן די באלעכאִים אין די צענדליקער. דערמיט טאקע דערקלערט זיך, וואָס אין פארגלײַך מיט אמאָל האָט זיך די צאָל ווילד־ציגן באדײַטנדיק פארקלענערט. הײַנט איז דער דאָזיקער אויפן פון געיעג שטרענג פארבאָטן.

אָפט פאנגט מען די ווילד־ציגן צוזאמען מיט זייערע קינדער. דאָס טוט מען אזוי: דער יעגער כאפט א קליין ציגעלע, באהאלט זיך דערמיט אין א קוסט און, ציִענדיק עס בא די אויערן, צווינגט ער עס שרײַען. באלד, פארשטייט זיך, לאָזט זיך די מוטער לויפן צום אָרט פונעם געשריי, און דאָ פאקט זי דער יעגער. פון דער ווילד־ציג באקומט מען געשמאק פלייש און א ווארעמע פעל.

ענלעך צו דער ווילד־ציג איז דער איידל־הירש, וועלכן מע טרעפט אף דער גאנצער טעריטאָריע פון אונדזער געגנט, אויסער דער בײַאמורער נידערניש.

דער הויפט־אָביעקט באם געיעג אפן איידל־הירש זײַנען די רײַכע מיט בלוט־געפעסן, יונגע, שיין צעצווײַגטע פאנטעס (הערנער), וואָס עס פארמאָגט בלויז דער „ער". די דאָזיקע פאנטעס, ספעציִעל צוגעגרייט, נוצט מען אין דער כינעזישער מעדיצין אלס הייל־מיטל צו פארשיידענע קראנקײַטן. אלס די בעסטע רעכענען זיך די זומערדיקע פאנ־

טעס, דאָס הייסט יענע, וואָס הייבן זיך ערשט אָן צו צעצווײַגן, וואָס עס קומט געוויינלעך פאָר אין מײַ אָדער אין יון כוידעש. שפעטער, צו הארבסט־צו, האָבן שוין די פאנטעס קיין ווערט ניט. דעמלט פאנגט מען די אײדל־הירשן צוליב זייער געשמאק פלייש און צוליב זייער פעל.

אמאָל פלעגט מען די אײדל־הירשן פאנגען לעבעדיקערהייט אין ספּעציעל געמאכטע גריבער, פארדעקטע פון אויבן מיט צווײַגן אָדער גראָזן. דעם געפאנגענעם הירש פלעגט מען ברענגען אהיים און אים האלטן אזוי לאנג, ביז עס זײַנען אָנגעוואקסן נײַע, יונגע פאנטעס. בא הײַנטיקן טאָג פאנגט מען די אײדל־הירשן אזוי: אָדער מע פאקט זיי אין די ערטער, ווו זיי קלײַבן זיך צונויף באַנאכט אף זייערע ליבע־פארווײַלונגען, אָדער מע פארנארט זיי צו זיך מיט דער הילף פון א נאָכגעמאכטן הירשן־געבריל.

הארבסט־צײַט הייבט זיך אָן בא די אײדל־הירשן דער „יאָג“־פעריאָד. די „ערן“ רופן דעמלט ארויס אף א געוועט־קאמף איינע די אנדערע דורך ספּעציעלע געשרייען. אין רעזולטאט פון אָט דעם קאמף בלײַבט איבער דער זיגער מיט דער גאנצער סטאַדע „זיען“. אָט אין יענער צײַט גאנוועט זיך אונטער דער יעגער אפן געבריל און פאנגט זיי.

די בעסטע יאגד־צײַט אף די אײדל־הירשן איז סאָף הארבסט אָדער אָנהייב ווינטער. דעמלט האלטן זיי זיך אין באשטימטע ערטער — אף די דאָרעמדיקע זוניקע בארג־שיפועים. צו יענער צײַט זײַנען שוין אויך די ביימער נאקעט און עס זײַנען ניטאָ קיין הויכע גראָזן, אזוי אז עס איז זיי לײַכט צו באמערקן. ניט אזוי לײַכט אָבער גיט זיך אײַן אונטערצוגאנווענען זיך צו זיי: דער אײדל־הירש פארמאָגט אן אויסגעצייכנטע ריע, א גוטן געהער און א נאָך מער שטארקן שמעק־כוש. די קלענסטע באוועגונג איז גענוג אף איבערצושרעקן אים. ער אנטלויפט פונעם מינדסטן שאָרך.

א גרויסע באדײַטונג פאר די יעגער האָט אויך דער אָנהערנערדיקער שנעלפיסיקער מוסקוס־הירש, וואָס איז פיל קלענער פון די איבעריקע הירשן — דער אזויגערופענער הירשן־ליליפוט. דער מוסקוס־הירש האלט זיך אוף מערסטנטייל אין די בארגיקע נאָדל־וועלדער. ער שפּײַזט זיך אויסשליסלעך מיט געוויקסן־שפּײַז — גראָזן, מאָך־געוויקסן, שוואָמען אאוו. דער מוסקוס־הירש איז אן אויסגעצייכנטער שפרינגער. ער לויפט לײַכט און שנעל איבער די פעלדזן און אָנגעוואלגערטע שטיינער. ער איז אויך זייער פילבאר און שטארק פאָרזיכטיק, אזוי אז דער געיעג אף אים איז א גאנץ שווערער.

דער פארמערונג־פעריאָד הייבט זיך אָן באם מוסקוס־הירש אינמיטן ווינטער. די „ערן“ שלאָגן זיך דעמלט צווישן זיך אָן אופהער און מאכן זיך אָן איינע די אנדערע טויט־ווונדן מיט די ארויסשטארצנדיקע שלאָג־ציין, וואָס זיי פארמאָגן בלויז אפן אייבערשטן קינבאק.

מע פאנגט זיי צוליב זייער פלייש, וואָליקער פעל און מוסקוס. דאָס וויכטיקסטע פארן יעגער איז דאָס מוסקוס־זעקעלע, די גרויס פון א פויסט, וואָס געפינט זיך באם „ער“ אפן בויך, לעבן נאָפל. דער מוסקוס ווערט הויך געשאצט אין דער מעדיצין.

צו דער זעלבער מישפּאָכע געהערט אויך דער איילן־הירש — דער גרעסטער פאָרשטייער פון די הירשן. איילן־הירשן געפינען זיך בא אונדז אין בירער ראיאָן. זיי קומען אָפט צו צו די טײַכן טיימען און סוטארע.

אין קעגנזאץ צו אלע אנדערע הירשן, איז דער איילן־הירש א מאָנאָגאמישער באלעכײַ — ער לעבט מיט איין „זי“. ער לעבט געוויינלעך מיט דער מישפּאָכע.

דער איילן־הירש פארמאָגט א פארהעלטניסמעסיק קורצן קערפּער אף גאנץ הויכע מוסקולדיקע פיס, לאנגע אויערן און אן אראָפּהענגענדיקע מאַסיווע אייבערשטע ליפּ. אפן רוקן בא אים באַוועגט זיך א ניט גרויסער האָרב, און דער גאנצער קערפּער איז באדעקט מיט לאנגע געדיכטע טונקל־ברוינע האָר. די הערנער בא אים זײַנען בלאטפאָרמיקע, ווי מאסיווע לאָפּעטעס, מיט פיל אויסוווקסן. זיי פארמאָגט בלויז דער „ער“. יעדעס יאָר פאלן אראָפּ די אלטע הערנער, און עס וואקסן אָן נײַע.

די ריע באם איילן־הירש איז א שוואכע, דער שמעק־כוש — ניט קיין אנטוויקלטער. דערפאר אָבער פארמאָגט ער אן אויסגעצייכנטן געהער. פונעם קלענסטן שאָרך אין וואלד שפרינגט ער האסטיק אוף, הייבט אָן ציטערן מיטן גאנצן קערפּער און לאָזט זיך אוועק אין א ווילדן גאלאָפּ.

זומער לײַדן שטארק די הירשן פון די פארשיידענע פליגן און פליגעלעך, וואָס געפינען זיך אין טײַגע. די איינציקע רעטונג פון זיי איז דער ווינט. אויב אָבער עס איז קיין נאטירלעכער ווינט ניטאָ, מאכן זיך די הירשן קינסטלעך אליין א ווינט דורך א שנעלן אומופהערלעכן לויפן הין און צוריק אין פארשיידענע ריכטונגען.

ווינטער, ווען עס פאלט אויס אין וואלד א טיפער שניי, הייבן זיך אוף די הירשן אף די בערג, פונוואנען דער שניי ווערט פונעם ווינט קעסיידער אראָפּגעיאָגט.

וואָס איז שײַעך צו דער מישפּאָכע הויל־הערנערדיקע, באהויפּטן די יעגערס, אז אף די פעלדזיקע הויכענישן פון דעם קליין־כינגאנער בארג־רוקן האלט זיך אוף דער אמורער הערנער־באָק און דער שניי־ווײַסער שאָפן־באָק אָדער דיקהאָרן, כאָטש זיי זײַנען דורך די רײַזנדער און געלערנטע אין ערגעץ ניט באשריבן.

■ ■ ■

א. ו. מיטשורין

אומויסשעפּלעכע אויצרעס

אין 1932 האָט די צענטראַלע גענעטישע אויבס-סטאַנציע אַף מיטשורינס נאָמען, צוזאַמען מיט אַנדערע אַנשטאַלטן, דורכגעפירט אַן עקספּעדיציע אין ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט, דערין אויך אין ביראָבידזשאַן. די עקספּעדיציע האָט געגעבן וויכטיקע רעזולטאַטן.

אַפן סמאַך פון די דאָזיקע רעזולטאַטן האָט דער אָנפירער פון דער ביראָבידזשאַנער גרופּע פון דער עקספּעדיציע כאַסאַן קאַרימאָוויטש יעניקייעוו אָנגעשריבן אַן אַרבעט „די אויבס-געוויקסן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט“. דער וועלטבאַרימטער אויבסציכטלער איוואַן וולאַדימיראָוויטש מיטשורין האָט 6 כאַדאָשים פאַר זײַן טויט אָנגעשריבן צו אָט דער אַרבעט אַ ספּעציעל פאָרוואָרט. (אָנמערקונג פון זשורנאַל „וויסנשאַפט און רעוואָליוציע“, אינעם נומער פאַר אַפּרעל — יון 1935, ווו עס זײַנען געוואָרן פּובליקירט די צוויי מאַטעריאַלן, וועלכע מיר דרוקן דאָ איבער — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד“)

פון די ערשטע טעג פון מײַן אַרבעט אין געביט פון סעלעקציע האָב איך אָנגעהויבן ברייט אָנווענדן דאָס מיטל פון היברידיזירן ווילדע, שטאַנדהאַפטיקע צו קעלט אויבס-געוויקסן מיט קולטורעלע, ניט-שטאַנדהאַפטיקע צו קעלט סאָרטן. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָרצענדליקער האָב איך אין מײַן פלאַנץ-שול אָנגעזאַמלט אַ ביז גאָר רײַכן מאַטעריאַל.

פון אַלע פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמעס אויבס-געוויקסן האָב איך אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקײַט געווענדט אַף די מיזרעך-אַזיאַטישע אַרטן. פיל דערפאָלגן מײַנע אינעם געביט פון אויספירן נײַע סאָרטן האָב איך צו פאַרדאַנקען דער אָנווענדונג פונעם מעטאָד פון ווײַטן צווישנאַרטיקן היברידיזירן די מיזרעך-אַזיאַטישע שטאַנדהאַפטיקע צו קעלט באַרנביימער, עפלביימער, ווײַנטרויבן, אַבריקאָסן, טשעריאָמוכע און אַנד. מיט אייראָפּעישע קולטורעלע ניט-שטאַנדהאַפטיקע צו קעלט סאָרטן.

אין 1932 איז לויט דער איניציאַטיוו פון דער סטאַנציע, וואָס טראָגט מײַן נאָמען, באַם אָנטייל פונעם אינסטיטוט פאַר צאָפנדי-

קער פּרוכטצוכט און פֿונעם פּאָלקאָמבאזאָרג,
אָפּגעשיקט געוואָרן אפֿן ווײַטן מיזרעך א
ספּעציעלע עקספּעדיציע, וועלכע איז באַ-
שטאַנען פֿון קאָמיוגיסטן-ענטוזיאַסטן, מיטן
ציל אויסצוזוכן נײַע געוויקסן, קעדיי ארײַנ-
פֿירן זיי אין דער קולטור. ניט געקוקט אַף
אַלע שוועריקײַטן אין דער ארבעט און אַף
דער קנאַפּער דערפֿאַרנקײַט פֿון די אָנטייל-
נעמער, האָט די קאָמיוגישע עקספּעדיציע
באַוויזן צו פֿאַרייניקן ארום זיך די וויסנ-
שאַפֿטלעך-פֿאָרשערישע און געזעלשאַפֿטלעכע
אָרגאַניזאַציעס פֿונעם ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט,
און אויסגעפֿונען באַ 200 טויזנט העקטאַר
ווילדוואַקסנדיקע אויבס-געוויקסן, וועלכע קאָ-
נען אויסגענוצט ווערן פֿאַר טעכנישער איבער-
ארבעטונג. זי האָט צונויפֿגעזאַמלט באַ
250 זוימען-מוסטערן פֿון ווײַטמיזרעכדיקע
פֿאָרמעס, וואָס שטעלן פֿאָר אַן אויסשליס-
לעכן אינטערעס פֿאַר סעלעקציע.

די ווערטפֿולע סאָרטן אוסוריער באַרנ-
ביימער, כינעזישע פֿלוימען, אמורער ווײַנ-
טרויבן, ווײַמפּערלעך, עסבאַרע לאָניצערע
(זשימאַלאָסט), לימאָניק, קישמיש (אקטינידיא
קאָלאָמיקטא), — אָט די אַלע געוויקסן, וואָס
זײַנען באַשריבן אין כ׳ יעניקייעווס ארבעט,
דאַרף מען שוין איצט ארײַנפֿירן אין די ראַט-
ווירטיש-קאָלווירטישע סעדער פֿון די צאָפֿנ-
דיקע ראיאָנען און גלײַכצײַטיק ברייט אויס-
נוצן באַם אויספֿירן נײַע סאָרטן.

צום שלוס האַלט איך, אז דאָ איז דאָס
אָרט אָנצוווײַזן אַף דער באַדײַטונג פֿון די
ווילדוואַקסנדיקע געוויקסן אַלס א צוגאָבלע-
כער און זייער וויכטיקער רויוואַרג-קוואַל, וואָס
גיט שוין איצט די מעגלעכקײַט צו העכערן
די געברויך-נאָרמעס פֿון אויבסן באַ דער
האָרעפּאַשנער באַפֿעלקערונג.

ווילדוואַקסנדיקע אויבס-געוויקסן קריגן
פֿאַר אונדז, אזויארום, א דאָפּלדיקע באַדײַטונג:
ערשטנס, קאָנען זיי ברייט אָנגעווענדט ווערן
אין געביט פֿון סעלעקציע; צווייטנס, קאָן מען
זיי אפֿן אינטענסיוויסטן אויפֿן איבעראַרבעטן
פֿאַר דער שפּײַז-פּראָדוקציע.

עס איז שוין צײַט, אז אונדזערע פֿאַר-
גרייט-אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך ערנסט נעמען
אויסנוצן אַף אַן אינדוסטריעלן אויפֿן די ביז
גאָר רײַכע ווילדוואַקסנדיקע אויבס-געוויקסן.
די בירָאָבידזשאַנער גרופּע פֿון דער עקספּע-
דיציע האָט אויסגעפֿונען אין א טייל פֿון
דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט באַ 100
טויזנט העקטאַר פֿאַרוואַקסענישן, וואָס קאָנען
לויט די באַשיידנסטע אויסרעכענונגען געבן
אין געראָטנדיקע יאָרן 100—150 טויזנט
טאָן אויבס. א סאַך פֿון די דאָזיקע פֿאַר-
וואַקסענישן געפֿינען זיך נאָענט צו יישוּווים,
צו דער אײַזנבאַן און צו גרונט-וועגן, איבער
וועלכע דאָס אויבס קאָן גרינג טראַנספּאָר-
טירט ווערן.

די פּרוּוון, וואָס די עקספּעדיציע האָט
געמאַכט אַף דער וואָלאַדיוואָסטאָקער קאָנדיטע-
רײַ-פֿאַבריק, האָבן דערוויזן, אז פֿון די יאַגע-
דעס פֿונעם לימאָניק צוזאַמען מיט קירבעס
און קישמיש (אקטינידיע) קאָן מען צוגרייטן
אויסגעצייכנטע פּאַסטילא און געפֿילעכץ פֿאַר
קאָנפֿעקטן.

לויט מײַן מיינונג, דאַרף מען אָרגאַני-
זירן מעכטיקע מעלוכישע איבעראַרבעט-
פּונקטן, מעכאַניזירנדיק אַלע הויפּט-פּראָצעסן,
ווי, צום בײַשפּיל, דאָס אראָפּנעמען די גע-
רעטעניש, דאָס פּאַקעווען, דאָס איבעראַרבעטן
אאַוו. די ערטער מיט ווילדוואַקסנדיקע אויבס-
געוויקסן דאַרף מען פֿאַרוואַנדלען אין קול-
טורעלע סאָד-וועלדלעך, דורכפֿירנדיק די איינ-
פֿאַכסטע אגראָטעכנישע מאָסמיטלען (דורכ-
שיטערן, אויסשנײַדן די פֿאַרטריקנטע צווײַגן,
באַזײַטיקן די פֿרעמדע מינים פֿון די מיסט-
גראָזן אדג.), קעדיי צו פֿאַרוואַנדלען די פּע-
ריאָדישע גערעטענישן אין שטענדיקע יאָר-
יערלעכע.

איך מיין, אז כ׳ יעניקייעווס ווערק וועט
ברענגען גרויס נוץ באַם שאַפֿן אין דער יידי-
שער אווטאָנאָמער געגנט אַן אויבס-ווירט-
שאַפֿט.

■

די אויבס־געוויקסן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

(אויספירן)

1. די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט (ביראָבידזשאן) פארמאָגט קאָלאָסאלע רעזערוון פון ווילדוואקסנדיקע פרוכטן, יאגעדעס און ניס, וועלכע האָבן אן אויסשליסלעך וויכטיקע באדײַטונג סײַ באם געברויכן זיי פרישערהייט, סײַ איבערגעארבעטע.

די עקספעדיציע האָט אָר׳ענטירמעסיק פעסטגעשטעלט אן ערעך 104 טויזנט העקטאר ווילדוואקסנדיקע אויבס־געוויקסן, וועלכע קאָנען אין די געראָטנדיקסטע יאָרן געבן 129 טויזנט טאָן אויבסן.

2. דער כימישער אנאליז פון די אויבסן האָט באוויזן זייער הויכע נערהאפטיקײַט, וואָס שטייט ניט נידעריקער פון פיל קולטורעלע סאָרטן. אויסער דעם, פארמאָגט א טייל פון זיי אן אויסגעצייכנטן טאם. אין די יאגעדעס פונעם לימאָניק איז פעסטגעשטעלט געוואָרן א גרויסער פראָצענט ציטרינזויער (4,16), דעריבער קאָן דער דאָזיקער געוויקס ברייט אויסגענוצט ווערן צוליב טעכנישע איבעראַרבעטונגען. די אמורער ווײַנטרויבן זײַנען אן אויסגעצייכנט רויוואַרג אף מאכן ווײַן.

3. די רעזערוון ווילדוואקסנדיקע אויבסן פוילן פון יאָר צו יאָר אין דער טײַגע און ווערן פארניכטעט דורך די וואלד־פייגל, בערן און אנדערע באלעכאַיִם. בלויז א נישטיקער טייל פון דער גאנצער גערעטעניש ווערט אופגעקליבן מיצאד דער באפעלקערונג.

דאָס ראציאָנעלע אויסנוצן אלע ווילדוואקסנדיקע אויבסן און ניס וואָלט געגעבן די מעגלעכקײַט צו באפרידיקן די באדערפענישן פון די ארבעטנדיקע ניט בלויז פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, נאָר אין א באדײַטנדיקער מאָס אויך פון דער באפעלקערונג פונעם ווײַטמיזרעכדיקן קאנט, פון דער יאקוטישער רעפובליק און פון דעם מיזרעך־סיבירער קאנט, ווו די קולטורעלע אויבסצוכט איז אבסאָליוט ניט אנטוויקלט. די רעזערוון ברוסניצעס און זשערעכלינעס קאָנען דינען אלס ערנסט רויוואַרג פאר עקספּאָרט.

4. איבער דער שלעכטער טראנספּאָרטאבלקײַט איז דאָס גרונט־מיטל אף אויסנוצן די ווילדוואקסנדיקע אויבסן, — איבעראַרבעטן זיי אפן אָרט. דעריבער איז די הויפט־אופגאבע — אויסבויען איבעראַרבעט־פונקטן אין צענטער פון די גרעסטע מאסיוון אויבס־געוויקסן. די פונקטן וואָלט מען געדארפט אויסבויען:

בא די יערמאקאָווער אָדער לובאווינער גאָלדגרובן אף דער באזע פון די רעזערוון פונעם סוטארער באסיין; לעבן דעם קוראָרט קולדור אף דער באזע פון די קולדורער און יאורינער פארוואקסענישן; אין דער שטאָט ביראָבידזשאן אף דער באזע פון די רעזערוון, וואָס געפינען זיך אין די טאָלן פון די טײַכן אין און אין־בירא און אפן בארגרוקן שטשוק־פאקטוי.

5. דאָס רויבערישע אויסהאקן די וואלד־מאסיוון, די וואלד־סרייפעס און די אויסברענונגען, די בארבארישע מיטלען פונעם קלײַבן די אויבסן, דורך אָפּהאקן די ביימער, — דאָס אלץ פירט צום פארניכטן די ווערטפולסטע פארוואקסענישן פון די אויבס־געוויקסן.

די עקספעדיציע האלט, אז ס׳איז נייטיק א ספעציעלע באשטימונג וועגן אָפּהיטן די ווערטפולע אויבס־מינים און וועגן פארוואנדלען די ווילדוואקסנדיקע פארוואקסענישן אין שוץ־געביטן. אײַנצײַטיק איז נייטיק צוציִען די אָרטיקע באפעלקערונג צום אָפּהיטן און ראציאָנעל אויסנוצן די ווילדוואקסנדיקע אויבס־געוויקסן, צופעסטיקנדיק באזונדערע באצירקן צו קאָלווירטן און ראטווירטן.

6. די ווילדוואקסנדיקע אויבס־געוויקסן קאָנען שפילן א וויכטיקע ראָליע באם שאפן א קולטורעלע אויבסצוכט אינעם ווײַטמיזרעכדיקן קאנט. צוליב דעם צוועק ווערן אָנגעמערקט פאָלגנדיקע מאָסמיטלען: ערשטנס, פארבעסערן די פארוואקסענישן גופע, דורכפירנדיק די אייפאכסטע מאָסמיטלען, — אָפּרייניקן פון ווינטנפאל (וואלעזשניק), אויסהאקן די מינדערווערטיקע מינים, מאכן שיטערער די פארוואקסענישן גופע אאוו. דאָס וועט דערלויבן צו העכערן זייער געראָטנקײַט און זיך דערשלאָגן, אז די אויבס־געוויקסן זאָלן געבן פרוכט אלע יאָר. צווייטנס, אָפּקלײַבן אין די פארוואקסענישן די פאָרמעס, וואָס זײַנען מער ווערטפול לויט די ווירטשאפטלעכע סימאָנים, און ארײַנפירן זיי אין דער קולטור, און דריטנס, אויסנוצן די בעסטע פאָרמעס אויבס־געוויקסן אלס שטאנדהאפטיקע צו קעלט פראָדוצירער באם צונויפקרייצן מיט דאָרעמדיקע ניט־שטאנדהאפטיקע צו קעלט סאָרטן.

7. באזונדערס גרויס איז די באַדײַטונג פון די ווילדוואקסנדיקע אויבס־געוויקסן פונעם ווײַטמיזרעכדיקן קאנט, ביפראט די אויבסן פון ביראָבידזשאַן, אינעם שאפן די קולטורעלע אויבסצוכט אין דעם מיטעלן און צאָפנדיקן פּאס פונעם סאָוועטנפארבאנד, אין א רוק טאָן די אויבסצוכט אף צאָפן צו די נײַע אינדוסטריִעלע ראַיאָנען (מאגניטאָגאָרסק, קוזנעצק, קיראָווסק און אנד.). מע קאָן מיט פולער זיכערקײַט זאָגן, אז אין ערגעץ ניט אין דער גאנצער וועלט איז ניטאָ נאָך אזא אָרט, ווו, ניט געקוקט אף די אויסערסט שווערע באדינגונגען, זאָל זײַן קאָנצענטרירט אזא קאָלאָסאלע פארשיידנארטיקײַט פון אויסערגעוויינלעכע ארטן אויבס־געוויקסן, וועלכע זײַנען שטאנדהאפטיק צו קעלט, ווי אינעם ווײַטמיזרעכדיקן קאנט. די עקספּעדיציע האלט פאר נייטיק ברייט אויסנוצן אין דער סעלעקציע־ארבעט אינעם מיטעלן און צאָפנדיקן פּאס פונעם סאָוועטנפארבאנד פאָלגנדע מינים: דעם אוסוריִער בארנבוים, דעם יאַפּאַנישן פלוימענבוים, די אמורער ווײַנטרויבן, די אקטינידיִא קאָלאָמיקטא, דעם כינעזישן לימאָניק און דעם מאנדזשורער נוסנבוים.

אויסער די אויבן אויסגערעכנטע געוויקסן קאָנען אין די באדינגונגען פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט ארײַנגעפירט ווערן אין דער קולטור: ברוסניצעס, זשערעכלינעס, די מיזרעכדיקע ערד־יאגעדע, די שטעכיקע מאלינע און די ליגנדיקע ווײַמפערלעך „מאָכאָוואיא”.

8. די דערפארונג פון אי. וו. מיטשורינס ארבעטן און פון די פּיִאָנערן אין דער ווײַטמיזרעכדיקער אויבסצוכט — לוקאשאָוו, יעפרעמאָוו, כודיאקאָוו און אנד. — האָט באשטעטיקט די מעגלעכקײַט ברייט אויסנוצן די ווײַטמיזרעכדיקע ארטן אלס אויסגאנגמאטעריאל באם צונויפקרייצן מיט קולטורעלע אייראָפּעיִשע ארטן, און אף אזא אויפן זײַנען אויסגעכאָוועט געוואָרן צענדליקער ווערטפולסטע סאָרטן בארן, עפּל, פלוימען, ווײַנטרויבן, אבריקאָסן, קישמיש (אקטינידיִע) און אנדערע געוויקסן.

אָנשפּארנדיק זיך אף די אויסגעצייכנטע דערגרייכונגען און אף דער מעטאָדיק פון מיטשורינען און פון אנדערע סעלעקציִאָנערן, אלזײַטיק אויסנוצנדיק סײַ ווײַטמיזרעכדיקע אויבס־געוויקסן, סײַ געוויקסן־פאָרמעס פון די שכיינעסדיקע לענדער (מאנדזשוריע, כינע, קאָרייע, יאַפּאַניע, צאָפן־אמעריקע), דארף מען אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט שאפן אן אָרטיקן פּראָדוקטיוון אסאָרטימענט פון קולטורעלע אויבס־געוויקסן. אף אזא אויפן קאָן מען ענדגילטיק לייזן די פּראָבלעם פון אויבסצוכט און פולקום באזאָרגן די ארבעטנדיקע פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט מיט פרוכטן.

9. ניט קיין קלענערן אינטערעס פאר קולטורעלער אויבסצוכט שטעלן מיט זיך פאָר אייניקע אויבסן אלס אונטערפלאנצונג (פּאָדוואָי). צוליב דעם צוועק, האלט די עקספּעדיציע, דארף מען אויסנוצן פאָלגנדיקע געוויקסן: דעם אוסוריִער בארנבוים, דעם יאַפּאַנישן פלוימענבוים, דעם סיבירער עפּלבוים, די אמורער ווײַנטרויבן.

10. צום באגרינען די שטעט קאָן מען רעקאָמענדירן: דעם מאנדזשורער נוסנבוים, די אמורער ווײַנטרויבן, די אקטינידיִע, דעם כינעזישן לימאָניק, מאאקס פויגלשן קארשנבוים און אנד.

11. באם אריבערטראָגן די אויבס־געוויקסן פון ביראָבידזשאַן אין אנדערע ראַיאָנען פונעם פארבאנד קאָן מען איינצײַטיק פארפירן נײַע שעדיקער און שווּעמלעך־קרענק, וואָס קאָנען ברענגען פיל שאָדן דער אויבס־ווירטשאפט. דעריבער איז נייטיק פארפליכטן אלע ווירטשאפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן און ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, וועלכע שרײַבן אויס געוויקסן פונעם ווײַטמיזרעכדיקן קאנט, ווי זאָלן זיך האלטן שטרענג בא די אײַנגעשטעלטע קאראנטינישע מאָסמיטלען אף צו פארניכטן די שעדיקער און די קרענק.

(„וויסנשאפט און רעוואָליוציע”, אפּרעל—יוני 1935, נומ. 2(6).

כראָניק

א זילבערנע מעדאַל פאַר א יונגן טעניסיסט

דער XV טראַדיציאָנעלער צווישנפעלקערלעכער טשעמפּיאָנאַט פון טעניסיסטן, וועלכער איז פאָרגעקומען אין פאַרגאַנגענעם יאָר אין מאָהיליאָוו, איז געווען געווידמעט דעם אָנדענק פון דער פּאַטריאָטקע-אונטערערדלערן טאַניע קאַרפּינסקע. אין די פאַרמעסטונגען פאַרן קאָמאַנדע-בעכער האָבן זיך באַטייליקט ספּאָרטסמענער פון בודאַפּעשט, מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו, מינסק, מאָהיליאָוו, יערעוואַן און די געזאַמלטע קאָמאַנדעס פון פּססר און רספּסר. אין באַשטאַנד פון דער קאָמאַנדע פון רספּסר איז געווען איינגעשלאָסן א יונגער טעניסיסט פון ביראָבידזשאַן, דער שילער פונעם 6-טן קלאַס אַלעקסאַנדער שערמאַן.

א גרויסן אינטערעס האָבן אַרויסגערופן די אינדיווידועלע פאַרמעסטונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט מער פון צוויי הונדערט יינגלעך און מיידלעך פון פאַרשיידענעם עלטער. אין אָט די פאַרמעסטונגען האָט סאַשע שערמאַן באַזיגט אַלעקסאַנדער קאַרנייעוון פון מינסק (1:2) און אַלעקסיי טאָפּאָראָוון פון קיִעוו (0:2), פאַרשפּילנדיק בלויז אַלעקסאַנדער סאָקאָלאָוון פון מאָסקווע. אין די ווייַטערדיקע פאַרמעסטונגען האָט סאַשע שערמאַן אָפּגעהאַלטן א זיג איבערן אונגאַרישן טעניסיסט מיקלאָש אַנדראָש (0:2).

א דערצויגלינג פונעם ביראָבידזשאַנער טעניס-טרענירער יע. גורעוויטש, האָט סאַשע אין רעזולטאַט פון זייַנע ספּאָרטיווע דערגרייכונגען זיך אויך באַטייליקט אין די אַלפאַרבאַנדישע טעניס-פאַרמעסטונגען, וואָס זייַנען לעצטנס פאָרגעקומען אין דער שטאָט גאָרקי.

טאַלאַנטן פון דער פאָלקס-קאַפּעלע

סאַכאַקל פינף יאָר עקזיסטירט די כאָר-קאַפּעלע באַם ביראָבידזשאַנער שטאָטישן קולטור-פּאַלעץ. דאָס זייַנען פאַר יעדן זינגער פון דער קאַפּעלע געווען יאָרן פון אָנגעשטרענגטער מי — פון רעגולערע רעפּעטיציעס און קאָנצערטן, אַרויסטרעטונגען אויף זאָנאַלע קאָנקורסן, וואָס האָבן דערלויבט דעם טאַלאַנטפולן קאָלעקטיוו צו באַקומען דעם נאָמען פאָלקס-קאַפּעלע. לעצטנס האָט די כאָר-קאַפּעלע דערפרייט די ביראָבידזשאַנער צושויער מיט א סאַכאַקל-קאָנצערט, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן ווי א יאָמטעוו פון מוזיק און וואָקאַלער מייַסטערשאַפט.

— יעדערער פון די אויספּילער איז א טאַלאַנט, — האָט געזאָגט אין איר אַרויסטרעטונג די סאָלאָ-זינגערן פון כאַבאַראָווסק ליליע אָניעגינא, — אָבער פאַרייניקן זיי צוזאַמען אין איין מאָנאָליטן פּראָפעסיאָנעלן כאָר איז ניט פון די לייַכטע אויפגאַבן. דעם קינסטלערישן אָנפירער פון דער קאַפּעלע יורע זעם און דעם כאָרמייסטער נאַדיעזשדאַ צאָי האָט זיך דאָס פּולקום איינגעגעבן.

די צושויער זענען פאַר זיך א שעפעריש-באַגייַסטערטן קאָלעקטיוו, וואָס לעבט מיט דער ליד, מיט דער מוזיק. און דאָס דערוועקט אין זיי פרייד און פאַרגעניגן. ברייט איז אויך דער דיאַפּאַזאָן פון די קאָנצערט-פּראָגראַמען, אין וועלכע עס קלינגען סייַ פאָלקסלידער און סייַ ווערק פון דער מוזיקאַלער קלאַסיק.

אָט הערן מיר אין דער דראַמאַטיש-דערהויבענער אויספּילונג פון דער קאַפּעלע מוישע בערעזאָווסקיס „כאָר-קאָנצערט“, און אָט זייַנען פּערלען פון דער ייִדישער פאָלקס-מוזיק. ווי א מוזיקאַלער פייערווערק צעגיסן זיך איבערן זאַל דער באַרימטער וואַלס „אַמורער כוואַליעס“ און דער „פּערסישער מאַרש“, וועלכן די כאָר-קאַפּעלע פילט אויס צוזאַמען מיטן פידלער-אַנסאַמבל.

דאָס איז געווען בעפּיירעש א יאָמטעוו פון מוזיק.

■ ■ ■

כראָניק

לויט די טראַדיציעס פון די „בלויע בלוזעס"

עס עפנט זיך דער פאָרהאַנג, און די צושויער זעען פאַר זיך א פּאַראַד פון יוגנטלעכע אין זייערע ארבעט-ספּעצאָווקעס, מיט רויטע פאָנען און פּלאַקאַטן אין די הענט, וועלכע דערמאָנען די געזעגענונג מיט בויאָטריאַדן, וואָס זײַנען לויטן רוף פון דער פּאַרטיי און קאָמיוג געפאָרן בויען די בײַקאַל-אַמורער מאַגיסטראַל און אין די אינדוסטריעלע קאָמפּלעקסן פונעם עלפטן פינפיאָר-פּלאַן.

אזוי האָט אויסגעזען די עפענונג פונעם שלוס-קאָנצערט אפן קאָנקורס פון די אגיט-בריגאַדעס, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט צוועלף זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון פון פאַרשיידענע אינדוסטריעלע און לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

לויטן כאַראַקטער און סטיל פון זייערע ארויסטרעטונגען זעען פאָר די איצטיקע אגיט-בריגאַדעס די טראַדיציעס פון די זעלבסטעטיקע אַרטיסטן, די „בלויע בלוזעס" און „לעבעדיקע צײַטונגען", וואָס זײַנען געווען באַזונדערס פּאָפּולער אין פאָלק אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע.

אן אָנטיילנעמער פון אזא בריגאַדע דאַרף גלײַכצײַטיק באַהערשן די קונסט פון קינסטלערישן וואָרט, קענען טאַנצן, זינגען, שפּילן טעאַטער. פאַרשיידענע לויט זייער באַשטאַנד און סצענישער מײַסטערשאַפט, האָבן די קאָלעקטיוון דעמאָנסטרירט טרײַשאַפט און איבערגעגעבנקײַט דער זעלבסטעטיקער פאָלקס-קונסט.

אָבער ווי אין יעדן קאָנקורס, זיגן די בעסטע — די, וועמענס פּראָגראַם איז מערער דורכגעטראַכט און בעסער צוגעגרייט. האָבנדיק עס אין זינען, האָט די זשורי צוגעמישפּעט די ערשטע פּרעמיע דער אגיטבריגאַדע „קאָמביין" פונעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש" פאַר איר פאַרגאַנצטער קאָנצערט-פּראָגראַם „אין אן איינהײַטלעכער פרײַנטלעכער מישפּאָכע".

די אגיטבריגאַדע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקײַט אין 1956 און איז אפן ערשטן אַל-פאַרבאַנדישן קאָנקורס פון דער זעלבסטעטיקער שאַפונג פון די ארבעטנדיקע באַערט געוואָרן מיטן טיטל לאַורעאַט. דאָס צווייטע אָרט האָבן צווישן זיך צעטיילט די בריגאַדעס „די צײַט" פון אמורזעט און „דער זאַנג" פונעם ייִשעוו קוקעליאָוואָ.

בוילעט האָט די טעמע פון פעלקער-פרײַנטשאַפט געקלונגען אין די קאָלאָריטפולע ארויסטרעטונגען פון די אגיטבריגאַדעס פונעם טרעסט „ביראָבידזשאַנבוי" און פון דעם קולטור-הויז פונעם דאָרף פּעסטשאַנאָיע, וועלכע האָבן פאַרנומען דאָס דריטע אָרט.

א נײַער פּאָטשטאַמט

פון יאָר צו יאָר ווערט אַלץ וווילאײַנגעאָרדנטער די הויפּטשטאָט פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. ניט לאַנג צוריק האָבן די בויער אָפּגעגעבן אין עקספּלואַטאַציע א נײַעם פּאָטשטאַמט. אין דער מאָדערנער פיר-שטאָקיקער געבײַדע האָבן זיך אײַנגעאָרדנט די געגנטלעכע און די שטאָטישע פּאָטשט-דינסטן צוזאַמען מיט דער צענטראַלער טעלעפאָן-סטאַנציע, אַדאַנק וועלכער עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל טעלעפאָן-אווטאָמאַטן, וועלכע גיבן איצט די מעגלעכקײַט אמגיכסטן זיך צום פאַרבינדן מיט די שטעט כאַבאַראָווסק, קאָמסאָמאָלסק-אפן-אַמור, מיט די ראַיאָנצענטרען פון דער געגנט און מיט אַנדערע ייִשוּווים.

אין דעם היפּשן קאָרפּוס וועלן דורכגיין אן אווטאָמאַטישע און מעכאַנישע באַאַרבעטונג די קאָרעספּאָנדענץ און די באַקומענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. אין די אָפּעראַציע-זאַלן זײַנען געשאַפן די מאַקסימאַלסטע באַקוועמלעכקײַטן פאַר די באַזוכער, ווי אויך פאַר די פּאָטשטאַ-ליאָנען און אָפּעראַטאָרן.

■ ■ ■

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור

קאזאקעוויטש, אווראָם
(1960—1883)

— פובליציסט, פעליעטאָניסט. זיך געדרוקט אונטער די פסעוודאָנימען ש. שנייפאל, א. הינדעס. געבוירן אין נאָוואָזיבקאָוו (איצט בריאנסקער געגנט). אין 1905 עמיגרירט קיין אמעריקע, אין 1908 זיך אומגעקערט קיין רוסלאנד און אָנגעהויבן ארבעטן אין דער ווארשעווער צײַטונג „הײַנט“, שפעטער — אין „דאָס לעבן“ און אין אנדערע ייִדישע אויסגאבעס. פונעם 1925 — מיטארבעטער פונעם כארקאָווער „דער שטערן“, געדרוקט פעליעטאָנען, פארצייכענונגען, רעצענזיעס, זיכרוינעס. בייס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע געוווינט אין דאגעסטאן, טשוואשיע, דאָרעם־קאזאכסטאן. פונעם 1945 — א מיטארבעטער אין דער צײַטונג „אייניקײַט“ (מאָסקווע). פונעם 1948 ביזן סאָף פון זײַן לעבן געוווינט אין פאסטאָוו, קיִעווער געגנט.

ווערק: טאָמער איז דאָס א גאָט? (פעליעטאָנען). כארקאָוו, צענטרפארלאג, 1929; אין רויש פון טאָג (פעליעטאָנען). כארקאָוו, „ליטעראטור און קונסט“, 1931; אָט דאָס הייסט בלאָף (קאָמעדיע אין איין אקט). קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1937; פראסקאָוויא גוסיאטניקאָווא, דעפוטאט פון אויבערסאָוועט פון פססר. קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1939; פעליעטאָנען און פארצייכענונגען. קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1939.

קאליש-פעפער, ראָכל
(1982—1900)

— ליטעראט, איציק פעפערס פרוי. געבוירן אין שטעטל שפאָלע, אוקראִינע. אין 1918 אריבערגעפאָרן אין שטעטל זוועניגאָראָדאָק, ווו זי האָט זיך באקאנט מיט איר קינפטיקן מאן. אין 1920 האָבן זיי זיך באזעצט אין קיִעוו. קיין ספעציִעלע בילדונג ניט באקומען, געווען אן אווטאָדידאקט. אין מעשעך פונעם גאנצן לעבן מיטגעהאָלפן איציק פעפערן אין זײַן שעפערישער ארבעט. בייס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע געלעבט אין מאָסקווע, געארבעט אין סאָווינפאָרמביוראָ. אין די 50־ער — 70־ער יאָרן געווען דער צונויפשטעלער פון איציק פעפערס ווערק: אויסדערוויילטס. מאָסקווע, פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1957; לידער און פאָעמעס, מאָסקווע, „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“, 1958; לידער, באלאדעס, פאָעמעס. מאָסקווע, „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1967; לידער (ביבליִאָטעק פון סאָוועטישער פאָעזיע), מאָסקווע, „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“, 1969; פרײַנטשאפט. מאָסקווע, „דיעטגיז“, 1958, און אנד.

ווערק: אזא איז ער פארבליבן אין מײַן זיקאָרן (זיכרוינעס וועגן איציק פעפערן). זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, 1972, נומ. 2.

קאפלאן, מאָטל
(1909)

— דיכטער. געבוירן אין מינסק אין אן ארבעטער־מישפאָכע. אין די יאָרן 1927—1929 געארבעט אלס סטאָליער אף די מינסקער בויונגען און איינצײַטיק זיך געלערנט אין אן אָוונט־שול. נאָכן פארענדיקן די שול געווען אן ארטיסט אינעם ייִדישן וואנדערטעאטער פון ווײַסרוסלאנד. אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן געוואָרן א מיטארבעטער אין דער רעדאקציע פון דער קאָמיוגישער צײַטונג „יונגער ארבעטער“, דערנאָך ווידער געארבעט אלס בויער. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אין 1948 פארענדיקט דעם מינסקער פאָליטעכנישן אינסטיטוט און ביזן ארויסגיין אף פענסיע געארבעט אלס אינזשעניער אין א בויטרעסט. דעביוטירט אין 1931 מיט א ליד אין דער צײַטונג „יונגער ארבעטער“ און פון דעמלט אָן אָנגעהויבן דרוקן לידער און פארצייכענונגען אין די צײַטונגען „יונגער ארבעטער“, „אָקטיאבער“, אינעם זשורנאל „שטערן“ (מינסק). איינס פון זײַנע וויכטיקסטע ווערק איז געווען די פאָעמע „די צעשיסונג“. אין 1934 זיך באטייליקט צוזאמען מיט אנדערע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער פון ווײַסרוסלאנד אינעם אלמאנאך פון דער רויטארמייִשער לאנדשוץ־ליטעראטור „אטאקע“ אונטער דער רעדאקציע פון ז. אקסעלראָד און ד. קורלאנד (מינסק, מעלוכע־פארלאג, 1934). וווינט אין מינסק.

קופּער, ש.
(דאַטעס אומבאַוווּסט)

— פּעדאַגאָג, אין סאָף פון די 20־ער יאָרן צונויפגעשטעלט א ריי לערנביכער פאר די ייִדישע שולן אין געביט פון מאטעמאטיק.

ווערק: (צוזאמען מיט מ. קאַלינאָווער) אריפמעטישער אופגאבער פארן צווייטן לערניאָר, אונטער דער רעדאקציע פון א. אָסטריאב. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1927; (צוזאמען מיטן זעלבן) אריפמעטישער אופגאבער, צווייטע דערגאנצטע אופלאגע. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1928; אריפמעטישער אופגאבער, פערטע אופלאגע. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1929.

קופּערשמיד, שאָלעם
(דאַטעס אומבאַוווּסט)

— פאָלקלאָריסט, ליטעראטור־פאָרשער. געבוירן אין בעלאָצערקאָוו, אוקראַיִנע. אין די 20־ער יאָרן געווען א לערער אין ייִדישע שולן אין זײַן היימשטאָט. אין מעשך פון עטלעכע יאָרצענדליקער זיך פארנומען מיט זאמלען ייִדישן פאָלקלאָר פאר דער עטנאָגראפישער סעקציע פונעם אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוססר. פארעפנטלעכט מאטעריאלן אין דעם דאָזיקן געביט אין פארשיידענע פעריאָדישע אויסגאבעס. אין באנד II „פאָלקלאָר־לידער", וואָס די עטנאָגראפישע סעקציע האָט ארויסגעגעבן אינעם פארלאג „עמעס" (מאָסקווע, 1936), זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן 48 לידער, וועלכע ס'האָט פארשריבן אין בעלאָצערקאָוו, טאַראשטשע, פאַסטאָוו, סטאַווישטש און אין אנדערע שטעטלעך ש. קופערשמיד. א גרויסע צאָל ייִדישע פאָלקסלידער האָט ער פארשריבן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע צווישן די עוואקויִרטע, מערסטנטייל פון אוקראַיִנע, און אפן סמאך פון די דאָזיקע פאָלקלאָר־מוסטערן האָט ער ארויסגעגעבן אין 1944 א באזונדער ביכל.

ווערק: שאָלעם־אלייכעם אין בעלאָצערקאָוו. אלמאנאך „היימלאנד", מאָסקווע, 1948, נום. 7; פאָלקסלידער וועגן דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, געזאמלט פון ש. קופערשמיד. אָגיז, מעלוכע־פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע, 1944; די ייִדישע סאָוועטישע פאָלקסליד. זשורנאל „סאָוועטישע ליטעראטור", קיִעוו, 1939, נום. 10.

ביבליִאָגראפיע: ז. סקודיצקי, ארײַנפיר צום באנד „פאָלקלאָר־לידער", נײַע מאטעריאלן־זאמלונג. פארלאג „עמעס", מאָסקווע, 1936; י. דאָברושין, די ערשטע צוואנציק. ארײַנפיר צו דער זאמלונג „פאָלקסלידער וועגן דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, געזאמלט פון ש. קופערשמיד".

קורלאַנד, דאָוויד
(דאַטעס אומבאַוווּסט)

— קריטיקער, ליטעראטור־פאָרשער. אין סאָף פון די 20־ער יאָרן אָנגעהויבן ארבעטן אינעם ייִדישן סעקטאָר פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט־אקאדעמיע. אווטאָר פון ארטיקלען וועגן ייִדישער ליטעראטור און פאָלקלאָר. אין סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן אריבערגעפאָרן קיין קיִעוו, ווו ער האָט געארבעט אינעם אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוססר. פון קיִעוו אוועק אַפן פראָנט און אומגעקומען אין די שלאכטן מיט די פאשיסטישע פארכאפערס.

ווערק: די ערשטע ייִדישע ארבעטער־דיכטער (מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דאָוויד עדעלשטאט, יויסעף באָוושאָווער), צונויפגעשטעלט און ארײַנפיר פון ד. קורלאנד. מאָסקווע־כארקאָוו־מינסק, צענטרפארלאג, ווײַסרוסישע אָפּטיילונג, 1931; דאָוויד בערגעלסאָן אין שול, צונויפגעשטעלט ד. קורלאנד און מ. האָדער. מינסק, מעלוכע־פארלאג, 1933; (צוזאמען מיט מ. האָרער, ע. קאפּטשיץ) ליטעראטור, כרעסטאָמאטיע פארן 6־טן שול־יאָר. מינסק, צענטרפארלאג, 1930; ביבליִאָגראפיש־קריטישער איבערזיכט איבער דער ליטעראטור וועגן פ. מארקישן, אינעם „ליטעראַרישן זאמלבוך", מינסק, 1934; א שטײַגנדיקער קויעך, זשורנאל „שטערן", מינסק, 1934, נום. 1; לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, דאָרט, 1934, נום. 4—5; א בוך פון גרויל און קלאסן־האס (וועגן זיסקינד לעווס „פיר מענטשן זוכן די רעוואָליוציע"), דאָרט, 1934, נום. 6; וואָס אמאָל ווייניקער (וועגן י.־ל. פערעצן), דאָרט, 1935, נום. 4; וועגן דער פאָלקסמײַסע און אירע קרויווישע זשאנרען (וועגן די זאמלונגען „פאָלקסמײַסעס", צונויפגעשטעלט פון י. דאָברושין, און „אנטירעליגיעזע מײַסעס און ווערטלעך", צונויפגעשטעלט פון שנייער־אָקון), דאָרט, 1940, נום. 7—8; פון פולן הארצן (וועגן דער זאמלונג „ייִדישע סאָוועטישע פאָלקסלידער מיט מעלאָדיעס") זשורנאל „סאָוועטישע ליטעראטור", קיִעוו, 1940, נום. 8; צו דער פראגע וועגן לעגענדארע סוזשעטן אין פערעצעס ווערק, דאָרט, 1940, נום. 10.

◇ ◇ ◇

Для изучающих идиш
Урок XXIV

Содержание: I. **Грамматика:** (дее)причастие
II. Тексты — упражнения.

פאר די, וואָס לערנען יידיש
לימעד XXIV

אינהאלט: I. גראמאטיק: גערונדיוו
II. טעקסטן און איבונגען

§ **42а.** В идиш имеется особая форма глагола — **герундив. По своему значению** герундив соответствует **двум** глагольным формам русского языка: **деепричастию на «-я»** (читая, думая и т. п.) **и причастию на «-щий»** (читающий, думающий и т. п.). Сравните, например, перевод выделенных форм герундива в следующих предложениях:

1) **Гуляя** по лесу, я услышал красиво **поющую** птичку.
2) Прекрасное поколение, — подумал я, **глядя** на молодую женщину, на ее супруга, ...на **спящего** ребенка (Б. Миллер)

1) שפאצירנדיק **אין וואלד, האָב איך דערהערט א שיין** זינגענדיק **פייגעלע.**
2) **„א שיינער דאָר", — האָב איך** געקל'ערט, קוקנדיק **אף דער יונגער פרוי, אף איר מאן, ...אפן** שלאָפנדיקן **קינד"** (**ב. מילער**).

Заметьте! В каждом из выше приведенных примеров содержатся по два герундива, первый из которых соответствует **деепричастию на «-я»** («гуляя» — прим. № 1, «глядя» — прим. № 2), второй — **причастию на «-щий»** («поющую» — прим. № 1, «спящего» — прим. № 2).

§ **42б.** Имеются две формы герундива — **краткая** и **полная. Краткая форма** герундива состоит из двух частей: **основы** глагола и **суффикса** [-ндык] или [-эндык]:

IV Герундив	III Суффикс	II Основа глагола	I Неопределенная форма глагола
זיצנדיק	-נדיק	-זיצ	1) זיצן
ארבעטנדיק	-נדיק	-ארבעט	2) ארבעטן
פליִענדיק	-ענדיק	-פליִ	3) פליִען
לייענענדיק	-ענדיק	-לייענ	4) לייענען

Перевод колонок I и IV: 1) «сидеть» — «сидя»; 2) «работать» — «работая»; 3) «летать» — «летая»; 4) «читать» — «читая».

§ **42в. Полная форма** герундива состоит из **трех** частей: основы глагола, суффикса [-(э)ндык] и **окончания,** например:

1) **דער זינגענדיקער** (=זינג+ענדיק+ער); 2) **ארבעטנדיקע** (=ארבעט+נדיק+ע); 3) **איך קוק אפן שלאָפנדיקן** (=שלאָפ+נדיק+ן) **קינד;** 4) **אָט שטייט א ביימעלע א בליִענדיקס** (=בליִ+ענדיק+ס).

1) поющий; 2) работающие; 3) смотрю на спящее дитя; 4) вот стоит деревце цветущее.

Задание 1а: Образуйте краткую форму герундива, добавляя к основе глагола суффикс [-ндык]:

1) **וועלן,** 2) **וויסן,** 3) **געבן,** 4) **לויפן,** 5) **לעבן,** 6) **ריידן,** 7) **טראכטן,** 8) **טרעטן,** 9) **האָבן,** 10) **ווארפן.**

1) желать, 2) знать, 3) давать, 4) бегать, 5) проживать, 6) говорить, 7) думать, 8) шагать, ступать, 9) иметь, 10) бросать.

שליסל צו דער אופגאבע 1א: 1) **וועלנדיק,** 2) **וויסנדיק,** 3) **צוגעבנדיק,** 4) **לויפנדיק,** 5) **לעבנדיק,** 6) **רעדנדיק,** 7) **טראכטנדיק,** 8) **טרעטנדיק,** 9) **האָבנדיק,** 10) **ווארפנדיק.**

Задание 1б: Образуйте герундив с помощью суффикса [-эндык]:

11) **קומען,** 12) **ברענגען,** 13) **גיין,** 14) **שטיין,** 15) **טון,** 16) **זען,** 17) **בויען,** 18) **באלוינען,** 19) **באפרייען,** 20) **אופבליִען.**

11) приходить, 12) приносить, 13) идти, 14) стоять, 15) делать, 16) видеть, глядеть, 17) строить, 18) награждать, 19) освобождать, 20) расцветать.

שליסל צו דער אופגאבע 1ב: 11) קומענדיק, 12) ברענגענדיק, 13) גייענדיק, 14) שטייענדיק, 15) טוענדיק, 16) זעענדיק, 17) בויענדיק, 18) באלוינענדיק, 19) באפרײַענדיק, 20) אופבליִענדיק.

Задание 2. Переведите на русский язык формы герундива, содержащиеся в ключах к заданиям 1а и 1б. **Образец ответа:** «1 — желая, 2 — зная, 3 — давая» и т. д... «20 — расцветая».

§ 42г. Подобно русскому деепричастию на **«-я»**, краткая форма герундива обозначает **незаконченное, длящееся** действие, происходящее **одновременно с другим, основным действием,** ср., например:

1) Гуляя по лесу, мы собирали ягоды.	1) שפאַצירנדיק אין וואלד, האָבן מיר געקליבן יאגעדעס.
2) Гуляя по лесу, мы собираем ягоды.	2) שפאַצירנדיק אין וואלד, קלײַבן מיר יאגעדעס.
3) Гуляя по лесу, мы будем собирать ягоды	3) שפאַצירנדיק אין וואלד, וועלן מיר קלײַבן יאגעדעס.

Во всех трех примерах одна и та же форма герундива — ([шпацирндык] — «гуляя»), отвечающая на один и тот же вопрос («когда?» или — «при каких обстоятельствах?») и выражающая **одновременность** «прогулки по лесу» и «сбора ягод»: в примере № 1 — **оба** действия в прошлом, в примере № 2 — в настоящем, в примере № 3 — в будущем времени.

אופגאבע 3: שרײַבט ארויס די נײַע ווערטער, לייענט און זעצט איבער פאָלגנדיקע זאצן און פראַגמענטן:

נײַע ווערטער: 1) אונטערדריקטע; 2) אופגיין; 3) אוו׳עקלויפן; 4) איבערשנײַדן; 5) אײַלן; 6) אנומלט(ן); 7) אר׳ײַנפלעכטן; 8) אָנשפארן זיך; 9) באג׳ינען; 10) באג׳עגענען (זיך); 11) די באוועגונג, ־ען; 12) די באק, ־ן; 13) די בין, ־ען; 14) „גוואלד!״; 15) דאנקען; 16) דאָס; 17) דער האָניק; 18) זיך (פאר זיך); 19) דער (דאָס) זײַד; 20) זײַדן; 21) זשומען; 22) די טיי; 23) מיר; 24) עס; 25) פארוו׳אקסן; 26) פאָרזיכטיק; 27) פילן; 28) פײַלן; 29) דאָס פעלד, ־ער; 30) דער צאָפּ, צעפּ; 31) צוקומען; 32) צעג׳יין; 33) די צעפּ (מערצאָל פון „צאָפּ״); 34) די קויל, ־ן; 35) קײַקלען זיך; 36) קלײַבן (זיך); 37) דער קנייטש, ־ן; 38) די ריכטונג, ־ען; 39) אין דער שאָ; 40) שטיל; 41) דער שטעקן, ־ס; 42) דער שטערן, ־ס; 43) שלעפּן (זיך); 44) דאָס שנירעלע, ־ך; 45) שפּירן; 46) זײַענדיק (גערונד׳יוו פון „זײַן״); 47) דערז׳עען.

1) угнетенные; 2) восходить, взойти; 3) убежать; 4) перерезать; 5) спешить, торопиться; 6) однажды; 7) вплетать, вплести; 8) опираться на...; 9) рано утром; 10) встречать(ся); 11) движение; 12) щека; 13) пчела; 16) «спасайте!» (ср. «поднять гвалт» — просторечное); 15) благодарить; 16) это, этот, эта; 17) мед; 18) себе, себя (для, за себя); 19) шелк; 20) шелковый; 21) жужжать, гудеть (о пчелах); 22) чай; 23) мне, мы; 24) это; он, -а, -о; его, её; 25) заросший, обросший; 26) осторожно; 27) чувствовать; 28) точить, пилить напильником; 29) поле; 30) коса (волосы); 31) подойти к...; 32) таять, растворяться; 33) косы (волос), мн. число; 34) I — пуля; II — шар; 35) катиться (слезы, мяч...); 36) собирать(ся); 47) морщина; 38) направление; 39) в этот час; в это время; 40) тихо; 41) палка; 42) лоб; 43) тащить(ся); 44) шнурочек; 45) I — следить за чем-л.; II — чувствовать; 46) будучи (герундив от «быть»); 47) увидеть (здесь: «увидев», «когда увидела»).

זאצן און פראַגמענטן: 1) קעמפנדיק פאר זיך, קעמפט דער ארבעטער־קלאַס פאר אלע אונטערדריקטע. 2) „ער לייענט „סאָוועטיש היימלאנד״, אָנהייבנדיק פונעם ערשטן נומער... 3) „זײַענדיק אנומלטן אין מאָסקווע, האָב איך זיך געקליבן באגעגענען מיט וואָלפן״ (נאָטע לוריע). 4) „דערזען, אז בראָכע איז געפ׳אלן, שרײַט די מאמע: גוואלד! אף איר קוקנדיק, שרײַט טײַבל אויך: גוואלד!״ (שאָלעם־אלייכעם). 5) „סימאָן איז עטלעכע מינוט געשטאנען, שפירנדיק, ווי די מיידלעך רעגולירן די באוועגונג... 6) ער האָט פאָרזיכטיק געשפּאנט, אָנשפּארנדיק זיך אף זײַן שטעקן... 7) ער האָט זיך געשלעפּט אין דער ריכטונג פון דער שטאָט, ניט פילנדיק, ווי טרערן קײַקלען זיך איבער זײַנע פארוואקסענע באקן, ניט וויסנדיק, אז אין דער שאָ האָבן נײַע טיפע קנייטשן איבערגעשניטן זײַן שטערן״ (ה. פאָליאנקער). 8) „דערצ׳יילנדיק, האָט זי זיך און אים טיי אָנגעגאָסן״ (ד. בערגעלסאָן). 9) „אף די פעלדער זשומען ביגען, האָניק טראָגנדיק. 10) מיידלעך שטייען בא מאש׳ינען, גאָרניט זאָגנדיק... 11) שטייען מיידלעך אוף באגינען, גייען אײַלנדיק. 21) מיידלעך אײַלן בא מאש׳ינען, קוילן פײַלנדיק (ש. האלקין). 13) כ׳פלעכט (=איך פלעכט) פון זײַד א שנירעלע, בא מײַן פענצטער שטייענדיק. 41) קומט צו שטיל

א מיידעלע, ווי די זון אופגייענדיק. 15) „שענק מיר אָט דאָס שנירעלע״, — בעט זי בא מיר שעמעוודיק. 16) גיב איך איר דאָס שנירעלע. 17) דאנקט זי מיר, דאָס נעמענדיק. 18) זי פלעכט עס אין די צעפּ אר׳ײַן, לאכנדיק און שפרינגענדיק. 19) לויפט אוועק א פריילעכע, טאנצנדיק און זינגענדיק. 20) אָן דעם זײַדן שנירעלע, בא דעם פענצטער שטייענדיק. 21) ציט דאָס הארץ צום מיידעלע, ציט דאָס הארץ צעג׳ייענדיק (ב. שאפיר, 1876—1922).

Примечание: «Вольф» (предл. 3), «Брохэ, Тайбл» (предл. 4), «Симон» (предл. 5) — имена собственные.

Ключ к заданию 3: 1) Борясь за себя,... 2) ... 3) Будучи однажды... я собрался (решил) встретиться... 4) увидев, что... Глядя на нее,... 5)..., следя (за тем), как девушки регулировали движение. 6) ..., опираясь на свою палку, 7) он тащился..., не чувствуя, не зная, что... 8) ... 9) ... 10) ..., молча (дословно — «не говоря ничего»). 11) ..., спешат (досл. «идут торопясь») 12) ..., пиля (обтачивая) пули. 13) плету из шелка шнурочек, у моего окна стоя. 14) Подходит тихо девочка, как солнце восходя(щее). 15) «Подари мне...!» — просит ... стыдливо. 16) ... 17) благодарит..., беря это. 18) Она вплетает это (шнурочек) в косы, смеясь и прыгая. 19) убегает радостная, пританцовывая и напевая. 20) Без шелкового шнурочка,... 21) ..., сердце тянется, тая.

§ 42д: **Заметьте!** Краткая форма герундива соответствует русскому деепричастию на «-я» **только по значению**, общему для обеих форм (выражение одновременности двух действий). Следует, однако, учесть, что в идиш герундив образуется от **любого глагола**, в русском же языке есть множество глаголов, **не образующих деепричастий** несовершенного вида на «-я». Ср., например, неупотребительность или невозможность таких деепричастий от глаголов типа «спать», «петь», «ждать», «писать», «ехать», «гаснуть», «бить» и других. Естественно, что при переводе герундива на русский язык следует в таких случаях использовать любые другие языковые средства выражения одновременности, в соответствии со смыслом переводимого текста и с нормами русского языка. Сравните, например, перевод следующих предложений и форм (в скобках указаны возможные варианты перевода):

1) „מע פרעגט מיך..., ווען איך שרײַב? איך ווייס אליין ניט ווען. אָט אזוי שרײַב איך, גייענדיק[1], לויפנדיק[2], זיצנדיק[3] בא יענעם אין קאבינעט, פאָרנדיק אפן טראמווײַ[4] (שאָלעם-אליינכעם).

1) Меня спрашивают (о том)..., когда я пишу? Сам не знаю, когда. Вот так и пишу я, идя[1] (шагая, на ходу), бегая[2], сидя[3] у кого-то в кабинете, (когда еду) в трамвае[4] (во время поездок на трамвае)...

2) איך זאָג אײַך, אז פון פיניען קאָן מען בלײַבן אָן א בויך לאכנדיק״ (שאָלעם-אליינכעם).

2) Уверяю Вас, что от Пини можно умереть (дословно «остаться без живота») со смеху (досл. «смеясь»).

3) „האָב איך, פאָרנדיק אין וואגאָן, אים אָפּגעמאָלט אף פאפיר (שאָלעם-אליינכעם).

3) **В вагоне** я нарисовал его на бумаге.

4) זינגענדיק; 5) שלאָפנדיק; 6) קריכנדיק; 7) טרינקענדיק טיי, האָט ער...

4) с песнями (распевая песни); 5) во сне (когда спал); 6) ползком; 7) за чаем (когда пил чай; он пил чай и ...).

§ **42е.** Краткая форма герундива употребляется также для характеристики какого-либо явления, лица или предмета (т. е. существительного, местоимения). В таких случаях она соответствует по своему значению русскому **причастию на -щий**, например:

„כ׳האָב (=איך האָב) ניט ליב, ווי ניט ליב האָט מײַן זינגענדיק לאנד, קיין ׳אָדעס און גלאט פאנעג׳יריק״ (אי. פעפער).

дословно: Я не люблю, как не любит **моя поющая страна**, оды (хвалебные песни) и вообще пустую похвалу.

דאָצענט ש. סאנדלער

דאָס לאַנד ביראָבידזשאַן

ווערטער פון א. ווערגעליס — מוזיק פון וו. ביטקין





1. איר האָט נאָך ניט געזען,
איר האָט נאָך ניט געזען דעם בירע-טײַך,
דעם בירע-טײַך?
אין שיינקײַט איז ער מיטן דניעפּער גלײַך,
אין שיינקײַט, אין שיינקײַט,
און פֿליסן פֿליסט ער,
פֿליסט פונעם דניעפּער שנעלער.

מאכט זיך אמאָל,
מאכט זיך אמאָל אַן אפדערנאכט,
אַן אפדערנאכֿט א העלער,
איז ווייסט איר, ווי די בירע זעט דאַן אויס?

איײַ, איײַ, איז זי גרויס!
איײַ, איז זי ברייט!

זי יאָגט אזוי פארטראכטערהייט,
און אלע ביימער קוקן פון איר נאסע,
אליין דער הימל טוקט זיך אין איר וואסער.

2. איר האָט נאָך ניט געזען,
איר האָט נאָך ניט געזען דעם קליין-כינגאַן,
דעם קליין-כינגאַן?
אף זײַנע סאָפּקעס ווינט דער בער און פאזאַן,

אױף זײַנע סאָפּקעס,
און בלױ איז ער, װי הימל נאָך א רעגן.
מאַכט זיך אַמאָל,
מאַכט זיך אַמאָל דער טײַך פֿאַרגיסט,
דער טײַך פֿאַרגיסט די ברעגן,
איז װײסט איר, װי כינגאַן איז דערמלט שײן?

ער שטײט אַלײן,
אַלײן און רײצט זיך מיט די װעלן.

און אױב,
און אױב דעם טײַך,
און אױב דעם טײַך איז עס ניט שטאַרק
געפֿעלן,
דאַן נעמט דער באַרג און װאַרפֿט אַראָפּ
א שטײן.

3. איר האָט נאָך ניט געזען,
איר האָט נאָך ניט געזען דעם טײַגע־װאַלד,
דעם טײַגע־װאַלד?

געדיכט איז ער,
געדיכט איז ער!
א בױם א שװערער פֿאַלט,
און װילדע הירשן יאָגן צו א קװאַל.

איר האָט נאָך ניט געזען ביראָבידזשאַן,
מיט בירע,
מיט בירע און כינגאַן,
מיט טײַגע, װעלכע איז נאָך װילד אַצינדער?

אײַ, איז דאָרט הױך דער הימל!
און װײסט איר,
װיפֿל רײַכקײַט ס׳האָט דער קאַנט?
ניט מעסטן מיט דער האַנט,
ניט צײלן אױף די פֿינגער,
ניט אַלץ אַרײַנצושטעלן אין אָט דער ליד —
אַזױ איז רײַך,
אַזױ איז רײַך,
איז רײַך דאָס לאַנד ביראָבידזשאַן!

for 1947, he published chapters of "Two Worlds", a short novel whose action takes place on the banks of the Amur. Excerpts from this story are featured in the current issue of our magazine, with an afterword, "A Journey Into Youth", by Zalmen Libinson of Gorky.

A wealth of literature has been created about Birobijan not only in the Soviet Union but abroad. Our readers will find a selection of verse by foreign poets in the current issue with work by Avrom Reizen, Zishi Vainper, Moishe Nadir, Sora Fel-Elin, Sora Barkan, Aron Kurtz (all of the USA), Iosl Goldberg (Argentina) and Dora Teitelboim (France).

In the current issue, much prominence is given to documentary narratives—essays, profiles and despatches—about the people of the Jewish Autonomous Region. They were written by Birobijan authors. In his essay, "Create Yourself", Alexander Ginsburg talks about Lenin Komsomol prizewinner Vladimir Vulfson, a young team-leader of fitter-electricians at a power transformer factory. Naum Mizrekh's "Family Chronicle" is an essay about the Shokhtov dynasty, whose members work in various branches of the region's economy and culture. A series of profiles, "Amurzet Veterans", tells about the workers in this village by the Amur—Meyer Futoryan, Khana and Aron Aptekar, Kalmen Reizblat and Leonid Brudny. "Birobijan Women" is a series of profiles by Faina Pasmanik of painter and plasterer Sarra Kazakova, garment machinist Alexandra Toiter, knitting-machine operator Sonya Esterkina, and Alla Teplitskaya, who works as librarian.

Portraits of interesting people in the region—railwaymen, drivers, bakers, collectiv farmers and electricians—by S. Leonidov, M. Abramov, M. Baranovsky and V. Vostokov, are featured under the heading "People and Destinies".

There is a selection of translations into Yiddish from the work of Russian poets Viktor Solomatov, Georgy Porozhenko, Vladimir Zhuravliov, Vitaly Zakharov, Leonid Braginsky, Anatoly Korshunov of Birobijan.

Well-known Soviet Jewish writer Buzi Miller has already been living and and working for half a century in Birobijan. This has determined the themes of his work. In this issue, we are publishing a literary profile of B. Miller by Chaim Melamud of Chernovtsy.

In 1932,, the I. V. Michurin Central Genetic Fruit and Berry Station, jointly with other scientific institutions, fitted out an expedition to the Far East, including Birobijan. On the basis of the material collected, Khasan Karimovich Enikeyev, the leader of the Birobijan team of the expedition, wrote a work "Fruit and Berry Plants of the Jewish Autonomous Region". I. V. Michurin, the great selectionist, read the article and wrote a foreword to it. We are publishing these items under the heading, "Pages of History. From the first scientific publications on the flora and fauna of Birobijan". We are also printing an article by G. Grinberg, "Wild Animals in the Taiga of the Jewish Autonomous Region".

The number ends with the traditional features and new songs by composers Vladimir Bitkin of Kishinev, Max Epstein of Birobijan and others.

Supplement: "The Law of the Russian Soviet Federative Socialist Republic on the Jewish Autonomous Region", adopted on 2 December 1981

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 5, May, 1984

On 7 May 1934, the Central Executive Committee of the USSR adopted a decree "On the transformation of the Birobijan Jewish National District of the Far Eastern territory into the Jewish Autonomous Region". The current issue of "Sovietish Heimland" is devoted to the 50th anniversary of this event and is compiled entirely from material by Birobijan writers.

The issue opens with an article, "On the fruitful basis of the Leninist National Policy", by Comrade L. B. Shapiro, First Secretary of the Regional Committee of the CPSU of the Jewish Autonomous Region, twice honoured with Orders. It tells about the history and development of the region, about the natural wealth of the taiga country, its industry, agriculture, arts and crafts, and the remarkable people who live there.

"The representatives of many nationalities live and work as a single harmonious family in Birobijan," says the article. "As everywhere else in the land of the Soviets, man's place in society in our region does not depend on his national affiliations, origin or property status. Dedicated toil for the good of the Homeland, an active part in state management and in public life—such is the measure of civic services".

Vivid proof of the friendship of the peoples is furnished by the "Zavety Illicha" ("Behests of Illich") collective farm, founded early in the 30s in the deep taiga, where Jews, Russians, Ukrainians, the representatives of 11 nationalities, are living and working today. The 50-years-long history of Birobijan's multibranched economy and its workers is the subject of a short documentary novel, "The Happy Land of Waldheim", written by Naum Aizman and Alexander Chernyavsky, two Khabarovsk journalists, and Leonid Shkolnik, editor of the newspaper "Birobijaner Stern".

On the eve of the anniversary, "Sovietish Heimland" created its own permanent literary post at the region's biggest industrial concern, "Dalselmash". In the present number, we are publishing the first despatch from this post, an article "The Combine Builders" by one of Birobijan's oldest journalists, Avrom Mordukhovich.

"Birobijan, August-September 1983" is the title of a verse cycle by Chaim Beider of Moscow, a unique lyrical diary in which the author sings of the heroic labour achievements of the people who came to transform this land.

Birobijan plays a prominent part in the work of the classic Soviet Jewish writer, David Bergelson, whose birthday centenary is to marked this year. His story "The Birobijaners", was published exactly fifty years ago and was based on his personal impressions of a long sojourn among the first builders. Then came other works about Birobijan. After the Great Patriotic War Bergelson returned to this theme and in the first three issues of the Jewish literary almanach "Heimland"

В 1932 г. Центральная генетическая плодово-ягодная станция им. И. В. Мичурина совместно с другими научными учреждениями снарядила экспедицию в Дальневосточный край, в том числе и в Биробиджан. На основе собранных материалов руководитель биробиджанской группы экспедиции Хасан Каримович Еникеев написал работу «Плодово-ягодные растения Еврейской автономной области». Великий селекционер И. В. Мичурин, ознакомившись со статьей, написал к ней предисловие. В номере печатаются эти материалы под рубрикой «Страницы истории. Из первых научных публикаций о флоре и фауне Биробиджана». Здесь же публикуется статья Г. Гринберга «Дикие животные в тайге Еврейской автономной области».

Номер заканчивается традиционными рубриками журнала: новыми песнями композиторов Владимира Биткина (Кишинев), Макса Эпштейна (Биробиджан) и др.

Приложение к номеру:
«Закон Российской Советской Федеративной Социалистической Республики о Еврейской автономной области»,
принятой 2 декабря 1981 г.

«Биробиджан, август—сентябрь 1983» — так называется цикл стихотворений Хаима Бейдера (Москва), своеобразный лирический дневник, в котором автор воспевает трудовой подвиг людей, пришедших на эту землю, чтобы преобразовать ее.

В творчестве классика советской еврейской литературы Давида Бергельсона, 100-летие со дня рождения которого будет отмечаться в нынешнем году, значительное место занимает биробиджанская тема. Ровно пятьдесят лет назад вышла его повесть «Биробиджанцы», написанная на основе впечатлений писателя от длительного пребывания среди первостроителей. Затем последовали другие произведения Д. Бергельсона о Биробиджане. После Великой Отечественной войны писатель вновь возвращается к этой теме, и в первых трех номерах еврейского литературного альманаха «Геймланд» за 1947 г. он публикует главы повести «Два мира», действие которой происходит на берегах Амура. Фрагменты из этой повести даны в настоящем номере журнала с послесловием Залмена Либинзона (г. Горький), озаглавленным «Путешествие в молодость».

О Биробиджане создана богатая литература не только в нашей стране, но и за рубежом. Подборку стихотворений зарубежных поэтов читатели получат в данном номере журнала. В нее включены произведения Аврама Рейзена, Зиши Вайнпера, Мойше Надира, Соры Фел-Елин, Соры Баркан, Арона Курца (все — США), Иосла Гольдберга (Аргентина), Доры Тейтельбойм (Франция).

Большое место занимают в номере документальные повествования о людях Еврейской автономной области — очерки, зарисовки, репортажи. Их авторы — литераторы Биробиджана. Александр Гинзбург в очерке «Сотвори себя» рассказывает о молодом бригадире слесарей-электромонтажников завода силовых трансформаторов, лауреате премии Ленинского комсомола Владимире Вульфсоне. Очерк Наума Мизреха «Семейная хроника» посвящен династии Шохтовых, представители которой трудятся в разных отраслях народного хозяйства и культуры области. В цикле зарисовок Романа Шойхета «Амурзетские ветераны» повествуется о тружениках этого приамурского села Меере Футоряне, Хане и Ароне Аптекарь, Калмене Рейзблате, Леониде Брудном. «Биробиджанские женщины» — под этой рубрикой объединены зарисовки Фаины Пасманик о штукатуре-маляре Сарре Казаковой, швее-мотористке Александре Тойтер, трикотажнице Соне Эстеркиной, библиотекаре Алле Теплицкой.

Об интересных людях области — железнодорожниках и шоферах, пекарях и колхозниках, электриках и культармейцах — рассказывается в зарисовках Ц. Цирульника, С. Вехтер, С. Леонидова, М. Абрамова, М. Барановского, В. Востокова, публикуемых под рубрикой «Люди и судьбы».

В номере помещена подборка стихотворений, в переводе на идиш, русских поэтов-биробиджанцев Виктора Соломатова, Георгия Пороженко, Владимира Журавлева, Виталия Захарова, Леонида Брагинского, Анатолия Коршунова.

Известный советский еврейский писатель Бузи Миллер уже почти полвека живет и работает в Биробиджане. Это и определило основную тематику его творчества. В номере печатается литературный портрет Б. Миллера, написанный Хаимом Меламудом (Черновцы).

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)

№ 5, май, 1984

7 мая 1934 года Центральный Исполнительный Комитет Союза ССР принял постановление «О преобразовании Биробиджанского еврейского национального района Дальневосточного края в Еврейскую автономную область». 50-летию этого события посвящен настоящий номер «Советиш геймланд». Он почти полностью составлен из материалов биробиджанских авторов.

Номер открывается статьей первого секретаря обкома КПСС дважды орденоносной Еврейской автономной области тов. Л. Б. Шапиро «На плодотворной основе ленинской национальной политики». В ней рассказывается об истории и развитии ЕАО, о природных богатствах этого таежного края, его промышленности, сельском хозяйстве, культуре, о ее замечательных людях.

«Единой дружной семьей живут и трудятся в Биробиджане представители многих национальностей, — говорится в статье. — Как везде в советской стране, в нашей области место человека в обществе зависит не от его национальной принадлежности, не от его происхождения или имущественного положения. Преданный труд на благо Родины, активное участие в государственном управлении, в общественной жизни — вот мерило гражданских заслуг».

Ярким свидетельством дружбы народов является созданный в начале 30-х годов на месте глухой тайги колхоз «Заветы Ильича», в котором живут и трудятся евреи, русские, украинцы — представители 11 национальностей. Полувековой истории этого многоотраслевого хозяйства, его труженикам посвящена документальная повесть «Счастливая земля Валдгейма», авторами которой являются хабаровские журналисты Наум Айзман и Александр Чернявский и редактор газеты «Биробиджанер штерн» Леонид Школьник.

Накануне юбилея журнал «Советиш геймланд» создал свой постоянный литературный пост на крупнейшем промышленном предприятии области — «Дальсельмаше». В настоящем номере публикуется первая корреспонденция поста — очерк одного из старейших биробиджанских журналистов Абрама Мордуховича «Комбайностроители».

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. ВЕРГЕЛИС

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 01.03.1984 г. Подписано к печати 18.04.1984 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 137.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1984 г.

Цена 70 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

К 50-летию Еврейской автономной области.

Л. Шапиро. На плодотворной основе ленинской национальной политики (статья).

Н. Айзман, А. Чернявский, Л. Школьник. Счастливая земля Валдгейма (документальный очерк).

Литературный пост «Советиш геймланд» на биробиджанском заводе «Дальсельмаш». А. Мордухович. Комбайностроители.

Х. Бейдер. Биробиджан, август—сентябрь 1983 (из лирического дневника).

Д. Бергельсон. Два мира (фрагменты из неоконченной повести).

Так мы живем. А. Гинзбург. Сотвори себя. Н. Мизрех. Семейная хроника. Р. Шойхет. Амурзетские ветераны.

Стихи биробиджанских поэтов.

Х. Меламуд. О биробиджанском писателе Б. Миллере.

Фауна и флора ЕАО. И. В. Мичурин. Неисчерпаемые богатства. Х. К. Еникеев. Плодово-ягодные растения. Г. Гринберг. Дикие животные в тайге Биробиджана.

Резюме на русском и английском языках.

1984
№ 5